STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10365

TSIYONISTN

Pinhas Shtaynvaks

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס שטיינוואַקס

ציוניסטן

19

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פנחס שטיינוואַקס

ציוניסטן

באַנד איינס

בוענאָס איירעס
ה׳תש״ך - 1960

משה פייגענבלום.

דעם חבר און פריינט
לואיס סיגאַל —
געווידמעט

הקדמה

דאָס בוך נעמט אַרום אַ צאָל ציוניסטישע מנהיגים און עסקנים, וועלכע האָבן געטריי געדינט, און פּיל פון זיי דינען עד היום הזה, דעם זעלבן אידעאַל — ציוניזם. פאַרשיידן זענען געווען די ציילטן פון אַרבעט און קאַמף צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן חלום, פון ווידעראויפלעבן אַ פאָלק אין זיין אייגן לאַנד. ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. דער ציל איז תמיד פאַרבליבן דער זעלבער — גאולה.

פּשטות, מסירת־נפש און אידעישער צוויבער האָט תמיד באַגלייט ציוניסטן אין זייער טאַט; צי דאָס איז געווען אין פּאָליטישע געשפּרעכן מיט מלוכה־פירער, אָדער ביים פלאַסטערן שאָסייען און ביים טרוקענען זומפּן. מיר ווילן איבערגעבן בלויז אַ טראָפּן פון זייער לעבן, אַרבעט און קאַמף. מיר ווילן דערציילן און פאַראייביקן די, וואָס האָבן באַלויכטן דעם ציוניסטישן וועג אין די שווערסטע ציילטן פון דער ייִדישער געשיכטע, און אויך די, וואָס באַלייכטן דעם וועג פון ציוניזם היינט אין דער תקופה פון מדינת ישראל.

נישט קיין געשיכטע שרייבן מיר, נאָר פאַרצייכענונגען וועגן מנהיגים און עסקנים, וועלכע האָבן זייער לעבן געשטעלט אין דינסט פון דער ציוניסטישער אידייע. די אַלע טרעגער פון דער היסטאָרישער שליחות אומצוקערן דאָס געפּלאָגטע פאָלק ישראל צוריק קיין ציון און אויפן וועג אַהיים קיין ציון; צוריקצוברענגען ייִדן צום פאָלק ישראל, ווי ד״ר הערצל האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז ציוניזם באַקערט ייִדן צום ייִדנטום נאָך איידער ער ברענגט זיי קיין ארץ־ישראל.

די פּראָפּילן פון די ציוניסטן, פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך זענען נישט אָפּגעקליבן געוואָרן לויטן אַ באַשטימטן סדר. דער מחבר האָט פאַרצייכנט געשטאַלטן וועלכע ער האָט געזען ביי דער אַרבעט אין דיסטאַנץ פון צייט, און אויך די וואָס ער האָט געזען פון דער נאָענט שטיין אויף דער וואַך פון ייִדישן לעבן מיט דער ציוניסטישער פאָן אין האַנט און מיטן ציון־אידעאַל אין האַרצן.

מיר ברענגען צו אונדזערע לייענער דעם ערשטן באַנד ציוניסטן. נאָך בענדער וועלן נאָכפּאָלגן. דער מחבר האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַראייביקן וואָס מער פון די ציוניסטישע מנהיגים און עסקנים, וואָס האָבן געלעבט אין מזרח־אייראָפּע ביז צו דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, און מנהיגים און עסקנים פון היינטיקע טעג, וועלכע פילן אָן דאָס יידישע לעבן איבער דער וועלט מיט ציוניסטישן תוכן און האַלטן אין שפּאַנונג יידן אין די תפוצות צו די אויפבוי־טעטיקייטן אין מדינת ישראל. דער מחבר האַלט זיך אויך נישט שטרענג ביי די אָנגענומענע כללים פון צייכענען פּראָפילן. פאַרשיידן איז דער צוגאַנג צו די געצייכנטע געשטאַלטן אין דעם דאָזיקן בוך. די כוונה איז געווען נישט נאָכצוגיין קיין באַשטימטן שאַבלאָן פון לעבנס־באַשרייבונגען פון מענטשן, נאָר צו באַטאָנען די באַדייטונג וואָס די מענטשן האָבן פאַר דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער דראַמע, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט בייגעשטייערט צו דעם רענעסאַנס פון יידישן לעבן און צו דער שאַפונג פון יידישן שטאַט אין ארץ־ישראל.

אין דעם בוך זענען אויך פאַרעפנטלעכט קורצע באַשרייבונגען וועגן ציוניסטישע געשעענישן און פּאַסירונגען, אַזוי ווי דער מחבר האָט אויף זיי רעאַגירט אין משך פון לעצטן יאָרצענדליק.

איך וויל באַדאַנקען פריינט משה שענדעריי, דעם שריפטשטעלער און ציון־וועטעראַן, פאַר זיין הילף ביים צוזאַמענשטעלן דאָס בוך. איך וויל אויך דאַנקען דעם שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש פאַר זיין מיט־הילף.

פנחס שטיינוואַקס

ניו־יאָרק, דעם 1טן פעברואַר 1960.

ערשטער טייל

פראָפילן

אַ לעגענדאַרע געשטאַלט: ד״ר טעאָדאָר הערצל

זינט עס איז שטיל געוואָרן דאָס האַרץ פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, ווערט דער יאָרצייט דערמאָנט פון אַלע נאַציאָנאַל־דענקנדיקע און מיט ציון פאַרבונ־דענע ייִדן איבער אַלע ווינקעלעך פון ערד־קוגל.

דער יאָרצייט נאָך דער פטירה פון ד״ר הערצל ווערט אויף אַ באַזונדערן אופן געפייערט און געהייליקט אין לאַנד פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט, אין לאַנד פון ד״ר הערצלס וויזיע, אין מדינת ישראל, אין איר הויפּטשטאָט ירושלים!

אויפן הר־הערצל ווערן אָנגעצונדן די פאַקלען פון פרייהייטס־ליכט, וואָס שיינט אַריבער צו אַלע ייִדן פון גאָר דער וועלט, טראָגנדיק מיט זיך דעם כבוד און שטאָלץ פון ייִדישער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט — די פריי־הייט פון ישראל!

„ווערטער פון אַ גאון, וואָס זענען אַמאָל געזאָגט געוואָרן — זענען פאַר דורות געזאָגט געוואָרן. די דאָזיקע ווערטער דינען ווי אַ לייכט־טורעם וואָס באַלייכטן דעם וועג פון מענטשן יעדן טאָג, דעם מענטשן, וועלכער האָט די ווערטער פון גאון טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון. די טאַט וואָס אַ גאון האָט אָנגעהויבן און וועלכע ווערט פאָרגעזעצט פון זיינע נאָכפאָלגער, ווערט טאָג־טעגלעך באַגלייט פון דער זעלבער גאונישער שעפערישקייט מיט וועל־כער זי איז אָנגעהויבן געוואָרן און ווערט באַזעלט פון גאונס שכינה".

די גאונישע ווערטער פון ד״ר טעאָדאָר הערצל ז״ל, וואָס זענען פון אים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געזאָגט געוואָרן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין זיינע געשפּרעכן מיט מלוכה־מענער, מיט פירשטן און רעגירער, זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, זיינע פאַרצייכענונגען אין די טאָגביכער — זענען צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ספּעציעלע ספרים וואָס דינען ווירקלעך ווי אַן עמוד־האש וואָס באַלייכט דעם וועג פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג!

ד״ר הערצלס זכיה פאַר דער אייביקייט קומט צום אויסדרוק, נישט נאָר אין זאַמלונגען פון די ספרים, נאָר אויך אין דעם, וואָס ס׳ווערט געטאָן און געשאַפן היינט און וועט געשאַפן ווערן אין די קומענדיקע דורות — אין מדינת ישראל און אין דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן אין די לענדער מחוץ פון דער מדינה. זי וועט געטראָגן ווערן אין דער אייביקייט אַריין, באַגלייט מיט אַלע

ברכות פון פאָלק אין קדושה צום זכר פון דער אומשטערבלעכער געשטאַלט פון ד״ר הערצל ז״ל.

זינט דער פטירה פון ד״ר הערצל האָט נישט איינער געפרעגט, וואָס אַזעלכעס האָט ער מחדש געווען? וואָס פאַר אַ זאַך האָט ער אַנטפּלעקט, וואָס איז ביז אים געווען אין יידישן לעבן פאַרהוילן? אין וואָס באַשטייט זיין כוח, וואָס ער האָט אַזוי מאַגנעטיזירט יידישע מאַסן? וואָס האָט ער באַוויזן פאַר אַ נייע זאַך, וואָס האָט אים דערפירט צו אַלגעמיינער אַנערקענונג פון גרויסקייט און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן פּיעדעסטאַל פון גאונות און וויזיע? דאָס יידישע פאָלק, טענהן די פרעגער, איז געווען איידער ציוניזם האָט עקזיסטירט. ביי יידן האָט אַלעמאָל געטליעט אַ טיפע בענקשאַפט צו ציון, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין תפילות און אין קינות. יידן האָבן ארץ־ישראל נישט פאַרגעסן. אַלע נגישות און רדיפות וואָס יידן זענען אויסגעשטאַנען אין אַלע גלותן האָבן נישט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן אין גאולה, וואָס ה׳עט קומען אין אַן אויפגעריכטן ארץ־ישראל בימי המשיח. נאָך פאַר ד״ר הערצלען האָבן גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן געזוכט תרופות צו לייזן דאָס שווערע פּראָבלעם פון יידישן לעבן אין גלות, צו געפינען אַ עצה קעגן די רדיפות, פּאָגראָמען און רציחות, וואָס באַגלייטן יידיש לעבן אין די מערסטע פלעצער פון זייערע וווין־ערטער. דאָס פּראָבלעם פון דעם אַלץ־שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט ד״ר הערצלען געהאַלטן אַזוי באַזאָרגט, האָט אין אַ נישט קלענערער מאָס אויך אַנדערע גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן פאַר אים געהאַלטן אין קימער און זאָרג. קיינער פון זיי האָט נישט באַוויזן צו ווערן אַזאַ לעגענדאַריש געשטאַלט, צו מאַגנעטיזירן פאָלקס־מאַסן, צוציען אַזויפיל נאָכפאָלגער און בעיקר באַוויזן איינצופלאַנצן אַזויפיל באַנייטן גלויבן — ווי עס האָט עס באַוויזן ד״ר טעאָדאָר הערצל ז״ל. פאַרוואָס איז עס?

אויף די פראַגן ווערט געווײנלעך געענטפערט, אַז נישט הערצל האָט עפּעס מחדש געווען, אַז ער האָט טאַקע קיין נייע זאַך נישט אַנטפּלעקט אין יידישן לעבן, אַז מיט אַ סך יאָרן פריער האָט לעאָ פּינסקער נאָך די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד אין יאָר 1881, אַ פאַרצווייפלטער איבער די גרויזאַמע רציחות — געמאַכט אַן אַנאַליז איבער דעם מצב פון יידן און איז געקומען צו דער מסקנה, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַן אומהיילבאַרע קראַנקייט און די איינציקע רפואה פטור צו ווערן פון איר איז, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל ווערן אַן אומאָפּהענגיק פאָלק, עטאַבלירט אין אייגענעם לאַנד, אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. ענלעכע געדאַנקען זענען נאָך פריער אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון משה העס, פון פּרץ סמאָלענסקין און אַנדערע; ד״ר הערצל

אָבער האָט פון דעם אַלעמען נישט געוווּסט. ווען ער האָט געשריבן זיין „יודענשטאַט“, האָט ער נישט געוווּסט, אַז משה העס האָט געהאַט אָנגעשריבן דאָס באַרימטע ווערק „רוים און ירושלים“, ער האָט אויך נישט געהערט און נישט געהאַט געוווּסט פון לעאָ פינסקערס אַנאַליז וכדומה. אַזוי ווערט גע־זאָגט אין די ענטפערס אויף די פראַגעס.

הערצלס גרויסקייט — ווערט געזאָגט — באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אַוועקגעשטעלט די ייִדן־פראַגע אַלס אינטערנאַציאָנאַלן פּראָבלעם. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויף אַ מאָדערנער שפּראַך געגעבן אַ דינאַמישע קאָנצעפּציע ווי אַזוי דאָס ייִדישע פּראָבלעם קען אויף אַ שנעלן אופן געלייזט ווערן דורך דער פאַרווירקלעכונג פון דעם צוויי טויזנט־יאָריקן חלום אין אַ זעלבסטשטענדיקן און פרייען שטאַטלעכן ארץ־ישׂראל.

אַנדערע ווידער ענטפערן, אַז נישט ד״ר הערצל האָט עפּעס אַנטדעקט אין ייִדישן לעבן, נאָר ער האָט זיך אַנטדעקט פאַר ייִדן. ער איז נתגלה גע־וואָרן פאַר דער ייִדישער געשיכטע. זיין ייִדיש האַרץ, זיין ייִדישע נשמה, זיין אומרו און זוכעניש אַנטקעגנצוקומען דעם ייִדישן שיקזאַל אויף אַ קאָנסט־רוקטיוון אופן, זיין פאַרמעסט צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון גערודפטן ייִדישן לעבן — דורך פולער גאולה אין אַ פרייער זעלבסטשטענדיקער היים, אין אַ באַנייטן ארץ־ישׂראל, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר ייִדן. זיין פּערזענלעכער טיפער גלויבן, זיין ענערגיע, זיין איניציאַטיוו און בעיקר זיין פאַרמעסט צו אָרגאַ־ניזירן דאָס פאָלק פאַר טאַט, זיינע אינטערווענצן ביי מלוכה־מענער, זיינע געשפּרעכן מיט ייִדישע מיליאָנערן, מיט באַראָן ראָטשילד, מיט באַראָן הירש, זיין דערשיינען פאַרן פאָלק, זיינע רעדעס אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָבן אָנגעצונדן דעם ייִדישן עולם, האָבן אים עמאָציאָנירט, האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי ייִדישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן די ירושה פון חיבת ציון געטראָגן אין האַרצן.

ד״ר הערצל איז געוואָרן אַ גרויס געשעעניש אין ייִדישן לעבן. זיין פּער־זענלעכקייט, זיין געשטאַלט, זיין נביאישער פּאַטאָס אין ריידן, זיינע שיל־דערונגען פון זיינע באַזוכן אין ארץ־ישׂראל: פון הר־הזיתים, פון ירושלים, פון הר־הכרמל, איז געווען עכטע, אמתע פּאָעזיע. דורך ד״ר הערצלס מויל און פּעדער, האָט טויזנט־יאָריקע ייִדישע בענקשאַפט נאָך היימלאַנד, וואָס איז געווען איינגעהילט אין תפילות און אין געוויין אויף חורבן — מיטאַמאָל באַקומען אַ פאַרכישופטן באַגער פון תיכּפדיקן אומקערן זיך אַהיים, פון גרייט זיין צו טאַט, צו פאַרוואַנדלען דאָס חרוב־געוואָרענע, דאָס פאַרוואָרלאָזטע לאַנד אין דעם שענסטן ווינקל אויף דער ערד, מיט באַנייטער מלוכהשאַפט, מיט פולער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

ד״ר הערצל האָט, בכן, זיך אַנטפּלעקט פאַרן יידישן פאָלק, איז נתגלה געוואָרן אין אַ דרייפאַכיק געשטאַלט: אַלס פירער, אַלט דיפּלאָמאַט און אַלס אָרגאַניזאַטאָר. ער איז געווען דער גרויסער מנהיג, מיט אַלע נייטיקע אַטרי־בוטן אַלס פירער פון אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס איז געווען בכוח מיטצורייסן מאַסן, פאַר וועמען זיין וואָרט האָט געקענט ווערן געבאָט.

די פּערזענלעכקייט פון ד״ר הערצל האָט אויפגעטאָן ווונדער צווישן די ברייטסטע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַלע עקן וועלט. זיין טעטיקייט האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג און טיפן גלויבן. הערצל איז געוואָרן דער טרעגער פון דערמוטיקונג, פון סטימול צו באַנייען די כוחות, צו פאַרפילפאַכן דעם גלויבן אין גאולה.

ד״ר הערצל האָט געזען דאָס אויפגעריכטע יידישע לעבן אין ארץ־ישראל מיט די אויגן פון יחזקאל, וועלכער זאָגט: „און זיי וועלן זאָגן, דאָס לאַנד וואָס איז געווען חרוב, איז געוואָרן ווי דער גן־עדן, און די פאַרוואָרלאָזטע, חרוב־געוואָרענע שטעט, זענען געוואָרן באַוווינט און ווי אַ שוץ־וואַנט״. ד״ר הערצל האָט, זייענדיק אין ירושלים, געזאָגט: „אַ שיינע עלעגאַנטע שטאָט איז דאָ זייער מעגלעך. איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אַרום דער אַלטער שטאָט קען מען אויפבויען אַ פּרעכטיקע ניי־ירושלים״. דאָס זעלבע האָט הערצל געזאָגט בעת זיינע באַזוכן אין אַלע אַנדערע פּלעצער אין ארץ־ישראל!

מיט די אויגן פון אונדזערע נביאים האָט הערצל דערזען, אַז חורבן קען אויפגעריכט ווערן, אַז נישט אויף אייביק מוז אַ לאַנד פאַרבלייבן חרוב. נישט אויף אייביק מוז אַ פאָלק זיין פאַרמשפּט צו נגישות און רדיפות, צו פאַגראָ־מען און שחיטות. נישט אויף אייביק מוז דאָס יידישע פאָלק אין גלות פאַר־בלייבן. ביידע, סיי דאָס פאָלק און סיי דאָס לאַנד, קענען צוריק אויפגעריכט ווערן.

אפשר ליגט די אמתדיקע גרויסקייט פון ד״ר הערצלען אין דעם חי־דוש וואָס ער האָט אין יידישן לעבן אַריינגעבראַכט, נעמלעך: אַפּצוהיטן פון יעדער מעגלעכער טענדענץ, פון יעטוועדער נטיה שלום צו מאַכן מיטן גלות. עס איז נישט געווען קיין צופעליקייט, וואָס אין איין צייט מיטן אויפקום פון פּאָליטישן ציוניזם, זענען אויף דער יידישער גאַס אַנטשטאַנען אַנדערע באַ־וועגונגען, וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט גלות־לעבן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פּרעדיקן צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן אַ גאולה אין גלות. און די דאָ־זיקע באַוועגונגען האָבן צוגעצויגן נישט ווייניק אָנהענגער אויך פון אַנדערע קרייזן, בעיקר פון די וואָס האָבן תמיד געגלייבט, אַז ביז משיח וועט קומען, זענען יידן פאַרמשפּט צו לעבן אין חורבן. ביידע אויבנדערמאָנטע שיטות האָבן עד היום נישט אויפגעגעבן זייער געדאַנק און זייער עקשנות.

איז נתגלה געוואָרן ד״ר הערצל פאַרן יידישן פאָלק, און מיט די אויגן פון ביבלישן חזיון דערזען אַן אויפגעריכט פאָלק אין אַן אויפגעריכט לאַנד. הערצל האָט זיין גלויבן געריכטעט צו ווידער־אויפלעבונג, צו פאַרוואַנדלען חורבות פון אַמאָליקן ארץ־ישראל אין אַן אַלט־ניי לאַנד, וואָס וועט זיין ווי דער גן־עדן פאַר יידן, באַוווינט און באַשיצט פון יידן!

ד״ר הערצל האָט זיך פאַרמאָסטן איבערצושטעלן דאָס געוויין פון דאַ־רות יידן אויפן חורבן, אין געזאַנג פון דורות יידן פאַר אויפריכטונג, פאַר אויפ־בוי. אין דעם פאַרמעסט איז ד״ר הערצל אַרויס דער זיגער. זיין נביאות איז מקוים געוואָרן. דאָס געזאַנג פון חלוצישע דורות פון אַרבעט און קאַמף, פון אויפבוי און אויפריכטונג, טראָגט זיך אין דער אייביקייט פון יידישער מלוכה־שאַפט אין דער אויף אייביק פאַרבלייבנדיקער מדינת ישראל, וואָס איז פלאַ־נירט און געצייכנט געוואָרן פון וויזיאָנערישן גייסט פון ד״ר טעאָדאָר הערצל ז״ל.

סינטעטיקער פון גאונות און פשטות: ד״ר חיים ווייצמאַן

אין ליד „בענקשאַפט נאָך ציון״ האָט דער נאַציאָנאַלער ייִדישער פּאָעט אין דער גאָלדענער שפּאַניש־העברעיִשער תקופה, יהודה הלוי, געזונגען:

„מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב
ווי קען מיר דאָס לעבן דאָ איינגיין
די פרייד פון די טעג און די יאָרן?״.

אין דער דאָזיקער בענקשאַפט און אין די ציטירטע תמציתדיקע פערזן פון יהודה הלוי האָט זיך געשפּיגלט דאָס געשטאַלט און פּערזענלעכקייט פון אומפאַרגעסלעכן חיים ווייצמאַן ז״ל. ער, דער מזרח־ייִד און מערב־וויסנשאַפט־לער, וועלכער האָט זוכה געווען אין די צוואַנציקער יאָרן פון זיין לעבן צו ווערן פּראָפעסאָר פון כעמיע אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, האָט אין זיין נשמה טיף געפילט די בענקשאַפט פון אים אַליין און פון פאָלק ישראל נאָך ציון. אים איז נישט איינגעגאַנגען די פרייד פון דער גרויסער פּאָזיציע, וואָס ער האָט דערגרייכט אַלס פּראָפעסאָר אין אַ גרויס מערב־אייראָפּעיִש לאַנד. זיין האַרץ איז געווען אין מזרח, זיין האַרץ האָט אים געצויגן קיין ארץ־ישראל. פון זיין ייִדיש האַרץ און זיין ייִדישער נשמה האָט אַרויסגעשריגן די בענקשאַפט נאָך ציון. זיין האַרץ האָט געפילט דעם אומרו פון סכנותפולע צייטן פאַרן לעבן פון זיינע שוועסטער און ברידער, צעזייטע און צעשפּרייטע אי־בערן כדור־הארץ, קינדער וועמען איין גאָט האָט באַשאַפן און איין פאָלק גע־בוירן, די בני־ישראל, וועמען ער האָט באַצייכנט אַלס קינדער פון סוחרים און אייניקלעך פון נביאים.

דער קיום פון ייִדישן פאָלק, די באַנייונג פון אַלטן בונד צווישן ישראל סבא און זיין היסטאָריש היימלאַנד, דער אויפקום פון ציון האָט געהאַלטן געשפּאַנט און פאַרנומען דאָס האַרץ און מוח פון חיים ווייצמאַן ז״ל, פון זיין קינדהייט ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג פון זיין לעבן.

ווי אַ געניטער וויסנשאַפטסמאַן, ווי אַ סינטעטיקער אויפן געביט פון כעמיע, אַזוי אויך אויפן שטח פון ציוניזם, האָט ער באַוויזן צו שאַפן דעם סינטעז פון פּאָליטישער און פּראַקטישער טעטיקייט.

נאָך אַלס ייִנגל פון צוועלף יאָר — דערציילט ווייצמאַן אין זיינע זכרו־נות — האָט ער געשריבן צו זיין לערער, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען

ענגלאַנד וועט געבן ארץ־ישראל צו ייִדן; נישט די ענגלאַנד — פון דער „מאָרנינג־פּאָוסט", נאָר די ענגלאַנד פון באַלפור, פון לאָיד דזשאָרזש און פריִער, פון דיזראַעלי. דער דאָזיקער גלויבן, באַגלייט מיט דער טיפער בענקשאַפט נאָך ציון, האָט אים געפירט מיט איין און דרייסיק יאָר שפּעטער צו באַקומען די באַרימטע באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלער תחית־המתים פאַר ייִדן, ווי אַ משיח־רוף צום פאָלק ישראל און ווי אַן אָנזאָג פון אתחלתא דגאולה.

פאָרשער פון דער ציוניסטישער געשיכטע און פון ציוניסטישע מנהיגים באַהויפּטן, אַז דער חילוק צווישן ווין און פּינסק, צווישן ד"ר ט. הערצל ז"ל און ד"ר חיים ווייצמאַן ז"ל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ד"ר הערצל, דער ווינער, איז געקומען צום ציוניזם דורך דעם אַנטיסעמיטיזם, דורך דער גרויסער שנאה צו ייִדן, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען בעת דעם דרייפוס־פּראָצעס, וואָס האָט פאַרפעסטעט די לופט מיט ווילדער פיינטשאַפט קעגן ייִדן, און ד"ר חיים ווייצמאַן — פון מאָטעלע לעבן פּינסק, איז געקומען צום ציוניזם דורכן שורש פון ליבע צו ייִדישער טראַדיציע, וואָס האָט טיף אין אים געטליִעט, דורך דער טיפער בענקשאַפט נאָך ציון, וואָס האָט געשטורעמט אין זיין האַרץ.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט חיים ווייצמאַן געזאָגט: איך ציטער פאַרן טאָג, ווען ייִדן וועלן געשטעלט ווערן פאַרן עקזאַמען, צי זיי זענען גרייט צו קומען אין לאַנד אַריין און העלפן בויען די היים פאַרן פאָלק. ארץ־ישראל נייטיקט זיך נישט אין קיין מאָמענטאַלן ענטוזיאַזם, נאָר אין אַ פלאַם, וואָס ברענט און לייכט כסדר. ווייצמאַן איז געפאָרן צו ייִדן איבער דער וועלט, ער האָט זיי מעורר געווען, ער האָט זיי געוועקט און גערופן צו בנין הארץ, און אומעטום, אומעטום וווּ ער איז געקומען, האָט ער געוווּנען ייִדן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק, פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל.

חיים ווייצמאַן ז"ל האָט געזען די צענטראַלע אידייע פון ציוניזם נישט אויפן גרונט פון ייִדישע ליידן און פאַרפאָלגונגען אין דעם אָדער אין יענעם לאַנד. די יסודות פון ציוניזם זענען לויט ווייצמאַנען געווען: די בענקשאַפט פון ייִדן נאָך זייער היימלאַנד, די בענקשאַפט נאָך אַ נאַציאָנאַל ייִדיש לעבן אין זייער אייגן לאַנד, — אין ארץ־ישראל.

אין שווערע צייטן, ווי למשל נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, האָט ד"ר הערצל ז"ל געזוכט רעטונג פאַר ייִדן און האָט אויך געטראַכט וועגן „אוגאַנדאַ" ווי אַ פּלאַץ פאַר ייִדן. חיים ווייצמאַן האָט תמיד געזען נאָר ארץ־ישראל. ציוניזם — האָט ווייצמאַן געזאָגט אין יאָר 1923 — איז די לעצטע אָנשטרענגונג פון ייִדישן פאָלק צו פאַרזיכערן זיין המשך!

אין יענער צייט, נאָך אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פון הייַנטיקן

יאָרהונדערט, האָט חיים ווייצמאַן ז״ל, אַזוי פאָרמולירט די פליכטן פון אַ ציוניסט: „אויב עס זענען פאַרזאַמלט 9 ייִדן און עס פעלט אַ צענטער צום מנין, איז עס די אויפגאַבע פון ציוניסטן צו קומען צו די 9 ייִדן און ריידן צו זיי. אויב עס זיצן צוזאַמען צוויי ייִדן און עס איז נייטיק אַ דריטער צו אַ מזומן, איז די פליכט פון אַ ציוניסט צו קומען און ריידן פאַר די צוויי ייִדן און צוזאַמען בילדן אַ מזומן. עס איז אַ זכיה פאַר יעדן ציוניסט די דאָזיקע אַרבעט צו טאָן".

זעלטן ווער אין אונדזער געשיכטע האָט אַזוי שטאָלץ, אַזוי אומבייגזאַם, מיט אַזויפיל כבוד און ווירדע געפאָדערט און געמאָנט די רעכט פון ייִדן אויף זייער היימלאַנד, ווי דאָס האָט געטאָן חיים ווייצמאַן ז״ל.

נישט נאָר איז ווייצמאַן געווען דער תובע ביי די פעלקער און שטאַטסמענער פון דער וועלט אין נאָמען פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז אַזוי אומברחמנותדיק געקריוודעט געוואָרן פון דער געשיכטע, נאָר ער איז אויך געווען דער וועגווייזער פאַר דער גאַנצער פרייהייט־ליבנדיקער וועלט, ווי אַזוי עס דאַרפן אָפּגעהיט ווערן די יסודות פון וועלט־קיום — די עטיק און מאָראַל.

דאָס, וואָס עס ווערט באַגאַנגען אַן אומפאַרגעבלעכע עוולה צום שוואַכן ייִדישן פאָלק, האָט ווייצמאַן תמיד אין זיינע געשפּרעכן מיט מלוכה־מענער אָנגעוויזן — איז נישט נאָר אַ רשעות, וואָס ווערט אָנגעווענדט צו אַ גרופּע פון דער מענטשהייט, נאָר עס איז אַ רעזולטאַט פון דער זינקנדער מאָראַל פון דער גאַנצער מענטשהייט, און כל־זמן די קריוודע פון געיאָגטן און גע־פּלאָגטן פאָלק ישראל וועט נישט אָראָפּגענומען ווערן, וועט די וועלט זיך געפינען אַ טיף־זינקנדיקע לגבי די הייליקע געבאָטן פון דער עטיק און מאָראַל, וואָס איז דער הויפּט־יסוד פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. כל־זמן דאָס עלטסטע פאָלק, עם־ישראל איז פאַרשקלאַפּט אין די פאַרשיידענע גיהנומס פון גלות, קען זיך קיין אַנדער פאָלק, און צווישן זיי קיין מענטש, נישט פילן פריי.

אין זיינע באַצויבערנדע רייד צו פּאָליטיקער און שטאַטסלייט פלעגט ווייצמאַן תמיד אָנווייזן, אַז פעלקער, פּונקט ווי איינצלנע מענטשן, לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף דעם שערבלאַט פון דער וועלט דורך צוויי אופנים: דורך דעם וואָס זיי זענען און דורך דעם, וואָס זיי טוען. דיביידע זאַכן זענען צווישן זיך שטאַרק פאַרבונדן: כאַראַקטער דריקט זיך אויס אין מעשים און לויט די מעשים ווערט דערקענט דער כאַראַקטער. אָבער נישט דערגרייכונג, נאָר כאַראַקטער שאַפט דויערנדיקע ווערטן. דאָס, וואָס אַ מענטש, אָדער אַ פאָלק **איז**, האָט אַ גרעסערע באַדייטונג ווי דאָס, וואָס אַ מענטש, אָדער אַ פאָלק **טוט**.

אונדזערע נביאים האָבן מער דויערהאַפטס אויפגעטאָן פאַרן פאָלק ווי

ס'האָבן אויפגעטאָן די כוהנים. די דענקער, וויסנשאַפטסלייט און פּאָעטן פון גריכנלאַנד — דער עסטעטישער גייסט פון דער אוראַלטער וועלט, האָט גע־געבן מער און האָט אויפגעטאָן מער פאַר דער היינטיקער וועלט ווי די באַ־זיגער און הערשער פון רוים.

זיכער זענען זיך די מעשים מער אָן ווי כאַראַקטער. מעשים מאַכן מער איינדרוק, זענען עפעקטפולער. נאַפּאָלעאָנס זיג אין אייראָפּע איז אויבער־פלעכלעך געווען מער איינדרוקספול, ווי די שטילע, ריינע נשמה פון לינקאָלן. אין דער אמתן אָבער האָט לינקאָלנס כאַראַקטער געשאַפן אַ סך מער גוטס פאַר די קומענדע דורות — ווי נאַפּאָלעאָנס דערגרייכונגען.

די אויבנדערמאָנטע ווערטער האָט חיים ווייצמאַן ז״ל געזאָגט אין ניו־יאָרק אויף אַ פאָרום, וואָס די באַרימטע צייטונג „העראַלד טריבון" האָט איינ־געאָרדנט בעת אויפן סדר־היום פון „אָנו" איז געשטאַנען דער פונקט פון דער רעקאָמענדאַציע צו צעטיילן ארץ־ישראל און אין אַ טייל גרינדן אַ יידישע מדינה. די ווערטער, די גאַנצע רעדע איז פון דער זעלבער צייטונג איבערגע־דרוקט געוואָרן אין טאָג פון דער קבורה פון ווייצמאַנען ע״ה.

חיים ווייצמאַן האָט זיך תמיד באַמיט צו איבערצייגן די מושלים פון דער וועלט, אַז מיט ברוטאַליטעט, מיט גוואַלד־טאַטן, מיט רציחות, מיט נגישות און רדיפות קען מען אַ פאָלק פון גייסט, ווי דאָס איז דאָס יידישע פאָלק, נישט אומברענגען.

עס איז נישט געווען אין דער טבע פון חיים ווייצמאַנען צו וועקן רחמנות, אַרויסצורופן מיטלייד ביי גויים צום שוואַכן און געקריוודעטן פאָלק ישראל. רחמנות צו זיך אַליין האָט ווייצמאַן ע״ה געוועקט ביי יידן גופא, אין די אייגענע רייען. ביי די אומות העולם האָט ווייצמאַן געפאָדערט חשבון, געמאָנט גערעכטיקייט, זיי אָנגעוויזן אויף דער אייביקער ראָל, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט צו דערפילן פאַר דער מענטשהייט אויף דער וועלט.

מען האָט באַדאַרפט קענען זאָגן צו די ענגלישע דיפּלאָמאַטן און פּאָ־ליטיקער, אַז ארץ־ישראל דאַרף זיין אַזוי יידיש, ווי ענגלאַנד איז ענגליש. עס איז געווען דער שטאָלץ, די גרויסקייט, די ווייצמאַן־פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געקענט ריידן אין דער שפּראַך פון יהודה, עס איז געווען דער „ויגש ווייצמאַן ויאמר".

ווי האָט אַמאָל געזאָגט ד״ר י. העלמאַן ע״ה וועגן ווייצמאַנען: „ענג־לענדער זענען דאָ גענוג אין ענגלאַנד, אָבער צו האָבן אַ פּינסקער ענגלענדער — האָט דאָס ענגלישע פאָלק, די ענגלישע מלוכה־מענער געמוזט אָנקומען צו ווייצמאַנען".

מען האָט באַדאַרפט זיין אַ ווייצמאַן, בכדי צו געפינען אין זיך די גבורה,

דעם כוח צו קענען ווערן דער יוצא ונכנס ביי לאָרדן און מלוכה־מענער, צו שטיין פאַר שטאַטסלייט און זיי באַווירקן מיט דעם אייביקן יידישן גייסט, און גלייכצייטיק אַזוי בלייבן אומצעררייסבאַר פאַרבונדן מיט דער יידישער, היימישער אומגעבונג, טייער האַלטן דעם אוצר פון אונדזער קולטור־שאַפונג און זיך האַלטן אַזוי נאָענט, אַזוי אינטים, אַזוי האַרציק, אַזוי צאַרט צום מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום — ווען ער האָט אַלע זיינע יאָרן באַטראַכט פאַר דעם האַרץ און מוח פון יידישן פאָלק.

ווי אַ ספּעציאַליסט, אַ פאַכמאַן, אַ פּראָפעסאָר פון אָרגאַנישער כעמיע האָט ווייצמאַן אָרגאַניש סינטעטיזירט אין זיך וויסנשאַפט און תורה, יידיש־לעכקייט און וועלטלעכקייט, פאָלקסטימלעכקייט און אַריסטאָקראַטיע, קלוג־שאַפט און חנעוודיקייט, האַרץ און מוח, די שווערע קלאַוויאַטור פון מאָדער־נעם „באָן־טאָן" און די פּשוטקייט פון מלמדס טייטל, אַז איינס פון צווייטן איז געוואָרן אומצעטיילבאַר און אַלע די אַטריבוטן צוזאַמען האָבן אויסגע־פורעמט די גרויסע פערזענלעכקייט, די גרעסטע אין אונדזער דור — חיים ווייצמאַן.

חיים ווייצמאַנס ציוניסטישע טעזע איז געווען נישט די יידישע נויט, נאָר די וויזיע פון ווערן אַ גרויס און מעכטיק פאָלק, וואָס זאָל זיין בכוח אויף אייגענער ערד, אומאָפּהענגיק פון קיינעם, ממשיך זיין די גרויסע קולטור־אַרבעט פאַרן אייגענעם פאָלק און פאַר די פעלקער פון דער וועלט.

די קלאָרע, שטאַלצע אויסטייטשונג פון ציוניזם האָט אים געמאַכט פאַר דעם אומשטערבלעכן פּרינץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַר דעם אומ־פאַרגעסלעכן פירער און וועגווייזער פון פאָלק דורך זיין אַוואַנגאַרד — דעם ציוניזם.

אין ציוניזם האָט ווייצמאַן געזען די צילן און אויפגאַבן פון גאַנצן פאָלק און נישט פון אַ שבט אין פאָלק, וואָס רופן זיך ציוניסטן. די באַרימטע באַל־פור־דעקלאַראַציע — די ערשטע ביז גאָר וויכטיקע פּאָליטישע דערגרייכונג פון ווייצמאַנען פאַרן ציוניזם — האָט ווייצמאַן אויסגעטייטשט, אַז: „זי איז געגעבן געוואָרן נישט נאָר ציוניסטן נאָר צום גאַנצן פאָלק ישראל; דאָס גאַנ־צע פאָלק דאַרף דעם דאָקומענט אַקצעפּטירן מיט זויבערע הענט און מיט אַ ריין האַרץ". די ווערטער האָט ווייצמאַן געזאָגט אין יאָר 1928. אַרויסגייענ־דיק פון דער הנחה האָט ווייצמאַן נישט געקאַרגט קיין מי, קיין אָנשטרענגונ־גען צו פאַראייניקן דאָס גאַנצע פאָלק, ציוניסטן און נישט־ציוניסטן אין איין אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם, און אין רעזולטאַט פון דער אָנשטרענגונג איז אַדאַנק ווייצמאַנען געשאַפן געוואָרן די יידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, וואָס האָט

רעפּרעזענטירט פאַר דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט און פאַר דער פעלקער־ליגע די איבערוועגנדיקע מערהייט פון פאָלק.

***

חיים ווייצמאַן האָט געהערט צו די שענסטע זין, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. אַ ייד, וואָס האָט אין זיך כולל געווען: לומדות און השכלה, חכמה און גייסט, וויסנשאַפט און שטאַטמענערישקייט, עמאָציע און שכל, פּראַקטישקייט און פאַנטאַזיע, נביאישע וויזיע און רעאַליטעט, פאָלקסטימלעכקייט און אַריסטאָקראַטיע, גאונות און פשטות, פירער און וועגווייזער און אַלץ צוזאַמען האָט אויסגעפורעמט די גרעסטע און שענסטע פּערזענלעכקייט: חיים ווייצמאַן.

ווער פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן פון אונדזער תקופה האָט מיט אַזאַ שטאָלץ, מיט אַזויפיל איבערגעגעבנקייט, מיט אַזאַ אָפּפערוויליקייט זיך אינגאַנצן געווידמעט די אינטערעסן פון דעם געפּלאָגטן און גערודפטן פאָלק ישראל, ווי עס האָט דאָס געטאָן אַלע יאָרן פון זיין לעבן חיים ווייצמאַן ז״ל?

ווער נאָך ווי ווייצמאַן האָט געקענט מיט זיין טיפן יידישלעכן בליק אַזוי דערזען דעם גרויסן אומגליק, די טיפע יסורים און ליידן פון דעם היימלאָזן, באַליידיקטן און דערנידעריקטן אין אַלע גלותן פאָלק ישראל?

ווער נאָך ווי ווייצמאַן האָט געטראָגן אין זיך אַזויפיל אמונה, אַזויפיל איבערצייגונג, אַזויפיל בטחון — אין דעם דאָפּלטן טייטש: האָפענונג און זיכערקייט — אין דער אויפריכטונג פון אונדזער פאָלק אויף אונדזער אייגענער ערד — אין ארץ־ישראל?

ווער נאָך ווי חיים ווייצמאַן איז געווען מסוגל אויסצוהאַלטן און דורכ־צוטראָגן אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען, אַלע פּאָליטישע ירידות און ריקצוגן, וואָס דער וועג צו דער מדינה האָט דורכגעמאַכט?

ווער נאָך ווי חיים ווייצמאַן האָט אַזוי פאַרקערפּערט די צוויי טויזנט־יאָריקע גאולה־בענקשאַפט פון פאָלק און אַזוי סימבאָליזירט די פרייד פון שאַפונג, די שמחה פון לייגן אַ שטיין אויף אַ שטיין אין בנין ארץ־ישראל?

ווער נאָך ווי חיים ווייצמאַן האָט אַזוי דערזען די געהויבנקייט פון אַר־בעט און שוויס, וואָס דורך זיי האָט דער דור פון חלוצים־פּיאָנערן מיט זיין שעפערישקייט, צוגעגרייט די רעאַליטעט פון דורות־לאַנגן חלום פון יידישן פאָלק פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט?

זייער ווייניק איז די צאָל פון די לעבנפאַרבליבענע אין אונדזער דור,

וואָס קענען פאַרצייכענען אַזאַ פאַרבנרייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, ווי עס האָט באַוויזן צו טאָן חיים ווייצמאַן ז״ל.

לומדות און השכלה איז געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דער ווייצמאַן־פּערזענלעכקייט. ווער עס האָט געהאַט די זכיה צו הערן ווייצמאַנען רעדן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, אָדער אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, האָט געמוזט באַוואונדערן די שפּרודלדיקע רייד, דורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז״ל, מיט אגדות פון משנה און תלמוד, מיט פּסוקים פון תנ״ך און ציטאַטן פון אונדזערע אַלטע מקורות, האַרציק, געפּילפּול, מיט שאַרפזין און חריפות האָט ער גערעדט צום עולם, צו די זין און טעכטער פון זיין פאָלק, צו די יידישע מאַסן, זיי דערציילט וועגן גרויזאַמען יידישן גלות, וועגן די אומזיכערע יידי־שע לופט־פּרנסות, וועגן דער באַדנלאָזיקייט פון פאָלק, וועגן דעם היימלאָ־זיקייט, און דערביי מיט אַזויפיל נביאישער וויזיע געשילדערט דעם ערלעכן, געזונטן, אמתדיקן לעבן פון די, וואָס אַקערן און זייען אויף אייגענער ערד, אונטער אייגענע הימלען — אין אַ לאַנד, וואָס היסטאָריש געהערט דאָס צו יידן און וואָס דאַרף פון יידן אויפגעריכט ווערן, דורך אַרבעט און שוויס, אַקעראייזנס און סאָכעס.

ווייצמאַן ע״ה האָט נישט אָנגעווענדט קיין שום רעטאָריק. ער איז בכלל נישט געווען קיין אָראַטאָר. זיין שטימע איז געווען אַ שטילע, אַ רויקע, זי האָט נישט געזוכט זיך צו באַנוצן מיט קלינגענדע פראַזן, בכדי צו זיין עפעק־טועל, בכדי צו האַלטן דעם צוהערער אין שפּאַנונג. ניין! ווייצמאַן האָט באַ־ווירקט מאַסן מיט זיין האַרציקייט, מיט זיין שכל, מיט זיין לאָגיק, מיט זיין פאַרטייטשן און אויסטייטשן די פּראָבלעמען, בולט צו מאַכן די פאַרוויקלטע קנוילן פון פראַגן און קאָמפּלעקסן, וואָס יידיש לעבן אין גלות שטעלט מיט זיך פאָר אוך, וואָס עס איז די טעראַפּיע, דאָס הייל־מיטל אויסצוהיילן די קראַנקהאַפטע וווּנד פון יידישן גוף.

ווייצמאַן האָט משפּיע געווען אויף זיינע צוהערער מיט זיין פּערזענלעכ־קייט, מיט געוויינען צוטרוי, חן ביי די יידישע מאַסן, גלייך ווי ער האָט זיך פאַר זיי באַוויזן און אָנגעהויבן צו ריידן אין דער שפּראַך פון פאָלק, אויף מאַמע־לשון, מיט דעם ליטווישן אַקצענט, פאַרטייטשט אַ פּסוק, ווי דער רבי אין חדר האָט געלערנט, באַנוצט די זעלבע ווערטער, זיך געשטעלט מיט דעם מלמד און מגיד אויף דעם זעלבן שטאַפּל, נישט געוואָלט איבערשטייגן, פאַר־קערט — עס איז געווען ווייצמאַנס שטאָלץ צו ציטירן אַ טייטש פון רבין פון חדר. פון דעם מקור האָט ער געשעפּט און דעם גאַנצן לעבן זיך געהאַלטן נאָענט, היימיש מיט דעם טיפ ייד, פון וועמענס סביבה, אומגעבונג ער איז אַרויסגעוואַקסן אין דעם קליינעם שטעטל מאָטעלע, לעבן פּינסק.

לומדות האָט ווייצמאַן דערוואָרבן אין זיין שטעטל, השכלה — אין דער גרויסער וועלט. געלערנט פון סאַמע מקור און אויף דעם זעלבן אופן, פון וואַנען די השכלה איז אויסגעוואַקסן, נעמלעך אין דייטשלאַנד, ווו עס זענען געלייגט געוואָרן די יסודות פון דער השכלה־באַוועגונג דורך משה מענדעלסאָן.

תנ״ך און דיקדוק האָט ווייצמאַן געלערנט אין זיין היים־שטעטל צוזאַמען מיט גמרא און תוספות. השכלה, אין זין פון וועלטלעכער בילדונג, האָט ווייצמאַן באַקומען אין דייטשלאַנד און ביי זיך געשאַפן דעם סינטעז פון לומדות און השכלה.

*****

חכמה און גייסט האָט ווייצמאַנען געדינט ווי אַן אינסטרומענט אין צו־גאָב צו זיין לומדות און השכלה אין זיינע געשפּרעכן מיט מלוכה־מענער, מיט דיפּלאָמאַטן, פּאָליטיקער, ביי וועמען ער פלעגט מאָנען די גערעכטע תביעה אין נאָמען פון זיין פאָלק צו דערלויבן יידן זיך צוריק אומצוקערן אין לאַנד פון די אבות.

ווייצמאַן באַציבערט מלוכה־מענער. אויף אים איז מקוים געוואָרן דער פסוק: „לפני מלכים יתיצב״, פאַר מלכים שטעלט ער זיך. אין זיינע זכרונות גיט ווייצמאַן איבער וועגן זיינע געשפּרעכן מיט לאָרד באַלפור, מיט טשעמ־בערליין, מיט לאָיד דזשאָרדזש און מיט אַנדערע. ווייצמאַן האָט פאַר די גויים פונאַנדערגעוויקלט די פּרשיות פון היימלאָזן פאָלק, די מגילה פון יידישער נויט און ליידן, אַלע אומגליקן וואָס לויערן אויפן יידישן פאָלק אין רעזול־טאַט פון נישט האָבן קיין אייגן ווינקל אויף דער ערד און אונטער גאָטס הימלען, ווו עס זאָל קענען לעבן נאָרמאַל, נאַציאָנאַל און אומאָפּהענגיק און ממשיך זיין די גלאָררייכע יידישע קולטור.

ווי האָט זיך ווייצמאַן אויסגעדריקט נאָך אין 1903: „אונדזער ציל איז נישט נאָר באַזאָרגן מיט ברויט די הונגעריקע — נאָר אויך באַשאַפן נייע ווערטן אויפן יסוד פון אונדזער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט״. אין יאָר 1919 האָט ווייצמאַן געזאָגט די ענגלישע מלוכה־מענער: „יידן וועלן גיין קיין ארץ־ישראל נישט קוקנדיק אויף דעם צי איר ווילט, אָדער איר ווילט נישט. עס איז נישטאָ קיין שום כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל אָפּהאַלטן יידן פון עולה זיין קיין ישראל. איר קענט די עליה פון יידן פאַרלייכטערן און איר קענט עס אויך באַשווערן. מיט אייער פאַרלייכטערן קענט איר זייער פיל דערגרייכן פאַר זיך. העלפט אונדז! און מיט דעם וועט איר זיך העלפן״.

מיט זייער פיל חכמה און גייסט רעדט ווייצמאַן צו די פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן, דערביי מיט אַ שטאָלצער שפּראַך, נישט מיט קיין הכנעה, נאָר ווירדיק; נישט תחנונים, נאָר פאַרלאַנג; נישט געבעט, נאָר פאָדערונג; נישט

רחמנות, נאָר גערעכטיקייט; נישט שתדלנות, נאָר געװאָגטע פּאָליטישע אינ־טערװענץ. דער אופן פון רעדן פון חיים װײצמאַן האָט באַװירקט, האָט מש־פּיע געװען אויף די גוײשע פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן. פאַר זײ שטײט אַ ייִד, װאָס סימבאָליזירט דאָס לײדנדיקע, אָבער שטאָלצע פאָלק, װאָס האָט דער װעלט באַרײכערט מיט קולטור־שאַפונגען און װאָס פאַרלאַנגט װידער צו באַקומען די פרײע מעגלעכקײט, די קולטור נאָך רײכער צו מאַכן.

***

אַלס געלערנטער, אַלס װיסנשאַפטסמאַן, דערגרײכט װײצמאַן אַ גאָר הויכע שטופע. זײנע דערפינדונגען באַקומען אַ װעלט־נאָמען. אין דער ער־שטער װעלט־מלחמה צײכנט זיך װײצמאַן אויס מיט זײן דערפינדונג פון שאַפן סינטעטישע גומע, אַן אַרטיקל װאָס האָט זײער פיל געהאָלפן ענגלאַנד אין קריג. די װיסנשאַפטלעכע דערפינדונג טױשט אויס װײצמאַן צו דער־גרײכן שטאַטלעכע אומאָפּהענגיקײט פאַר זײן פאָלק אין ארץ־ישראל. װײצ־מאַן שאַפט בײ זיך דעם סינטעז פון זײנע װיסנשאַפטלעכע דערגרײכונגען מיט זײנע גאולה־חלומות, װאָס טליִען אין ייִדישן פאָלק קרוב צו צװײ טױזנט יאָר. דורך זײן װיסנשאַפט קריגט װײצמאַן די פאַרבינדונג צו די ענגלישע מלוכה־מענער און פּאָליטיקער, אָבער בײ זײן דערשײנען פאַר זײ רעדט װײצמאַן װי אַ שטאַטסמאַן און נישט בלויז װי אַ װיסנשאַפטלער, װי אַ פּאָ־ליטיקער, װי אַן עכטער דיפּלאָמאַט, װאָס קען די קונסט פון דעם דיפּלאָמאַ־טישן לשון, װאָס קען רעדן װי אַ גלײכער מיט גלײכע.

אין רעזולטאַט פון װײצמאַנס װיסנשאַפט און שטאַטסמענערישקײט װערט דערגרײכט דער אומפאַרגעסלעכער דאָקומענט, װאָס האָט פאַרשפּראָכן ייִדן צו דערמעגלעכן אויסצובויען די אײגענע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל — די באַלפור־דעקלאַראַציע, װאָס האָט שפּעטער מיט 30 יאָר דער־פירט צו דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל.

***

ציוניזם איז אין משך פון דורות געװען אַן עמאָציע, אַ בענקשאַפט נאָך אַ הײמלאַנד, נאָך דעם לאַנד פון אונדזערע אבות־אבותינו. אין תפילות און אין געבעט האָט זיך די בענקשאַפט אויסגעדריקט. ד״ר הערצל ז״ל האָט די עמאָציע בײ ייִדן פאַר ציון אײנגעראַמט אין אַ פּאָליטישער ראַם. דער ער־שטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אָרגאַניזירט פון הערצלען ז״ל אין יאָר 1897, האָט געלײגט דעם יסוד פאַר דעם פּאָליטישן קאַמף, װאָס ציוניזם האָט אָנ־געהויבן פירן אויפן װעג צו פּאָליטישער אומאָפּהענגיקײט. אויך ד״ר הערצל

האָט באַזוכט מלוכה־מענער און פּאָליטיקער פאַרן ערשטן קריג. מיט זײַן באַ־צויבערנדער קראַפט גערעדט צו די קיסרים און דיפּלאָמאַטן פון פאַרשיידענע לענדער, ליידער אָן דערפאָלג, עס איז מסתמא נישט באַשערט געווען ד״ר הערצלען אַזוי ווי עס איז נישט באַשערט געווען משה רבינו — אַריינצופירן דאָס פאָלק ישראל אין זײַן היימלאַנד. אָבער וואָס עס איז נישט באַשערט געווען הערצלען, איז צום גליק יאָ באַשערט געווען ווייצמאַנען. ער האָט זוכה געווען ביי זײַן לעבן צו ווערן דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. אַ דערגרייכונג, צו וואָס לאו כל אדם זוכה, און דאָס האָט ווייצמאַן דער־גרייכט אַדאַנק זײַן סינטעטישער פאַראייניקונג פון עמאָציע און שכל, וויזיע און פּראַקטישקייט.

ווייצמאַן האָט אין זיך קאָנצענטרירט און איינגעזאַפּט אַלע בענקענישן און עמאָציעס, אַלע האַרץ־צאַפּלען פון ייִדישן פאָלק צו ארץ־ישראל. טיף איינ־געוויקט אין לעבן פון פאָלק, אין זײַן לעבנס־שטייגער, אין דער פאָלקס־קדושה צו ארץ־ישראל. מיט אומגעהויערן שכל, מיט גרענעצלאָזן חוש פאַר פּראַקטישקייט האָט ווייצמאַן געוווסט, ווי אַזוי די קדושה פון פאָלק צו פאַר־וואַנדלען אין אַרבעטס־גבורה. אין טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע טעטיקייטן, זיך פאַרנעמען מיט קאָלאָניזאַציע, מיט פלאַסטערן שאָסייען, מיט אַקערן און זייען. פרי׳ער באַזעצן אַ צאָל ייִדן אין לאַנד און דורך דעם וועג שאַפן די ייִדישע מדינה און דערגרייכן די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגי־קייט. חיים ווייצמאַן ז״ל האָט פאַרשטאַנען מיט זײַן קלאָרן שכל, מיט זײַן חוש פאַר פּראַקטישקייט, אַז אַ ייִדישע מדינה קען מען נישט שאַפן אין אַ לאַנד, ווו עס זענען נישטאָ קיין ייִדן. פרי׳ער דאַרפן אין לאַנד זײַן ייִדן און זיי וועלן זײַן די שעפער פון דער אומאָפּהענגיקייט.

ווייצמאַנס טעזע אין ציוניזם האָט זיך באַשטעטיקט!

ווייצמאַן האָט דעריבער זײַן גאַנץ לעבן פאַרהערלעכט און פאַרהייליקט דעם פּראַקטישן ציוניזם. פון דאַנען האָט זיך גענומען זײַן ליבע, זײַן פאַר־בינדונג מיטן דור פון חלוצים, מיט דער אַרבעטערשאַפט, אין וועמען ער האָט געזען די פאַרווירקלעכער, די בויער פון דעם שטאַט.

אויפן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל האָט ווייצמאַן געזאָגט: „אין יעדן הויז אין נהלל (אַ מושב עובדים) איז דאָ מיין האַרץ, מיין בלוט״.

***

חיים ווייצמאַנס גאונות איז באַשטאַנען אין זײַן פשטות, אין וויסן און אין פאַרשטיין „דברים כהויתן״, זאַכן און פּראָבלעמען אַזוי ווי זיי זענען, נישט זיי קאָמפּליצירן, באַנוצנדיק זיך מיט דער מעטאָדע פון אַנאַליטיש זיך

פונאַנדערקלייבן אין ענינים און אָפּטיילן דאָס מעגלעכע פון אוממעגלעכע. נישט זיך צעוואַרפן אויף פאַרשיידענע פונקטן, נאָר בעסער זיך קאָנצענטרירן אויף געוויסע פונקטן און דורך דער קאָנצענטראַציע דערגרייכן אַ סך ווירק־זאַמקייט, פּראַקטישע נוצן, וואָס וועלן לסוף פירן צום ציל.

ווייצמאַן האָט אויפן 22סטן קאָנגרעס אין באַזעל, ריידנדיק וועגן דער פאַרשטאָרבענער הענריעטאַ סזאָלד, — די פירערין פון הדסה, — פאָרמו־לירט דעם באַגריף גאון מיט פאָלגנדע ווערטער:

„אַן ענגלישער געלערנטער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַ גאון איז דער מענטש, וואָס האָט אַ חוש פאַר פרטים, פאַר קליינע זאַכן“. אין דער אויס־טייטשונג, אין דער פאָרמולירונג האָט ווייצמאַן אַליין דעפינירט זיין אייגענע גאונות. געציילטע פירער אין ציוניזם האָבן זיך געקענט אויסצייכענען מיט אַזאַ חוש פאַר די טיילן, פאַר פרטים, פאַר קאָנקרעטע, פּראַקטישע קליינע זאַכן ווי ווייצמאַן ע״ה. קיין שום קליינע אַרבעט איז נישט געגאַנגען פאַר־הוילן פון זיין שאַרף אויג. נאָך אַ לול אין אַ קיבוץ, נאָך אַן אויסגעבויטער עס־צימער, נאָך אַ רפת, נאָך אַ הויז, נאָך אַ שטיקל שאָסיי אויסגעפּלאַסטערט, נאָך אַ זומפּ אויסגעטריקנט, נאָך אַ שולע פאַר קינדער, נאָך הונדערט יידן אין לאַנד איז געווען זיין שמחה, זיין פרייד.

אין צוגאָב צום חוש פאַר פּראַקטישקייט, פאַר קאָנקרעטע זאַכן, האָט ווייצמאַן אויך פאַרמאָגט גרויסע, אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, אַ שאַרפן קאָפּ, אַ סך וויסן, טיפן שכל, אין געווען אַ בקי און אַ חריף, גייסטרייך, און די אַלע אַטריבוטן האָבן אים דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ גאון.

***

גאונות און פשטות, נביאישע וויזיע און חוש פאַר רעאַליטעט האָבן גע־געבן ווייצמאַנען גרויס אָנזען און פּאָפּולאַריטעט ביי יידן און נישט־יידן. זיין קאַמף פאַר די רעכט פון יידישן פאָלק צו בויען די פרייע אומאָפּהענגיקע היים אין ישראל האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין דער רייע פון די גרעסטע הומאַני־טאַריער פון דער וועלט און אין יידישן לעבן, גאַנץ באַזונדערס אין ציוניזם אַלס דעם פירער און וועגווייזער, צו וועמענס וואָרט די יידישע וועלט און אויך די נישט־יידישע האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

ווייצמאַנס רעדעס פאַר נישט־יידן, פאַר די פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס די ענגלישע מאַנדאַטאַר־מאַכט האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל און גאַנץ באַ־זונדערס זיין לעצטע רעדע דעם 18טן אָקטאָבער 1947 פאַר דער „און“, האָבן תמיד געלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם אויף די צוהערער. זיי האָבן זיך געפילט ווי פאַרכישופט פון די פשוטע, אָבער געניאַלע ווערטער, אַרויסגע־

זאָגט נישט מיט קיין אָראַטאָרישן גלאַנץ, נאָר מיט עכטער, לויטערער נשמה־דיקייט, מיט טיפער ערלעכקייט, מיט גרענעצלאָזן גלויבן אין אַ גערעכטער זאַך.

***

דאָס ייִדישע פאָלק אין זיין איבערוויגנדיקער מערהייט אויפן כדור־הארץ איז טאַקע זייער שטאָלץ מיט מדינת ישראל. אָבער אין וואָס די מדינה ניי־טיקט זיך איז נישט אין קיין מאָמענטאַלן ענטוזיאַזם, נאָר אין אַ פלאַם וואָס וואַרעמט און באַלייכט כסדר, וואָס וועקט און רופט, וואָס איז מעורר ייִדן פאַר בנין הארץ. אין דעם גרויסן געשיכטלעכן פּראָצעס פון קיבוץ גלויות, אין וועלכן יעדער ציוניסט איז מחויב זיך אַריינצוּוועבן, איז זיין אויפגאַבע צו טאָן די לייסטונג פאַר דער מדינה און פאַר דער דערהאַלטונג פון נאַציאָנאַלן גייסט פון ייִדן, אַזוי ווי חיים ווייצמאַן ז״ל האָט עס פאָרמולירט מיט דריי און אַ האַלב צענדליק יאָר צוריק. ווייצמאַנס קלאָרע און גלענצנדע פאָרמולי־רונגען בנוגע די אויפגאַבן פון ציוניזם און פון יעדן ציוניסט נאָך דער באַל־פור־דעקלאַראַציע, זענען געבליבן אין געוויסע מאָסן אויך גילטיק היינט־צו־טאָג אין דער תקופה פון מדינת ישראל. דער טעמפּאָ דאַרף זיין אַ שטאַרקע־רער און דער פאַרנעם אַ גרעסערער. עס פאָדערט זיך מער התלהבות אין היינטיקע טעג. די אַראַבישע פעלקער געשטיצט פון דזשוגאַשווילי־לאַנד לאָ־קערן אויף אונדזער מדינה און גרייטן אַ פאַרמעסט קעגן דעם קיום פון מדינת ישראל. ציוניזם באַדאַרף ווערן דער פייער־פאַקל פון ייִדישן פאָלק אין זיין גרייטקייט צו באַשיצן זיין היימלאַנד. יעדער ציוניסט דאַרף דערפילן אין זיך דעם מאָטיוו פון יהודה הלוויס געזאַנג, אַזוי ווי חיים ווייצמאַן ז״ל האָט עס דערפילט:

„ווי קען מיר דאָס לעבן דאָ איינגיין,
די פרייד פון די טעג און די יאָרן?״.

ווען מיין מדינה איז נאָך נישט אינגאַנצן געשיצט און מיין פאָלק איז נאָך נישט אינגאַנצן געראַטעוועט.

פון פּאָלטאַווע ביז ירושלים

(יצחק בן־צבי — דער פּרעזידענט פון ישראל)

יצחק בן־צבי־ געהער צו די פּאָפּולערסטע תושבים, פריער אין ארץ־ישראל, היינט אין מדינת ישראל. קרוב צו אַ האַלבן יאָרהונדערט איז ער אַ מנהיג פון וועלט־ציוניזם, און איבער פופציק יאָר איז ער דער באַגרינדער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער ישוב אין ישראל, ציוניסטן איבער גאָר דער וועלט באַציִען זיך צו אים מיט גרויס ליבע, דרך־ארץ און צוטרוי. עס איז דעריבער לחלוטין נישט קיין ווונדער און קיין צופאַל, וואָס יצחק בן־צבי איז גערופן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם העכסטן אַמט אין מדינת ישראל, צו ווערן דער פּרעזידענט פון יידישן היימלאַנד, אַלס נאָכפאָלגער פון ד״ר חיים וויצמאַן ז״ל.

יצחק בן־צבי איז שוין געשטאַנען ביים העכסטן אַמט אין ישוב פון ארץ־ישראל נאָך פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה. ער איז געווען דער פּרעזידענט פון ועד לאומי — אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט פאַרטראָטן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, אַ קערפּערשאַפט וואָס איז געווען אָנערקענט פון דער ענגלישער מאַנדאַטאַר־מאַכט אַלס די לעגאַלע רעפּרעזענטאַנץ פון ישוב.

אַלס פּרעזידענט פון ועד לאומי האָט זיך בן־צבי שטאַרק באַליבט געמאַכט ביים ישוב. אין זיין אַרבעט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס ווירדיקער, אומבייגזאַמער, ביז גאָר הערלעכער פאַרטרעטער כלפּי חוץ און אַלס טאַלענטירטער, נאָבעלער מענטש אין זיין באַציִונג און קאָאָפּעראַציע מיט אַלע קרייזן און פּאָליטישע גרופּירונגען פון ישוב.

חיים גרינבערג ע״ה האָט געהאַט כאַראַקטעריזירט יצחק בן־צבי אַלס פּערזאָן פון שכל הישר און פליכטס־באַוווסטזיין, אַלס מענטש, וועלכער לאָזט זיך קיינמאָל נישט פאַרפירן פון וואָרט עבודה־זרה און פון באַגריף פעטישיזם. אין יעדן מאָמענט טוט בן־צבי, וואָס עס דיקטירט אים דער שכל הישר און דער געפיל פון פליכט. אַ „ציווילער" מענטש דורך און דורך, איז ער אַ קנאַפּער געניסער פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק. ער טוט דאָס וויכטיקסטע און נוצלעכסטע פאַרן ישוב און פאַרן בוי פון ארץ־ישראל. דאַרף מען זיך אויסלערנען אַראַביש, לערנט ער זיך אויס. דאַרף מען אַוועקפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און שטודירן דאָרט טערקיש און אָטאָמאַנישע געזעצן, איז ער

אויף דעם אויך גרייט. קומט אָן די וועלט־מלחמה און עס אַנטשטייט די פּראַ־גע ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם ישוב פון ענויים און חורבן, איז בן־צבי גרייט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אַריינצוטרעטן אַלס פרייוויליקע אין דער טער־קישער אַרמיי, מיטן באַדינג אַז די יידישע מיליטערישע אָפּטיילונג זאָל בלייבן אין ארץ־ישראל, כדי צו באַשיצן דאָס עקזיסטירנדע. דעפּאָרטירן אים די טער־קישע אויטאָריטעטן פון ארץ־ישראל, שלאָגט ער זיך דורך אַ וועג צוזאַמען מיט בן־גוריון קיין אַמעריקע, ווו זיי גרינדן צוזאַמען דעם „החלוץ". קומט דער מאָמענט פון יידישן לעגיאָן, ווערט בן־צבי איינער פון זיינע הויפּט־גרינדער. אַדאַנק זיין פּראַגמאַטיזם זעט בן־צבי נישט קיין סתירות דאָרט ווו אַ צווייטער וואָלט זיי אפשר יאָ געזען. דאָס פאָרן צו דער קרוינונג פון דעם ענגלישן קעניג און דאָס אָננעמען אַ טיטל, אָדער אָרדן איז ביי אים נישט קיין סתירה צו זיין אַמאָליקער „באָמבען־לאַבאָראַטאָריע" אין פּאַלטאַווע. איןביידע פאַלן — שרייבט חיים גרינבערג — האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן פּערזענלעכן געשמאַק, נאָר וועגן סאָציאַלער פליכט; וועגן דעם, וואָס עס איז נוצלעך פאַר די אידעאַלן אין וועמענס דינסט בן־צבי האָט זיך געשטעלט. ווייט פון אַלע סנאָביזמען, אויך פון פּראָלעטאַרישן סנאָביזם, היט ער זיך פון ברייטע אַזוי ווייניק מיינענדיקע זשעסטן. ער זוכט און געפינט פאַר זיך דאָס פליכטמעסיקע, די שטילע טאָט און דעם ווי מעגלעך באַשיידנסטן ריטם פון דער טאָט".

חיים גרינבערג האָט באַצייכנט יצחק בן־צבי אַלס מענטש פון שכל הישר און פון פליכטס־באַוווסטזיין. איך וויל צוגעבן אויך דאָס געפיל פון אהבת ישראל, וואָס איז שטאַרק קענטיק אין בן־צבי, און די דערמאָנטע דריי אַטריבוטן שטעלן צוזאַמען און האָבן אויסגעפורעמט די בן־צבי־פּערזענלעכ־קייט. נאָר אַדאַנק שכל הישר, פליכטס־באַוווסטזיין און אהבת ישראל האָט יצחק בן־צבי זיך געקענט דערוואָרבן אַזאַ גרויסן דרך־ארץ, אַזויפיל ליבשאַפט און אַזאַ אומבאַגרענעצטן צוטרוי פון דעם גאַנצן ישוב אין ישראל און פון דעם יידישן פאָלק בכל אתר ואתר. אָרעם און רייך, פרומע און פרייע, סאָ־ציאַליסטן און בירגערלעכע עלעמענטן, אַלע שיכטן פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג אָן אויסנאַם, פאַרערן און זענען שטאָלץ מיט יצחק בן־צבי, מיט דעם היינטיקן פּרעזידענט פון י ש ר א ל !

***

אהבת ישראל, ליב צו האָבן יידן איז אַ מצות־עשה פון דער תורה. „ואהבת לרעך כמוך", — זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין. רבי עקיבא האָט אויף דעם פסוק געלערנט: „אַז ליב האָבן דעם חבר ווי זיך אַליין,

איז אַ כלל גדול בתורה". דער פשט איז, אַז זייער פיל מצוות פון דער תורה זענען אָפּהענגיק פון דעם כלל; נישט נאָר איז מען מיט דער ליבשאַפט מקיים אַ מצווה, נאָר מען היט זיך אויך אָפּ פון כלערליי עבירות, ווייל אויב מען האָט ליב דעם חבר ווי זיך אַליין, באַגנבעט מען אים נישט, איז מען אים נישט משיג־גבול, טוט מען אים נישט אָן קיין היזקות, פאַרשאַפט מען אים נישט קיין עגמת־נפש, וכדומה. אַז מען איז מקיים די מצוות־עשה פון אהבת־ישראל, ווערט מען גלייכצייטיק אָפּגעהיט פון אַן עבירה, — פון אַ לא תעשה, נעמלעך פון: שנאת ישראל. ווי ליב צו האָבן ייִדן איז אַ מצוה, אַזוי איז פיינטשאַפט צו ייִדן אַן עבירה. נישט אומזיסט פלעגן גוטע־ייִדן פון אונדזער נאָענטסטן עבר פאַרן דאַווענען זאָגן: „הריני מקבל עלי מצוות עשה של ואהבת לרעך כמוך", — איך נעם אויף זיך די מצוה פון ליב האָבן מיין חבר ווי זיך אַליין. יצחק בן־צבי, דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל איז מקיים די מצוות־עשה פון דער תורה, דעם „ואהבת לרעך כמוך", ער האָט ליב יעדן איינציקן ייִדן אין מדינת ישראל און יעדן איינציקן ייִדן איבער דער גאָרער וועלט.

יצחק בן־צבי טראָגט אין זיין האַרץ די ליבשאַפט צו אַלע ייִדן. זיין אהבת־ישראל גרייכט צו אַלע שבטים פון צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק ישראל. ער טראָגט אין זיין האַרצן פאַר גאָט, פאַר זיין פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט זיין גרענעצלאָזע געטריישאַפט צו די קינדער פון ישראל, פון אַלע שבטים פון דעם גאַנצן כדור־הארץ און צו די בני און בנות ישראל פון אַלע שיכטן אין דער מדינה, און פון אַלע בירגער אין לאַנד.

יצחק בן־צבי האָט דערגרייכט דעם העכסטן אַמט פון מלוכהשער פּי־רערשאַפט אַדאַנק זיין לאַנגיאָריקער אַרבעט אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון ייִדישער זעלבסטשטענדיקייט, אַדאַנק זיין גרענעצלאָזן גלויבן אין דער באַפרייונג פון פאָלק, אַדאַנק זיין מיפּולער האַרעוואַניע אויפן דורות־לאַנגן וועג, וואָס האָט דערפירט צו ייִדישער גאולה.

יצחק בן־צבי איז אַ נאָמען וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון מסי־רות־נפשדיקער אַרבעט און אָפּפערווילליקן קאַמף, וואָס דער חלוצישער דור האָט אַזוי הייליק אַריינגעשריבן אין דעם פּראָצעס פון אויפבוי פון אונדזער היינטיקער ייִדישער מדינה. ער געהער צו די ערשטע פון די ערשטע, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען צו זיין די שליחים פון פאָלק און אָן שום תנאים, באַדינגונגסלאָז, מיט שוויס און אויב נייטיק אויך מיט בלוט צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון צעשפּרייטן און צעזייטן איבער גאָר דער וועלט פאָלק ישראל, דורך אויסבויען זיין היימלאַנד — אונדזער היינטיקע ייִדישע מדינה.

יצחק בן־צבי סימבאָליזירט מיט זיך דעם שפּרודלדיקסטן קוואַל פון

צאַפּלדיקן חלוצישן לעבן, פון אַלע שווערע דערנער־וועגן, פון אַלע ליידן און יסורים, פון אַלע שטרעבונגען און שטרויכלונגען, פון אַלע עליות און ירידות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר די לעצטע פינף און פופציק יאָר. יצחק בן־צבי געהער צו די געציילטסטע, וועלכע האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פון אַרבעטער־ציוניזם, וועלכע האָבן סינטעטיש פאַרבונדן די יושר־אידעאַלן פון אונדזערע נביאים, מיט די נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־אַספּיראַציעס פון צוויי טויזנט־יאָריקער בענקשאַפט זיך אומצוקערן קיין ציון.

צוזאַמען מיט בער באָראָכאָוו איז יצחק בן־צבי געווען פון די ערשטע צו אנערקענען, אַז די זעלבסטשטענדיקייט, די אומאָפּהענגיקייט, די מלוכה־שאַפט, איז אַן אומפאַרבייטלעכער עלעמענט אין סאָציאַלן לעבן פון אַ פאָלק. ווי אויך, אַז נאַציאָנאַלע אחדות און געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער קאַמף פאַר באַפרייונג און אויסלייזונג איז אַזוי וויכטיק אין די סאָציאַלע אַנטוויקלונגען, ווי קלאַסן־סאָלידאַריטעט און קלאַסן־קאַמף. יצחק בן־צבי איז געווען פון די ראשונים צו דערזען, אַז די פאַרווירקלעכונג פוןביידע אידעאַלן — ציוניזם און סאָציאַליזם — ליגט אין דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון קאָלעקטיוו אַרבעטן און קאָלעקטיוו צוזאַמענלעבן; געמיינזאַמע רעכטן און געמיינזאַמע פליכטן, געמיינזאַמע אחריות און געמיינזאַמע מעגלעכקייטן, און דורך דעם וועג שאַפן און אויסבילדן די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט וועמענס לעבן עס איז געבויט אויף די יסודות פון יושר און צדק, אויף אמת און גערעכטיקייט, אויף עכטער דעמאָקראַטיע.

יצחק בן־צבי ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די גייסטיקע פירער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס שטעלט אים אין איין שורה מיט ד״ר נחמן סירקין און בער באָראָכאָוו עליהם השלום, די גרינדער און באַגרינדער פון ציוניסטישן סאָציאַליזם.

***

יצחק בן־צבי איז אַ קינד פון רוסישן יידנטום, וועלכער האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ צייט, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס די „שטורעם און דראַנג״־עפּאָכע אין דעם לעבן פון די רוסישע יידן — די עפּאָכע פון השכלה; דער רצון צו לערנען, צו שטודירן, איינצוזאַפּן אין זיך וואָס מער למודי־קודש און למודי־חול — פון יידישן און וועלטלעכן וויסן. בן־צבי האָט מיט פולער שפּע געשלונגען די ווערק פון טאָלסטאָי און קאַפּיטלען פון אונדזערע נביאים. ער האָט פלייסיק זיך פאַרטיפט אין דער עטיק פון אונדזער רעליגיע, אין דעם ראָמאַנטישן אָפּטימיזם פון רוסאָ און אַנדערע. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, וואָס זענען דאַן גע־

װען טעטיק אין רוסלאַנד און האָט צוגעזען װי קינדער פון ייִדישן מיטלקלאַס זענען מיטגעצויגן געװאָרן פון די רעװאָלוציאָנערע אידייען און זיך אײַנגע־שפּאַנט אין װאָגן פון דער רוסישער רעװאָלוציע. יצחק בן־צבי האָט פאַר זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער װעג, נעמלעך דעם װעג פון פאַרװירקלעכן סאָציאַ־ליזם דורך שאַפן דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל און צוגרייטן פאַרן געפּלאָגטן פאָלק אַ פּלאַץ, װוּ ייִדן פון אַלע װעלט־עקן זאָלן קענען קומען און לעבן פריד־לעך, אומגעשטערט, אין נאַציאָנאַלן גייסט און אין גייסט פון אונדזערע נביאים.

יצחק בן־צבי געהער צו די לויטערסטע פּערזענלעכקייטן, צו די באַ־שיידנסטע מענטשן. ער איז אַן אמתער איש צנוע, ער היט זיך פון פּאָזע און רעקלאַמע. ער באַנוצט נישט אין זײַן ריידן קיין קלינגענדע פראַזן און מליצות. ער באַטראַכט זיך און פירט זיך אויף װי אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש, זײַנע בליקן זענען תמימותדיקע, בליקן פון אַן אײביק יוגנטלעכער נשמה, װאָס שטראַלט מיט ליבהאַרציקער װאַרעמקייט, מיט װעמען מען פילט זיך אַזוי גוט אַז עס איז שװער זיך אָפּצורייסן.

די באַשיידנקייט פון יצחק בן־צבי, זײַן תמימותדיקייט, זײַן פּשטות, זײַן האַרציקייט רופט אַרויס בײַ יעדן װאָס באַגעגנט זיך מיט אים פּנים אל פּנים אַ געפיל פון ליבשאַפט, פון היימישקייט באַגלייט מיט רעספּעקט און אומבאַ־גרענעצטן צוטרוי.

אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן איז בן־צביס ראָל נישט פון קיין שתדלן, נאָר פון אַ מוטיקן קעמפער, װעלכער מאָנט און בעט נישט, װעלכער פאָדערט גערעכטיקייט און נישט רחמנות!

נאָך מיט איבער פערציק יאָר צוריק, נעמלעך אין יאָר תרע״ה, שרײַבט בן־צבי אַ שאַרפע פּעטיציע צום קאָמענדאַנט פון דעם טערקישן פּלאַט דזשע־מאַל פּאַשאַ, קעגן דעם באַפעל צו דעפּאָרטירן אים און דוד בן־גוריון פון טערקײַ. אין דער דערמאָנטער פּעטיציע װאָס איז אונטערגעשריבן פון ביידן: פון יצחק בן־צבי און פון דוד בן־גוריון, װערט געזאָגט, אַז זיי װאַרפן אָנט־שיידן אָפּ די באַשולדיקונג, אַז זיי געהערן צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע װאָס איז קעגן די אינטערעסן פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה און צוליב דעם דאַרפן זיי דעפּאָרטירט װערן פון טערקײַ. זיי שטעלן פעסט, אַז זיי געהערן צו דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, װאָס איז דער אַרבעטער־טייל פון דער אַלװעלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, װעלכע פאַרנעמט זיך מיט דער באַשיצונג פון די אַרבעטער־אינטערעסן. די פּעטיציע האָט דאַן נישט געהאָלפן און דער באַ־פעל פון דעם פּלאַט־מיניסטער דזשעמאַל פּאַשאַ איז אויסגעפירט געװאָרן, און ביידע „בנים״ (בן־צבי און בן־גוריון) זענען דאַן אַרויסגעשיקט געװאָרן פון טערקײַ און אַװעקגעפאָרן קיין אַמעריקע. נאָך אַ יאָר צײַט זײַן אין אַמע־

ריקע זענען צו בן־צבי און בן־גוריון דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין טערקיי האָבן אויפגעהערט די רדיפות קעגן ציוניסטן. האָבן זיי זיך דאַן געווענדעט מיט אַ מעמאָראַנדום צו ריכטער ל. בראַנדייס, אין וועלכן זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי העלפן צוריק זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל. שפּעטער, אין יאָר 1921 בעת דער הויך־קאָמיסאַר פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט איבער ארץ־ישראל איז געווען דער ייִד הערבערט סעמועל, און עס זענען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען פון אַראַבער אויף ייִדן, האָט יצחק בן־צבי שאַרף געפאָדערט פון דעם הויך־קאָמיסאַר, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג זאָל ווי געהעריק באַשיצט ווערן, און אַז די רעכט פון ייִדן אין ארץ ישראל זאָל אָפּגעהיט ווערן, אַז עס זאָלן באַוואָפנט ווערן פאַר צוועקן פון זעלבסטשוץ די ייִדישע ציווילע כוחות אין די אַלע פּלעצער וווּ עס איז נישט פאַראַן גענוג פּאָליציי און דאָרט וווּ ייִדן זענען אַ מינדערהייט, קעגן אַ באַוואָפנטער מערהייט. דער מוטיקער פּראָטעסט פון יצחק בן־צבי צום הויך־קאָמיסאַר פון דער ענגלישער קרוין האָט אַרויסגערופן שטאָלץ אין די הערצער פון גאַנצן ישוב. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בן־צבי האָט מודיע געווען הערבערט סעמועלן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו רעזיגנירן אַלס מיטגליד פון ראַט. אין אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום צום הויך־קאָמיסאַר האָט בן־צבי אָנגעוויזן אויף דער גאַנצער פּאָליטיק, וואָס איז געריכט קעגן די אינטערעסן פון ייִדן, וועלכע זענען אין הסכם מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און אָפּיציעלער פּאָליטישער פאַקטאָר און שותף אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

סער הערבערט סעמועל האָט זיך דאַן נישט געריכט אויף אַזאַ שטאָלצן און מוטיקן אַרויסטריט פון אַ ייִדן קעגן זיין עקסעלענץ. ער האָט מסתמא געקענט ייִדן אַלס תחנונים־בעטלער, אַלס שתדלנים. יצחק בן־צבי איז אָבער אַרויסגעטראָטן אַלס געוואַגטער קעמפער, פאָדערנדיק רעכט, שוץ און נישט קיין רחמנות. דאָס גאַנצע קאַפּיטל: זעלבסטשוץ, פאַרטיידיקונג, אָפּהיטן דעם ייִדישן כבוד, איבערגעגעבנקייט צום פאָלק, זיך נישט לאָזן פירן ווי שאָף צו דער שחיטה, אין בן־צבין געווען זייער נאָענט. דאָס האָט ער נאָך געטאָן אין רוסלאַנד אין יאָר 1905, אין די טעג פון דער רעוואָלוציע, ווען ער האָט אָרגאַניזירט גרופּן פאַר ייִדישער זעלבסטשוץ, וואָס האָט זיך באַדאַרפט קעגנשטעלן די פּאָגראָמען פון די צאַרישע קאָזאַקן. ווי אַ געניטער קאָנספּיראַטאָר האָט זיך מיט דער אַרבעט יצחק בן־צבי אויך פאַרנומען אין ארץ־ישראל, און אין יאָר 1907, אין די טעג פון סוכות, נאָך דעם 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין האַג (האָלאַנד), אויף וועלכן בן־צבי האָט שוין דאַן פאַרטראָטן די אַרבעטער־פראַקציע — האָט ער אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציע „השומר“, וואָס האָט פאַרשריבן אַ העראָיש קאַפּיטל

פון שוץ און פאַרטיידיקונג אין דער געשיכטע פון ישוב אין ארץ־ישראל, און גאַנץ באַזונדערס אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־ישוב.

אָט וואָס יצחק בן־צבי דערציילט אין זיינע שריפטן פון יענער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג פון „השומר":

„מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען ערב שמחת תורה. מיין קוואַר־טיר איז געווען צעטיילט אין צוויי צימערן, וואָס האָבן געדינט סיי פאַר אַ דירה פאַר מיר און סיי פאַר אַ געהיימער דרוקעריי פאַר אַ צייטונג און פּראָקלאַמאַציעס. אַ הויכער פּאַלמען־בוים האָט אַריינ־געקוקט און די שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון האָבן אַריינגע־דרונגען דורכן פענצטער. אין דער קוואַרטיר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע זיצונג — אַ קערנדל פון וועלכן עס איז שפּעטער אַרויס־געוואַקסן דער גרויסער בוים — דער „השומר". איין געפיל האָט אַלע־מען באַהערשט, דער געפיל ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ביים באַרג סיני און זיי האָבן זיך געגרייט פאַר גרויסע קרבנות, ווייל נישט מיט רייד וועט דאָס פאָלק געהאָלפן ווערן און נישט דורך דיסקוסיעס וועט דאָס לאַנד געבויט ווערן. מיט בלוט און פייער איז יהודה געפאַלן — און מיט בלוט און פייער וועט יהודה אויפשטיין! אין דעם צימער איז געבוירן געוואָרן דער „השומר", אין דעם פּלאַץ איז פאָרמולירט גע־וואָרן זיין פּראָגראַם. עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די תקנות און עס זענען פאַרטיילט געוואָרן די פליכטן. איך האָב אויף זיך גענו־מען די אויפגאַבע צו באַפעסטיקן די נייע אינסטיטוציע און צו שטאַרקן איר געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּאָזיציע, צו שאַפן נייע כוחות, וואָס זאָלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די חלוצים, וועלכע גייען אַרויס אויף דעם פראָנט."

שכל הישר, פליכטס־באַוווסטזיין, אהבת־ישראל און אומדערשראָקנקייט האָבן תמיד באַגלייט יצחק בן־צבי אין אַלע זיינע אַרבעטן. ער איז געגאַנגען צו די ווייטקייטן אין ארץ־ישראל, צום מדבר, צו די סטעפּעס פון יריחו, צו די זאַמדן פון פּאַלמיראַ און צו די בעדוּיִנישע געצעלטן אויף יענער זייט ירדן, און אויף די אַלע וועגן האָט בן־צבי געטראַכט נאָר וועגן איין און אייציקער זאַך, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען אידייע אין פּראַקטישע מעשים, צו פאַרקליידן די אידייע אין בלוט און פלייש, צו דערציִען די ייִדן צו אַרבעט און זיך איינ־שטעלן פאַרן כבוד און פאַר דער עקזיסטענץ פון פאָלק.

ליבע צו ארץ־ישראל האָט יצחק בן־צבי איינגעזאַפּט אין זיך נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן. אין יאָר 1891, ווען בן־צבי איז געווען אַ יונגער ייִנגל,

איז זיין פּאָטער געפּאָרן פון רוסלאַנד מיט אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל און צו־ריקקומענדיק דערציילט זיינע קינדער וועגן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט אין לאַנד פון אונדזערע אבות. ער האָט דערציילט וועגן די חורבות פון ירושלים און וועגן דער פּראַכט פון הר־הכרמל און וועגן דער שיינקייט פון שרון. ווי דערציילט בן־צבי אין זיינע שריפטן:

„שוין אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף מעשיות וועגן דער נייער ארץ־ישראל, וואָס דערוואַכט און ווערט גע־בויט, און זיי זענען געווען אַ מין דערגענצונג צו די מעשיות פון תנ״ך און אגדות פון תלמוד, וואָס כ׳האָב געלערנט אין חדר. דער תנ״ך און די אגדה, דער יוסיפון און די ביכלעך פון יעבץ, דאָס גע־שריבענע און מונדלעך איבערגעגעבענע פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער און פון פּאָטער נאָך זיין באַזוך אין ארץ־ישראל זענען געווען איין גאַנצע קייט וואָס איז נאָענט געווען צום האַרצן און איז אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון.״

***

יצחק בן־צבי איז געבוירן אין פּאָלטאַווע, די שטאָט וואָס האָט אַרויס־געגעבן אַ צאָל ייִדישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די ער־שטע „בילויים״. צו די לערער פון בן־צבי האָבן געהערט אַזעלכע פּערזענלעכ־קייטן ווי: ר׳ אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש און י. יחיאלי, מענטשן וועלכע האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע השפעה אויף דער שטודירנדער יוגנט, וועמען זיי האָבן מחנך געווען אין גייסט פון ציוניזם און ליבע צו ציון. בן־צבי האָט זיך געהאַלטן שטאַרק באַפריינדעט מיט בער באָראָכאָוו, וועלכער איז אויך געווען אַ תושב אין פּאָלטאַווע.

יצחק בן־צבי האָט מיטגענומען מיט זיך פון פּאָלטאַווע גוטע דערינע־רונגען פון זיין געבוירן־שטאָט. שרייבט ער וועגן זיין היימשטאָט פּאָלטאַווע:

„אויב עס האָט געפעלט אין פּאָלטאַווע דער לעבנסשטייגער פון די ייִדישע מאַסן אין די גרויסע שטעט, די וואָלינער חסידות, די פּוי־לישע פרומקייט און ליטווישע למדנות, האָט אָבער דאָך נישט גע־פעלט ד ע ר נאַטירלעכער געפיל פון דעם פּשוטן ייִדן, וועמען גאָט האָט געבענטשט מיט אַ געזונטן אינסטינקט, מיט אַ וואַכזאַם האַרץ און מיט דעם באַוווסטזיין פון זיין מענטשלעכן ווערט. די דאָזיקע גע־פילן און אינסטינקטן האָבן זיך געשפּייזט פון דער טראַדיציאָנעלער סביבה און פון דער דערציִונג וואָס אַ טייל משכילישע משפחות אין שטאָט האָבן געגעבן זייערע קינדער.״

אין אַ משכּיליש הויז, ביי טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען אַליין געקומען פון ליטע און האָבן פון דאָרט מיטגעבראַכט מיט זיך די ליטווישע למדנות, זייער ליטווישע ייִדישקייט, האָט זיך אויפגעהאָדעוועט יצחק בן־צבי — דער היינטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. ליטווישע לומדות און רוסיש־אוקראַיִנישע פּשטות, געזונטער אינסטינקט און וואַכזאַם האַרץ, באַוווּסטזיין פון מענטשלעכן ווערט, באַגלייט פון פאַרוואָרצלטער ליבע צו ציון און ייִדישקייט, איז געווען דער צידה לדרך, וואָס בן־צבי האָט מיט זיך מיטגענומען פון זיין געבוירן־שטאָט פּאָלטאַווע אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל האָט יצחק בן־צבי אויסגעקליבן פאַר זיין וווינפּלאַץ די שטאָט ירושלים. זיין גאַנץ לעבן האָט זיך בן־צבי מתיחד געווען מיט ירושלים, מיט איר הייליקייט, מיט איר קעגנוואַרט און צוקונפט. אין דער שטאָט ירושלים האָט בן־צבי געזען די צוקונפט פון פאָלק, ווו עס וועט פאַרזיכערט ווערן דער המשך פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און ווו דאָס פאָלק ישראל וועט געקרוינט ווערן מיט זיין אומאָפּהענגיקייט.

פון דער שטילער און רויִקער פּאָלטאַווע, אַ שטאָט איינגעהילט אין גרינס פון גערטנער און וועלדער, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַיאָן, וואָס איז געווען רייך אין פּרוכטבאַרער ערד, איז בן צבי געקומען קיין ירושלים אין דער שטאָט פון אָפּגעלאָזנקייט, פון וויסטעניש אַרום, אָן ליכט און אָן פּאַרקער־מיטלען, אַ שטאָט פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשריגן דער חורבן, אָבער גלייכצייטיק אַ שטאָט פון אייביקן סימבאָל פון משיחיזם און אידעאַליזם, פון וואַנען עס בליקט אַרויס דער עבר פון דורות־לאַנגער ייִדישער יצירה, וואָס איז דער אייביקער קוואַל פאַר ייִדישער יניקה און ווו עס וועט באַנייט ווערן דער שאַפונגס־גייסט פון ייִדישן פאָלק אין אַ פרייער און אומאָפּהענגיקער מדינת ישראל.

די וויזיע, די האָפענונג, דעם טיפן גלויבן, האָט יצחק בן־צבי געטראָגן אין זיך אַלע זיינע יאָרן פון איבערגעגעבענער, מיפּולער אַרבעט און קאַמף ביז צו דער עטאַבלירונג פון דער מדינה און האָט אַליין זוכה געווען צו דערגרייכן די מדרגה פון באַקליידן דעם העכסטן אַמט, צו ווערן דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל אין איר הויפּטשטאָט — י ר ו ש ל י ם !

דורך אַרבעט און קאַמף — דוד בן־גוריון

17 טעג אין חודש תשרי פון יאָר 1956 איז דוד בן־גוריון — דער פּרע־מיער פון מדינת ישראל — געוואָרן אַ בן שבעים, און עס איז אויך געוואָרן פופציק יאָר זינט בן־גוריון איז געקומען קיין ארץ־ישראל.

דוד בן־גוריונס וועג אין לעבן, זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, איז געווען דער וועג פון שווערער אַרבעט און קאַמף. ציוניזם האָט ער איינגע־זאַפּט אין זיך ביי זיין טאַטן דעם משכיל, דעם אַדוואָקאַט אביגדור גרין ע״ה. יידישע און העברעישע דערציִונג האָט ער באַקומען אין „חדר מתוקן" אין זיין געבוירן־שטאָט פּלוינסק (פּוילן). נאָך אַלס גאָר יונגער יינגל האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי און האָט אָנטיילגענומען אין אירע אַרבעטן. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די יידישע זעלבסטשוץ אין 1905 און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע רעדעס. די צאַרישע רע־גירונג האָט אים געהאַלטן אויפן אויג. ער איז אין וואַרשע אַרעסטירט גע־וואָרן און נאָך אַ קורצער צייט אָפּזיצן אין ציטאַדעל איז ער באַפרייט גע־וואָרן. אַ קורצע צייט שפּעטער, נעמלעך אין חודש אלול פון יאָר תרס״ו (1906) איז ער עולה געווען קיין ישראל, ווו ער האָט אָנגעהויבן די פּרשה פון שווערער אַרבעט און מי סיי פאַרן אייגענעם קיום און פאַרן אייביקן קיום פון זיין פאָלק.

אַרבעט און קאַמף גייט דורך אין לעבן פון בן־גוריונען ווי אַ גאָלדענער שנור, אַרבעט און קאַמף האָבן געפורעמט זיין פּערזענלעכקייט, אַרבעט און קאַמף האָט אים געפירט צום העכסטן שטאַפּל — צו דער מדרגה פון זיין דער מנהיג פון מדינת ישראל.

בעת דוד בן־גוריון האָט פרייטיק דעם 14טן מאַי פון יאָר 1948 אין זאַל פון מוזעום אין תל־אביב פּראָקלאַמירט מדינת ישראל, האָבן יידן אין לאַנד און יידן איבער גאָר דער וועלט איבערגעלעבט גרויס באַגייסטערונג, זייער פיל דערהויבנקייט און שמחה. אַ לאַנג־יאָריקער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. דורות־לאַנגער טרוים איז רעאַליזירט געוואָרן. דער איינציקער, וועל־כער האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר קיין באַגייסטערונג, וועמענס האַרץ עס איז געווען אָנגעפילט מיט קומער און זאָרג איז געווען דוד בן־גוריון. גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה האָט ער גערופן דעם גענעראַל־שטאַב־

שעף פון צבא הגנה לישראל אויף אַ באַראַטונג וועגן דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. בעת דער באַראַטונג זענען די אַראַבער באַפאַלן ישראל און פון אַלע ווינקלען פון לאַנד האָבן זיך געטראָגן ידיעות וועגן דער אינוואַזיע פון גרויסע אַראַבישע אַרמייען, וועלכע האָבן מאַרשירט אויף ישראל אין אַ ווילדן רוצחישן געיעג אומצוברענגען די נאָר־וואָס עטאַבלירטע מדינה.

דער אייביק־פאַרשיכורטער אין דער וויזיע פון באַנייען מלכות־ישראל, האָט אין מאָמענט פון פאַרווירקלעכונג זיך נישט געקענט פאַרנעמען מיט באַגייסטערונג. ער האָט באַדאַרפט זיין ניכטער און שטיין אויף דער וואַך, בכדי קעגנצווווירקן די שווערע מיליטערישע און פּאָליטישע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף ישראל. בן־גוריונס האַרץ, זיין פולע מחשבה, איז געווען דאַן קאָנצענטרירט נאָר אויף איין פּונקט: אָפּצוהיטן און צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער מדינה. אַרבעט און קאַמף האָבן בן־גוריונען געהאַלטן אויפן פּאָסטן בעת דער גרינדונג פון מדינת ישראל.

***

צו אַרבעט און קאַמף האָט בן־גוריונען אויך מיטגעהאָלפן אין זיינע לייסטונגען מוט און אַנטשלאָסנקייט און איבער דעם אַלעם אומגעהויערער גלויבן, גלויבן אין נצח ישראל. אַז מען קוקט זיך צו פון דער נאָענט צום געשטאַלט פון בן־גוריונען מערקט מען תיכף די גוואַלדיקע אַנטשלאָסנקייט, דער גרויסער מוט, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיין געזיכט. בעת דער באַלאַגערונג פון ישראל, אין יענע שווערע טעג, ווען יועצים פון פאַרשיידענע פעלקער און מלוכות האָבן אָפּגערעדט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג צו פּראָקלאַמירן דעם יידישן שטאַט, בעת עס זענען אויך צווישן אחינו בני ישראל געווען נישט ווייניק סקעפּטיקער און פּעסימיסטן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט ספקות בנוגע דעם כוח פון ישראל אויסצוהאַלטן און אָפּצושלאָגן די אַראַבישע אַטאַקעס, האָט דוד בן־גוריון אַרויסגעוויזן גוואַלדיקן מוט, אומגעהויערע אַנטשלאָסנקייט צו פּראָקלאַמירן די מדינה און אומגעהויערן גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פון צבא הגנה לישראל איבער אַלע פיינטלעכע אַרמייען.

בן־גוריונס אמונה האָט נישט אַנטוישט! די ישראל־אַרמיי איז אַרויס זיגרייך.

די גרויסקייט פון דוד בן־גוריון הייבט זיך נישט אָן פון דער צייט ווען עס איז עטאַבלירט געוואָרן מדינת ישראל, וועמענס פירער און לערער ער איז. די קרוין פון בן־גוריונס גרויסקייט דאַטירט זיך פון יענעם טאָג, ווען ער איז מיט איבער פופציק יאָר צוריק געקומען אין לאַנד אַריין און האָט באַטראָטן

דעם באָדן פון ארץ־ישראל, און דאָרט געזען דעם אײנציקן און לעצטן מקום מקלט פאַר זיך און פאַר פאָלק ישראל. קומענדיק קײן ארץ־ישראל האָט בן־גוריון געהאַט אַ פאַרטיקן פּלאַן, נעמלעך: זיך צו פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט. שיבת ציון האָט פאַר בן־גוריונען געמײנט אומקערן זיך צום באָדן און װערן אַן ערדאַרבעטער. אין זעלבן טאָג, װען ער איז געקומען אין לאַנד אַרײַן, װי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער שיף אין יפוער פּאָרט, איז ער אַװעק קײן פּתח־תקוה און האָט אַלס פּשוטער ערד־אַרבעטער דורכגעמאַכט דעם לאַנגן און שװערן װעג, דעם װעג פון הונגער און דעם װעג פון קדחת, ביז ער איז אַן אומדערמידלעכער דערגאַנגען צו דער גרינדונג פון מדינת ישראל, אַן אַקט, װאָס װערט פון בן־גוריונען באַצײכנט אַלס די גרינדונג פון בית שלישי, פון דריטן בית־המקדש.

בן־גוריון אַלײן דערצײלט װעגן יענער צײַט, װעגן די גרױסע שװערי־קײטן, װאָס ער האָט געהאַט אױסצושטײן גלײַך נאָך זײַן קומען אין לאַנד אַרײַן, בעת הונגער און קדחת זענען געװען בײַ אים גאָר אָפטע געסט. אין קאַפּיטל: „ביהודה ובגליל״ שרײַבט ער צװישן אַנדערע: „און די דרײַ: אַר־בעט, קדחת און הונגער זענען פאַר מיר געװען נײַ און פול מיט אינטערעס. צוליב דעם בין איך דאָך געקומען קײן ארץ־ישראל. דער קדחת־פּיבער פלעגט מיך באַזוכן מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקײט — אײן מאָל אין צװײ װאָכן. און דער הונגער איז בײַ מיר געװען אַן אָפטער אורח. ער פלעגט בײַ מיר זײַן אײניקע װאָכן און אָפטמאָל גאַנצע חדשים. בײַטאָג האָב איך גע־זוכט אױסצודרײען זיך פון אים מיט אַלערלײ מיטלען, אָדער װײניקסטנס אָפּטאָן דעם געדאַנק פון אים, אָבער אין די נעכט, אין די שלאָפלאָזע נעכט, פלעגט זיך דער הונגער פאַרשטאַרקן, דריקן בײם האַרצן, פאַרדרײען דעם קאָפּ, אױסזױגן דעם מאַרך פון די בײנער, ער פלעגט מאָנען און פּײניקן, — און אַזױ ביז פאַרטאָג װען איך פלעג אײַנדרימלען אַ צעבראָכענער, אַ צו־זאַמענגעדריקטער. אין דער פרי, װען איך פלעג מיך אַרומװאַשן, פלעג איך באַמערקן, אַז מײַנע האָר פאַלן מיר אַרױס, און אַזױ פלעגן זיך טױשן די טעג פון קדחת און הונגער, זײ פלעגן אַװעק און צוריקקומען, אָבער די התל־להבות און שמחה זענען נישט שװאַכער געװאָרן״.

אין יענע טעג, אין די טעג פון הונגער און קדחת, האָט דוד בן־גוריון אַלס דער נאָכפאָלגער פון די בילו״ים — דורך שװערער אַרבעט געלײגט דעם יסוד פאַר מלכות ישראל, ער האָט מיט שװערער מי און האַרעװאַניע אױסגעשמידט און אױסגעצירט די קרױן פאַר מדינת ישראל, און דערפאַר האָט ער זוכה געװען מיט צװײ און פערציק יאָר שפּעטער צו פּראָקלאַמירן

פאַרן ייִדישן פאָלק און פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט די עטאַבלירונג פון „בית שלישי״, פון אַן אומאָפּהענגיקן ייִדישן שטאַט — מדינת ישראל.

*****

ווען דוד בן־גוריון איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין אלול תרס״ו, האָט ער געטראָפן אַ פּוסט און וויסט לאַנד, די ערד איז געווען נאַקעט, אָן גראָז, אָןביימער, אָן געוויקסן, עס איז נישט געווען ווו זיך צו באַשיצן פון דער ברענענדיקער זון, וואָס האָט מיט אירע שאַרפע פייער־צונגען געברענט און גע־שטאָכן ווי מיט גליִענדע שפּיזן די קערפּערס פון די, וועלכע זענען געשטאַנען און געאַרבעט אויפן פעלד. צוזאַמען מיט די מענטשן פון דער צווייטער עליה און די ווייטערדיקע עליות האָט בן־גוריון דורך שווערער האַרעוואַניע זוכה געווען צו זען ווי דער באָדן איז באַאַרבעט געוואָרן, ווי מאַלאַריע־זומפּן זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן, ווי עס בליִען פּרדסים, גערטנער, פעלדער און וויינ־גערטנער, ווי עס האָבן זיך צעוואַקסן די ביימער, וועמענס בלעטער עס גיבן שאָטן זיך צו קענען פאַרשטעלן פאַר דער ברענענדיקער זון. דאָס אַלץ איז אין משך פון די פופציק יאָר געטאָן געוואָרן דורך ייִדישע אַרבעטס־הענט, דורך ייִדישע בחורים און מיידלעך, וועלכע זענען געקומען מיט דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל און צוזאַמען מיט די ווייטערדיקע עליות באַוויזן אַ גרויסן העלדן־טאַט. מיט גבורה פון אַרבעט און פלייס, מיט דעם כוח פון פרייען ווילן, מיט דעם גלויבן אין משיחישער וויזיע, מיט דער ליבשאַפט און איבער־געגעבנהייט צו ישראל סבא, מיט דער קרבנות־גרייטקייט פאַר ישראלס פריי־הייט, מיט דער חלוצישער וויזיע פון פאַרווירקלעכן שיבת־ציון, האָבן זיי באַ־וויזן בייצוקומען אַלע דערנער, אַלע שטרויכלונגען, אַלע שוועריקייטן און צו פאַרוואַנדלען אַ לאַנד פון קדחת אין אַ בליִענדיק לאַנד. אין דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט איז בן־גוריון באַטייליקט, ער האָט בייגעטראָגן זיין חלק, ער האָט געברענגט צום אויסדרוק זיינע אידעאַליסטישע געפילן צום לאַנד דורך עקשנותדיקער, שווערער אַרבעט. ער האָט זיין אידעאַליזם און איבער־געגעבנקייט צום פאָלק און צום לאַנד דעמאָנסטרירט דורך אומבאַגרענעצטער אָפּפערוויליקייט, דורך הונגער און דורך קדחת. מיטן אַקעראייזן און רידעל אין האַנט אין קאָלאָניעס פון יהודה און שפּעטער אין גליל, מיט דעם הייליקן דראַנג נאָך כיבוש־עבודה, און מיטן חלוצישן אידעאַל אויפצוריכטן אַ פאָלק, — איז דוד בן־גוריון מיט זיכערע און פעסטע טריט געגאַנגען דעם לאַנגן און שווערן וועג צו מלכות־ישראל. אין אַלע די יאָרן האָט ער געטראָגן מיט שטאָלץ און כבוד די קרוין פון אַרבעט, פון חלוצישער מאַכט, וואָס איז גע־וואָרן די קרוין פון ציוניסטישער שאַפונג און דערגרייכונג, פון מדינת ישראל.

מדינת ישראל געפינט זיך אין אַ שווערן גערעַנגל אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פראָנט. די אַראַבישע לענדער באַדראָען כסדר די זיכערקייט פון ישראל. שווערע אויפגאַבן לאַסטן אויפן יידישן פאָלק צו העלפן מדינת ישראל אין איר שווערן גערעַנגל. שווערע זאָרגן באַלאַסטן דעם פּרעמיער פון ישראל, אָפּצוהיטן און צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער מדינה. אָבער דער פּרעמיער פון מדינת ישראל שטייט ביים רודער פון מדינת ישראל און איז ממשיך דעם חלוצישן וועג אין דער אַרבעט — דעם וועג פון אַרבעט און קאַמף אויסצובויען און צו באַשיצן מדינת ישראל! אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר!

פון לומדות און השכלה צו מלוכה־בויונג

(יוסף שפרינצאַק ע"ה)

זעלטן ווער פון די פאָלקס־מנהיגים איז זוכה צו גענים פון אַזוי פיל פאַרערונג, ווי עס האָט זוכה געווען יוסף שפרינצאַק. אים האָבן אַלע ליב געהאַט, ייִדן אין מדינת ישראל און ייִדן איבער אַלע וועלט־עקן, ציוניסטן און אויך נישט־ציוניסטן, אַרבעטער און מיטלקלאַס־מענטשן, סוחרים און האַנטווערקער, מענטשן פון דער לאַנדווירטשאַפט און מענטשן פון די פרייע פראַפעסיעס; פון קיבוץ, קבוצה און מושב, און די מענטשן פון שטאָט, אַלע אָן אויסנאַם, קעגנער ווי אָנהענגער, אַלע האָבן גרויס דרך־ארץ, א סך פיעטעט געהאַט פאַר יוסף שפרינצאַק.

אויף יוסף שפרינצאַק ווערט געזאָגט, און מיט רעכט, אַז ער איז געבענטשט געווען פון דער השגחה מיט אַ געמיט פון מענטשלעכער מילדקייט געפּאָרט מיט מיושבדיקייט און שטאַרקן כאַראַקטער. די סיבה פאַר דעם איז די „קינדער־שטובע", וואָס ער האָט באַקומען אין הויז פון זיינע עלטערן, ווו ער האָט זיך געהאָדעוועט אין אַן אַטמאָספער פון לומדות און השכלה, פון ייִדישקייט און וועלטלעכקייט, וואָס האָט פון זיין פריסטער יוגנט געלייגט דעם חותם און געפורעמט זיין פערזענלעכקייט.

יוסף שפרינצאַק, דאָס קינד פון דער צווייטער עליה, האָט זוכה געווען צו ווערן פריער איינער פון די פראָמינענטסטע אַרבעטער־פירער פון ארץ־ישראל און שפּעטער, אין מדינת ישראל, דער באַליבטסטער פרעזידענט פון דער כנסת.

מען זאָגט, אַז מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל, ווען ציוניסטישע מנהיגים האָבן זוכה געווען צו דערגרייכן הויכע, פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין דער פירונג פון דער מדינה, האָבן זיי אַביסל פאַרגעסן, אַז דער וואָגן פון ציוניזם האָט זיי געפירט צו דער אויסגעבענקטער און אויסגעקעמפטער סטאַציע פון ממשלה. זייער פיל ציוניסטן האָבן טענות — מיט רעכט אָדער אומרעכט — אַז טייל מיניסטאָרן פון דער מדינה ווידמען ווייניק צייט, שענקען ווייניק מחשבה צו די שווערע פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. די טענות אָבער זענען נישט געווענדט געווען קעגן יוסף שפרינצאַק. ער געהערט צו די געציילטע, צו וועמען עס זענען נישט געווען קיין שום טענות. גראָד פאַרקערט, בתקופת מדינת ישראל איז יוסף שפרינצאַק געווען נישט

וויניקער פאַראינטערעסירט, איז געווען נישט וויניקער אַנגאַזשירט אין די אַרבעטן פון ציוניזם, ווי ער איז עס געווען פאַר דער אַנטשטייונג פון שטאַט, אין דער צייט ווען ער אַליין האָט באַקליידט דעם אַמט פון מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע.

אַלס פאָרזיצער פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט יוסף שפּרינצאַק ע״ה אָפּגעגעבן זייער פיל צייט און ענערגיע פאַר די טעטיקייטן פון ציוניזם איבער דער וועלט, אינטערעסירט מיט אַלע פּראָבלעמען און געהאָלפן צו געפינען פאַר זיי אַ לייזונג. עס קען זיין, אַז ס׳איז פאַראַן פיל אמת אין דעם גלייכוווערטל, אַז אין די רייען פון ממשלת ישראל איז יוסף שפּרינצאַק געווען דער אַקטיווסטער ציוניסט...

* * *

פאָלגנדיקע אייגנשאַפטן כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן און שפּיגלען אָפּ אַמבולטסטן די קאָלירפולע פּערזענלעכקייט זיינע. ער איז געווען אַ געוואָלדיקער בקי. נישטאָ קיין ווינקעלע אין דער אַלטער און נייער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור ווו ער זאָל נישט זיין באַהאַוונט. ער האָט געלייענט זייער פיל, נישט נאָר אַלץ, וואָס איז דערשינען אין מדינת ישראל — נאָר אויך אַלץ, וואָס איז דערשינען אין חוץ לארץ. אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט אין יידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט, אַלץ געהערט צו זיין אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, נישט נאָר דאָס, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן יידיש לעבן פון יידן גופא, ער האָט אויך נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן אין די יידישע ישובים פון דער וועלט. דערצו איז שפּרינצאַק באַקאַנט אַלס קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס פאָלגט נאָך מיט אינטערעס און התמדה די לעצטע שאַפונגען. ער האָט זיך דערפאַר געפילט זייער היימיש אין זיינע צוזאַמענטרעפן מיט מענטשן פון אַנדערע לענדער, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען אויפצונעמען אַלס פּרעזידענט פון ישראלס פּאַרלאַמענט. ווען ס׳איז נייטיק געווען, לויט דעם דיפּלאָמאַטישן שולחן ערוך, אַביסל צו פאַרקערעווען דעם געשפּרעך פון פּאָליטיק, איז ער געווען מסוגל אַ שפּאַציר צו טאָן איבער די לעצטע שאַפונגען פון דער פּאָעזיע אָדער בעלעטריסטיק פון דעם געגעבענעם לאַנד.

יוסף שפּרינצאַק איז אויך באַרימט געווען אַלס חריף. ער האָט געשפּרודלט מיט בליציקע געדאַנקען. ער איז בכוח געווען צו דערקלערן די פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער. דערביי אויף אַזאַ צוגעגנגלעכן אופן, אַז ס׳איז געוואָרן פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעך. זיין חריפות

איז געלעגן אין זיין פשטות, מיט שאַרפקייט פון מוח פלעגט ער געפינען אויף א לייכטן אופן די פשוטסטע פאָרמולעס פאַר די קאָמפּליצירטסטע פראַגן. דערצו איז ער באַגאַבט געווען מיט אַזאַ פרישן קוועלנדיקן הומאָר, אַז ס׳איז ממש אַ מחיה געווען צו הערן יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס מפיו. אין פאַרלאַמענט פון ישראל פלעגן זיך די דעפּוטאַטן מחיה זיין מיט דעם שפּרודלדיקן הומאָר פון זייער באַליבטן פּרעזידענט. אין היציקסטן וויכוח, צווישן די פאַרטיי־פירער, פלעגט תמיד געלינגען דעם „ספּיקער״ אָפּצוקילן די געמיטער, אַריינוואַרפנדיק אַ גוט וואָרט, וואָס געהערט טאַקע נישט צום ענין, וואָס פרישט אָבער אָפּ, ברענגט אַריין אַ ביסל הייטערקייט אין דער צעהיצטער אַטמאָספער און אָנגעצונדענע געמיטער. אשר צידון, איינער פון די געהילף־סעקרעטאַרן פון כנסת, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען „צווישן האַמער און סטענדער״ — אַ בוך וואָס גיט איבער וועגן די זיצונגען פון דעם ישראל־פאַרלאַמענט, גלייכווערטלעך פון כנסת־מיטגלידער, מיניסטאָרן וכו׳ — דערציילט אונדז זייער פיל פון דעם גרויסן שאַרפזין פון יוסף שפּרינצאַק. מיר וועלן בלויז איבערגעבן פאַר אונדזערע לייענער אייניקע פון זיי: „הגיעני לגדולה אבל אין לנו גדולים״ — מיר זענען דערגאַנגען צו גדולה, אָבער מיר האָבן נישט קיין גרויסע מענטשן; אין זאת קריאת ביניים אלה צעקת ביניים — עס איז נישט קיין צווישנרוף, נאָר אַ געשריי־רוף; אָדער: דיון מצמצום מביא ברכה לביטוי — אַ באַשרענקטע דיסקוסיע ברענגט ברכה אין אויסדרוק.

אָט די שאַרפזיניקע, חריפותדיקע ווערטלעך האָבן זייער פיל געהאָלפן דעם פּרעזידענט שפּרינצאַק צו באַהערשן די שטורעמדיקסטע זיצונגען פון פאַרלאַמענט, שפּרינצאַקס שאַרפזין איז געווען אַ גרויסער וואָפן אין אַ דעמאָקראַטישן פאַרלאַמענט, ווי עס איז די כנסת אין מדינת ישראל.

די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן ביי יוסף שפּרינצאַקן, וואָס זענען שכול כנגד די פריערדיקע צוויי, נעמלעך: בקיאות און חריפות — איז געווען זיין אהבת ישראל, זיין אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט צו יידן, צו יידן מכל המינים: ספרדים, תימנער, מזרח־יידן און מערב־יידן. אַלעמען האָט ער ליב געהאַט און צו אַלעמען האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גוטע באַציִונג. אין דער ליבשאַפט צו די פאַרשיידענע עדות יידן פלעגט זיך שפּרינצאַק באַנוצן מיטן מאַטאָ: כי אחים אנחנו — ברידער זענען מיר, אַלע צוזאַמען טראָגן מיר אין אונדזער האַרצן — אהבת ישראל. עס איז דערפאַר זיך נישט צו וווּנדערן, וואָס אַלע האָבן אים אַזוי ליב געהאַט.

שפּרינצאַקס ליבשאַפט צו יידן איז ביי אים געקומען צום אויסדרוק אין זיין מקרב זיין מענטשן. אין שפּרינצאַקס הויז פלעגן זיך טרעפן מענטשן, סיי פון דער מדינה און סיי פון דער וועלט — אורחים, געסט, געקומענע פון אויס־

לאַנד, פון די מרחקים. און אין הויז פון יוסף שפּרינצאַק האָט מען אַלע מאָל זיך געפילט היימיש, וואַרעמלעך, אַזוי ווי ביי זיין פאָטער אין הויז, אין וואַרשע, אין מאָסקווע און אין קישענעוו. שפּרינצאַקס הויז איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. דערצו האָט ער תמיד געהאַלטן אַן אָפן אויג אויף אַלעמען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט חברים און פריינט, איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן מיט ראָט און טאָט, דערצו לא על ידי שליח, נאָר טאַקע בכבודו ובעצמו.

אין מדינת ישראל האָט שפּרינצאַק געהאַט פריינט צווישן אַלע קרייזן און שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אַלס פּרעזידענט פון כנסת האָבן אַלע פּאַר־טיי־פראַקציעס געהאַט פאַר אים שטאַרק דרך־ארץ. זיין וואָרט איז פון אַלע־מען רעספּעקטירט געוואָרן. דאָס זעלבע אין חוץ לארץ. אויף זיינע אָפטע רייזעס, אַמאָל אין שליחות פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע אָדער פון וועד הפועל פון דער הסתדרות — אין די לענדער פון מזרח־ און מערב־אייראָפּע, אין אַמעריקע און לעצטנס אויך אין דרום־אַמעריקע — האָט ער זיך דערוואָרבן זייער פיל פאַרערער און פריינט. אומעטום ווו ער איז געווען האָט ער אַריינגעבראַכט דעם רוח החיים פון יידישקייט, פון ציוניזם און דעם שטאָלץ פון מדינת ישראל.

* * *

נישט אומזיסט ווערט יוסף שפּרינצאַק פאַררעכנט פאַר דעם פּרינץ פון דער ציוניסטישער וועלט און פון ישוב אין מדינת ישראל, ער איז געווען איי־נער פון די גרינדער און גייסטיקער מנהיג פון „חבר הקבוצות", פון די מיט־גרינדער פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי מפא"י. דער מיטגרינדער פון דעם וועלט־פאַרבאַנד „פועלי ציון התאחדות". נאָך אַלס יונגער בחור אָרגאַ־ניזירט שפּרינצאַק, צוזאַמען מיט יצחק גרינבוים און אַנדערע, די אָרגאַניזאַ־ציע „התחיה", אין וואַרשע. אין דער צייט ווען וועלט־ציוניזם איז געשטאַנען פאַר דער דילעמע פון „אוגאַנדאַ" איז יוסף שפּרינצאַק, אַלס איינער פון די פירער פון דער „התחיה" אָרגאַניזאַציע, געווען פאַרבונדן מיט די רוסישע „ציוני ציון", וואָס האָבן באַקעמפט אוגאַנדאַ און איז געווען דורכויס נאָר פאַר ארץ־ישראל. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז אויף דער קאָנפערענץ פון די „ציוני ציון", וואָס איז צו יענער צייט פאַרגעקומען אין רוסלאַנד און אויף וועלכער שפּרינצאַק איז גאָר נישט געווען — האָט מען אים אָבער אויסגע־קליבן אַלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט.

* * *

יוסף שפּרינצאַק איז געבוירן געוואָרן דעם 25טן פעברואַר 1885 אין מאָסקווע. זיין פאָטער ר׳ דוב בער, איז געווען אַן אָנגעזעענער פאַבריקאַנט און דערפאַר געהאַט רעכט צו וווינען אין מאָסקווע. חוץ מיט די מסחרים האָט זיך ר׳ דוב בער שפּרינצאַק אויך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז געווען אַ חובב ציון, אַ משכיל, אַ ייִד מיט אַ גאַר גרויסער השפּעה אין ייִדישן לעבן.

דער באַרימטער גירוש פון ייִדן פון מאָסקווע, אין 1891, האָט אויך נישט אויסגעמיטן די משפּחה שפּרינצאַק. זיי זענען דאַן אַריבערגעפאָרן לעבן קיין קישענעוו און שפּעטער קיין וואַרשע. אין וואַרשע, ווי אין מאָסקווע און אין קישענעוו איז דאָס הויז פון שפּרינצאַק געווען אָפן פאַר קולטור-טוער, פאַר יונגע ייִדישע שרייבער, פאַר ציוניסטישע עסקנים, וועלכע פלעגן אָפט קומען און פאַרברענגען לאַנגע אָוונטן אין וויכוחים וועגן פּראָבלעמען פון ציוניזם, וועגן פראַגן פון חינוך, וועגן ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט. די דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען אין דער העברעישער שפּראַך.

דער יונגער יוסף האָט, בכן, ביים טאַטן אין הויז זיך אָנגעזאַפּט מיט ייִדישן וויסן, מיט ייִדישער קולטור, וואָס האָט נאַטירלעך שטאַרק משפּיע געווען אויף זיין לעבנס-וועג. יוסף שפּרינצאַק האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין דעם ספרים-פאַרלאַג „אחיאסף" און אין דער לייטונג פון די וואָכן-צייטונגען „הדור", „דער ייִד", וועמענס רעדאַקטאָר ס׳איז געווען דוד פרישמאַן ז"ל.

אין יאָר 1904, אַלס 19 יאָריקער בחורל, איז יוסף שפּרינצאַק געפאָרן שטודירן קיין בערן, שווייץ. אויף דער גרענעץ איז ער אָבער פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער רוסישער מאַכט און איז אַרעסטירט געוואָרן. נאָך זיין באַפרייונג איז ער געפאָרן קיין גראָדנע אין אַ שליחות, דאָרט אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון גאַנצן געגנט, צוזאַמענאַרבעטנדיק מיט בצלאל יפה. יוסף שפּרינצאַק האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט צום אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דאָרט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די פאָרשטייער פון „הפּועל הצעיר", וועלכע זענען געקומען פון ארץ-ישראל. די באַקאַנטשאַפט האָט געלייגט דעם חותם אויף זיין ווייטערדיקער ציוניסטישער אַרבעט. די רעדעס וואָס ער האָט געהערט פון די הפּועל הצעיר דעלעגאַטן פון דער קאָנגרעס-בינע, וועגן ייִדישער אַרבעט, וועגן דער שליחות צו בויען, וועגן דעם קאַמף פאַר באַפרייונג מיט אייגענע כוחות, האָבן שטאַרק געווירקט אויף דעם יונגן שפּרינצאַק. אין דעם אָרגאַן פון רוסישן ציוניזם, „דאָס ייִדישע פאָלק", וואָס איז צו יענער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ווילנע, האָט ער פאַר-

עפנטלעכט אַ מאמר, וועגן דער הפועל הצעיר פּאַרטיי, דעם זעלבן יאָר האָט די רוסישע מאַכט ווידער אַרעסטירט שפּרינצאַקן און ער איז אָפּגעזעסן זיבן וואָכן אין וואַרשעווער ציטאַדעל. נאָך זיין באַפרייונג האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן לערנען מעדיצין אין אוניווערזיטעט פון ביירוט (לבנון).

נאָך דעם 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז יוסף שפּרינצאַק אַרויסגעפאָרן אויף אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער רוסלאַנד, באַזוכנדיק איבער פערציק שטעט. דער צוועק פון טור איז געווען ענגער צו פאַרבינדן דעם „הפועל הצעיר" מיט די „צעירי ציון". אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך מטפל געווען מיט אָרגאַניזירן הילף פאַר דער אַרבעטערשאַפט ווי פאַרן ישוב בכלל. אויף דער פּראָגער קאָנפערענץ, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט אליעזר קאַפּלאַן ע"ה, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער אָרגאַניזירט די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי התאחדות. שפּרינצאַק איז געווען פון די אידעאָלאָגן, וואָס האָבן באַשטימט די פּראָגראַמאַטישע ליניע פון דער ניי־געשאַפענער פּאַרטיי: חלוציזם, אַרבעט אין ארץ־ישראל, הגשמה עצמית.

אויפן 12טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איבערנעמענדיק די רעסאָרטן פון אַרבעט און עליה. יוסף שפּרינצאַק איז געווען פון די ראשונים, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם וועד לאומי, ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער אַרבעטער באַנק, פון דער הסתדרות, פון מפא"י, פון קרן היסוד, און פון נאָך אַ שיער אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון ישוב. נאָך דער פּטירה פון מ. מ. אוסישקין ז"ל, האָט שפּרינצאַק איבערגענומען די אָנפירונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, באַקליידנדיק דעם אַמט פון פאָרזיצער. אין 1945 איז ער געוואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות. דעם אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן ביז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון ראַט פון דער צייטווייליקער רעגירונג פון מדינת ישראל, און דעם 14טן פעברואַר 1949 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן צום אַמט פון פאָרזיצער פון ישראל־פּאַרלאַמענט, אַן אַמט וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין פּטירה.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז יוסף שפּרינצאַק זאָל איבערייסן זיין שטודירן מעדיצין אין דער אוניווערזיטעט אין ביירוט און עולה זיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט איבערנעמען אַן אַמט פון רעדאַקציע־סעקרעטאַר און אַדמיניסטראַטאָר פון דער שריפט „הפועל הצעיר". אַנשטאָט אַ מעדיצין דאָקטאָר, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט היילן מיחושים, טראַפישע קראַנקייטן וכדומה, איז יוסף שפּרינצאַק געוואָרן איינער פון די אויפריכטער פון אַ פאָלק, איינער

פון די פאַרווירקלעכער פון ציוניסטישן געדאַנק, איינער פון די שעפער און בויער פון דער היינטיקער מדינת ישראל.

אַלס איינער פון דער צווייטער עליה, האָט יוסף שפּרינצאַק זוכה געווען צו באַנייען אין מדינת ישראל דעם מנהג פון אָנצינדן דאָס ליכט אויפן הערצל־באַרג — דאָס פרייהייט־ליכט פון ישראל — וועמענס פאַקלען עס טראָגן ליכט צום צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק אויף אַלע וועלט־עקן.

מיט דער קדושה פון ציוניזם

(משה שרת)

די מיניסטאָרן פון מדינת ישראל קומט אויס זייער אָפּט צו פאַרלאָזן זייערע אַרבעט־קאַבינעטן אין דער היים און אַרויספאָרן צו די ייִדישע ישובים איבער דער וועלט. די רייזעס האָבן תמיד אַ טאָפּלטן צוועק: ראשית, די אינ־טערעסן פון דער מדינה און שנית, די אינטערעסן פון פאָלק. די מדינה איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט איר מהות, מיט אירע אויפגאַבן און הצטרכותן מיט דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, מיט אַלע האַרץ־צאַפּלען, מיטן גאַנצן נשמה־פיבער, מיט ציטערדיקן אייפער און ליבשאַפט איז דאָס פאָלק צוגעבונדן און פאַרקניפּט מיט דער מדינה. די בריק צווישן מדינת ישראל און ישראל בעמים וועט דויערן אַזוי לאַנג ביז וואַנען דער לעצטער ייִד פון חוץ לארץ וועט זוכה זיין עולה צו זיין און זיך פאַרוואָרצלען אין היימלאַנד.

דאָס צעשפּרייטע פאָלק איבער אַלע וועלט־עקן נעמט־אויף מיט אומבאַ־גרענעצטער ליבשאַפט און פרייד די מיניסטאָרן פון ישראל. זייער קומען איז אַ גרויסער יום־טוב פאַר די ייִדישע ישובים. הערצער צעשטראַלן זיך פון גליק, שטאָלץ און כבוד לייכט־אַראָפּ פון יעדענס פנים.

ייִדיש פאָלק אין אַלע תפוצות און מדינת ישראל באַקרעפטיקן זיך קעגנ־זייטיק, פאַרשטאַרקן די וויטאַלע כוחות, וואָס פאַרזיכערן ביז צום אין־סוף דעם אייביקן און אויף אייביק פאַרבלייבנדיקן אמת פון נצח ישראל.

* * *

דער אַמעריקאַנער ישוב געניסט פון דער זכיה יעדעס יאָר אויפצונעמען מלוכה־מענער פון מדינת ישראל. זינט דער עטאַבלירונג פון שטאַט האָבן מיר אין אונדזער מיט אויפגענומען דעם פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון, דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון ישראל־פּאַרלאַמענט ה׳ יוסף שפּרינצאַק ע״ה. די אַרבעט־מיניסטאָרן פרוי גאָלדע מאיר, געוועזענעם בילדונגס־מיניסטער זלמן שזר, דעם געוועזענעם אויסערן־מיניסטער פון דער מדינה ה׳ משה שרת, א״א.

די פירער פון דער מדינה און די פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע האָבן אונדז צוגעגעבן זייער פיל פון נאַציאָנאַלן פּרעסטיזש, פון וואָרצל־פאַרבינדונגען מיט אונדזער עבר און מוטיקן גלויבן אין אונדזער צוקונפט.

ציוניזם איז נישט נאָר אַ פּאָליטישער, אַ טעריטאָריעלער באַגריף, נאָר אויך אַ גייסטיקער. אומעטום, ווו עס געפינען זיך ייִדן, אַפילו איין ייִד, אויב נאָר ער איז פאַרבליבן געטריי זיין טראַדיציע, דער דורות־לאַנגער ירושה פון דער גלאָררייכער קולטור פון ישראל סבא — איז דאָ ציוניזם. די פּאָליטיש־שטאַטלעכע טעריטאָריע, וואָס ציוניזם האָט אויסגעבויט און אויסגעקעמפט, אָט דאָס ערדישע ציון, וואָס מדינת ישראל שטעלט מיט זיך היינט פאָר, באַקרעפטיקט און פאַרשטאַרקט דעם גייסטיקן באַגריף פון ציוניזם בימינו.

סיי די מלוכה־פירער, סיי די פירער פון וועלט־ציוניזם, רעפּרעזענטירן דעם זעלבן קנין, די זעלבע אידייע פון חיזוק העם דורכן בנין פון דער מדינה.

* * *

משה שרת שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט אין די לעצטע צוויי דורות געשיכטע פון דעם באַפרייונג־קאַמף אויפצולעבן אונדזער אומה און פאַרזיכערן איר עתיד דורך אַן אומאָפּהענגיקן שטאַט — דורך מדינת ישראל.

אַליין אַ קינד פון אַ „בילו", געבוירן אין כערסאָן, אוקראַינע, דעם 15טן אָקטאָבער 1894, ביי זיין פאָטער יעקב, וועלכער איז אין דער יוגנט געווען אַ חבר פון „בילו" אין דער קבוצה „שחו" — שיבת החדש והמסגר, און האָט געאַרבעט אין מקוה ישראל ווי אַן אַרבעטער.

צוליב שווערע באַדינגונגען האָט ר' יעקב געמוזט פאַרלאָזן ארץ־ישראל און זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, פון וואַנען ער איז מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער ווידער געקומען קיין ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זון משה.

משה שרת איז צו זיין קומען קיין ארץ־ישראל אַלט געווען 11 יאָר. ער האָט אין כערסאָן געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע און אין אַ חדר מתוקן. דער פאָטער האָט אין אים איינגעפלאַנצט חיבת ציון און חלוצישן גייסט פון דער בילו־באַוועגונג.

די משפּחה שרת (טשערטאָק) האָט זיך באַזעצט אין אַן אַראַביש דאָרף, עין סיניה, וואָס ליגט אויפן וועג צווישן ירושלים און שכם. ר' יעקב האָט געפּאַכטעט אַ גוט און אַ מיל פון אַן אַראַבישער משפּחה, אלהוסייני. צוזאַמען מיט ר' יעקבן האָבן זיך אין זעלבן דאָרף באַזעצט נאָך צוויי משפּחות — זיין ברודער זאב טשערטאָק און ברוך קסינסקי, וועלכער איז געווען אַ שוחט און באַזאָרגט מיט כשר פלייש אַלע דריי משפּחות אין דאָרף.

דער יונגער 11־יעריקער משה איז געווען פאַרנומען אַלס פּאַסטוך — ער האָט געפּאַשעט די שעפּסן און ציגן פון אַלע דריי ייִדישע משפּחות אין דעם אַראַבישן דאָרף. שפּעטער איז ער אַריינגעטראָטן לערנען אין דער העב־

רעזישער גימנאַזיע הרצליה, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט דעם ערשטן אַרויסלאָז אין יאָר 1913. משה האָט נאָכהער שטודירט יורי אין סטאַמבול (טערקיי) און איז דערנאָך געוואָרן אַ לערער אין אַ שולע אין יפו.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן, בירגער פון אַנדערע מלוכות, וועלכע האָבן געלעבט אין ישראל, זענען געשטאַנען פאַר דער ברירה אָדער אָנצונעמען טערקישע בירגערשאַפט אָדער פאַרטריבן צו ווערן פון לאַנד, האָט משה זיך געווידמעט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע פראָפאַגאַנדע, משפיע זייענדיק יידן אָנצונעמען די טערקישע בירגערשאַפט.

שפּעטער האָט זיך משה שרת פריייוויליק אָנגעגעבן אין טערקישן מיליטער און האָט פאַרענדיקט אַ מיליטערישע אָפיצירן־שולע. ביזן סוף פון קריג האָט ער געדינט אַלס אָפיציר אין דער טערקישער אַרמיי.

אין די יאָרן 1919־20 האָט משה געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים, אָנפירנדיק מיטן אַמט פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג. אין יאָר 1924 האָט ער פאַרענדיקט דעם שטודיום פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט. זייענדיק אין לאָנדאָן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער פּאָליטישער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איז דאָרט געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און דער דעלעגאַט פון דער פּאַרטיי צו דער קאָנפערענץ פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אָנהאַלטנדיק אויך דעם אַמט פון דעם פאַרבינדער צווישן דער הסתדרות און דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי.

זינט 1920 איז משה שרת פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט באַלאַנגט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון אחדות עבודה און זינט דער פאַראייניקונג און גרינדונג פון מפא״י, אין יאָר 1930, איז ער אַ פּערמאַנענטער מיטגליד און איינער פון די הויפּט־פירערס פון צענטראַל־קאָמיטעט.

פון 1925 ביז 1931 איז שרת געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „דבר״, האָט געדרוקט זיינע גייסטרייכע אַרטיקלען אונטערן פּען־נאָמען בן־קדם, מ. קרוב־רחוק, האָט אויך רעדאַגירט די ענגלישע אויסגאַבע פון „דבר״ פון 1930 ביז 1931.

אין יאָר 1931 האָט משה שרת איבערגענומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר חיים אַרלאָזאָראָוו ע״ה. ביים 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז משה שרת אויסגעוויילט געוואָרן

אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איבערנעמענדיק די לייטונג פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט און שפּעטער איז ער געווען ערשטער אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל.

* * *

משמעות, אַז איידער מענטשן ווערן דערהויבן צו דער מדרגה פון פירער, ווערן זיי פריִער אין די הימלען אויספּרובירט אַלס פּאַסטוכער. זיי ווערן קודם געשטעלט פאַר אַן עקזאַמען, ווי אַזוי זיי וועלן זיך אויפפירן אַלס אַפּהיטער פון כביכולס באַשעפענישן, פון בעלי־חיים. ווי אין מדרש שמות רבה ווערט דערציילט: ווען משה רבינו האָט געפּאַשעט יתרוס שאָף אין דער מדבר איז פון דער סטאַדע אַנטלאָפן אַ ציגעלע. משה איז נאָכגעלאָפן דעם ציגעלע, ביז ער האָט געזען, ווי ס׳שטעלט זיך אָפּ ביי אַ וואַסער־קוואַל און שטילט זיין דאָרשט. דאַן האָט משה רבינו געזאָגט: כ׳האָב נישט געוווסט, אַז דו ביסט געלאָפן ווייל דו ביסט דאָרשטיק; איצט ביסטו מיד פון לויפן. האָט ער עס גענומען אויף די אַקסלען און צוריקגעבראַכט צו דער סטאַדע. דאַן דערציילט דער מדרש, האָט משה רבינו געהערט די שטימע פון די הימלען, וואָס האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „דו באַזיצסט רחמים אין פאַשן די שאָף פון אַ בשר־ודם, וועסטו דערפאַר זוכה זיין צו פירן דאָס פאָלק ישראל".

אויך משה שרת איז אַלס 11־יאָריק יִנגל געשטעלט געוואָרן פאַר דער בחינה בצאן. ער איז געווען אַ פּאַסטוכל. ערגעץ־ווו אין די הימלען איז געוואָרן פאַרצייכנט די אויפפירונג, די זאָרג און די איבערגעגעבנקייט זיינע אַלס פּאַסטוך פון שאָף און ער איז דאַן באַשטימט געוואָרן צו ווערן אַ פירער פון ישראל.

זעלטן צו באַגעגענען אַזאַ געטרייען און איבערגעגעבענעם פירער ווי עס איז משה שרת. זיין חכמה און וויסן, זיין באַגאַבונג, זיין שפּראַכנקענטעניש, זיין פּאָליטישער חוש, זיין געוואַלדיקע התמדה און אַרבעטזאַמקייט, זיין גוט האַרץ און לויטערע נשמה, זיין שכל־הישר און גראַדלינקייט האָט ער געשטעלט אין דינסט פון פאָלק, אין רשות פון עם המדבר, פון די פאַריאָגטע און פאַרלאָזענע, פון די דערנידעריקטע און באַליידיקטע אין אַלע גלותן. און מיט זעלטענער צערטלעכקייט, מיט זעלטענער געטריישאַפט, מיט אומבאַגרעניצטער ליבשאַפט איז ער אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר אייגער פון די דינאַמישסטע קעמפער און אידייען־טרעגער פון אונדזער גאולה.

משה רבינו האָט זוכה געווען צו זען יציאת ישראל ממצרים און משה שרת האָט זוכה געווען צו רעפּרעזענטירן די פאָן פון יִדישער גאולה פאַר אַלע מלוכות פון די פאַראייניקטע פעלקער פון דער וועלט.

* * *

משה שרת איז מבטן ולידה צונויפגעוואַקסן מיט דער וויזיע פון ציוניזם, מיט דעם באַפרייונגס־קאַמף און מיט דער פּראַקטישער אַרבעט פון בנין הארץ. חיבת ציון און דעם חלוצישן גייסט האָט אין אים איינגעפלאַנצט זיין פאָטער, ר׳ יעקב ע״ה, וועלכער האָט געשפרודלט מיט אהבת ציון און געברויזט מיט אַן אַ שיער נאָסטאַלגישער בענקשאַפט נאָך שיבת ציון. „מער ווי ארץ־ישראל בייטיקט זיך אין מיר — בייטיק איך זיך אין ארץ־ישראל", האָט משה שרתס פאָטער געשריבן צו זיינע חברים „בילוצעס" פון רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל. דער יונגער משה האָט געזען און מיט זיין לויטערער נשמה דערפילט דעם טאָטנס תשוקות נאָך ארץ־ישראל. דאָס האָט געשטאַרקט ביי אים די משיחישע אינטואיציע, דעם סודותדיקן כוח, וואָס האָט אים געפירט און אויך באַשטימט זיין מיסיע אַלס פּאָליטישער פירער פון ציוניזם און פון מדינת ישראל.

משה שרת היט־אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג די קדושה פון ציוניזם. אין דער עטאַבלירונג פונעם שטאַט זעט ער דעם אָנהייב פון דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן געדאַנק. די אתחלתא דגאולה, ציוניזם, ווי שרת זעט אים, וועט נאָך דאַרפן יאָרנלאַנג דערפילן אַ גרויסע מיסיע אין דעם ייִדישן לעבן. ער איז אַ גרויסער חסיד פון פאַרשפּרייטן שקלים. אַט די שקל־צאָלער האָבן פאַרמירט דעם כוח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. האָט זיך מיט אַ צייט צוריק אויסגעדריקט משה שרת, בעת אַ וויכוח וועגן די פּראָבלעמען פון ציוניזם אין דער תקופה פון מדינת ישראל.

* * *

משה שרת איז באַשאַנקען מיט אַ געוואַלטיקן צויבער. בעת ער רעדט מיט מלוכה־מענער באַאיינדרוקט ער זיי מיט זיין שפּראַך, מיט זיין באַ־האַוונטקייט, מיט זיין קענטעניש. זיין רעדע פאַר דער „אונ"־פאַרזאַמלונג, בעת ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצונעמען מדינת ישראל אַלס מיטגליד, האָט איבערגעלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן רושם. צום ערשטן מאָל איז אויף דער טריבונע פון דער „אונ" געהערט געוואָרן אַ פסוק אין העברעיִש פון אונדזערע נביאים, געזאָגט פון אויסערן־מיניסטער שרת: „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות, לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה". די שווערדן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקעראייזנס און איין פאָלק קעגן צווייטן זאָל נישט אויפהייבן קיין שווערד און מער זאָל נישט געלערנט ווערן קיין מלחמה־לערעס.

מיר זענען אַ יונגע מדינה, אָבער אַן אַלט פאָלק, האָט שרת אין זיין רעדע דאָן געזאָגט. אָנהייבנדיק די פּראַקטישע מלוכה־טעטיקייטן זאָל אונדז ביישטיין די דורות־לאַנגע קולטור־שפע פון אונדזער פאָלק. אין דעם הייליקסטן

טאָג אין יידישן קאַלענדאַר טוען די קינדער פון אונדזער פאָלק תפילה, אַז עס זאָל בקרוב קומען דער טאָג, ווען אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן לעבן צוזאַמען אין פעלקער־פאַרברידערונג, אין גייסט פון אונדזערע נביאים, וועל־כע האָבן פאַר דער וועלט געבראַכט די וויזיע פון אחרית הימים.

טויזנטער יידן, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו די ווערטער, דער גאַנצער זאַל פון די פאַרזאַמלטע דיפּלאָמאַטן און געסט זענען שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער רעדע.

נישט נאָר אויף פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן מאַכט משה שרת אַן איינ־דרוק מיט זיין ריידן, ער ענטוזיאַזמירט אויך יידישע מאַסן מיט זיין לאָגישער אויסטייטשונג פון די פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען. גאַנץ באַזונדערס צייכנט ער זיך אויס אין זיינע תשובות אויף וויכוחים. ער באַזיצט אַ געוואַלטיקן כוח פון לאָגישער הסברה, וואָס איז איבערצייגנדיק און לאָזט נישט איבער קיין שום ספיקות ביים צוהערער.

שרת איז שטאַרק באַליבט אין מדינת ישראל און ווייט אויסער די גרע־נעצן פון דער מדינה, וווּ ער האָט צווישן יידן און נישט־יידן חברים, פריינט און פאַרערער. ער איז פון דער נאַטור אַ זייער היימישער מענטש. ווען ער קומט אין קיבוץ, רופן אים די חברים ביים ערשטן נאָמען: משה. די קיבוץ־מענטשן פילן זיך חבריש־היימיש מיט אים און ער אין דער זעלבער היי־מישקייט מיט זיי.

דער מוטיקער וועג

(גולדה מאיר)

בעת גולדה מאירסאָן האָט איבערגענומען דעם אַמט פון אויסערן־מיניס־טער פון מדינת ישראל, האָבן פּאָליטישע באַאָבאַכטער אין ירושלים צווישן זיך גערעדט, „אַז דער מיניסטער פון מוסד־עבודה (גולדה מאירסאָן איז באַ־קאַנט פון איר איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת די אַרבעטלאָזע), איז באַשערט געוואָרן זיך אויך צו פאַרנעמען מיט די פאַרשטענדענישלאָזע”. וואָרים די היינטיקע פּאָליטישע וועלט, סיי די מושלים אין מזרח און סיי די הערשערס אין מערב, האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר מדינת ישראל. זיי קימערן זיך גאָר ווייניק מיטן שווערן גוראַנגל, וואָס דער יונגער ייִדישער מדינה קומט אויס אויסצושטיין אויפן שטח פון איר פּאָליטישער זיכערקייט און אויפן שטח פון איר עקאָנאָמישן אויפבוי. אין אַזאַ שווערער צייט פאַר דער יונגער מדינת ישראל איז געפאַלן דער גורל אויף גולדהן, אַז זי זאָל נעמען דעם פאַ־ליטשן רודער פון ישראלס אויסערן־מיניסטעריום אין אירע הענט און אויפ־וועקן די פאַרשטענדעניש פון דער וועלט קעגן דער גרויסער קריוודע, וואָס ווערט כסדר באַגאַנגען לגבי מדינת ישראל. עס איז געפאַלן דער גורל אויף גולדה מאירסאָן אויך צו וועקן און צו מונטערן דעם אינטערעס און די פאַר־שטענדעניש פון דער ייִדישער וועלט צו די גורל־פראַגן פון מדינת ישראל, וועלכע זענען איינצייטיק אויך די גורל־פראַגן פון ייִדישן פאָלק.

* * *

אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פרויען־עליה פון אַמעריקע איז, נאָך הענריעטע סאָלד, גולדה מאירסאָן די צווייטע פרוי, וועלכע האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, די פרוי, וואָס האָט זוכה געווען צו פאַרנעמען דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל. אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון דער וועלט פּאַסירט זעלטן, אַז אַ פרוי זאָל אָנפאַרטרויט ווערן דער אַמט פון אויסערן־מיניסטער. (אין רומעניע איז במשך אַ קורצער צייט געווען אויסערן־מיניסטער אַ פרוי — אַנאַ פּאַוקער).

* * *

איבער דרייסיק יאָר געפינט זיך גולדה מאירסאָן אין ישראל. אין משך פון דער צייט האָט זי זיך קונה שם געווען אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד אַלס מוטיקער מענטש און אַלס איבערגעגעבענע פירערן פון ישוב. אין ישראל זאָגט מען, אַז ווער ס׳האָט געהערט גולדהן ריידן איין מאָל, קומט זי הערן אַלע מאָל. נישט צוליב אירע אָראַטאָרישע עפעקטן קומט מען הערן גולדה מאירסאָן, נאָר צוליב איר האַרציקן טאָן פון ריידן, צוליב אירע ווערטער, וועלכע שטראָמען דירעקט פון איר האַרץ — דברים היוצאים מן הלב — און דערפאַר טאַקע זענען זיי נכנסים אל הלב. איינער פון גולדה מאירסאָנס ביאָגראַפן האָט געשריבן: „אַז עמעצער האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער הערט אַ רעדע פון גולדהן, דוכט זיך אים אויס, אַז ער הערט אַ קאָנצערט פון אַ פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער".

* * *

נישט לייכט איז געווען גולדהס וועג צום אַמט פון אויסערן־מיניסטער פון ישראל. ס׳איז געווען אַ שווערער וועג. דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן פון האָדעווען עופות אין קיבוץ מרחביה, שפּעטער אַלס באַאַמטן אין תל־אביב אין אַ מוסד פאַר עפנטלעכע אַרבעטן, נאָך שפּעטער אַלס באַאַמטן פון „וועד הפּועל" פון דער „הסתדרות" און נאָכער אין דער אַרבעט אויף פאַרשיידענע שליחותן, סיי פון וועד הפּועל פון דער „הסתדרות" און סיי פון פּרויען־אַרבעטער־ראַט ביי דער „הסתדרות". אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן צו העלפן אָרגאַניזירן אין אַמעריקע די פּיאָנערן פּרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן נאָך „הדסה" צו דער צווייטער גרעסטער יידישער פּרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמע־ריקע. גולדה איז געפאָרן אין שליחותן פון בנק הפּועלים, האָט געהאָלפן פאַר־שפּרייטן אַקציעס פון דער געזעלשאַפט „נחשון", האָט אָנטיילגענומען אין דעם איינקויף פון די ערשטע שיפן פאַרן ישראלדיקן האַנדל־פלאָט. בהדרגה־דיק, דורך אַרבעט און פלייס, דורך גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט, האָט זי אָנגעהויבן שטייגן אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער פון דער ישראלדיקער אַר־בעטערשאַפט; זי איז דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון די אינסטאַנצן פון דער „הסתדרות", זי איז געוויילט געוואָרן אַלס רעפּרעזענטאַנט פון אַרבעטער־ציוניזם צו ציוניסטישע קאָנגרעסן, זי איז דעלעגירט געוואָרן אַלס מיטגליד פון די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, זי האָט אין אַ קריטישער צייט, ווען די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט האָט אַרעסטירט אַ צאָל מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און זיי פאַרשפּאַרט אין לאַט־רון, איבערגענומען דעם פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער סוכנות. מיט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל איז גולדהן אָנפאַרטרויט געוואָרן די מיסיע

צו ווערן דער ערשטער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד. זי האָט די ערשטע אין מאָסקווער קרעמל געלאָזט הערן דעם קלאַנג פון העברעיִשן וואָרט. זי איז שפּעטער געוואָרן אַרבעטס־מיניסטער אין ישראל, איז געווען דער הויפּט־דעלעגאַט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ישראל־דעלעגאַציע צו דער „אונ״, און איצט באַקליידט זי דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער פון ישראל.

מיר האָבן ווייט נישט אויסגעשעפּט די כראָנאָלאָגיע פון גולדה מאירס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַמטן, וואָס זי האָט פאַרנומען אַלס צענטראַלע פיגור אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישראל; נישט די כראָנאָלאָגיע פון אַמטן האָבן מיר געוואָלט אונטערשטרייכן. אונדזער כוונה איז אַרויסצובּרענגען דעם פאַקט פון דער שווערער און מיִפּולער אַרבעט, וואָס גולדה האָט אין משך פון אירע 33 יאָר לעבן אין ישראל געטאָן אויפן וועג צו איר דיפּלאָמאַטישער קאַריערע, וואָס זי האָט דערגרייכט מיטן איבערנעמען דעם אַמט אַלס אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל.

* * *

אַלע אַרבעטן זענען גולדהן נישט אָנגעקומען לייכט; מיט וויפל איבערלעבונג און סכנה איז געווען פאַרבונדן די רייזע קיין רבת־עמון, בכדי זיך צו באַגעגענען מיטן קעניג פון עבר־הירדן — עבדאללה. דאָס איז געווען פיר טעג איידער מדינת ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן, פיר טעג איידער עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון ענגלישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל. דעם 10טן מאַי פון 1948, בעת די לופט אין ישראל האָט געשמעקט מיט פּולווער, די אַראַבער האָבן זיך געגרייט אויפצוהייבן אַ קאַמף קעגן מדינת ישראל, מיטן צוועק זי צו פאַרניכטן גלייך אין טאָג פון איר אַנטשטיין. וויפל שווערע איבערלעבונגען האָט גולדה געהאַט אין רבת־עמון, ווען זי האָט געהערט די שווערע ווערטער פון קעניג עבדאללה, ווערטער, וועלכע זענען געפאַלן ווי שטיינער אויף איר האַרץ — אַז עבר־הירדן וועט נישט קענען זיין נייטראַל אין דער מלחמה פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער קעגן ישראל.

וויפל שווערע איבערלעבונגען האָט גולדה מאיר געהאַט בעת איר זיין אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין מאָסקווע, ווען עס זענען פאַרשפּאַרט און פאַרשטעלט געוואָרן אַלע וועגן פאַר די מאָסקווער ייִדן צו דעם הויז פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע; מיט וויפל ציטער האָט גולדה אָוועקגעשטעלט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס די מנורה מיט די שבתדיקע ליכט אין פענצטער פון דער אַמבאַסאַדע; ליכט, וואָס האָבן באַדאַרפט אָנזאָגן די סאָוועטישע ייִדן וועגן קיום פון מדינת ישראל, ליכט וואָס האָבן באַדאַרפט טראָגן מוט און האָפענונג צו די סאָוועטישע ייִדן — האָפענונג, אַז אויך פאַר זיי וועט קומען טאָג, ווען זיי

וועלן קענען פראַנק און פריי זיך מצרף זיין צו דער גרויסער שמחה פון ייִדישן פאָלק — די שמחה פון מלכות ישראל, האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די סאָוועטישע ייִדן וועלן קענען אומגעשטערט עולה זיין קיין ישראל און אָנטיילנעמען בידיהם אין דעם גרויסע אויפבוי־ווערק פון מדינת ישראל. וויפל צער און פּיין האָט גולדה מאיר באַדאַרפט איבערלעבן ווען זי האָט געזען, אַז די מושלים פון קרעמל האָבן אַלע וועגן פאַרשטעלט און פאַרשפּאַרט פאַר די סאָוועטישע ייִדן און זיי נישט צוגעלאָזט צו זען פון דער נאָענט דאָס ליכט פון ישראל.

* * *

שווער איז געווען גולדהס וועג ביז זי האָט דערגרייכט צו הויכע אַמטן אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישראל. נישט לייכט איז איר אָנ־געקומען דאָס אויספירן די אויפגאַבן, וועלכע די אַמטן האָבן אויף איר אַרויפ־געלייגט, אָבער תמיד און אַלעמאָל איז איר בייגעשטאַנען דער קאָלאָסאַלער מוט אירער, איר טיפער גלויבן אין נצח ישראל.

אַ לעבן פאַר ישראל

(ד״ר נחום גאָלדמאַן)

דער 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אויסגעוויילט ד״ר נחום גאָלדמאַן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ד״ר נחום גאָלדמאַן איז דער זעקסטער פּרעזידענט, זינט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1897.

דער ערשטער פּרעזידענט איז געווען ד״ר בנימין זאב הערצל ז״ל, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן צום אַמט פון פּרעזידענט אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז צום לעצטן אָטעם־צוג פון זיין לעבן כ׳ תמוז פון יאָר 1904.

נאָך דער פּטירה פון ד״ר הערצלען איז דוד וואָלפזאָן אויסגעוויילט געוואָרן אויף דעם זיבעטן קאָנגרעס אין באַזעל, אין אויגוסט 1905 און האָט דעם אַמט אָנגעהאַלטן ביז דעם צענטן קאָנגרעס, אין באַזעל, אין אויגוסט פון יאָר 1911.

דער דריטער פּרעזידענט איז געווען אָטאָ וואַרבורג ז״ל, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן אויף דעם צענטן קאָנגרעס אין 1911 און האָט דעם אַמט אָנגעהאַלטן ביז 1920.

דער פערטער פּרעזידענט איז געווען ד״ר חיים ווייצמאַן ז״ל, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן אויפן צוועלפטן קאָנגרעס אין קאַרלבאַד, אין סעפּטעמבער 1921 און האָט דעם אַמט אָנגעהאַלטן ביז 1931, ווען דער 17טער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר אין באַזעל, האָט אויסגעוויילט אַלס דעם פינפטן פּרעזידענט נחום סאָקאָלאָוו ז״ל.

אין יאָר 1935, אויף דעם 19טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין לוצערן, איז ווידער דערוויילט געוואָרן ד״ר חיים ווייצמאַן ז״ל, וועלכער האָט דעם אַמט אָנגעהאַלטן ביז דעם 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל אין דעצעמבער פון 1946. דער 22סטער קאָנגרעס האָט דאַן קיין פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע נישט אויסגעוויילט.

אין משך פון די לעצטע צען יאָר, אַלזאָ, האָט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע נישט געהאַט קיין פּרעזידענט, עס איז נאָר געווען אַ פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע, שפּעטער צוויי פאָרזיצערס — איינער אין ירושלים און

איינער אין ניו יאָרק. ערשט אויפן 24סטן קאָנגרעס אין ירושלים איז ווידער באַנייט געוואָרן דער אַמט פון פּרעזידענט און ד״ר נחום גאָלדמאַן — דער ביז איצטיקער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ניו יאָרק — איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָר־גאַניזאַציע.

ווען מען גיט אַ בליק אויף צוריק און מען דערמאָנט זיך אין די גע־שטאַלטן פון די געוועזענע פּרעזידענטן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַווע־גונג; אָנהייבנדיק מיט דעם וויזיאָנער און מאָדערנעם נביא, ד״ר הערצל, דאַן דעם קלוגן און פּראַקטישן דוד וואָלפזאָן, דעם גרויסן מומחה פון נאַטור־וויסנ־שאַפט — דער אַריסטאָקראַט פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג, דעם עילוי און תלמיד־חכם אין לימודי קודש און אין לימודי־חול — נחום סאָקאָלאָוו, און דעם גרויסן וויסנשאַפטסמאַן און פאָלקסטימלעכן פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן, זעט מען, אַז ד״ר נחום גאָלדמאַן איז ראוי לאותה אצטלא.

ווייל ד״ר גאָלדמאַן געהערט צו די מנהיגים אין ייִדישן לעבן, וועלכע האַלטן זיך נישט ביים דאָגמאַטישן פּרינציפּ פון קוצו של יוד. אים אינטערע־סירט דער צוועק און נישט די פראַגע. ער געהערט צו די רעאַל־פּאָליטיקער און אין זיינע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לייסטונגען ווענדט ער אָן אַלע ביי־טיקע מיטלען, בכדי צו דערגרייכן אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט אין זיין אַרבעט.

ד״ר גאָלדמאַן קאָמפּליצירט נישט קיין פראַגן, ער מאַכט זיי נישט שווע־רער. אין זיין לאַנגיאָריקער אַרבעט האָט ער זיך תמיד באַמיט אָפּצושאַפן שטרייטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו געפינען תמיד דאָס געמיינזאַמע, דאָס סינטעטישע און נישט דאָס קאָמפּליצירטע און צעשפּליטערנדיקע.

אַזוי ווי חיים ווייצמאַן ע״ה, אַזוי יבדיל לחיים, איז ד״ר נחום גאָלדמאַן באַשאָנקען מיט אַ גרויס ייִדיש האַרץ פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום און מיט דעם מערב־אייראָפּעישן אַרט־דענקען. נישט אומזיסט ווערט נחום גאָלדמאַן באַטראַכט אין ייִדישן לעבן אַלס דער יורש פון חיים ווייצמאַן ע״ה; סיי אַלס ציוניסטישער מנהיג, וועלכער גייט אין די פוסטריט פון די פריערדיקע ציו־ניסטישע פּרעזידענטן, אָנהייבנדיק פון ד״ר הערצל ז״ל און סיי אַלס שטאַטס־מאַן, וועלכער איז באַשאָנקען מיטן גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט צו דערבליקן סיטואַציעס פון פּאָליטישן כאַראַקטער אין צייט און זיי צו באַגרייפן מיט דערפאַרענעם פּאָליטישן שכל. צו דעם העלפט נאָך צו זיין חן, וואָס ווירקט און באַצויבערט שטאַטסמענער, ווען ער קומט מיט זיי אין קאָנטאַקט. ער געהערט צו די ווייניקע ייִדישע פירער, וועלכע קומען אָפט אין קאָנטאַקט מיט דיפּלאָמאַטן, מלוכה־מענער און פּאָליטיקער פון דער וועלט און מיט אַלעמען פילט ער זיך אין דער היים, היימיש, „כי כמוכדיק״, ווי אַ גלייכער מיט גליי־

כע, ווי אַ שטאַטסמאַן, וועלכער רעדט קלאָרע און אָפענע דיבורים, וועלכער באַהאַנדלט פּאָליטישע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אויף דער וועלט און שטעלט די פּראָבלעמען אַוועק כהויתן, אַזוי ווי זיי זענען, נישט איינגעהילט אין קיין ספּעציעלן שלייער. ד״ר גאָלדמאַן פאַרמאָגט די שפּראַך צו פאָרמולירן ענינים קורץ און שאַרף, תמיד צום פּונקט, פאַרשטענדלעך און נישט צווייי־דייטיק. ער טרעפט תמיד אין פינטל פון ענין, נישט פאַרזאַמענדיק קיינמאָל אַרייַנצוגעבן אין די אותיות פון פּאָליטישן אלף־בית דעם דגש־חזק און ווו נייטיק דעם דגש־קל.

ד״ר נחום גאָלדמאַן איז באַשאָנקען מיט אַ געבענטשטן אַרט דענקען און מיט אַ זעלטענעם כוח הסברה. ער ברענגט פאַר זיינע צוהערער תמיד די פאַר־וויקלטסטע פּראָבלעמען אין אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך. ער ווייסט ווי אַזוי צו סעגרעגירן פּראָבלעמען. יעדע האַרבע פראַגע צו באַלויכטן ווי עס געהערט צו זיין.

די תקופה פון ד״ר גאָלדמאַנס אַקטיווער טעטיקייט אין יידישן און ציוי־ניסטישן עפנטלעכן לעבן פאַר די לעצטע פערציק יאָר איז געווען די שווערסטע צייט פאַרן יידישן פאָלק איבער גאַר דער וועלט. עס איז די עפּאָכע פון צוויי טראַגישע וועלט־מלחמות, בעת יידיש לעבן איז אין פאַרשיידענע טיילן פון כדור הארץ פּאָליטיש פאַרפאָלגט געוואָרן, כסדרדיקע עקאָנאָמישע אומזיכער־קייט, פּערמאַנענטער פחד, דעפּרעסיע, פּאָגראָמען, רציחה, אכזריות, בלוט־פאַרגיסונגען, דלות און שפלות, בלוט און טרערן אַלס באַגלייטער אין אונ־דזער טאָגטעגלעכן לעבן. קיין שום אַנדער פאָלק אין דער וועלט האָט אויף אַזוי פיל נישט געליטן אין דער צייט, ווי מיר יידן. — די שווערסטע תקופה צו שטיין ביים רודער און אָנפירן מיט יידיש לעבן.

ביי די אומות העולם ווערן וויכטיקע מענטשן קלאַסיפיצירט לויט זייער פּאָליטישער און מיליטערישער באַגאַבונג. אַמוויכטיקסטן איז די מיליטערישע באַגאַבונג, — דער „על חרבך תחיה״ — אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבן. ביי אונדז יידן זענען מיר געווינט צו קלאַסיפיצירן אונדזערע גדולי הדור לויט דער מאָס פון תורה און חכמה, אידעאַלן און געניאַלע שעפערישקייט, שכל הישר און פליכטבאַוווסטזיין. אַלס עם הספר קומט ביי אונדז אויפן ערשטן פּלאַץ דער שרייבער און דענקער, דער חוקר און דורש, דער תלמיד־חכם פון עם חכם ונבון.

באַגאַבונג פון גרויסער שטאַטסמענישער וויזיע, פּאָליטישער שכל הישר און פאָלקס־אחריות, דערצו אומדערמידלעכקייט אין אַרבעט, שנעלע תפיסה, ברייטע אָריענטאַציע, גאַלאַנטע באַנעמונג, דיפּלאָמאַטישע קונסט, העכסטע אייראָפּעישע קולטור און שנעלע אַדאַפּטאַציע פון אַנדערע קולטורן, פיל

שפּראַכן־קענטעניש און גאַנץ באַזונדער חן, — זענען די הויפּט־אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אויסגעפורעמט די קאַלירפולע פּערזענלעכקייט פון ד״ר נחום גאָלדמאַן, דעם וועלט־ייִד און דעם פירער פאַר עקסעלאַנס פון וועלט־ייִדנטום.

ד״ר נחום גאָלדמאַן האָט געהערט אַלע יאָרן צו דער שטרעמונג אין ציוניזם, וואָס האָט געהאַלטן פון גלות־טעטיקייטן. פון דאַנען נעמט זיך זיין גרויסער אינטערעס אין דער אָרגאַניזירונג און אויפהאַלטונג פון דעם ייִדיש וועלט־קאָנגרעס, — די רעפּרעזענטאַנץ־קערפּערשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פראַגן און פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן איבער גאָר דער וועלט. אַלע כוחות פאַר בויען ארץ־ישראל, — די זעלבע כוחות און ענערגיעס דאַרפן אַרבעטן און טעטיק זיין, בכדי אויפצוהאַלטן אין נאַציאָנאַלן גייסט ייִדיש לעבן איבער גאָר דער וועלט. דאָס איז תמיד געווען דער דעוויז פון ד״ר גאָלדמאַן.

ווי נאָר עס זענען באַדראָט געוואָרן די פּאָליטישע רעכט פון ייִדן האָט ד״ר גאָלדמאַן געזען די סכנה פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט. נישטאָ קיין אָפּגעזונדערטקייט אין ייִדישן לעבן, נישטאָ קיין איזאָלאַציע, נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אומזיכערקייט אין איין פּלאַץ און פולע זיכערקייט אין אַ צווייטן פּלאַץ. ייִדיש פאָלק בילדעט איין לעבנס־אָרגאַניזם און, אַז מען באַקומט אַ קלאַפּ אין איין טייל פון קערפּער צעווייטיקט זיך דער גאַנצער אָרגאַניזם. אויף דער גרינדונג־קאָנפערענץ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין גענף אין יאָר 1936, האָט ד״ר גאָלדמאַן אין זיין אַנאַליז איבער דער לאַגע פון וועלט־ייִדנטום פּאָלגנדיקס דערקלערט: „ווי די ייִדישע רעכט פון ייִדן ווערן באַדראָט דאַרפן מיר זיך נישט נאָר פאַרנעמען מיט אַ רעגיאָנאַלער ייִדישער פראַגע, נאָר מיט דעם אַלגעמיינעם וועלטלעכן ייִדישן פּראָבלעם. די באַרויבונג פון די רעכט פון ייִדן אין איין לאַנד מיינט די באַרויבונג פון די ייִדישע רעכט אומעטום״.

דערפאַר האָט קיינמאָל ד״ר גאָלדמאַן נישט געזען קיין ווידערשפּרוך אין דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל מיט דער פּראַקטישער גלות־טעטיקייט. איין ייִדישע וועלט מיט ארץ־ישראל אין צענטער איז תמיד געווען גאָלדמאַנס אני מאמין, וואָס ער האָט פּראָפּאַגירט צווישן די ברייטסטע שיכטן פון ייִדישן פאָלק אין אַלע וועלט־עקן.

ד״ר גאָלדמאַן געהערט צו די געציילטסטע פענאָמענען אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין משך פון די לעצטע 40 יאָר. ווער עס האָט געהאַט די זכיה פון דער נאָענט צו באַאָבאַכטן זיין דערשיינען אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, אָדער אויף אַנדערע ייִדישע וועלט־צוזאַמענפאָרן און זען זיין געשיקטקייט ביים לייזן די פאַרוויקלטסטע קאָמפּליצירטסטע פראַגן, הערן אים ענטפערן אויף וויכוחים, באַרויקן אַ צעשטורעמטן עולם דעלעגאַטן, שטילן

צאָרן, צוימען אויפרעגונג, איינגעמען די געמיטער, באַרויִקן, פּאַרטייטשן און אויסטייטשן פּראָבלעמען, גיבן תשובות אויף שאלות, וויפל טאַקט, וויפל חכמה, וויפל געשיקטקייט עס באַגלייט אים אין דער דאָזיקער שווערער טאַט. דוכט זיך, אַז ס׳איז אַן אומפאַרמיידלעכער קריזיס, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג, קיין עצה, אָבער גאָלדמאַן שלעפּט אַרויס פון אַלע קריזיסן, קריגט די פּאַסנדיקע פאָרמולירונג פאַר אַ רעזאָלוציע און ווידער איז שלום על ישׂ־ראל. דאָס זעלבע פּאַסירט אויף פּרעסע־קאָנפערענצן, מיט ייִדישע און נישט־ייִדישע צייטונג־פאַרטרעטער. פּיפּיקע צייטונג־מענטשן שטעלן קשיות, פרעגן שאלות און ד״ר גאָלדמאַן ענטפערט; פיל עלאָקווענץ, פיל שכל איז תמיד פאַראַן אין זיינע תשובות, אַפילו נישט באַפרידיקטע צייטונג־מענטשן פילן זיך אָבער צופרידן פון דער פּערזענלעכקייט, פון דער גרויסער חכמה, וואָס גאָלדמאַן באַזיצט.

ד״ר גאָלדמאַן איז באַקאַנט אַלס דער מייסטער פון דער סיטואַציע. ער איז דער שעפער פון אַ סיטואַציע. ער קען דורכפאַלן מיט זיין פּאָליטיק, אָבער קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ פּאָליטישער פּאַסטקע. ער איז בכוח צו באַ־הערשן אַ מצב, איבעראַנדערשן אַ שטימונג, שאַפן אַן אַנדער אַטמאָספער. ער האָט תמיד וואָס צו זאָגן דעם עולם, ברענגען אַ ניי וואָרט, אַריינטראָגן אַ נייעם געדאַנק, אַנאַליזירן אַ סיטואַציע, אַרויסברענגענדיק די קלענסטע דע־טאַלן און אויפן סמך פון דעם אויפבויען אַ בנין.

באַלאָדן מיט ייִדישן און וועלטלעכן וויסן, אַ בקי און אַ חריף, אויסגע־בונדן אין די אַלע שיטות פון דער וועלט־פילאָזאָפיע, באַקאַנט מיט אַלע טיפן דיפּלאָמאַטישע שולעס אין דער וועלט־פּאָליטיק, טיף פאַרוואָרצלט אין דער אַלטער און מאָדערנער ייִדישער קולטור, טראָגט ער אַ גרויסן באַגאַזש פון למודי קודש און למודי חול. דער גרויסער באַגאַזש פון וויסן איז נישט חלילה קיין באַלאַסט פאַר ד״ר גאָלדמאַן. ווי אַ געניטער קינסטלער ווייסט ווי אַזוי צו אָפּערירן מיט די פאַרשיידענע פאַרבן און פאַרשיידענע פּענדזלען, בכדי אַרויסצוברענגען אויפן לייוונט דאָס העכסטע פון דער קונסט, אַזוי ווייסט ד״ר גאָלדמאַן ווי אַזוי און ביי וועלכער געלעגנהייט זיך צו באַנוצן מיט זיין גרויסן שלל פון וויסן, חכמה און אינטעליגענץ.

אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי ביי די אומות־העולם און דאָס זעלבע ביי אונדז ייִדן, ווערן מנהיגים געמאָסטן נישט לויט זייער פּערזענלעכ־קייט, נאָר דורך זייערע דערגרייכונגען פאַר די צוועקן, פאַר וועלכע זיי זענען טעטיק. בעת מען רעדט וועגן ד״ר נחום גאָלדמאַן מוז מען אָבער תמיד אָנ־הייבן פון זיין פּערזענלעכקייט, ווייל נאָר אַדאַנק זיין פּערזענלעכקייט איז אים געלונגען אין זיינע לייסטונגען פאַר ציוניזם און אין אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן

צו פאַרצייכענען זייער וויכטיקע אַקטיוון פון דערגרייכונגען. זיין פּערזענ־לעכקייט האָט ער געשטעלט אין רשות פון פאָלק, פאַר וועמען ער איז טעטיק מיט אַזוי פיל אומבאַגרענעצטער געטריישאַפט און ליבע.

פּראָפעסאָר חיים וויצמאַן ע״ה האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז געגאַנגען צו לאָרד באַלפור ריידן נישט ווי אַ דיפּלאָמאַט, נאָר ווי אַ קינד פון פאָלק, וואָס טענהט זיך אויס וועגן די פראַגן פון זיין פאָלק. נחום גאָלדמאַן, אין זיינע געשפּרעכן מיט מלוכה־מענער, וועגן די קריוודעס פון פאָלק ישראל, וועגן די לויערנדיקע סכנות אויף מדינת ישראל, — רעדט ווי אַ קינד פון אַ געקריוודעט און פאַרפאָלגט פאָלק. די ווערטער שטראָמען פון טיף־פילנדיקע יידישע ליידן, ווי עס פילט די ליידן און ווייטיקן פון זיין פאָלק אַ געטריי און איבערגעגעבן קינד. די פאָרמולירונג פון די פּראָבלעמען, דאָס איינראַמען די פראַגן איז ביי נחום גאָלדמאַן, אַזוי ווי ביי חיים וויצמאַן ז״ל, געפּאַסט אין אותיות פון פּאָליטישן אלף־בית, מיט וועלכן עס באַנוצט זיך אַ דערפאַרענער פּאָליטיקער און שטאַטסמאַן.

* * *

נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, נאָך אומצייליקע זיצונגען און באַראַטונ־גען, נאָך פילצאָליקע געשפּרעכן מיט מענטשן, אַביסל אויסגעמאַטערט און דערשעפּט, געפינט ד״ר נחום גאָלדמאַן זיין אָפּרו אויף אַ קאָנצערט. די קלאַנ־גען פון מוזיק ווירקן אויף אים ווי דער בעסטער מיטל אויף אנטשפּאַנונג און אָפּרו.

ד״ר גאָלדמאַנס באַליבטער קאָמפּאָזיטאָר איז יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך, און ביי די מוזיק־אַקאָרדן פון באַכס קאַנטאַטאַס, פּרעלודיעס און פוגעס, אָדער ביי באַכס „בראַנדענבורגער קאָנצערטן״ — רוט ער זיך אָפּ פון אַ שווערן און לאַנגן טאָג אַרבעט.

מקורבים פון ד״ר נחום גאָלדמאַן, וועלכע זענען עקספּערטן אין מוזיק פּרוּוון צו געפינען אַ טייטש פאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבן באַכן פאַר זיין ליבלינג־קאָמפּאָזיטאָר. זיי זאָגן אַז ד״ר גאָלדמאַן, פּונקט ווי באַך, איז דער אָנזאָגער פון אַ שענערער וועלט, פון אַ האַרמאָנישער וועלט, אַ וועלט וואָס קימערט זיך וועגן מענטש. אַ וועלט וווּ ליבע צו מענטש איז דער עיקר.

אַזוי ווי באַך אין דער מוזיק, וועלכער ברענגט אַרויס די טראַגישע קעגנ־זאַצן, וועלכע גייען דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אין די דורות פון דער מענטש־לעכער געשיכטע און פירט אַרויס אין זיינע קאָמפּאָזיציעס די אידייע פון אוניווערסאַליזם, דעם אַלמענטשלעכן געדאַנק, — דעם והיה באחרית הימים, אַזוי איז ד״ר נחום גאָלדמאַן אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט דער אידייען־טרעגער פון אוניווערסאַליזם, דער ליבהאָבער און גלייבער אין

מענטש, דער אומדערמידלעכער עסקן פאַר דער האַרמאָניע צווישן מענטשן און צווישן פעלקער און פאַר דער גליקלעכער צוקונפט פון דער מענטשהייט!

ד״ר גאָלדמאַנס טעטיקייט פאַר דער מענטשהייט קומט ראשית־כל צום אויסדרוק אין זיין פאַרצווייגטער אַרבעט לטובת ציוניזם, מדינת ישראל און יידישן פאָלק בכל קצוי תבל. די האַרמאָניע צווישן פעלקער, דעם אחרית הימים אין דער מענטשהייט זעט ד״ר גאָלדמאַן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידיי אין די רייען פון זיין אייגן פאָלק, וואָרים ער גלייבט אין דער גייסטיקער שליחות פון יידישן פאָלק, מיט ישראל בראש פאַר די פעלקער פון דער וועלט!

אַזוי ווי באַכס צענטראַלע אידייע אין דער מוזיק איז געווען צו שאַפן די האַרמאָניע, דעם צוזאַמענקלאַנג פון די פאַרשיידענע קעגנזעצלעכע מאָטיוון, אַזוי אַז קיינער פון די מאָטיוון זאָל אין דעם צוזאַמענקלאַנג פון דעם אָר־קעסטער נישט פאַרלירן זיין אייגענעם ווערט, — אַזוי וויל ד״ר גאָלדמאַן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ראשית־כל אין די רייען פון זיין אייגן פאָלק, שאַפן דעם צוזאַמענקלאַנג פון אַלע מאָטיוון אין איין האַרמאָנישן אָרקעסטער, וואָס זאָל דערביי פאַרזיכערן, אַז אין פּראָצעס פון צוזאַמענקלינגען זאָל נישט פאַר־לוירן גיין דער ווערט פון די באַזונדערע לייט־מאָטיוון פון די גרופּן אין דער געזעלשאַפט, וועלכע באַדאַרפן צוזאַמענשטעלן דעם אָרקעסטער.

ד״ר גאָלדמאַנס גרונט־אידייע, זיין אידעאָלאָגישער לייט־מאָטיוו אינעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן איז צו געפינען אין דעם בין־השמשות, אין וועלכן די היינטיקע וועלט געפינט זיך, דעם צוזאַמענקלאַנג פון די פאַרשיי־דענע אידייאישע שטרעמונגען, קודם־כל אין יידישן פאָלק און צו שאַפן דעם געמיינזאַמען אינסטרומענט פאַרן האַרמאָנישן אָרקעסטער פון יידיש־געזעל־שאַפטלעכן לעבן אויף דער וועלט, וואָס זאָל באַוווסטזיניק, מיט דער פולער מי און אָנשטרענגונג אַרבעטן פאַר אונדזער צוקונפט און דורך דעם אויך פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

* * *

איבער פערציק יאָר איז ד״ר גאָלדמאַן אַקטיוו אין דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. ער ווערט פאַררעכנט פאַרן אַמבאַסאַדאָר פון ציוניזם און פון מדינת ישראל צום יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, און אַלס דער אַמבאַסאַדאָר פון ציוניזם און פון יידישן פאָלק צו מדינת יש־ראל. ד״ר גאָלדמאַן איז דער אָנערקענטער פאָנענטרעגער פון דער אידייע פון ציוניזם און פון יידישן היימלאַנד, וואָס איז נעכטן נאָך געווען אַ חלום און איז אין אונדזערע טעג געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. אין משך פון די איבער

פערציק יאָר אַרבעט לטובת ציוניזם און אַנדערע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע קערפּערשאַפטן אין דעם ייִדישן לעבן אויף דער וועלט, האָט ד״ר גאָלדמאַן באַוויזן אויסצומייסטרעווען אויף אַ ממש גענישן אופן פאַרשיידענע קאָמפּראָמיסן אין די פאַרשיידענע שטרייטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט באַוויזן צו דערגרייכן אין זייער פיל פאַלן פולע האַרמאָניע צווישן פאַרשיידענע גרופּעס און קערפּערשאַפטן, דאַן ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די שטרייטן וועלן קיינמאָל, קיינמאָל נישט דערמעגלעכן קיין געמיינזאַמע צוזאַמענאַרבעט לטובת אַ קאָנסטרוקטיוון ציל פאַרן ייִדישן פאָלק און פאַר מדינת ישראל.

ווי ווייט ד״ר גאָלדמאַנס עקשנות צו באַשאַפן די האַרמאָניע און צוזאַמענאַרבעט אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן גרייכט, קען דינען איינער פון די פילע פאַקטן: זיין אַרבעט ביים צוזאַמענשטעלן דעם קאָמיטעט פון ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס פאַר דער שילומים־קאָנפערענץ, ווי אויך דאָס אָרגאַניזירן דעם פּרעזידענטן־קלוב פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. אין דיביידע קערפּערשאַפטן קומט צום אויסדרוק די צוזאַמענאַרבעט פון אַ גרויסער צאָל ייִדישע אָרגאַניזאַציעס לטובת קאָנסטרוקטיווע צוועקן פאַר מדינת ישראל און פאַר ייִדיש לעבן אויף דער וועלט. אין די דערמאָנטע קערפּערשאַפטן קומט צום אויסדרוק די באַשאַפענע האַרמאָניע. דער צוזאַמענקלאַנג פון די פאַרשיידענע מאָטיוון פון יעדער אָרגאַניזאַציע באַזונדער, אַזוי, אַז קיינער פון די מאָטיוון ווערט אין דעם צוזאַמענקלאַנג נישט פאַרלוירן.

ד״ר גאָלדמאַן איז באַקאַנט אַלס גלענצנדיקער פּאָליטיקער און פּאָליטישער טאַקטיקער. ער איז אַ גאָר גרויסער חסיד פון פירן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט מענטשן. ביי אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען צייכנט ער זיך תמיד אויס מיט זיין חן און צויבער. ער איז משפיע מענטשן. ער געווינט זייער צוטרוי. זיין רעטאָריק, זיין עלאָקווענץ, זיין כוח הסברה איז אַזוי שטאַרק, אַז ער באַצויבערט ממש זיינע צוהערער און דורך דעם גרייכט ער מיט זיין איינפלוס צו גרויסע מאַסן.

ד״ר נחום גאָלדמאַן האָט געלערנט יוריספּרודענץ און פילאָזאָפיע. ער האָט באַקומען דאָקטאָר־דיפּלאָמען אין די דערמאָנטע וויסנשאַפטן. די קענטעניש אין די געביטן פון יורי און פילאָזאָפיע דינען אים ווי אינסטרומענטן אין זיין אַרבעט אויף אַלע שטחים פון אַלגעמיין־ייִדישן און ציוניסטישן לעבן. און ווען ער ווערט מיד פון די יורידישע און פילאָזאָפישע פאָרמולעס, פון די שווערע שטרייטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, — געפינט ער זיין אָפּרו ביי מוזיק, ביי וועמענס קלאַנגען ער פרישט זיך אָפּ און איז ווידער גרייט פאַר

גרויסע פאַרמעסטן לטובת דעם ייִדישן פאָלק אויפן כדור־הארץ און לטובת מדינת ישראל, איז ווידער גרייט פאַר אַ שווערן און לאַנגן אַרבעט־טאָג!

אין ציוניזם ווי אין דעם אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן איז ד״ר גאָלדמאַן דער אומדערמידלעכער מורה־דרך פאַר האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט פון די פאַרשיידענע פאַרטייען און גרופּעס לטובת איין געמיינזאַמען ציל און דער ציל איז: די פאַרזיכערטע צוקונפט פון אַ פאַרפעסטיקטער און אויסגעבויטער מדינת ישראל און די געזיכערטע צוקונפט פון ייִדישן פאָלק!

* * *

אין פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן איז ד״ר גאָלדמאַן באַקאַנט אַלס דער קאָמפּראָמיסלער, אַלס אַ בעל־פשרה, אַלס נישט קיין איינגעשפּאַרטער אויף קיין קוצו של יוד, ער קריגט זיך נישט צוליב אַ פּסוק אין אַ רעזאָלוציע. די באַצייכענונג איז אין אַ געוויסן זין ריכטיק. ד״ר גאָלדמאַן איז אַ בעל־פשרה, אָבער מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז מיט פשרה באַנוצט ער זיך נאָר אין דער מעטאָדיק, אָבער נישט אין דער עצם־זאַך. פאַר דער עצם־אידייע איז ער אַ גרויסער עקשן און ווייט, ווייט נישט קיין בעל־פשרה. אויף וויפל ד״ר גאָלדמאַן באַנוצט זיך אין זיין אַרבעט מיט פשרה, איז עס צוליב זיין טיף דורכגעדרונגענער עקשנות פאַר דער אידייע, פאַרן דערגרייכן דעם ציל פון דער אידייע. מען קען ביי ד״ר גאָלדמאַנען פועלן אויפצוגעבן איין מעטאָד און אַנצוווענדן אַן אַנדערן. מען וועט אָבער קיינמאָל ביי אים נישט פועלן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן אָדער אויפגעבן די עצם־אידייע. ד״ר גאָלדמאַן זעט תמיד דעם צוועק פון דער אידייע און נישט די דאָגמאַטיק. ציוניזם, למשל, האָט פאַר זיך געוויסע צילן צו דערגרייכן; איינער פון די צילן איז געווען: די דערגרייכונג פון מדינת ישראל. אָבער מיט דעם האָט נאָך ציוניזם נישט פאַרווירקלעכט אַלע צילן אין דעם ייִדישן לעבן. ציוניזם באַדאַרף העלפן אויפבויען און פאַרפעסטיקן מדינת ישראל. ציוניזם דאַרף פאַראַנקערן דעם נאַציאָנאַלן גייסט אין דעם ייִדישן לעבן. ציוניזם דאַרף זיין דער פאַנצער קעגן אַסימילאַציע. קען מען מיט ד״ר גאָלדמאַן פאַרהאַנדלען וועגן דער מעטאָדיק, וועגן די וועגן ווי אַזוי די דערמאָנטע צילן צו דערגרייכן. ביי אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען מיט ד״ר גאָלדמאַנען איז מעגלעך צו דערגרייכן עפּעס אַ פשרה. אָבער מען וועט ביי אים באַין אופן נישט קענען פועלן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם עצם געדאַנק. ער וועט נישט קאַרגן קיין מי און אָנשטרענגונגען, בכדי מיט פולער עקשנות צו דערגרייכן דעם צוועק פון דער אידייע. פאַר דער אידייע איז ער דער גרעסטער עקשן.

גלייך נאָך דער סטאַבילירונג פון מדינת ישראל זענען אויף דער ייִדישער

גאַס און אויך צווישן מאַנכע ציוניסטישע קרייזן אַנטשטאַנען מחשבות, אַז ציוניזם איז מער נישט נייטיק אין יידישן לעבן. כאָטש ליקווידיר די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. דאָ האָט זיך ד״ר נחום גאָלדמאַן אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן עקשן, וועלכער האָט געקעמפט קעגן יעדן פאַרזוך אָפּצושאַפן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און צו מינימיזירן איר וויכטיקע ראָל אין יידישן לעבן. ער איז אויפגעטראָטן אויף צענדליקער און הונדערטער פאַרזאַמלונגען, האָט געשריבן אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט באַלויכטן און באַגרינדעט די צוועקמעסיקייט פון דער עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, פון איר גרויסער ראָל, וואָס זי האָט צו דערפילן אין יידישן לעבן און דערמיט אַראָפּגענומען פון סדר־היום דעם וויכוח וועגן יאָ אָדער נישט ציוניזם.

בנוגע איינפירן געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון ציוניזם, בנוגע פראַגן פון אויסברייטערן די ציוניסטישע ראַם, קען מען ביי ד״ר גאָלדמאַנען פועלן אַ פשרה, אָבער מען וועט פאַר קיין פאַל ביי אים נישט פועלן אויפצוגעבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דאָ איז ער פעסט ביי זיין מיינונג.

ווי באַקאַנט איז ד״ר נחום גאָלדמאַן דער אַרכיטעקט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועמענס ציל עס איז געווען און איז פאַרבליבן צו ווערן די רעפּרעזענטאַנץ פון וועלט־יידנטום. אויך בנוגע דער קערפּערשאַפט זעט ד״ר גאָלדמאַן דעם ציל פון דער אידייע און נישט די דאָגמאַטיק. היות דער צוועק פון וועלט־קאָנגרעס איז צו ווערן די יידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ, איז דאָך די אידייע די וועלט־רעפּרעזענטאַנץ. און אויב עס זענען פאַראַן וועלכע ס׳איז שוועריקייטן אויף דעם וועג פון דערגרייכן דעם ציל, קען מען מיט ד״ר גאָלדמאַנען פאַרהאַנדלען וועגן דער מעטאָדיק, וועגן אָנווענדן דעם אָדער אַן אַנדער וועג, בכדי צו קומען צום ציל — צו יידישער וועלט־רעפּרעזענטאַנץ. צוליב דער דערגרייכונג פון ציל קען מען ביי ד״ר גאָלדמאַנען פועלן איינצוגיין אויף אַ געוויסער פשרה, אָפּטמאָל וועט ער אַליין אויסמייסטרעווען אַ פשרה. ער בלייבט אָבער שטענדיק געטריי זיין ציל. אין דעם פאַל איז ער עקשנותדיק און אומקאָמפּראָמיסלעך.

אַ מאַמע אין ציוניזם

(ראָוז האַלפּערן)

פרויען שפּילן אַ ראָלע אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן זינט דעם בראשית פון אונדזער געשיכטע. צוזאַמען מיט אונדזערע אבות, מיט אברהם, יצחק און יעקב, גייען מיט די צאַרטע פרויען־געשטאַלטן פון אונדזערע מו־טערס, פון שרה, רבקה, רחל און לאה. צוזאַמען מיט אונדזערע אבות. זענען אונדזערע מוטערס די בויערנס און אויספורעמערנס פון פאָלק.

אָנהייבנדיק פון די נביאים, פון די, וואָס האָבן מיט זייערע רייד געשאַפן און געבויט דאָס ייִדישע פאָלק, האָט די פרוי געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. צו דער גרופּע פון 55 נביאים, האָבן פרויען צוגעטראָגן די צאָל פון זיבן נביאה־טעס. דאָס זאָל באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז פון סאַמע אָנהייב פון אונדזער קיום אַלס פאָלק, ווי גיך נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די גייסטיקע מענטשן אין פאָלק, האָט די פרוי גלייך פאַרנומען איר פּלאַץ צווישן די גייסטיקע ריזן.

אויך אין דער מאָדערנער נביאישער באַוועגונג, אין ציוניזם, האָט די פרוי פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ און געגעבן אַ וויכטיקןביישטייער אין דער שווערער אַרבעט און מי צו רעאַליזירן די ציוניסטישע וויזיע.

הענריעטאַ סאָלד איז געווען באַקאַנט אַלס די מאַמע אין ציון. גולדה מאיר איז ביי זייער פיל, גאַנץ באַזונדער ביי אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן אין ישראל באַקאַנט אַלס די מאַמע אין ישראל. אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג איז פרוי ראָוז האַלפּערן היינט צו טאָג באַקאַנט אַלס די מאַמע אין ציוניזם.

> ווען פירער פירן אין ישראל
> און ס׳פאָלק גייט פרייוויליק —
> לויבט גאָט!

האָט געזונגען דבורה די נביאה.

> ווען ס׳פירן פירער מיט ישראל
> פאַרגעסט נישט, אַז די קרוין צו
> מלכות - ישראל האָט געטראָגן דער
> ציוניזם!

דאָס זענען די ווערטער פון ראָוז האַלפּערן!

פ נ ח ס   ש ט י י נ װ אַ ק ס

מײַן האַרץ — מיט די פירער פון ישראל
און מיט די פון פאָלק, וואָס גייען פרייוויליק —
לויבט גאָט!

האָט געזונגען דבורה הנביאה!

ראָוז האַלפּערנס האַרץ איז מיט די פירער פון ישראל און מיט די פירער פון פאָלק, וועמען ציוניזם האָט אויסדערוויילט צו גלאָריפיצירן און צו פאַרהייליקן די גרויסקייט פון ישראל!

איבער דריי צענדליק יאָר שטייט ראָוז האַלפּערן אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פריִער אַלס פּירערן פון דער ציוניסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה", און אין לעצטן יאָרצענדליק שטייט זי אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, באַקליידנדיק דעם וויכטיקן אַמט פון פאָרזיצערן פון דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון דער ייִדישער אַגענץ.

* * *

פרוי ראָוז האַלפּערן איז געבוירן אין אַמעריקע, שטאַמט פון אַ ציוניסטישער משפחה. ביי טאַטע־מאַמע אין הויז האָט זי איינגעזאַפּט ייִדישקייט און השכלה. שוין צו 14 יאָר איז זי געוואָרן אַ לערערן פון העברעיִש אין אַ שולע פון ייִדישן דערציִונג־פאַרבאַנד פון דער ניו־יאָרקער „איסט סאַיד". פון דער פריִסטער יוגנט האָט ראָוז האַלפּערן, דאַן נאָך ראָוז לוריִע, אַרויסגעוויזן ביי־גונגען פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַלס אַ יונגע שילערן איז זי אויסגעקליבן געוואָרן צום אַמט פון פּרעזידענטן פון דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע פון דער שולע.

די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון ראָוז האַלפּערן ווערט באַגלייט מיט אַן אייגנאַרטיקן חן, וואָס איז אַ גרויסע סגולה צו הצלחה אין כלל־אַרבעט.

* * *

געפיל, שכל און חן איז דער טיגעל, וואָס האָט געשטאַלטעט די פּערזענלעכקייט פון פרוי ראָוז האַלפּערן. שווער צו אַנטשיידן וועלכע פון אָט די דאָזיקע עלעמענטן עס איז שטאַרקער. קיינער באַמערקט גאָר נישט דעם ויתרוצצו; אויב אַזעלכער שפּילט זיך אָפּ צווישן מוח און האַרץ ביי ראָוז האַלפּערן. איינס איז אָבער קלאָר: חן איז דער וועכטער, סיי פאַר געפיל און סיי פאַר שכל; אירע געפילן זענען מיט חן באַצירט, און איר שכל איז פּקחותדיק מיט חן באַגלייט.

די וואָס פאָלגן נאָך ראָוז האַלפּערן אין איר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט,

ווי זי נעמט אויף מענטשן ביי איר שרייב־טיש, ווען זי פירט אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער ייִדישער אַגענץ, ווען זי טרעט אויף פאַר אַן עולם און קלערט אויף איר שטעלונג צו געוויסע פראַגן, אָדער ווען זי רעדט פאַר אַ גרופּע פון צייטונגס־מענטשן, נישט בכדי צו באַקומען „פּובליסיטי״, נאָר פּשוט צו דערציילן, צו אינפאָרמירן וועגן ענינים, וועגן וועלכע מען דאַרף אַמאָל נ י ש ט שרייבן, — די באַמערקן גאַנץ אָפט ווי סיי איר געפיל און סיי איר שכל זענען איינגעראַמט אין דעם צויבער פון חן, וואָס האַלט איר פאַרפּאַנצערט קעגן יעדן מכשול!

ראָוז האַלפּערנס דערשיינען פאַר מענטשן, צי דאָס איז פאַר אַ קליינער גרופּע, אָדער פאַר אַ גרעסערן עולם, דערוועקט צו זיך רעספּעקט און קאָנצענטרירט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

אירע רייד זענען נישט קיין לויב־לידער פאַר קיינעם און אויך נישט קיין שטראָף־רייד צו קיינעם, נאָר ווערטער פון אויפקלערונג, פון רעאַל אויסדריקן געדאַנקען, פון קוקן אויף געשעענישן און פּאַסירונגען מיט אַ ניכטערנעם בליק און זיי געבן דעם ריכטיקן פּירוש. אָפטמאָל איז דער פּאַרטייטש דורכגעדרונגען מיט אַ סך מוט. צוליב איר קוראַזש איז שטאַרק געוואַקסן איר פּאָזיציע און איינפלוס אין ציוניזם און אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל, וווּ זי האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון אָנפירערשאַפט.

* * *

זייער פיל צייט און מי ווידמעט ראָוז האַלפּערן דער פּראָבלעם פון איינשטעלן גוטע באַציִונגען צווישן מדינת ישראל מיט די תפוצות ישראל. טאָמער רייסט זיך אַריין פון צייט צו צייט עפּעס אַ ניצוץ פון דיסהאַרמאָניע, לעבט זי דאָס שטאַרק איבער. זי באַנוגנט זיך אָבער נישט בלויז מיט איבערלעבונג, זי פאַרמאָגט גענוג קוראַזש אַרויסצוזאָגן עפנטלעך אירע געדאַנקען און מיינונגען און רעאַגירן ווען נאָר נייטיק מיט מוט, בכדי צוריק איינצושטעלן גוטע באַציִונגען צווישן דער ציוניסטישער באַוועגונג און ממשלת ישראל.

ווי מוטיק און אַנטשלאָסן ראָוז האַלפּערן רעאַגירט אויף געשעענישן און ברענגט צום אויסדרוק אירע מיינונגען קען אילוסטרירן פאָלגנדיקער אויסצוג פון אַ רעדע, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף אַ קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ווען זי האָט פּאָלעמיזירט מיטן ישראל־פּרעמיער דוד בן־גוריון, בנוגע דער נויטווענדיקייט אָנצוהאַלטן אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין דער תקופה פון מדינת ישראל. זי האָט צווישן אַנדערן פאָלגנדיקס געזאָגט:

„די שטעלונג פון בן־גוריון איז, אַז ציוניזם האָט נאָכן אַנטשטיין

פון מדינת ישראל נישט געבראַכט צום אויסדרוק דעם מאָמענט פון פּערזענלעכער עליה. לויט זיין מיינונג האָט דעריבער דער ציוניזם מער נישט וואָס צו טאָן. עס וועלן זיין אַזעלכע, וואָס, אַרויסגייענדיק פון בן־גוריונס הנחה, וועלן זיי אויך מסכים זיין מיט זיינע אויספירונגען; ס׳וועלן אויך זיין אַזעלכע, וואָס, זייענדיק מסכים מיט זיין באַהויפּטונג, וועלן זיי אָבער נישט ציִען די זעלביקע קאָנסעקווענצן. ציוניסטישע לי־דערס וועלן אָבער, אַזוי מיין איך, אָפּוואַרפן סיי די באַהויפּטונג און סיי די אויספירונגען.

אַ טייל פון אונדז איז דערשיטערט און צעבראָכן פון דעם טיפן ריס וואָס איז אַנטשטאַנען אין די סאַמע לעצטע יאָרן צווישן ישראל און דעם גלות. מיר זעען פאַר פאַר דעם נאָענטסטן איינעם אָדער צוויי צענד־ליק יאָר אַ שווערן אינערלעכן פּראָבלעם, וואָס וועט אַנטשטיין פון דעם פאַקט, וואָס אין ישראל און אין גלות וועט אויפוואַקסן אַ יונגער דור, וואָס וועט ריידן פאַרשיידענע שפּראַכן און וואָס וועט פאַרשידן פאַר־שטיין די יידישע געשיכטע, אַזוי, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין געמיינ־זאַמען באָדן אויף זיך צוזאַמענטרעפן.

אמת! ס׳קען קומען אַ צייט, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג וועט זיך אַליין פאַרוואַנדלען אין אַ קלענער, אָבער אינטענסיווער חלוצישער באַוועגונג. דאָס וועט אָבער געשען נאָר דעמאָלט, ווען די יידישע ציבו־רים וועלן נעמען אויף זיך אויסצופירן די פאַרשיידענע ציוניסטישע אויפגאַבן. צעשטערן די ציוניסטישע באַוועגונג, אָדער פאַרמינערן איר באַדייטונג, מיינט צו באַגיין אַ היסטאָרישן פעלער, וואָס קען טייער קאָסטן, סיי דער מדינה און סיי דעם פאָלק. די ציוניסטישע באַוועגונג געהערט צו די זעלטנסטע באַוועגונגען, ביי וועלכע יידן פון דער גאָרער וועלט האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און געשאַפן אַ פרייוויליקע געזעל־שאַפט מיטן צוועק צו שאַפן אַ מדינה און העלפן איר.

צעברעכן די אָרגאַניזאַציע איז אפשר אַ לייכטע זאַך, צוריק זי אויפצובויען וועט שוין זיין אוממעגלעך.

דעם יסוד פון די שוועריקייטן צווישן אונדז און ישראל דאַרף מען זוכן אין פאַקט, וואָס ישראל קוקט אויפן גלות אין ליכט פון אירע איי־גענע נויטן און באַדערפענישן און פאַרפעלט צו פאַרגלייכן זיי מיט די יעניקע נויטן, פון וועלכע דער גלות אַליין ליידט.

בלויז דער גלות אין דער מערב־וועלט ציילט דאָך דריי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיל יידן, ווי די באַפעלקערונג פון ישראל. דער גלות איז אַ

פאַקט און וועט פאַרבלייבן אַ פאַקט אויך אין דער צוקונפט, סיידן עס שטייט אים פאָר אַ קאַטאַסטראָפאַלע טראַגעדיע.

ס׳איז דעריבער צו דרייסט געווען צוצונעמען ביים דאַזיקן פיזישן פאַקט זיין גייסטיקן אינהאַלט. אַט דערפאַר וואַרף איך אָפּ בן־גוריונס שטעלונג, וואָרום די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלן אויסגעפירט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען ציוניסטן וועלן שטיין אין פאָדערגרונט פון דער זאַך״.

* * *

ראָוז האַלפערן באַנוגנט זיך נישט בלויז אין אירע אַרויסגעזאָגטע מיי־נונגען אויף אַנצווייזן אויפן נעגאַטיוון אין יענעמס שטעלונג. זי צייכנט אויך אָן אַ פּאָזיטיוו פּראָגראַם. אין דעם פאַל האָט זי דערקלערט און גענוי דעפינירט די אויפגאַבן וואָס ציוניזם דאַרף טאָן היינט צו טאָג.

„וואָסערע אויפגאַבן זענען דאָס? דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז צעשטערט געוואָרן און דערמיט אויך די גרויסע רעזערוואַרן פון ייִדיש לעבן און דענקען אין מזרח־אייראָפּע.

איך זאָג נישט, אַז מיר קענען צוריק שאַפן — אָדער אַז מיר זאָלן זוכן צו שאַפן עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל פאַרטרעטן יענע קהילות. וואָס איז אָבער וועזנטלעך אין דעם פאַל, איז דער אָנהייב פון אַן אויסגע־בילדעטן קלאַס, וועלכן מיר הייבן אָן אויפצושטעלן, וואָס מיר הייבן אָן צו שאַפן אויפסניי אַ ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס מיר גיבן דעם ייִדישן דענקער און געלערנטן אַ געהעריק און ערנהאַפטיק אָרט אין דער ייִדי־שער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס וועט נישט לייכט אָנקומען, און ס׳קען קומען צו אַ דורכפאַל, אויב מיר וועלן נישט אָננעמען אַלע ערנסטע באַמיִונגען, אַז די זאַך זאָל יאָ געלינגען.

מיר דאַרפן דערציִען אונדזער יוגנט. די יעניקע, וואָס האָבן צו טאָן מיט דערציִונג וויסן, ווי שווער ס׳איז דער דאָזיקער וועג, אָבער מיר האָבן שוין אָנגעהויבן אויף יעדן צוטריטלעכן פאַר אונדז וועג ווי שנת שרות, זומער־קאָלאָניעס אא״וו צו דערגרייכן צו דער יוגנט״.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, בעת אַ געשפּרעך מיט אַ ישראלדיקן זשור־נאַליסט פאַר אַ צייטונג־אינטערוויו, באַרירנדיק די פראַגע פון שאַפן אַן ענ־גע פאַרשטענדעניש צווישן ייִדן פון ישראל און ייִדן פון אַמעריקע, האָט ראָוז האַלפערן צווישן אַנדערן דערקלערט:

„עס איז אין דער ערשטער ריי נייטיק, אַז ישראל־ייִדן זאָלן אויפ־הערן געבן עצות די ייִדן פון אַמעריקע, אַז זיי זאָלן קומען און זיך באַזעצן אין ישראל.

מאָסן־איינוואַנדערונגען זענען אין דער געשיכטע קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אָן אַן אויסערלעכן דרוק, און דאָס איז נישט שיינבאַר אַז עס זאָל פאָרקומען אין אַמעריקע. איינוואַנדערונג צוליב אידעאָלאָגישע טעמים איז גאָר אַן אַנדער ענין.

עס מוזן פאַרפלאַנצט ווערן טיפע וואָרצלען, פון וועלכע עס זאָל אַרויסוואַקסן אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש. מדינת ישראל וועט אָן צווייפל זיין דער גייסטיקער צענטער פאַר דעם וועלט־ייִדנטום, דאַרף דאָס ישראל־ייִדנטום וויסן, אַז איינגעבוירענע שעפערישקייט וועט אויך פאָרקומען אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט".

* * *

ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ראָוז האַלפּערן אָפּגעצייכנט אירע ערשטע דרייסיק יאָר פון אומדערמידלעכער ציוניסטישער טעטיקייט. געפיל, שכל און חן האָבן איר אין דער אחריותפולער אַרבעט באַגלייט און אין צוגאָב צו דעם, אויך געזעלשאַפטלעכע דיסציפלין און קוראַזש.

הלוואַי נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן!

מיט האַרץ און כוונה

(ר' זלמן שזר)

זלמן שזר געהער צו די קאַלירפולסטע און דינאַמישסטע פערזענלעכ־קייטן פון מדינת ישראל און פון וועלט־ייִדנטום. ער איז אַ גלענצנדיקער טריבון, אַ ווונדערבאַרער פאָלקס־רעדנער, וועלכער האַלט געשפּאַנט די צוהערער, רייסט מיט מאַסן מיט זיין אומפאַרגלייכלעכן אָראַטאָרישן טאַלאַנט. ער רעדט פון די טיפענישן פון זיין האַרץ, מעימקא דליבא, פול מיט פּאַטאָס, מיט ענטוזיאַזם, מיט חסידישער התלהבות, מיט התרוממות הנפש. ער דערהויבט זיך צו די העכסטע שטאַפּלען פון וויזיע און מחשבה בעת זיין ריידן, און ער הייבט אויף זיינע צוהערער צו דער זעלבער מדרגה. זיינע ווערטער צינדן די הערצער פון די צוהערער. עס שטייט פאַר זיי דער מאָדערנער נביא האַלטנדיק אין האַנט דעם פאַקל, דעם נר־תמיד, וואָס לייכט אַרויס פון דער יידישער מדינה און באַלייכט ייִדיש לעבן אין די תפוצות. פון שזרס מויל שטראָמען פּערלדיקע רייד, מחשבות איינגעראַמט אין אַ זאַפטיקער, קאָלירפולער ייִדישער שפּראַך, וואָס באַגייסטערט, מיטנעמענדיק זיינע צוהערער מיט זיך אויף די וועגן פון ציון, און איבער די וועגן פון מדינת ישראל.

זלמן שזר פאַרמאָגט אַ זעלטענעם כוח הסברה, אַ געוואַלטיקע אויסטייטשונג־קראַפט, אָפּטמאָל געלינגט אים מיט זיינס אַ ליד צו טרעפן אין פּינטל, אין קאָמפּלעקס פון שאלות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער מדינה און מיט ייִדיש פאָלקס־לעבן איבער דער וועלט און מיט איין פּערז צו פאַרטייטשן און אַרויסברענגען בולט די פּראָבלעמאַטיק פון דער צייט. אין קורצע פּערזן ברענגט ער אַרויס זיין פלאַמפייערדיקן ענטוזיאַזם, זיין דינאַמישקייט, זיינע האַרץ־צאַפּלעניש — פאַר דעם גורל פון ייִדישן פאָלק און פאַר דעם קיום פון דער מדינה. זלמן שזר לייענט נישט קיין לידער. ער רעדט לידער; פון זיינע רייד טראָגט זיך געזאַנג, וואָס רייסט מיט דעם עולם, און אַזוי ווי ציבור זאָגט נאָך מיטן חזן ביים עמוד די פסוקים פון די תפילות, אַזוי זאָגן מיט זיינע צוהערער די פּערזן פון זיינע ווערטער.

זלמן שזר איז אַ הייסער ציוניסט און עקשנותדיקער ייִד, דער סימבאָל פון עם קשי עורף, אַ באַלאָדענער מיטן אוצר פון אונדזער דורות־לאַנגער גייסטיקער שאַפונג; מיט די פילאָזאָפישע פּערל פון אונדזער אַלטער און נייער ליטעראַטור אויףביידע שפּראַכן: אויף העברעיִש און ייִדיש, מיט די פאָע־

טישע נשמה־פּונקען פון אונדזער נביאים, מיט דער געוואַלטיקער גאונות פון אונדזערע חכמי התלמוד. אַ גרויסער בקי אין די פּאַרהוילנסטע ווענן פון קבלה, פון אונדזער מיסטיק, איז ער אַ בן־בית אין די משיחישע באַוועגונגען ביי יידן, איז אויסגעבונדן אין דער חסידישער ליטעראַטור און איז אַן אָפטער גאַסט אין דעם היכל פון חב״ד.

מי לנו כשזר, ווער נאָך ווי שזר פאַרמאָגט אַזאַ שאַרפן, חריפישן, היס־טאָריאָזאָפישן בליק אויף אונדזער דורות־לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע, ווער נאָך ווי שזר איז אַזוי אויסגעקאָכט אין אונדזערע אַלטע, אַלט־נייע און באַ־נייטע קולטור־מחלוקתן אין אונדזער פאָלק? ווער נאָך ווי שזר איז אַזוי דורכ־געדרונגען מיט דעם ציוניסטישן געדאַנק, מיט דער ווידעראויפלעבונג פון ישראל סבא, ווער נאָך ווי שזר איז דורך לאַנגע, לאַנגע יאָרן געשטאַנען אין אַזאַ שווערן געראַנגל פאַר דער דעראָבערונג פון יידישע מאַסן — פאַר דער אַנערקענונג פון ציוניזם אַלס די באַפרייונג־באַוועגונג פאַר אונדזער פאָלק? זלמן שזר האָט געטראָגן אין פאָלק אומרו, ציטער, זאָרג. ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע באַקעמפט די גלייכגילטיקייט פון די יידישע מאַסן צום גורל און קיום פון פאָלק. ער האָט אויך מיט אויסערגעוויינלעכער התלהבות גע־טראָגן אין פאָלק דעם היסטאָרישן באַטייט פון דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל און איבערגעגעבן זיינע פיבערהאַפטע הארץ־ציטערנישן פאַרן שווערן געראַנגל, אין וועלכן אונדזער מדינה געפינט זיך. דערצו איז שזר שטאַרק צוזאַמענגעקנופּט און צונויפגעבונדן מיט אַלע עליות און ירידות, מיט אַלע נגישות און רדיפות, מיט אַלע חורבנות, וואָס אונדזער פאָלק איז אויסגעשטאַ־נען אין אַלע גלותן איבער אַלע וועלט־עקן.

אין צוגאָב צו דעם גרויסן באַגאַזש פון יידישער תורה און חכמה, איז שזר באַלאָדן מיט וועלטלעכער בילדונג. ער איז אַרויס פון ישיבה צו שטודירן אין אוניווערזיטעט. ער האָט זיינע קענטעניש אין למודי קודש דערגאַנצט מיט למודי חול. ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט ידיעות און ברייטן וויסן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, האָט אַריינגעשלונגען אין זיך די ליטעראַטור פון די וועלט־קלאַסיקער. ער האָט שטודירט די שיטות אין דער וועלט־פילאָ־זאָפיע.

אָבער איבער זיין גרויסן וויסן, איבער זיינע אַלע קענטעניש, איז זלמן שזר פאַרבליבן אין דער אַטמאָספער פון די כותלי בית המדרש, וואָס איז אים פאַרבליבן אַזוי ליב און טייער. דער סינטעז פון למודי קודש און למודי חול האָט אויסגעפורעמט אין שזרן דעם שלימותדיקן ייד, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געשטעלט אין רשות פון די אינטערעסן פון פאָלק.

דער באַגרינדער פון אַרבעטער־ציוניזם — בערל לאָקער

צווישן די ראשונים, וועלכע האָבן אין דער טעאָריע און טאַט איינגע־פונדעוועט און באַגרינדעט דעם פועלי ציון געדאַנק, פאַרנעמט בערל לאָקער אַ בכבודיקן פּלאַץ.

בערל לאָקער געהערט צו די טעאָרעטיקער פון דער ציוניסטישער אַרבע־טער באַוועגונג, וועלכע האָבן אָוועקגעלייגט זייער חותם אויף דעם חלוצישן געדאַנק פון דער פועלי ציון באַוועגונג איבער דער וועלט בכלל און גאַנץ באַזונדערס אין ארץ־ישראל.

צו דער ראָל פון בערל לאָקער איז אויסגעפאַלן פון אַלע יאָרן פון זיין אומדערמידלעכער אַרבעט — אַ זייער שווערער געביט, ער האָט נעמלעך אַלע יאָרן פון זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט באַדאַרפט פאַרטייטשן, באַגרינדן, פאַר ייִדן און פאַר נישט־ייִדן אין פאַרשיידענע טיילן אין דער וועלט — דעם ציוי־ניסטישן געדאַנק בכלל און דעם ציוניסטישן אַרבעטער געדאַנק בפרט.

די אַרבעט האָט בערל לאָקער געטאָן מיט גרויס פלייס אַלס מנהיג, אַלס בקי אין אַלע ווינקעלעך פון ייִדישן לעבן בכל קצוי תבל און אַלס חריף, וועל־כער האָט מיט די כלים פון זיין וואונדערבאַרן און גייסטרייכן הומאָר תמיד געקענט ביישטיין זיינע קעגנער, — ווי די קעגנער פון ציוניזם בכלל.

צו דער ראָל פון בערל לאָקער איז אויך אויסגעפאַלן היינט צו טאָג — אין דער תקופה פון מדינת ישראל, צו פאַרטייטשן און צו באַגרינדן דעם ווייטערדיקן קיום פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

היינט, ווי אַלע יאָרן פריִער — מיט דעם זעלבן גייסט, מיט דער זעלבער עספּרי, מיט דער באַרייכערטער בקיאות און נאָך מער געשליפענער חריפות פאַרטייטשט ער און איז דער באַגרינדער פון קיום הציונות בימינו.

ס'איז נישט אונדזער כוונה איצט פעסטצושטעלן ווען איז די אחריות פאַרן קיום פון ציוניזם געווען גרעסער, פאַר מתן מדינת ישראל אָדער היינט אין דער עפּאָכע פון דער מדינה. מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט דער פעסט־שטעלונג, אַז ציוניזם היינט צו טאָג פאָדערט נישט ווייניקער כסדרדיקן פאַרטייטש צווישן ייִדן, ווי עס איז געווען פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה.

מעגלעך אַז פאַר גויִים פאַרטייטשן אויף אַ גענוגיקן אופן די עקזיסטענץ פון דער מדינה, די פּאָליטישע עמיסאַרן פון ישראל, אירע אַמבאַסאַדאָרן אין

די פֿאַרשיידענע לענדער פֿון דער וועלט. אָבער זאָל דערביי געזאָגט ווערן, אַז אַט די פּאָליטישע טעטיקייט פֿון ישראלס דיפּלאָמאַטן איבער דער וועלט איז דאָך באַגרענעצט צו איין ענגערן קרייז פֿון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס.

די ברייטע גוייִשע עפֿנטלעכקייט נייטיקט זיך היינט נאָך מער ווי פֿריִער אין אויפֿקלערונג וועגן ישראל־אַראַבישע באַציִונגען, וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער מדינה, וועגן די פֿאָרמען פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לעבן, און וועגן דעם פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג און אויפֿבוי, און דאָס קען געטאָן ווערן נאָר דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַלזאָ, ציוניזם, היינט אַזוי ווי פֿריִער, נייטיקט זיך אין פּערמאַנענטן פּירוש, און בערל לאָקער האָט די ראָל אויך היינט צו טאָג גענומען אויף זיך מיט דער זעלבער ליבע, מיט דער זעלבער איבערגעבנקייט און מיט דעם זעלבן פֿלייס.

אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור ווערט אַזאַ ראָלע ווי די פֿון בערל לאָקער באַצייכנט מיטן נאָמען: מיסד השיטה. אין דער חסידישער ליטעראַטור ווערט איבערגעגעבן אַ וווּנדערבאַרער משל וואָס פֿאַרטייטשט אַזוי גלענצנדיק די ראָל פֿון מיסד השיטה. עס ווערט נעמלעך דערציילט, אַז אַ שווערע כּלי שטייט אויף אַ הויכן פּלאַץ און קיין שום מענטשלעכע האַנט קען נישט דער־לאַנגען כּדי זי צו באַקומען. שטייט די כּלי אַזוי לאַנג ביז עס קומט איינער אַ בעל שיעור קומה און נעמט אַראָפּ די טייערע כּלי אויף אַ נידעריקער הויך כּדי יעדער מיטלער מענטש זאָל זי קענען מיט זיין האַנט דערגרייכן.

ציוניזם איז פֿון אַלע יאָרן געווען אַ שווערע סוגיה, די שוועריקייט איז נאָך באַגלייט געוואָרן מיט אומגלייבן, אַז פּאָליטיש וועט ציוניזם דערגרייכן זיין ציל, נעמלעך אַ ייִדנשטאַט. נאָך שווערער איז געווען דער געדאַנק פֿון ציוניזם בשותּפֿות מיט סאָציאַליזם. איז געלעגן אַ טייערע כּלי ערגעץ־ווו במרומים, אין די הויכקייטן, נישט אַזוי צוטריטלעך פֿאַר יעדן בשׂר ודם, צו־גענגלעך בלויז פֿאַר געלערנטע, פֿאַר בעלי שיעור קומה, ווי עס זענען געווען: ד״ר הערצל ז״ל, מאַקס נאָרדוי, אחד העם, באָראָכאָוו, סירקין, שלמה קאַפּ־לאַנסקי, בערל כּצנלסון און יבדל לחיים ארוכים בערל לאָקער, וועלכע האָבן די טייערע כּלי אַראָפּגענומען פֿון דער הויכקייט און זי צוטריטלעך געמאַכט פֿאַר יעדן מיטעלן מענטש, ער זאָל מיט זיין שׂכל באַגרייפֿן און מיט זיין האַרץ גלייבן אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם ציוניסטישן געדאַנק און דערפֿירונג צו דער עטאַבלירונג פֿון שטאַט — צו מדינת ישראל.

דער ציוניסטישער געדאַנק בכלל און דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק בפֿרט האָבן נישט געהאַט קיין קפֿיצת הדרך. עס איז נישט אָנגעקו־מען לייכט אַריינצוהאַמערן אין די מוחות פֿון ייִדן פֿון אַלע שיכטן דעם אייגנט־לעכן טייטש פֿון ציוניזם, אַריינצוטראָגן אין האַרצן פֿון יעדן ייִדן דעם תּמצית

פון ציוניסטישן געדאַנק. אין דער אַרבעט האָט בערל לאָקער בייגעטראָגן אַ גאָר גרויסן חלק און מיט דער דאָזיקער אַרבעט גייט ער אָן עד היום.

נישט נאָר צווישן יידן האָט בערל לאָקער געווירקט מיט זיין איבערציי־גונג־כוח אַלס גלענצנדיקער אָראַטאָר און אַלס אויטאָריטעט, וועלכער האָט זיינע אויפטואונגען געשטיצט אויף אַ טיפן פילזייטיקן וויסן, בערל לאָקער האָט אויך געווירקט און שטאַרק משפיע געווען אין דער פּאָליטיק פון דער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי ווי אויך פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט, אָנגעשלאָסן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אָדער סינדיקאַטן־באַוועגונג, אָנגעשלאָסן אין פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל.

בערל לאָקער איז געווען דער אַמבאַסאַדאָר פאַר עקסעלאַנס צו די פאַר־שיידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט, וועלכער האָט געטראָגן מיט גרויס פאַרטרויען און אויטאָריטעט דאָס וואָרט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, די הסתדרות אין ישראל — דאָס וואָרט און דעם אומ־בייגזאַמען ווילן פון דעם יידישן פאָלק צוריק אויפצוריכטן זיין היים און ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

בערל לאָקער איז פאַר אַלע זיינע יאָרן געווען דער פאָנענטרעגער פון ציוניזם בכלל און פון אַרבעטער־ציוניזם בפרט. אין שריפט און אין וואָרט איז ער פאַרבליבן דער צוועק־באַגרינדער פון דעם ציוניסטישן געדאַנק פאַר יידן ווי פאַר נישט־יידן.

יצחק טאַבענקין — רבי, חבר און קעמפער

אין עמק יזרעאל,ביים באַרג גלבוע, ביים קוואַל עין־חרוד, געפינט זיך זינט 1921, דער קיבוץ עין־חרוד און דאָרט לעבט דער רבי, חבר און קעמפער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג — יצחק טאַבענקין.

דער נאָמען עין־חרוד, וווּ עס געפינט זיך דער קיבוץ, ווערט דערמאָנט אין תנ״ך פון די צייטן, ווען גדעון האָט געפירט מלחמה מיט די מדינים, ווען ער האָט באַזיגט מיט אַ קליינער צאָל מענטשן. יידישע חלוצים פון דער דריטער עליה, יידן געטריבענע פון אַלע גלותן, מיט חלוציזם אין האַרצן, באַהערשט פון גייסט פון ציון, האָבן ביי דעם זעלבן קוואַל עין־חרוד אָנגעהויבן אַ גרויסע מלחמה, נישט מיט קיין מחנות שונאים — ווי עס איז געווען דער פאַל מיט גדעונען אין זיין קאַמף קעגן די מדינים — נאָר מיט פאַרוואָרלאָזטן באָדן, מיט זומפּן פול מיט מאַלאַריע, מיט אַ וויסטעניש, ווו שאַקאַלן האָבן געיאָמערט, און די דאָזיקע חלוצים זענען אַרויס די זיגער, זיי האָבן מנצח געווען די וויסטעניש און האָבן אויסגעבויט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו, וואָס איז געוואָרן די שיינקייט פון עמק יזרעאל.

דער רוח החיים, דער רבי, דער וועגווייזער, דער חבר און קעמפער, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל האַרץ און איבערגעגעבנקייט אָנטיילגענומען אין דער שווערער אַרבעט פון בויען דעם קיבוץ עין־חרוד, איז געווען און פאַרבליבן יצחק טאַבענקין.

ער האָט זוכה געווען צו געהערן צום דור פון די, וועלכע האָבן געגעבן דעם ריכטיקן טייטש צו דער פאַרווירקלעכונג־אידייע פון ציוניזם, בעמלעך דעם חלוצישן טייטש. מיט 45 יאָר צוריק איז טאַבענקין געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט צוזאַמען מיט די מענטשן פון דער צווייטער עליה זיך באַטייליקט אין דער היילִיקער אַרבעט פון בויען די פעסטונג פון אַרבעטער־פאָלק, פון דעם חלוצישן אַוואַנגאַרד, וועלכער האָט געפירט צו דער אויפריכטונג פון אונדזער מדינה און טראָגט מיט זיך דעם פאָקל פון גערעכטיקייט, פון אמת און יושר פון אונדזער צוקונפטיקן זעלבסטשטענדיקן לעבן אַלס אומאָפּהענגיקע מדינה אין מיטעלן מזרח.

עמעצער פון די ציוניסטישע מנהיגים האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אין שווערע טעג פון זאָרג און קימער איז גוט אַרויסצוגיין פון די גרויסע שטעט און זיך ווענדן צו די עמקס — צו עמק הירדן און עמק יזרעאל — ווייל דאָרט האָט

זיך קאָנצענטרירט די קווינטעסענץ פון חלוציש־שעפערישן טאַלאַנט צו שאַפן, צו בויען און צו שיצן. און פון דער דאָזיקער יצירה איז גלייכצייטיק אַרויס־געוואַקסן דער טאַלאַנט פון פאַרשטאַנד און אחריות. אין די עמקס האָט זיך פון אינטימע חברישע שמועסן געטראָגן דאָס קול פון „ממעמקים קראתיך“, דער רוף צו נייע טאָטן, צו גרעסערע אָנשטרענגונגען, צו גרעסערע מעשים.

בערל קאַצענעלסאָן ע״ה האָט אַמאָל פאַרטייטשט די צווייטע עליה מיט פאַלגנדיקן זאָג: „מענטשן עקשנים, וועלכע ווייסן נישט פון פאַרלאָזן דעם שלאַכטפעלד — דאָס האָט אונדז געגעבן די צווייטע עליה“. יצחק טאַבענקין געהערט צו די מענטשן פון דער צווייטער עליה. ער איז אַ מענטש פון קאַמף, אַ חלוץ אין פולסטן זין פון וואָרט. ער געהערט צו די, וועלכע האָבן אָנגעזונדן די הערצער פון יידישע יוגנטלעכע מיט דער אידייע פון חלוציזם, פון אַרבעטער־ציוניזם; ער געהערט צו די, וועלכע האָבן געוועקט און געמוטיקט יידישע יונגעלייט, בחורים און מיידלעך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אָן תנאים, אָן באַדינגונגען; מיט מסירת נפש, מיט קרבנות־גרייטקייט בויען די היים און די צוקונפט פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק. אין דער דאָזיקער איבער־צייגונג האָט זיך טאַבענקין דערצויגן און האָט אויך מחנך געווען טויזנטער און טויזנטער פון זיין יינגערן דור.

יצחק טאַבענקין איז באַקאַנט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ רבי, ווי אַ מחנך הדור, ווי אַ דערציער. אין קיבוץ עין־חרוד און אין אַנדערע קיבוצים פון קיבוץ המאוחד ווי אין ציוניזם בכלל ווייסט מען אָפּ־צושאַצן טאַבענקינס תורה, זיין פאַרטייטשן און אויסטייטשן די קאָמפּליצירט־סטע פראַגן און פּראָבלעמען, סיי פון קיבוצישן לעבן און סיי פון דעם אַלגע־מיינעם לעבן. שעהנלאַנג, אָן מידקייט קען טאַבענקין שטיין פאַר זיינע צוהערער און געבן זיי זיין תשובה. ער טראַכט אויפן קול, פול מיט גלויבן און צוטרוי צו זיינע צוהערער, אַז זיי וועלן אים נאָכפאָלגן אין זיינע גע־דאַנקען. אַט שטייט ער פאַר זיינע צוהערער מיט זיין רונד געזיכט, באַ־וואַקסענע ברעמען און פינקלדיקע אויגן און רעדט, ער האַלט נישט קיין רעדעס יצחק טאַבענקין, ער זאָגט תורה, ווי אַ רבי, וואָס לערנט און זאָגט תורה פאַר זיינע תלמידים. און קיין תורה פעלט נישט טאַבענקינען. ער געהערט דאָך צו די באַגרינדער פון אַ שיטה אין דעם קיבוצישן לעבן, אַ באַגרינדער פון אַ שיטה אין ציוניסטישן סאָציאַליזם און אין ציוניזם בכלל. טאַבענקינס סעמי־נאַרן וועגן די דערמאָנטע פראַגן און וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג, ווי אויך וועגן איינהייט אין דער אַרבעטער באַוועגונג, די יידישע ווי די אַלגעמיינע, האָבן זיך שטאַרק קונה שם געווען. דער קרייז פון טאַבענ־קינס תלמידים אין ישראל און אין די תפוצות איז גרויס. ער שטייט אין

שפּיץ פון דער פּאַרטיי „אחדות עבודה", וועלכע איבט אויס אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויף דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטור־לעבן פון ישראל.

עמעצער פון טאַבענקינס ביאָגראַפן האָט זייער ריכטיק אין איין זאַג כאַראַקטעריזירט די תורה פון יצחק טאַבענקין. ער האָט נעמלעך געזאָגט, אַז טאַבענקין לערנט: „אַרבעט איז דער עיקר, ביי דער אַרבעט דאַרף מען אָבער געדענקען תמיד צו טאָן דעם עיקר".

צו די עיקרים פון טאַבענקינס אני מאמין, געהערט דער עיקר פון אחדות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו זיין פּאַראייניקט, און מיט געמיינזאַמע כוחות שאַפן און באַשאַפן די נייע געזעלשאַפט אויף יסודות פון יושר און גערעכטיקייט.

פולשטענדיקע אחדות אין דער אַרבעטער באַוועגונג אין מדינת ישראל, אחדות זאָל צעמענטירן און קאָנסאָלידירן די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט. וויפל אָפּפערוויליקייט די אחדות זאָל נישט פאַרלאַנגען, און וויפל יסורים די אייניקייט זאָל נישט איינשליסן, לוינט צו צאָלן דעם פּרייז. די צוקונפט פון מדינת ישראל, די צוקונפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג נייטיקט זיך גאָר שטאַרק אין דער אחדות!

מיט חלוצישן גייסט — לוי אשכול

לוי אשכול געהערט צו די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן אין מדינת ישראל און אין וועלט־ייִדנטום. דער גורל האָט אים מזכה געווען מיט דער אויפגאַבע צו סטאַביליזירן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן און צו דערגרייכן די עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט פון אונדזער בית שלישי — פון מדינת ישראל.

לוי אשכול, דער פינאַנץ־מיניסטער פון מדינת ישראל, געהערט צום אַוואַנגאַרד פון ישראלדיקן ישוב, וואָס האָט אויף זיך גענומען די הייליקע אַרבעט פון בויען און אויסבויען די נאַציאָנאַלע היים פאַרן ייִדישן פאָלק, אַלס אַ טייל פון דער בעסערער, פון דער יושרדיקער וועלט. די אַרבעט טוט לוי אשכול איבער פערציק יאָר מיט אַ סך חלוצישן פלייס, מיט חלוצישער התלהבות, מיט התמדה און אייפער.

אין אַ רעדע אין דער כנסת פון מדינת ישראל, פאַרשטעלנדיק דעם געזעץ־פּראָיעקט פון דעם אַנטוויקלונג־ביודזשעט פאַרן יאָר 1954 — האָט לוי אשכול צווישן אַנדערן געזאָגט: „מדינת ישראל האָט בערך דורכגעמאַכט אַ האַלבן וועג אין איר שווערן געראַנגל פאַר ווירטשאַפטלעכער אומאָפּהענגיקייט. דער מרחק צווישן אונדז און דעם ענדציל איז נאָך גרויס, אַ סך שוועריקייטן און סכנות זענען נאָך פאַראַן אין דער צווייטער העלפט וועג. די בירגער פון מדינת ישראל וועלן דאַרפן ווידמען אַ סך כוחות, צו פאַרדינען זייער קיום דורך שווערער אַרבעט און האָרעוואַניע״.

דער אַנאַליז פון דער היינטיקער לאַגע פון מדינת ישראל ווייזט, אַז עס זענען נאָך פאַראַן שווערע זאָרג צי דער צווייטער העלפט וועג צו עקאָנאָמישער סטאַביליטעט וועט נישט זיין נאָך שווערער און מיט מער שטרויכלונגען באַגלייט, ווי עס איז געווען דער ערשטער האַלבער וועג. די שטייגנדיקע שנאה פון די אַראַבישע מלוכות צו מדינת ישראל, דאָס כסדרדיקע חנפענען די אַראַבער מצד די גרויסמאַכטן פון דער וועלט, דאָס שיקן צו זיי געווער פאַר באַוואָפענונג, מאַכט גרעסער אונדזער זאָרג, כפלט די באַאומרויִקינג און פאָדערט, אַז דער טעמפּאָ פון באַפעסטיקן די מדינה דאַרף צוגעאיילט ווערן.

דער חלוצישער גייסט פון לוי אשכול און דער חלוצישער גייסט וואָס

הערשט אין ממשלת ישראל און פון רוב פון ישוב, גיט אונדז האָפענונג און גלויבן, אַז מדינת ישראל וועט איבערקומען די שווערע צייטן, און מיט זיכע־רע טריט גיין אויפן צווייטן האַלבן וועג צום ציל, פון עקאָנאָמישער זעלבסט־שטענדיקייט!

* * *

אין די פרילינג־טעג פון יאָר תרע"ד, איז לוי אשכול געקומען קיין ארץ־ישראל, באַלאָדן מיט קענטעניש פון תנ"ך און גמרא, מיט וועלטלעכן וויסן, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין די גימנאַזיעס פון אָדעס און אומאַן. באַלאָדן מיטן חלוצישן ציון־גייסט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין דער צעירי־ציון באַוועגונג אין ווילנע, האָט ער אָנגעהויבן זיין חלוצישע טעטיקייט אין לאַנד אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער אין פתח תקוה. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים פון דער צווייטער עליה האָט ער געטובלט זיין גייסט אין מאַלאַריע און אין אַנדערע חולאתן. האָט זיין מוט און קוראַזש אויספּרובירט אויף ביי־נאַכטיקער שמירה, שוץ־וואַך קעגן אַראַבישע איבערפאַלן, האָט זיין אַרבעט־פלייס געשטעלט צום עקזאַמען פאַר די פאַרשיידענע אַרבעט־קבוצות, וואָס זענען אין יענער צייט, האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — געשיקט געוואָרן אויף כיבוש־עבודה קיין עטרות, קיין קרית ענבים — אין די בערג פון ירושלים.

לוי אשכול האָט אין יאָר 1915 זיך אָנגעשלאָסן אין גדוד עברי און נאָך צוויי יאָר זיך צוריקגעקערט צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, אין כנרת, אין חולדה, מקוה ישראל, כפר־אוריה און דגניה, האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די קבוצה דגניה ב׳. פּאַראַלעל מיט זיין אַרבעט אַלס לאַנדווירט אין די דער־מאָנטע קבוצות אַנטוויקלט ער אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט צווישן אַרבע־טער־ציבור, ווערט דער אַרבעטער פאַרשטייער צו די קאָנפערענצן פון וועד לאומי, דער פאַרטרעטער אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, באַקליידנדיק דעם אַמט פון פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר התישבות; איז פיל מאָל געווען דער סעקרעטאַר פון מפא"י, און פון דעם אַרבעטער־ראַט פון דער „הסתדרות" אין תל־אביב. לוי אשכול האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט פון דער הסתדרות צו דער קאָנפערענץ פון די סאָוועטישע קאָאָפּעראַטיוון אין מאָסקווע, האָט זיך אויך באַטייליקט ווי אַ דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל, האָט דערפילט פאַרשיידענע שליחותן פון דער הסתדרות אין אייניקע אייראָפּעישע לענדער. אין דער צייט פון היטלער־רעזשים אין דייטש־לאַנד האָט לוי אשכול געפירט אין משך פון דריי יאָר די אָפּטיילונג פאַר קאָלאָניזאַציע אין דעם בערלינער ארץ־ישראל־אַמט. ער האָט זיך באַטייליקט

אין דער אָרגאַניזירונג פון אַ צאָל הסתדרות־אינסטיטוציעס, ווי למשל: „מקורות", „ניר", „שיכון", „עמידר" און אַנדערע. מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל איז לוי אשכול אָנפאַרטרויט געוואָרן מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין דער ערשטער דירעקטאָר פון קריג־מיניסטעריום. זינט דער פטירה פון אליעזר קאַפלאַן ע"ה איז ער דער פינאַנס־מיניסטער פון מדינת ישראל.

* * *

פון פאָטערס צד גרייכט לוי אשכול צום יחוס פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע, באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט מיטן ברייטן יידישן לעבנס־שטייגער, פון רחבות און עשירות, אין וועמענס רייכטום חסידים האָבן זיך געשפּיגלט. אין פאָטערס הויז האָט לוי אשכול זיך דערצויגן אין גייסט פון לומדות און מסחר. דער טאַטע איז געווען אַ וואַלד־סוחר, אַ מילנער און מערסטנס מיט אייגענער אַרבעט, פאַרוואַלטעט אַ לאַנדווירטשאַפט. חקלאות — לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט, האָט זיך לוי אשכול אויסגעלערנט אין זיין טאַטנס היים. דעם פּרינציפּ פון „עבודה עצמית" — פון אַרבעט, האָט ער איבערגענומען פון זיין פאָטער, איז לכן נישט קיין וווּנדער, וואָס לוי אשכול האָט גלייך פון די ערשטע טעג, ווען ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, זיך גענומען צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, לויט דעם פּרינציפּ פון עבודה עצמית. די ליבע און צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל האָט לוי אשכול באַקומען אין טאַטנס הויז.

די טשערנאָבילער דינאַסטיע האָט נישט אויפגעהערט צו פּרעדיקן, אַז דורך געפינען זיך אין ארץ־ישראל קען מען דערגרייכן די העכסטע מדרגות אין עבודת השם, קען מען ברענגען דער אייגענער נשמה צו דער העכסטער דערהויבונג. די ליבע און צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל, וואָס האָט געהערשט אין דער אַמאָליקער חסידישער וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער סביבה פון בעל שם טוב און איז איבערגעגאַנגען בירושה צו די תלמידים און תלמידי־תלמידים זיינע און דעם העכסטן תיקון געפונען ביי ר' נחמן בראַס־לאַווער ז"ל, האָט לוי אשכול אין זיך איינגעזאַפּט אין שטעטל אומאַן, ווו ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע אין זיין יוגנט. די ווילנער ירושלים דליטא און דאָס אָדעסער פאָלקסטימלעכע יידישע לעבן, אַלץ צוזאַמען האָט אויסגעפאָרעמט די פּערזענלעכקייט פון לוי אשכול און אים שטופנווייז, שטאַפּל ביי שטאַפּל, דורך שווערער אַרבעט און האָרעוואַניע געפירט ביז צו די העכסטע שטאַפּלען פון געזעלשאַפטלעכער דערגרייכונג, צום אַמט פון פינאַנס־מיניס־טער פון מדינת ישראל.

עס ווערט דערציילט, אַז דער רבי ר׳ ברוכל האָט זיך איינמאָל געוועגדט צום רבונו של עולם מיטן לשון פון דער זוהר־תפילה „בריך שמיה דמארי עלמא״ און געבעטן, אַז ער זאָל אים מאַכן פאַר פקיד איבער די צדיקים פון זיין דור „ולמהוי אנא פקידא בני צדיקיא״. מיר ווייסן נישט צי לוי אשכול האָט אָנגעווענדט די זעלבע תפילה צום רבונו של עולם. אַ פאַקט איז, אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין איינער פון די העכסטע פקידים אין זיין דור פון צדיקים — דעם חלוצישן דור, די מענטשן פון דער צווייטער עליה, אָט דער דור, וואָס האָט געלייגט די גרונט־יסודות פאַר דער שאַפונג פון דער יידישער מלוכה, און האָט מיט חלוצישן ברען, מיט חלוצישער פלייס און ענערגיע דערפירט צו דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל.

* * *

לוי אשכול פאַרמאָגט פיר הויפּט־אייגנשאַפטן, וואָס געשטאַלטן זיין פערזענלעכקייט, נעמלעך: חלוצישער גייסט, אמונה, בטחון און פאָלקסטימלעכקייט.

שוין פון זיינע יינגסטע יאָרן, נאָך אין דער „צעירי ציון״ פאַרטיי אין ווילנע, האָט לוי אשכול זיך אָנגעגורט מיט אַ סך אמונה און בטחון. ער האָט געגלייבט, אַז ער געהערט צום דור, אויף וועמענס ראָל ס׳איז אויסגעפאַלן צו טאָן אַן אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, וואָס זאָל פאַרזיכערן זיין קיום אויף אייביק, און דאָס איז די חלוצישע אַרבעט לטובת העם, די פּיאָנערן־טעטיקייט פאַרן פאָלק אין ארץ־ישראל, אין זיין אייביקער היים, וואָט דאַרף מיט חלוצישן פלייס ווידער אויפגעריכט ווערן. דער גלויבן איז ביי לוי אשכול באַגלייט געוואָרן מיט דער זיכערקייט, אַז אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע זיך איינצושפּאַנען אין וואָגן פון מעשים, פון חלוצישער טאָט לטובת העם. ווען יוסף שפּרינצאַק האָט, בעת זיין באַזוך אין ווילנע, אין שליחות פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, געגעבן לוי אשכולן זיין המלצה פאַר זיין עליה, האָט ער געזען אין אים אַ געטרייען, אַן איבערגעגעבענעם חלוץ, וואָס וועט זיך קענען, אויב נייטיק, אַפילו מקריב זיין פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. די איבער פערציק יאָר פון לוי אשכולס חלוצישער טעטיקייט, פריער אין ארץ־ישראל און איצט אין מדינת ישראל, האָבן שפּרינצאַקס המלצה באַשטעטיקט.

אַלץ וואָס לוי אשכול טוט אין זיינע פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע לייסטונגען, טוט ער אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן, היימיש, חבריש, מיט אַ

גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן. שווערע, גרויסע מניעות, אָפּטמאָל ממש אוממעגלעכקייטן, קומט לוי אשכול איבער אַדאַנק זיין פאָלקסטימלעכן צו־גאַנג, אַדאַנק זיין טיפער אמונה, זיין אומבאַגרענעצטן בטחון און זיין חלו־צישן גייסט.

לוי אשכולס ווערטער, געזאָגט אין ישראל־פּאַרלאַמענט ביים צושטעלן דעם אַנטוויקלונג־ביודזשעט, אילוסטרירן אַמבולטסטן זיינע אייגנשאַפטן, וואָס באַגלייטן אים תמיד אין זיין אַרבעט:

„דערווייל: פּראַצע, שוויס, יסורים און קרבנות.

„כ׳גלייב, אַז די בירגער פון לאַנד, געטריי דעם חלוצישן געראַנגל און אויך דער האַרטנעקיקייט אין דער דורות־לאַנגער מלחמה פאַרן קיום פון פאָלק, וועלן פאַרטראָגן מיט שטאָלץ יעטוועדע באַגרענעצונג אין געגוס און יעט־וועדן צוגאָבלעכן עול, פאַר דער אויסשמידונג פון דער צוקונפט פון אונדזער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער זעלבסטשטענדיקייט.

„קעגנאיבער די קאַלטע ווינטן, וואָס בלאָזן פון מרחקים, קעגנאיבער דער גלייכגילטיקייט און דעם שאַבלאָן מצד ווייטע און נאָענטע — וועלן מיר זיך פאַרגרייטן אויף אַ לאַנג־דויערנדיקער אָנשטרענגונג פון אַלע בירגער פון לאַנד, כדי צו באַפעסטיקן אונדזער עקאָנאָמישן שטאַנד".

וויפל גלויבן און בטחון, וויפל חלוצישער גייסט איז פאַראַן אין די אויבנדערמאָנטע ווערטער פון פינאַנס־מיניסטער לוי אשכול, ווערטער גערעדט אויף אַ פאָלקסטימלעכן לשון, באַזעלט מיט דער שכינה פון פאָלק, וואָס טראָגט אין זיך דעם אָטעם, דעם ריטם פון חלוצישן גייסט!

* * *

לוי אשכול איז אַ פאָלקסטימלעכער רעדנער. זיינע רעדעס אַנטהאַלטן אַ סך הומאָר, פאָלקסטימלעכן הומאָר, גלייכווערטלעך געזאָגט אין אַ היימישן, ראַזאָוועו יידיש, ווערטער, וואָס שטאַמען פון האַרצן, — פון גרויסן ייִדישן פאָלקסטימלעכן האַרץ, און טרעפן אין האַרץ אַריין. זיין הומאָר איז חריפות־דיק, שאַרף. בעת דער 1־טער מאַי דעמאָנסטראַציע פון דער תל־אביבער אַר־בעטערשאַפט אין 1947, ווען לוי אשכול האָט פאַרנומען דעם אַמט פון סע־קרעטאַר פון תל־אביבער אַרבעטער־ראַט, האָט ער דאַן געזאָגט צו די קאַמר־ניסטן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער דעמאָנסטראַציע: „הלוואַי וואָלטן זיי אונדז נאָכגעגאַנגען אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ווי זיי גייען אונדז נאָך היינט, אין טאָג פון 1טן מאַי". אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויסגעבראָכן פון די צענדליקער טויזנטער פאַרזאַמלטע אויף דעם סטאַדיאָן אין דער תערוכה

אין תל־אביב. זיינע גלייכוועטלעך און שמועסן מיט פאַרשיידענע פאַר־שטייער פון עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס אין לאַנד, אַרבעטער־אינסטיטוציעס און פון די אינדוסטריאַלן, זענען שוין געוואָרן אַ שם דבר.

לוי אשכול איז שטאַרק באַליבט אין ישוב. זיין מאָטאָ איז: „נישט מיט קיין טעאָריעס, נאָר מיט אַרבעט און פלייס וועט מען קענען דערגרייכן אַ גוטע צוקונפט פאַר מדינת ישראל". דעם ביישפיל פון אַרבעט און פלייס, דעם ביישפיל פון חלוצישן גייסט, דעם ביישפיל פון „פראַצע און שווייס", גיט לוי אשכול אַליין! זיין אומדערמידלעכקייט ביי דער אַרבעט קען דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַלע בירגער אין מדינת ישראל.

פון מוזיק צו פּאָליטיק

(מרדכי נמיר)

מען דערציילט אין ישראל, אַז מרדכי נמיר (פריִער נעמיראָווסקי), ווען ער איז מיט זעקס און דרייסיק יאָר צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל, אין דער צייט פון דער דריטער עליה, האָט ער אויסגעקליבן צוויי זאַכן, וואָס ער האָלט טייער און היט אָפּ מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. די ביידע זאַכן זענען: אַרבעט און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

ווען מרדכי נמיר איז געקומען קיין ארץ־ישראל איז ער פון פאַך געווען אַ מוזיקער. ער האָט אין רוסלאַנד געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע אַלס וויאָ־ליניסט און האָט אַרויסגעוויזן באַגאַבטע קינסטלערישע פעיִקייטן. בכדי צו פאַרדינען אויף זיין טעגלעך ברויט איז נמיר געוואָרן אַ האָלץ־העקער אין אַ בעקעריי אין תל־אביב און האָט געשלאָסן זיין שידוך מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר וועמענס אינטערעסן ער אַרבעט געטריי און איבערגעגעבן איבער דרייסיק יאָר!

צו די גרונט־געדאַנקען פון דער פילאָזאָפיע וועגן דעמאָקראַטיע געהערט דער באַרימטער זאַג: „נאָר אין מוזיק איז פאַראַן אַ סאָלאָ אַרויסשפּיל, דאָ־קעגן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאַרף זיין אַ דועט“. נאָר דעספּאָטן, הערשער און דיקטאַטאָרן, אומאָפּהענגיק פון קאָליר, זענען אַליין באַשטימער, אין דער דעמאָקראַטיע באַשטימט דער ציבור און נישט דער יחיד! מרדכי נמיר האָט נישט געוואָלט פאַרבלייבן בלויז ביי מוזיק, ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון געזעלשאַפטלעכן דועט. ער האָט אָנגעהויבן אַלס טוער אין דער הסתדרות, האָט נאָך לאַנגע יאָרן פון שווערער אַרבעט און פלייס דערגרייכט דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, און איצט דעם אַמט פון אַרבעטס־מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג.

עס איז אָנצונעמען, אַז מרדכי נמיר וואָלט געלעבט אַ מער רויִקערן לעבן, ווען ער וואָלט זיין צייט געווידמעט דער מוזיק, און דורך די סטרונעס פון זיין פידעלע אַרויסגעבראַכט די סובטילסטע ניואַנסן פון מענטשלעכער האָפענונג, פרייד, אָדער חלילה נויט און פאַרצווייפלונג. אָבער נמיר האָט נישט געוואָלט שטיין אין אַ זייט פון גרויסן קאַמף, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט דורך זיין אַוואַנגאַרד — די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג — גע־פירט פאַר פרייהייט, פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט און סאָציאַלן יושר. ער

האָט אַליין געוואָלט זיין באַטייליקט אין דער הייליקער אַרבעט פון פּראָקלאַ־מירן די זעלבסטשטענדיקייט פון ייִדישן פאָלק, פון אויסקעמפן זיין פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, און די פרייהייט פון אַרבעטער־קלאַס. אין דעם מוזי־קאַלישן האַרץ פון נמירן האָט זיך צעזונגען דאָס געזאַנג פון אַרבעט, פון ייִדישער אַרבעט, אויסצובויען אין ציון, אויף איר הייליקער ערד, די צוקונפט פאַרן ייִדישן פאָלק, אויסצובויען די היינטיקע מדינת ישראל!

מרדכי נמיר האָט זיך נישט געשיידט מיט דער מוזיק. אַ קינסטלער קען זיך מיט זיין מוזע נישט שיידן און פון איר נישט אַנטלויפן. נמיר האָט זיין מוזיקאַליש האַרץ אַריינגעטראָגן אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די מוזיק באַגלייט אים אין זיין שווערער אַרבעט, איז ביי אים דער עמוד־האש אין זיין אַרבעט לטובת פאָלק און מדינה. דאָס מוזיקאַלישע האַרץ האָט נמירן געפירט צו די נשמה־פּראָבלעמען פון מענטש בכלל און פון ייִדישן מענטשן בפרט, זיין מוזיקאַליש האַרץ האָט פאַר אים אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט, וואָס טליעט אין פאָלק נאָך גאולה, האָט אַנטפּלעקט זיין אייביקן באַגער נאָך סאָציאַלן יושר, אמת און גערעכטיקייט!

אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט מרדכי נמיר אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן, אַ סך שכל און טאַקט, ווי אויך זייער פיל ענערגיע און אחריות. אַלע אויפגאַבן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו דערפילן פאַרן ציבור הפּועלים, האָט ער דורכגעפירט מיט אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איבערגעגעבנקייט, מיט זייער פיל פאַרשטענדעניש אויך פאַרן גורל פון יחיד.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַל, בעת עס איז אויסגעקומען צו אינטערווענירן ביי מרדכי נמירן אין תל־אביב, פאַר אייניקע ייִדישע אַרבעטער, וועלכע זע־נען געקומען פון פּוילן, און זיי איז אָנגעקומען שווער צו באַקומען אַרבעט ביי זייער פאַך: זיי זענען געווען פלייש־אַרבעטער. נאָך דער שחיטה־גזירה אין פּוילן, נאָך דעם ווי די טרויעריק־באַרימטע אַנטיסעמיטישע פירער פון דער פּוילישער „אָזאָן"־רעגירונג האָבן אונטערן אויסרייד פון „רחמנות צו קוילען בהמות", געשאַרפט דעם חלף, בכדי צו קוילען ייִדן — זענען די ערשטע, וועלכע זענען געטראָפן געוואָרן פון דער גזירה, געווען די ייִדישע קצבים און פלייש־אַרבעטער. די ציוניסטישע וועלט־עקזעקוטיווע האָט דאַן פון איר קליינער צאָל איינרייזע־דערלויבענישן קיין ארץ־ישראל, וואָס זענען איר צו־געטיילט געוואָרן פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט, אַראָפּגעגעבן אַ גע־וויסע צאָל סערטיפיקאַטן פאַר קצבים און אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס. אַ צאָל פלייש־אַרבעטער זענען טאַקע אַוועקגע־פאָרן קיין ארץ־ישראל, און אַזוי אַרום אויסגעמיטן די שפּעטערדיקע נאָך

גרעסערע קאַטאַסטראָפע וואָס היטלער ימח שמו האָט געבראַכט אויפן פּויליש יידנטום.

בעת מען איז געקומען צו מרדכי נמירן, וועלכער האָט דאַן געהערט צום סעקרעטאַריאַט פון תל־אביבער אַרבעטער־ראַט — אינטערוועניר וועגן אַרבעט פאַר די געקומענע פלייש־אַרבעטער, האָט ער דאַן געזאָגט אין געציילטע, איבערגעטראַכטע ווערטער, אַז מען זאָל האָבן אַביסל געדולד, מען זאָל זיך אָנגאַרטלען מיט האָפענונג, וואָרום דער קאַמף פאַר כיבוש־עבודה, פאַר דעראָבערן אַרבעט־פּלאַצוווקעס פאַר יידישע אַרבעטער גייט אָן און וועט ברענגען בלי שום ספק די געוווּנטשענע רעזולטאַטן; די פלייש־אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך אָן אַרבעט, וועלן בקרוב באַקומען אַרבעט, און אויף זייער גורל וועט אויספאַלן די זכיה צוצוגרייטן אַרבעט פאַר נאָך פון זייערע פאַך־קאָלעגן.

מיר דערמאָנען זיך, אַז זיינע ווערטער האָט מרדכי נמיר אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל בטחון, מיט אַזוי פיל זיכערקייט, אַז מיר זענען געווען זייער שטאַרק גערירט, אונדז האָט דאַן אַרומגענומען אַ האָפענונג, וועלכע האָט פאַרביטן פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן ביי אייניקע אַרבעטער. אַלע האָבן דערפילט און ווידעראַמאָל פאַרשטאַנען, אַז דער גורל פון יחיד איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון כלל און, אַז אויפן גורל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז אויסגעפאַלן די פּריווילעגירטע אויפגאַבע צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון יידישן פאָלק דורך אויסבויען זיין נאַציאָנאַלע היים און אויסקעמפן זיין פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט!

* * *

פּינקטלעכקייט און אַרבעטסזאַמקייט געהערן צו די הויפּט־שטריכן פון מ. נמירס פּערזענלעכקייט. זיין אַרבעטס־טאָג איז אַ לאַנגער און אַ שווערער; און די פּינקטלעכקייט פון זיין אַרבעט איז אין לשער. נמיר קען זיצן שעהןלאַנג ביים שרייבן אַ בריוו, אַ מעמאָראַנדום, אָדער אַ צירקולאַר. יעדעס וואָרט, יעדער אות איז געוויגן און געמאָסטן; אַזוי ווי אַ געניטער מוזיקער גיט אַכטונג אויף יעדן טאָן, אַזוי גיט נמיר אַכטונג, אַז יעדעס וואָרט זיינס, סיי בעל־פה און סיי בכתב, זאָל זיין געוווּיגן און געמאָסטן, און אַז דער אַרויסגערעדטער, אָדער אָנגעשריבענער זאַץ זאָל זיין קלאָר, דייטלעך און אומצווייַדייטיק.

אַדאַנק נמירס אַרבעטסזאַמקייט און פּינקטלעכקייט איז אים געלונגען אויסצופירן מיט הצלחה יעדע אויפגאַבע, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן.

* * *

איבער דרייסיק יאָר האָט געדויערט נמירס וועג, פון דעם האַלץ־העקער אין אַ בעקעריי אין תל־אביב, ביז צו דער קריה אין ירושלים — צום הויז פון אַרבעטס־מיניסטעריום. יאָרן שווערע און מיפּולע, יאָרן פון אַרבעט און קאַמף. דער וועג איז געווען פון האַקן האָלץ פאַר אַ בעקעריי, נאָכהער זיצן איבער טרוקענע ציפערן אין דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג פון דער הסתדרות, שפּעטער אַלס סעקרעטאַר פון תל־אביבער אַרבעטער־ראַט, נאָך דעם אַלס אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין רוסלאַנד, נאָכהער אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות און איצט אַלס דער אַרבעטס־מיניסטער אין ישראל.

נישט איינמאָל, אין משך פון די שווערע יאָרן אַרבעט, איז נמיר אַוועק פון אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג, פון שווערע נישט־געלייזטע פּראָבלעמען, פון האַרבע פראַגן, צו זיך אַהיים, אין זיין צימער, האָט אַראָפּגענומען די „האַרפּע" פון דער וואַנט, און ביי די טענער פון מוזיק אָפּגערוט די אָנגעשטרענגטע נערוון; איז אויף מאָרגנס געקומען צום אַרבעטער־ציבור אַן אָפּגעפרישטער, פול מיט ענערגיע און שאַפונגס־כוחות, פול מיט האָפענונג און מוט, פול מיט גלויבן אין דער אויפוואַכונג פון אַרבעטער־קלאַס, וועלכער וועט מיט זיין שטאַרקן אָרעם באַוועגן אַלע רעדער, וואָס וועלן אַקערן און זייען און ברענגען די שפע פאַרן יידישן פאָלק, די שפע פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, די שפע פון פולשטענדיקער גאולה!

די אַרבעט פון נמירן איז אַן אָפן בוך, וואָס באַווייזט זיין גרויסע געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צום פאָלק, זיין אומבייגזאַמקייט און דעם באַוווסטזיין, וועגן דער ראָל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם גרויסן קאַמף פאַר פאָלקס־קיום און אויסלייזונג.

פיאָנער פון דער חלוצישער באַוועגונג
(אליהו דאָבקין)

כראָניקער פון ציוניסטישער באַוועגונג טיילן איין די תקופה פון דער מאָדערנער שיבת־ציון באַוועגונג אין דריי סטאַדיעס:

„בילו" איז געווען די ערשטע סטאַדיע; די „בילויים" זענען געווען די יעניקע, וואָס האָבן פאַרביטן זייערע שרייבפעדערס אויף אַקעראייזנס און לאָפּאַטעס און ווי קינדער פון דעם עם קשי עורף אָנגעהויבן דורכצולייגן אַ וועג פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל.

דער אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די צווייטע סטאַדיע פון דער שיבת־ציון עפּאָכע. די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער צייט פון דער צווייטער עליה, האָט אין צוגאָב צו אַלע עקאָנאָמישע און קולטור־פראַגן אויך מכין געווען אַ תשובה צום „אוגאַנדאַ"־פּראָיעקט, און צו באַווייזן, אַז נאָר ארץ־ישראל איז דער פּלאַץ, וווּ דער ייִדישער אַרבעטער איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, איז גרייט זיך צו ברענגען פאַר אַ קרבן, בכדי צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון ייִדישן פאָלק. אַזוי ווי די „בילויים", אַזוי האָבן זיי, די ייִדישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, מיט הוילע הענט איינגענומען דאָס לאַנד און זיך באַהאָפטן מיט דער ישראל־דיקער ערד. האָבן באַנייט דעם בונד פון פאָלק ישראל מיט ארץ־ישראל לצמיתות, אויף אייביק און פאַר אַלע אייביקייטן.

דער „החלוץ" שטעלט מיט זיך פאַר די דריטע סטאַדיע אין דער דאָזיקער שיבת־ציון תקופה. דער „החלוץ" איז דער אַוואַנגאַרד פון די פאַרווירקלעכער פון דער ציוניסטישער וויזיע. דאָס איז די באַוועגונג אין ציוניזם, וועלכע האָט מיט מסירת־נפשדיקער אַרבעט און דורך הערא‍ָישן קאַמף פאַרוואַנדלט אַמאָליקע חורבות אין אַ בליִענדיקער ייִדישער מלוכה, איז דאָס היינטיקע מדינת ישראל!

די תקופה אין וועלכער מיר לעבן קען באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען „מתן ישראל", די עטאַבלירונג פון אונדזער שטאַט.

דער באַגריף „מתן ישראל" — איז אַ סך אַ ברייטערער ווי דער געאָגראַפישער שטח פון אונדזער מדינה. דאָס צוריקגעווינען אונדזער היימלאַנד מאַכט אַ סך לייכטער דעם וועג צוריקצוגעווינען אויך ישראל, דעם ייִדן, וואָס האָט זיך אָפּגעפרעמדט פון אונדז, וואָס שטייט מן הצד, וואָס פילט זיך פריי

פון יעדער זאָרג, וועגן גורל פון דער מדינה און קיום פון פאָלק. ווי אויך די ייִדן, וואָס ווילן מיט לייב און לעבן זיך מצרף זיין מיט פאָלק ישראל דורך מדינת ישראל, די וואָס גאַרן און לעכצן נאָך נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן און מען האַלט זיי געצוווּנגענערהייט אונטער מעטאַלענע פאַרהאַנגען...

דער ציל דאַרף נאָך דערגרייכט ווערן. דער זעלבער כוח, וואָס האָט דער־פירט צו דער עטאַבלירונג פון שטאַט און זאָרגט פאַר זיין פאַרפעסטיקונג און אַנטוויקלונג — די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, וועט נישט רוען ביז עס וועט נישט מקוים ווערן דער פולער „מתן ישראל״, וואָס מיינט קיבוץ גלויות אין מדינת ישראל.

* * *

אליהו דאָבקין געהערט צו די, וועלכע זענען מיט גרענעצלאָזער עקשנות טיף איבערגעגעבן דער אידייע פון קיבוץ גלויות אין דעם פולן באַגריף פון „מתן ישראל״.

אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשיי־דענע פּרוּוון צו ברענגען גאולה, וואָס זענען ליידער דורכגעפאַלן. קיינמאָל אָבער האָט ייִדיש פאָלק נישט אויפגעגעבן זיין האָפענונג און נישט איבער־געריסן זיין בונד מיט ארץ־ישראל.

פאַרשיידן איז די האָפענונג, דער גלויבן אין גאולה געקומען צום אויס־דרוק ביי אונדזער פאָלק, אָפּהענגיק פון דער עפּאָכע און באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט. כדאַי צו דערמאָנען די באַוועגונגען וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אין ייִדישן לעבן אין משך פון דריי יאָרהונדערטער, וואָס ווערן פון אונדזערע היסטאָריקער באַצייכנט אַלס די תקופה פון משיחיזם.

ביז ס׳איז געקומען די תקופה פון ציוניזם, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו געווינען דאָס האָרץ און מוח פון פאָלק פאַר דעם גרויסן באַפרייונגס־קאַמף צוריק צו דעראָבערן אונדזער היימלאַנד, אויסגעלייזט צו ווערן פון די גלות־קייטן דורך פּראַקטישער חלוצישער טאַט אַרויסצורופן די חלוצישע פאַרבאָר־גענע כוחות פון אונדזער יוגנט פאַרן בוי און קאַמף פון אונדזער אומאָפּהענ־גיקייט. אָוועקשטעלן נעבן די ייִדן, וואָס קלאָגן ביי די חורבות פון בית־המקדש, ייִדן פויערים, וואָס אַקערן און זייען די פעלדער פון ישראל, וואָס טריקענען זומפּן, וואָס פלאַסטערן שאָסייען, וואָס פלאַנצןביימער און וויינ־גערטנער, דערציִען דורות פון אַן אויסגעלייטערט פאָלק, וועמענס קינדער עס וועלן זיין ערד־אַרבעטער און מיט דעם אויך קינדער פון הויכער קולטור און הויכן גייסט, קינדער פון אַ פאָלק וואָס טראָגן אין זייער ברוסט מוט און גבורה, אין זייער מוח נאַציאָנאַלן שטאָלץ און באַוווּסטזיין און אין זייער האַרץ ליבשאַפט און גרענעצלאָזע טרייהייט צו פאָלק און לאַנד.

די תקופה פון ציוניזם, ווען ד״ר הערצל האָט באַוויזן צו מאָביליזירן באַדייטנדיקע טיילן פון פאָלק און שאַפן די טריבונע פון קאָנגרעס, ווו ייִדיש אונטערדריקט לעבן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער וועלט־אויפמערקזאַמקייט, האָט זוכה געווען צו דערפירן צו דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

גאָר ווייניקע האָבן באַוויזן צו מאָביליזירן אין אונדזער גלות צעשפּרייט־קייט איבער גאָר דער וועלט דעם חלוצישן כוח, אים ברענגען קיין ישראל, וואָס איז געווען און וועט פאַרבלייבן דער הויפּט־כוח אין דעם בוי און אין דער באַפעסטיקונג פון דער מדינה — ווי דאָס האָט באַוויזן אליהו דאָבקין.

* * *

שוין פערציק יאָר ווי אליהו דאָבקין האָט גענומען אויף זיך די אויפ־גאָבע צו זאַמלען איבער דער וועלט די חלוצישע כוחות פאַר ישראל. גלייך נאָכן סוף פון ערשטן וועלט־קריג שטעלט ער זיך אין רשות פון דער הייליקער טעטיקייט. מיט טאַלאַנטירטע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן, מיט אַ זעלטענעם חוש פאַר פּראַקטישער אַרבעט, פאַר קאָנקרעטע ענינים, מיט טיף־ברויזנדיקער ענערגיע, איבערגעלאָדן מיט התלהבות און גלויבן אין אמת פון ציוניזם, באַ־גלייט מיט ייִדישן און וועלטלעכן וויסן, מיט אַ שטאַרקן כוח הסברה, מיט פּשטות וואָס שפּרודלט פון מקורות פון עכטער ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט, געלינגט אים מיט גרויס דערפאָלג צו געווינען באַדייטנדיקע טיילן פון דער ייִדישער יוגנט פאַר די חלוצישע אויפגאַבן אין ישראל.

דורך זיין אומדערמידלעכער, עקשנותדיקער אַרבעט לטובת „החלוץ״ פאַר די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר, האָט זיך דאָבקין דערוואָרבן די פאַרדינטע פאָ־זיציע און נאָמען אַלס טרעגער פון דעם חלוצישן ציוניזם.

מיר ווייסן ווי שווער עס איז היינט די אַרבעט פון מאָביליזירן קאַדרען פון ייִדישער יוגנט פאַרן „החלוץ״, נאָך דעם ווי דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט פון זעקס מיליאָן קרבנות, נאָך דעם ווי אויף אַ רוצחישן אופן איז פון אונדז צוגענומען געוואָרן דער רעזערוואַר פון וואַנען דער ציוניזם האָט געשעפּט יניקה פאַרן חלוצישן כוח.

* * *

אליהו דאָבקינס אַרבעט אין משך פון די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר אַלס איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, איז פאַר זיך אַליין אַ גרויס קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפ־לעבונג, וואָס דער אָרגאַניזירטער ציוניזם פירט שוין באַלד זעכציק יאָר אויף

דער יידישער גאַס פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון ישראל סבא, אין זיין אייגן לאַנד — אין מדינת ישראל.

אליהו דאַבקין געהערט צו די, וועלכע האָבן זוכה געווען צו מאַכן ציור־ניסטישע געשיכטע, אַנהייבנדיק צוזאַמען מיט יוסף טרומפּעלדאָר ע״ה, צו גרינדן די ערשטע חלוצישע גרופּעס און יידישע יוגנט; בחורים און מיידלעך, חלוצים און חלוצות.

אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער, חיים נחמן ביאַליק ע״ה, האָט אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט פון אַ יום־טוב געזאָגט צו אַ חלוץ:

...איך זע דעם עיקר כוח פון אַ חלוץ אין זיין אַרבעט, אין דער טאַט, און דאָס איז דער גרעסטער חידוש, די נייסטע פרשה, וואָס דער „החלוץ״ האָט אַריינגעשריבן אין בוך פון דער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג. יעדע באַוועגונג מוז דורכגיין די תקופה פון געדאַנק און טרוים, די תקופה פון ריידן און פּריידיקן, ביז זי דערגרייכט צום סוף פון דער תקופה, פון אויפטו און פון טאַט. אויב עס איז דאָ אַ גרופּע אין אונדזער גרויסער מחנה, וואָס האָט אויף אַ ממשותדיקן אופן דערנענטערט די רגע פון טאַט און האָט זיך דערפאַר מקריב געווען, — איז עס געווען דער „החלוץ״.

אליהו דאַבקין געהערט צו די, וועלכע זענען אין דער דערמאַנטער תקופה אַריינגעגאַנגען בלב ונפש, ער האָט פאַרבונדן און פאַרקניפּט זיין אייגענעם גורל מיט דעם לעבעדיקסטן נערוו פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. — מיט „החלוץ״, די אָרגאַניזאַציע אין ציוניזם, וואָס האָט דורך מעשים, דורך טאָג־טעגלעכער אַרבעט און קאַמף, דורך מיפּולער לייסטונג דערפירט צו דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל.

עס געהערט צו די רומפולע בלעטער אין דער געשיכטע פון ציוניזם בכלל, און אין דער לעבנס־געשיכטע פון אליהו דאַבקין בפרט, זיינע פאַר־צווייגטע טעטיקייטן אַלס פירער פון דער „החלוץ״־באַוועגונג אין משך פון די לעצטע פערציק יאָר. זיין אַרבעט פון זאַמלען אַרום די פענער פון ציוניזם, פון אַלע שאַטירונגען, די יידישע יוגנט איבער אַלע וועלט־עקן, זיי צוצוגרייטן אין די הכשרה־קיבוצים צו עליה, צו אַרבעט און קאַמף אין ארץ־ישראל; אַט די אַלע, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן מיט בלוט און שוייס צו דערפירן צום כתר מלכות פון דער היינטיקער מדינת ישראל.

דאָס קאַפּיטל פון העלדנטום און מסירת נפש, וואָס די חלוצישע באַווע־גונג האָט געשטעלט אין רשות פון פאָלק אין קאַמף פאַר אונדזער פרייהייט, איז דער אויסדרוק פון העכסטן באַוווסטזיין און אליהו דאַבקין האָט אין משך פון יאָרצענדליקער מיט זיין מיפּולער אַרבעט און מיט זיין גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט מיטגעהאָלפן איינצופלאַנצן עס אין די מוחות און אין די

הערצער פון די טויזנטער און טויזנטער חלוצים, וועלכע האָבן זייער לעבן געשטעלט אין קאָן, בכדי צו דערגרייכן פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט — מדינת ישראל.

די ראָל פון „החלוץ" נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל האָט זיך נישט פאַרענדיקט. גראָד פאַרקערט, דאָס קאַפּיטל פון דערפילן חלוצישע אויפגאַבן ביים אויסבויען און פאַרפעסטיקן די מדינה, האָט זיך פון ס'ניי אָנגעהויבן אין דעם טאָג, ווען די מדינה איז געשאַפן געוואָרן. אָן חלוצישער טרייהייט און ליבשאַפט, אָן חלוצישן פלייס און באַוווסטזיין, וועט נישט אויפגעבויט ווערן דער נגב, וועט מען נישט אַרויסבאַקומען די אוצרות וואָס ליגן טיף באַהאַלטן אין דער ישראלדיקער ערד.

מיט דער זעלבער ענערגיע, מיטן זעלבן פלייס, עקשנות און באַוווסטזיין, איז אליהו דאָבקין ממשיך זיינע לייסטונגען איצט אין דער תקופה פון מדינת ישראל, צו ברענגען וואָס מער חלוצים פון אַלע וועלט־עקן קיין ישראל, וועלכע זאָלן מיט זייער פלייס, מיט זייער יוגנטלעכער התלהבות בויען, שיצן און פאַרפעסטיקן די מדינה!

אַלס פירער פון דער חלוצישער באַוועגונג אין משך פון די לעצטע פערציק יאָר, האָט אליהו דאָבקין באַוויזן צו קאָנצענטרירן זיינע לייסטונגען אויף אַלע די אַרבעט־שטחים, וואָס האָט דער יידישער יוגנט אין איר אַלע פאַרשיידענע שטרעמונגען פאַראייניקט, וואָס האָט קאָנסאָלידירט דעם קאָלעקטיוון ווילן פאַר דער אַרבעט פון אויפבויען און באַשיצן מדינת ישראל.

מאַנכע ציוניסטישע פירער זענען אַריין אין דער געשיכטע פון ציוניזם אַלס אָנזאָגער, אַלס מבשרי הציונות. אליהו דאָבקינס פּלאַץ אין דער געשיכטע פון ציוניזם איז אַלס פאַרווירקלעכער. ער געהערט צו די מגשימי הציונות. מאַנכע ציוניסטישן פירער האָבן פאַר זייער טעטיקייט־אַרענע געהאַט דעם תחום פון טעאָריע, הלכה, אליהו דאָבקינס אַרבעט־אַרענע איז תמיד געווען דער תחום המעשה, די קאָנקרעטע טאַט. ער האָט זיין גאַנצע ענערגיע קאָנצענטרירט אויף דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראַקטישער אַרבעט פאַר בנין הארץ!

מדינת ישראל און די תפוצות — ברוך צוקערמאַן

אמר רבי ברוך: „שמע ישראל! הער זיך צו ישראל, צו דער שטים פון דיין פאָלק!

„אומעטום ווו איר געפינט זיך, זין און טעכטער פון פאָלק ישראל, אויף יעדן ווינקל פון ערד־קויגל, ווו דער גורל האָט אייך פאַרטראָגן — פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום, זייט וויסן און געדענקט, אַז איר זענט קינדער פון איין פאָלק, אַז מיר אַלע, צעזייטע און צעשפּרייטע צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט, בילדן צוזאַמען איין פאָלק, עם אחד!"

דער טיפער גלויבן אין עם אחד — אין אַן אומצעטיילבאַר פאָלק — האָט נישט אָפּגעלאָזט אויף איין מאָמענט ברוך צוקערמאַנען אין משך פון אַלע יאָרן פון זיין לעבן, פון זיין אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער לייסטונג לטובת אונדזער פאָלק.

שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דעם ייִדישלעכן לעבנסשטייגער — פון אים אַרויסגעוואַקסן און אויף אייביק מיט אים פאַרבונדן — האָט צוקערמאַן תמיד געגלייבט. און דעם גלויבן אויך געטראָגן אין פאָלק, אַז דאָס פּראָבלעם פון ישראל בעמים — דער ייִדישער קיום צווישן פעלקער, דער המשך פון ייִדישן גייסט, פון ייִדישער קולטור־שאַפונג קען זיך נאָר שטיצן אויפן יסוד פון עם־אחד — פון איין פאָלק. אין דעם געדאַנק האָט צוקערמאַן געזען דעם זין פון ייִדישן קיום און אויך די מעגלעכקייט דעם דאָזיקן קיום צו פאַרזיכערן פאַר דער צוקונפט.

די דורות־לאַנגע פראַגע: וואָס פאַראייניקט ייִדן צווישן זיך? וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מאַסע מענטשן, וואָס לעבט מפוזר ומפורד אין אַלע וועלט־עקן און טראָגט אויף זיך אומעטום דעם נאָמען ייִד? ווערט ביי ברוך צוקערמאַנען פאַרענטפערט מיט עם־אחד. ייִדן זענען צווישן זיך פאַראייניקט איבער גאָר דער וועלט — אַלס איין פאָלק. מיר זענען, זאָגט ברוך צוקערמאַן, אַ וועלט־פאָלק, מיט איינהייטלעכע פּאָליטישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען ווי אַ פאָלק, שטאַטלעך זענען מיר בירגער פון די לענדער, אין וועלכע מיר לעבן, דאָס פאַרפליכטעט אונדז צו אַלע בירגערלעכע התחייבותן פון דער מדינה, אָבער אין גאַנצן סכום פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, וואָס איז אין זיך כולל די ייִדישע קולטור יצירות אין אַלע אירע געשטאַלטונגען, רעליגיעזע יצירות איינגעשלאָסן, די ייִדישע געמיינשאַפטלעכע געשיכטע, די ייִדישע

געזעלשאַפטלעכע נאַציאָנאַלע צוקונפט־האָפענונגען, אין אַלץ, וואָס איין נאַציאָנאַלע גרופע איז אַנדערש פון דער צווייטער, געהערן אַלע ייִדן פון דער וועלט צו איין און דעם זעלביקן ייִדישן פאָלק.

ברוך צוקערמאַן איז געווען דער אידייען־טרעגער פון עם־אחד געדאַנק ביז צו דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל און איז אויך אויף ווייטער נאָכן אויפקום פון דער מדינה פאַרבליבן דער זעלבער חסיד און קעמפער.

גלייך פון אָנהייב, נאָכן אַנטשטיין פון דער ייִדישער מדינה, האָט זיך געשאַפן אויף דער ייִדישער גאַס אַ בלבול המוחות. פאַרשיידנאַרטיק האָט מען אָנגעהויבן אויסצוטייטשן און אַריינצוטייטשן אין דעם קנויל פון פראַגן, וואָס עס דאַרפן זיין די באַציִונגען צווישן מדינת ישראל מיט די ייִדן בכל תפוצות הגולה. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז אויף דער טעמע אָנגעשריבן געוואָרן פון פאַרשיידענע ייִדישע פירער, בתוכם אויך ציוניסטישע. פאַרשיידנאַרטיק איז דער צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם. פירער פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זענען געפאָרן קיין ישראל און אָפּגעהאַלטן געשפּרעכן מיט די אויטאָריטעטן און וואָרטזאָגער פון דער מדינה און פאַרזוכט פאָרמולירן רעזאָלוציעס: וואָס עס באַדאַרף זיין דער צוגאַנג פון דער מדינה צום גלות און פאַרקערט. דאָס פּראָבלעם האָט צום מייסטן באַשעפטיקט ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געווען ציוניסטיש געשטימט, האָבן אַפילו פּרובירט אונטערצוזינדיקן — מיט אַנטי־ציוניזם. די רעאַליטעט פון מדינת ישראל, די פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן חלום האָט זיי געשטעלט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. די גאַנצע וועלט האָט די מדינה אָנערקענט: וואָס זשע איז זייער דעפיניציע: — זייערע באַציִונגען צום ייִדישן שטאַט?

אָנשטאָט אַליין צו דעפינירן זייער שטעלונג צו מדינת ישראל, האָט מען געפּרעסט אויף די מדינה־פירער, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן דערקלערונגען, וואָס עס איז און וואָס עס וועט זיין די באַציִונג פון דער מדינה צו ייִדיש לעבן אין די גלות־לענדער. אייניקע אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכויס געפאָדערט, אַז די מדינה־אויטאָריטעטן זאָלן מסכים זיין און אין זייער דעפיניציע צו ייִדן מחוץ לארץ דערקלערן, אַז אַמעריקע איז נישט קיין גלות, אַז אַמעריקע איז אַ היים פאַר ייִדן. אַזעלכע דעקלאַראַציעס זענען טאַקע געגעבן געוואָרן צו ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע פון פאַראַנטוואָרטלעכע, אין שפּיץ שטייענדיקע מלוכה־מענער פון מדינת ישראל.

די אָרגאַניזאַציעס האָבן געשטילט זייער אַמביציע מיטן אַרויסבאַקומען אַ דעקלאַראַציע פון דער מדינה, וואָס לויט זייער מיינונג פאַרזיכערט זיי דעם קיום אין ייִדישן לעבן און קענען אומגעשטערט ממשיך זיין זייער פונקציע.

מיט די דעקלאַראַציעס פון דער רעגירונג פון ישראל איז נאָך אָבער דאָס

עצם פּראָבלעם פון די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן ישראל און גלות נישט פאַרענטפערט געוואָרן. אַן ערנסטן פאַרמעסט דאָס פּראָבלעם צו פאַרטייטשן און געפינען די ריכטיקע תשובה אויף דער אַזוי באמת וויכטיקער פראַגע איז געמאַכט געוואָרן פון ברוך צוקערמאַן, אין אַ סעריע פון דריי אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער וואָכנצייטונג „דער יידישער קעמפער", אָרגאַן פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע — פאַר וועלכע ער האָט באַקומען די שאַבאַן־פּרעמיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס.

ב. צוקערמאַן זעט די באַציִונגען צווישן ישראל און גלות אין דער געמיינזאַמער אַרבעט, וואָס סיי מדינת ישראל און סיי דאָס יידנטום אין גלות דאַרפן טאָן ווי איין פאָלק, וואָס שעפּט זיין גייסטיקע יניקה פון די דורות פון עבר און, וואָס באַדאַרף דעם המשך פון געמיינזאַמען גייסטיקן שאַפן איבערגעבן צו די דורות פון עתיד. ענגע פאַרבינדונג צווישן ישראל און גלות און טיפערע פאַרפלאַנצונג פון יידישקייט אומעטום וווּ יידן געפינען זיך, באַזירט אויף די לעבנס־פּאָטענצן פון דעם איינהייטלעכן יידישן פאָלק — איז די קאָנקרעטע אויפגאַבע פון דער הייַנטיקער תקופה — ז"י תקופה פון מדינת ישראל.

ברוך צוקערמאַן ווייזט אָן אויף דער אויפגאַבע פון חלוציזם אין דער הייַנטיקער צייט. עס זענען נייטיק חלוצים צו בויען און באַפעסטיקן די מדינה און צו גלייכער צייט זענען נייטיק חלוצים אויף בויען די קולטור פון פאָלק. חלוציות אין אונדזער צייט, זאָגט צוקערמאַן, האָט פאַר זיך אַ דאָפּלטע אויפגאַבע: סיי העלפן בויען מדינת ישראל און סיי העלפן בויען עם ישראל.

פאַר ברוך צוקערמאַנען שטייט נישט דאָס פּראָבלעם: צי אַמעריקע איז אַ גלות, אָדער נישט אַ גלות, ווי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן פּרובירט דאָס פּראָבלעם אַוועקשטעלן און אַפילו פאַרלאַנגען דעקלאַראַציעס פון דער מדינה, אַז אַמעריקע איז אַ היים און נישט קיין גלות פאַר יידן. די פראַגע וויל גאָר ב. צוקערמאַן נישט דיסקוטירן. פאַר אים איז אַ גלות, ווי ער דריקט זיך אויס — יעדער פלאַץ ווו דער יידישער מענטש איז מחויב זיך צו שפּאַלטן צווישן ייד און נאָך עפּעס, מעג דער דאָזיקער נאָך עפּעס מיט זיך פאָרשטעלן דאָס פּרייסטע אויף דער וועלט. אַ ייד, דערקלערט צוקערמאַן, קען זיין שלימותדיק לעבן געפינען נאָר אין ישראל. און ווען אַ ייד באַפרייט זיך פון צעשפּאַלטנקייט, באַפרייט ער זיך פון גלות. די אויפהאַלטונג און המשך פון עם אחדיקייט זעט דעריבער צוקערמאַן נאָר אין קיבוץ גלויות, וואָס שליסט איין די יידן פון אומעטום, אַמעריקע אַריינגערעכנט.

די באַציִונגען פון ישראל צום גלות און פאַרקערט — די באַציִונגען פון גלות צו ישראל, זעט צוקערמאַן אין צוויי קאָנקרעטע צילן: די אויפהאַלטונג

פון עם־אחד־באַוווּסטזיין אין גאַנצן ייִדישן פאָלק און די ווייטערדיקע ראָלע פון ייִדישן פאָלק אין דער מענטשהייט. ביידע צילן, זאָגט צוקערמאַן, זענען אָפּהענגיק איינער פון צווייטן. ווען מיר באַווייזן אויפצוהאַלטן אונדזער עם־אחדיזם, אונדזער פאָלקישע אייגנאַרטיקייט, איז אונדזער ראָלע אין דער מענטשהייט אַ געזיכערטע. מיר וועלן האָבן וואָס צוצוטראָגן צום געזאַמלטן קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט, און מיר וועלן עס צוטראָגן דורך לעבן אונדזער אייגנאַרטיקן לעבן, דורך ממשיך זיין אונדזער אייגנאַרטיקן גייס־טיקן שאַפן.

די פאַרוויִרקלעכונג פון די דערמאָנטע צילן זעט צוקערמאַן ראשית כל אין דעם עם־אחד פרינציפּ, דעם פרינציפּ, אַז אין די ספערן פון אונדזער גייס־טיקן שאַפן זענען מיר אַן איינהייטלעך פאָלק. וואָס האָט אַן אינטעגראַלע קול־טור, אין וועלכער עס זענען איינגעשלאָסן אַלע שאַפונגען פון אַלע ייִדישע דורות אויף אַלע געביטן פון יצירה, זינט דעם טאָג ווען מיר זענען אויפגע־טראָטן ווי אַ פאָלק אויף דער אַרענע פון דער מענטשלעכער קולטור; זינט מיר האָבן אָנגעהויבן אַריינשפּילן אונדזער אייגנאַרטיקן טאָן אין דעם סימפאָנישן אָרקעסטער פון דעם מענטשלעכן גייסט.

אחד העם האָט געזען אין ארץ־ישראל דעם מרכז רוחני פון ייִדישן פאָלק, דעם גייסטיקן קולטור־צענטער, ווו עס וועלן קאָנצענטרירט ווערן די גייס־טיקע שאַפונגען פון פאָלק.

ב. צוקערמאַן זעט דעם מרכז רוחני אין דעם פּרינציפּ פון עם אחד, פון איינהייטלעכקייט. אויב לויט אחד העם האָט מרכז רוחני געמיינט כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים, מיינט דער זעלבער פסוק פאַר צוקערמאַנען, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס, העם היושב בציון — דאָס פאָלק, וואָס לעבט אין ציון. דער וועג דערצו איז דורך קיבוץ גלויות.

צוקערמאַן זאָגט, אַז פון פּרינציפּ פון עם־אחד האָט אַרויסגעשפּראָצט מתן תורה, האָט אַרויסגעדונערט אונדזער נבואה, איז געקומען דער כוח פון אונדזער רעליגיעזער יצירה, האָבן געצויגן חיונה אַלע משיחישע באַוועגוּ־גען אין אונדזער געשיכטע, פון זעלבן פּרינציפּ שטראָמט אונדזער קדושת־שבת, אַלע אונדזערע גאולה־בענקעניש און דער אייגנאַרטיקער בונד פון עם אחד און ארץ־ישראל. אונדזערע מאָדערנע שרייבער און קינסטלער שעפּן פון די זעלבע גייסט־קוואַלן — די אייגנאַרט פון דעם עם־אחד. פון דעם קוואַל האָט געטרונקען הערצל, פון דעם כוח האָבן געשעפּט די בילוי״ם, פון דעם כוח איז חלוציזם אין אונדז געבוירן געוואָרן, פון דאַנען האָבן מיר געשעפּט די גבורה פון העפלה, סיי פאַר מתן ציוניזם, סיי פאַר אונדזער צייט. מיט אָט דעם זאַפט איז אָנגעטרונקען אונדזער הגנה־זעלנער, פונקט ווי עס האָבן

פון אים געטרונקען אַלע אונדזערע זעלנער פון אַלע דורות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין מלחמת היהודים. די דורות בויער פון ארץ־ישראל האָבן גע־שעפּט פון אָט דעם קוואַל, נישט ייִדן־נויט אַליין האָט זיי געטריבן קיין ארץ־ישראל. נויט אַליין שלעפּט אָפּטער צו פאַרצווייפלונג, צום דנאָ פון דער גע־זעלשאַפט. נאָר אַ נויט, וואָס האָט זיך געשפּייזט מיט דער ספּעציעלער גייס־טיקער אייגנאַרט פון עם־אחד האָט געקענט אַרויסברענגען אַ דור פון בויער, וואָס זאָל זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה — לאיגרא רמא, דער גייסט־שטראָם, וואָס האָט אונדז צוריק אויפגעלעבט העברעיִש האָט אויך זיין אָנהייב אין אונדזער עם־אחד באַוווסטזיין.

די באַציִונג צווישן ישראל און גלות זעט צוקערמאַן נישט ווי אַנדערע, וועלכע ווילן זיך אין די גלות־לענדער — הויפּטזעכלעך אין אַמעריקע — אָפּטיילן און זיך באַנוגענען בלויז מיט מאַטעריעלער שטיצע און אויב נייטיק אויך מיט פּאָרזיכטיקער פּאָליטישער שטיצע, פון ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג צו די נויטן פון ישראל. פאַר צוקערמאַנען איז דאָס ווייניק. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה פון עם־אחד זעט ער די צענט־ראַלסטע אויפגאַבע אין די באַציִונגען פון אָנצייכענען אַן איינהייטלעכן ייִדישן דערציִונגס־פּראָגראַם פאַר קינדער סיי פאַר ישראל, און סיי פאַרן גלות — אַריינצוברענגען אין אַ געמיינזאַמער דערציִונג־פּראָגראַם יענע יסודותדיקע עלעמענטן, וואָס זאָלן העלפן אויספורעמען די נשמה פון ייִדישן קינד אין ישראל, און אין גלות זאָל זיין די זעלבע.

די באַציִונג צווישן גלות און ישראל זעט צוקערמאַן אין אַ געמיינזאַמער מיִסיע פון ביידן וואָס פירט צום העכסטן ציל פון אונדזער קיום — צו עם־אחד.

נישט וועגן די באַציִונגען צווישן גלות און מדינת ישראל האַנדלט זיך עס, נאָר וועגן די געמיינזאַמע אויפגאַבן, וואָס גלות און מדינת ישראל האָבן אין דער היינטיקער תקופה צו פאַרזיכערן דעם קיום פון אונדזער פאָלק. באַ־ציִונגען קענען אויך אַרויסברענגען שייך־ליניעס, זאַכן וואָס טיילן אָפּ איינער פון צווייטן. געמיינזאַמע אויפגאַבן, בשותפותדיקע פליכטן דערנענטערט, צע־מענטירט, האַלט צוזאַמען איינעם מיטן צווייטן, ווישט אָפּ די גרענעץ פון „מיר אין גלות און איר אין ישראל". די געמיינזאַמע אויפגאַבן פון גלות און ישראל ליגט אין יסוד פון דעם פּרינציפּ, פון עם־אחד — איין איינהייטלעך פאָלק, וואָס איז דער נצח אידעאַל פון הערצליאַנישן ציוניזם!

די דריי קרוינען פון ל. סיגאַל

ברידערלעכקייט, פריינטשאַפט און חברישקייט. די דערמאָנטע אייגנ־שאַפטן גייען דורך ביי ל. סיגאַל ווי אַ גאָלדענער שנור אין זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט און אין זיין פערזענלעכער באַציונג צו יחידים. די דער־מאָנטע אייגנשאַפטן האָט מען געקענט זען פון דער נאָענט אין פיל פאַלן. עס זענען געווען געלעגנהייטן צו אָבסערווירן זיין צאַפּלדיקע יידישע נשמה, צו זען ווי עס האָט זיך ביי אים צעעפנט זיין ברייט יידיש האַרץ אין צייכן פון ברידערלעכקייט, פריינטשאַפט און חברישקייט.

יאָר 1946, נאָכן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז זיך צונויפ־געקומען אין חודש דעצעמבער אין באַזעל (שווייץ). געווען איז עס אין מילאַן (איטאַליע) נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די געציילטע, על פי נס לעבנ־געבליבענע יידן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די היטלער־גיהנומס, האָבן געשוואָרצט די גרענעצן פון מזרח־אייראָפּע צו די מערב־גע־ביטן. דער ציל איז דאָן געווען זיך צו דערשלאָגן צו אַ פּלאַץ, פון וואַנען עס זענען פאַראַן אויסזיכטן צו קענען זיך אַריינבאַקומען קיין ארץ־ישראל.

דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס פון אַמעריקע, פון ארץ־ישראל און פון אַנדערע לענדער, זענען געפאָרן אין די פּליטים־לאַגערן באַזוכן יידן, זיך זען מיט שוועסטער און ברידער — די קינדער פון איין פאָלק, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די שרעקלעכע היטלער־גיהנומס. טויזנטער און טויזנטער מעפּי־לים זענען דאָן געגאַנגען דורך בערג און דורך טאָלן, אין שניי און אין רעגן, בכדי זיך צו דערשלאָגן צו די פּלעצער, פון וואַנען עס איז געווען אין יענער צייט, ווען די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג אין ארץ־ישראל האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן די טויערן פון יידישן היימלאַנד און נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן — מעגלעכקייט זיך „אַריינגנבענען" קיין ארץ־ישראל.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען יידן האָבן אויף מולטערס זיך גע־טראָגן אויף די ברויזנדיקע ים־כוואַליעס און ביינאַכט, אין דער פינצטערניש, זיך אַריינבאַקומען קיין ארץ־ישראל. די שטאָט מילאַן אין איטאַליע איז גע־ווען איינער פון די שליסל־פונקטן פאַר יידישע וואַנדערער, פאַר די מעפּילים, וועלכע זענען געגאַנגען קיין ארץ־ישראל.

ס'איז געווען אַ קאַלטער נאַכמיטיק. אַ שוידערלעכע קעלט האָט דורכ־געדרונגען אַלע גלידער. די שטאָט מילאַן איז געווען איינגעהילט אין אַ שווערן,

פינצטערן נעפּל, איין מענטש האָט דעם צווייטן נישט געזען. דער גאַנצער פּאַרקער אין שטאָט, די טראַמווייען און אויטאָס, זענען שטיין געבליבן צוליב דער געדיכטער פינצטערניש פון נעפּל. די אַרטיקע איינוווינער זענען געבליבן אין זייערע היימען און געוואַרט אויף אַ ביסל ליכט, וואָס זאָל צעטרייבן די פינצטערניש פון נעפּל און ברענגען אַ קאַפּ לויטערקייט אין זייער געמיט.

די איינציקע, וועלכע זענען פון נעפּל נישט געשראָקן געוואָרן, די איינ־ציקע, וועלכע האָבן איינער דעם אַנדערן אין דער שטאָט־פינצטערניש פון נעפּל יאָ דערקענט, זענען געווען די ייִדישע פּליטים, די ייִדישע וואַנדערער, וועלכע האָבן געוואַנדערט פון איין לאַנד אין אַנדערן, דורך הונגער און קעלט, פאַרוואָגלטע, פאַרביטערטע, פאַרפּאַלגטע און פאַרציטערטע ייִדן פון דער וועלט.

אין דעם געדיכטן נעפּל האָט אונדז דער צוג געבראַכט פון באַזעל קיין מילאַן, און דער ערשטער וואָס האָט דערזען זיינע ברידער־ייִדן, וועמען ער האָט מיט חדשים צוריק געהאַט געזען אין די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן בעת זיין באַזוך דאָרט גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען ל. סיגאַל.

ער האָט זיי, און זיי האָבן אים אין דער שטאַרקער פינצטערניש פון נעפּל דערזען און דערקענט. נישט מיטן אויג האָט זיי סיגאַל געזען, נאָר מיט זיין האַרץ. דער פינצטערער נעפּל האָט נאָר באַוויזן צו פאַרשטעלן די מענטש־לעכע ראיה, אָבער נישט דאָס מענטשלעכע האַרץ פון ל. סיגאַל, וואָס האָט געשניטן די פינצטערניש און דערפילט די פּוסטריט פון זיינע ברידער־ייִדן, וועלכע זענען פון אַלע גיהנומס געלאָפן אויפן וועג צום ייִדישן היימלאַנד — קיין ארץ־ישראל.

פון סיגאַלס האַרץ, און פון די הערצער פון די מעפּילים, האָט זיך גע־טראָגן דער ניגון פון דעם באַקאַנטן ייִדישן פאָלקס־ליד:

„און מיר זענען אַלע ברידער
און מיר זינגען פרייליכע לידער
אוי, אוי, אוי.

און מיר האַלטן זיך אין איינעם,
אוי, אוי, זיך אין איינעם
אַזעלכעס איז נישטאָ ביי קיינעם
אוי, אוי, אוי.

און מיר זענען אַלע אייניק,
צי מיר זענען פיל צי ווייניק
אוי, אוי, אוי".

מיט אַט דעם קרעכץ פון אויסגעפּייניקטן נעכטן און מיטן געזאַנג צום קומענדיקן ליכטיקן מאָרגן, זענען עס געגאַנגען דאַן די נייע חשמונאים, וועלכע האָבן מיט חדשים שפּעטער געהאָלפן ברענגען דעם זיג פון צבא הגנה לישראל איבער די אַראַבישע אָנפאַלער, וואָס האָבן אַטאַקירט דער יונגער יידישער מדינה.

פון גיהנומס אַנטלאָפענע און פון יסורים געטריבענע, רעשטלעך פון זעקס מיליאָן אומגעקומענע אויף קידוש השם און קידוש העם, האָט זיי ל. סיגאַל דערקענט, און די געדיכטע פינצטערניש פון נעפל האָט מיטגעווירקט מיט זייער צער, און מיטגעזונגען דאָס ליד, וואָס האָט אויף צומאָרגנס דורכגעריסן אַלע נעפּלס, אַלע פינצטערנישן און געבראַכט ליכט פאַרן יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד — אין מדינת ישראל.

מיר האָבן דאַן געזען סיגאַלס צאַפּלענדיקע נשמה, זיין יידיש האַרץ, וואָס האָט זיך ברייט צעעפנט, גרייט פאַר טאַט פאַר זיינע ברידער־יידן, צו וועמען ער האָט דאַן אַרויסגעוויזן אומגעהויערע פריינטשאַפט און אומבאַגרענעצטע חברישקייט.

* * *

ביים שכן דעם שניידער אין זיין געבורט־שטעטל, ביי איינעם פון די שניידערס, וועלכע זענען אין צאַרישן רוסלאַנד און אין די אָקופּירטע לענדער געזעסן מיט זייערע איינגעהויקערטע אַקסלען און האָבן געניית מיט דער נאָדל, און פון הונגער און קעלט צוגעבאָמקעט אַ ניגון אָדער געזונגען אָפּגעריסענע פערזן פון אַ פאָלקס־ליד, אָדער פון אַ רעוואָלוציאָנער ליד, וואָס האָט גערופן צום קאַמף אויף באַריקאַדן פאַר אַ בעסערן מאָרגן; ביים שכן דעם שניידער, וווהין סיגאַל האָט אַלס יינגל ליב געהאַט זיך אַריינצוגנבענען, דאָרט זיצן און זיך צוקוקן צו דער נויט און פיין, צו דער אָרעמקייט, וואָס האָט געהערשט; דאָרט ביים שכן דעם שניידער, אין קליינעם שטיבל, וואָס איז תמיד געווען איינגעהילט אין סודות, ווו מענטשן ווי סקעלעטן פלעגן קומען און אַוועקגיין מיסטעריעז און בלויז אַ פינטל מיטן אויג איז געווען דער גאַנצער געשפּרעך; דאָרט ביי דעם שכן דעם שניידער האָט זיך ל. סיגאַל אָנגעזאַפּט מיט פּראָטעסט, מיט עמפּערונג, מיט צער און ווייטיק קעגן די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען צום אַרבעטער בכלל און צום יידישן אַרבעטער בפרט; צער און ווייטיק קעגן דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב פון יידישן בעל מלאכה, קעגן דער גרויסער אָרעמקייט און נויט, אין וועלכע דער יידישער האָרעפּאַשניק האָט זיך געפונען.

אין האַרצן פון יונגן סיגאַל האָבן זיך אָנגעהויבן צו וועבן שטילע חלומות. עס האָט אָנגעהויבן רייף ווערן זיין באַוווסטזיין, אַז זיין פּלאַץ איז אויף דער

זײט פון די געקריוודעטע, אויף דער זײט פון די באַעוולהטע, פון די אונטער־דריקטע און באַלײדיקטע, אַז זײן פּלאַץ איז צו שטײן זײט־בײ־זײט מיטן אַרבעטער און האַרעפּאַשניק, װעלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם אוצר פון גאָטס באַשאַף, דעם אוצר פון בחיר היצירה — פון מענטש!

סיגאַלס באַוווסטזײן איז געשטאַרקט און געכפּלט געוואָרן פון דער גרויסער חסידישער התלהבות, װאָס ער האָט אײנגעזאַפּט אין זיך אין זײן פאָטערס שטוב, און װען ער איז מיט איבער פערציק יאָר צוריק געקומען קײן אַמעריקע איז זײן װעג שוין געװען אַ קלאָרער און אַ פעסטער; ער האָט זײן פּערזענלעכן גורל פאַרבונדן מיטן גורל פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. ער איז אין דער שטאָט סעינט פּאָול, װוּהין ער איז פאַרפאָרן, געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ היטל־פאַבריק און דורך יגיעת־כפּיים פאַרדינט אויף זײן עקזיסטענץ.

* * *

ל. סיגאַל איז געקומען קײן אַמעריקע מיטן אימיגראַציע־שטראָם, װאָס איז געגאַנגען פון רוסלאַנד און פּוילן צװישן די יאָרן 1903 און 1914. דער רוב אימיגראַנטן זענען געװען דורכגעדרונגען מיט אַ סך באַגײסטערונג פאַר כאַציאַליזם.

די גורל־געמײנזאַמקײט מיטן ייִדישן בעל־מלאכה, װאָס ל. סיגאַל האָט אײנגעזאַפּט אין זיך בײם שכן דעם שנײדער אין זײן געבוירן־שטאָט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט קײן אַמעריקע, און אין יעדן אַרבעט־מענטש געזען זײן ברודער; אַ ברודער מיט װעמען עס פאַרבינדט אײן גורל געמײנשאַפט. — „ברידער פון אַרבעט און נויט״.

נאָך אַ קורצער צײט פון זײן אַ פאַבריק־אַרבעטער, װערט סיגאַל צוגעצויגן צו דער אַרבעט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַרײן און אין משך פון אַ קורצער צײט פאַרנעמט ער אַן אָנגעזעענעם אַמט אין פאַרײן אַלס אײנער פון די װיצע־פּרעזידענטן. אַדאַנק זײן אַרבעט און פלײס איז סיגאַל אויסגעוואַקסן צו אַ צענטראַלער פיגור, ער איז געוואָרן אײנער פון די בויער און פירער פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג אין אַמעריקע. עד היום, װען עס קומט פאָר דער צוזאַמענפאָר פון זײן פאַרײן אין ניו יאָרק, פאַרפעלט נישט סיגאַל צו גײן צום צוזאַמענפאָר און זיך צוהערן צו די פראַגן און פּראָבלעמען, װאָס װערן דאָרט באַהאַנדלט.

נישט לאַנג אָבער האָט סיגאַל אָנגעהאַלטן זײן אַמט אין דער געװערקשאַפטן־באַװעגונג. די ברודערשאַפט פון געמײנשאַפטלעכן גורל, װאָס דער קלאַסנקאַמף האָט אים פאַרבונדן מיט אַנדערע אַרבעטער, האָט אים נאָך נישט אין גאַנצן באַפרידיקט. אין צוגאָב צום קלאַסנקאַמף האָט אויך סיגאַל געטראָגן

אין הארצן אַן אידעאַל, ער האָט געוואָלט דערגרייכן פאַר זיין גערודפט און געפּלאָגט פאָלק, אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע היים, ווו ייִדיש פאָלק זאָל האָבן די מעגלעכקייט אויף אייגענער ערד און אונטער אייגענע הימלען צו בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. פון קינדוויז אָן טראָגט סי־גאַל אין הארצן די בענקשאַפט פון אַ דורות־לאַנגן חלום צו זען דאָס ייִדי־שע היימלאַנד — ארץ־ישראל — רעסטאַווירט און אויפגעבויט. פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם חלום האָט סיגאַל אַלע זיינע יאָרן נישט געקאַרגט קיין מי און אָנשטרענגונג, בכדי מיטצוהעלפן אין דער גרויסער לייסטונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען בנין הארץ.

די לייטונג פון ייִדישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און די פּועלי ציון האָבן אים גערופן צו אַרבעטן פאַרן פאַרבאַנד, אַן אַרבעט וואָס ער טוט שוין דרייסיק יאָר אַלס דער גענעראַל סעקרעטאַר. אין דער אַרבעט פון פאַר־באַנד האָט סיגאַל געפונען נישט נאָר די קעגנזייטיקע ברידערלעכקייט און פריינטשאַפט נאָר ער האָט זיך געפונען זיין אייגענע אידייען־וועלט. זיין אַרבעט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד האָט געבראַכט צום אויסדרוק זיין טיפע אידייען־פאַרבינדונג מיט ציוניזם בכלל און מיט אַרבעטער־ציוניזם בפרט און ער האָט פאַר אַלע די יאָרן אָפּגע־רירט אין זיין אַרבעט מיט די הויפּט־שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט, נעמ־לעך: מיט ברידערלעכקייט, פריינטשאַפט און חברישקייט.

די ראָל און ווירקונג פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אויף דער פאַרמירונג פון פאָלקסטימלעכן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין אַמעריקע, זיין מיטבאַטייליקונג אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פון ארץ־ישראל און אָנטייל אין דעם ציוניסטישן קאַמף פאַר דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, איז אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער ייִדנטום בכלל און אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער ציוניזם בפרט.

היסטאָריקער פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע און פון ציוניסטישן קאַמף פאַר דער עטאַבלירונג פון שטאַט, וועלן אין די פערציק יאָר פון אַרבעט און קאַמף פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד געפינען אוצרות מאַטעריאַלן סיי וועגן דער געשטאַלטונג פון ייִדישן סאָציאַלן לעבן און סיי וועגן דעם ציו־ניסטישן קאַמף פאַר ייִדישער אומאָפּהענגיקייט.

די דערוואָרבענע פּאָזיציע פון פאַרבאַנד אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן און אויך אויסער די גרענעצן פון אַמעריקע, ראשית כל אין מדינת ישראל, דאַרף בלי שום ספק אין אַ גאַר גרויסער מאָס פאַרשריבן ווערן צום קרעדיט פון אומדערמידלעכן, עקשנותדיקן, פאָלקסטימלעכן און האַרציקן ל. סיגאַל — דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכער שטייט שוין איבער

דרייסיק יאָר אין שפּיץ פון דער לייטונג און איז דער געקרוינטער און אויס־דערוויילטסטער פירער פון דער אָרגאַניזאַציע.

זעלטן ווען מען קען טרעפן אַזאַ באַשערטן זיווג, אַזאַ צונויפּפּאָר אין דער עקזיסטענץ פון אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס — ווי עס איז דער זיווג פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד מיט זיין גענעראַל סעקרעטאַר — ל. סיגאַל.

דער באַרימטער תּלמודישער מאמר, וואָס זאָגט, אַז „ישראל ואורייתא חד הוא“, דאָס הייסט, אַז ייִדן און די תורה זענען איינס, קען פּאַראַפראַזירט ווערן אין אַן אַנדער מאמר, נעמלעך: ל. סיגאַל און דער ייִדיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד זענען איינס — נישט אָפּטיילבאַר איינער פון צווייטן, אַן אמתער זיווג, וואָס איז משמעות מיט פערציק יאָר צוריק אויסגערופן געוואָרן אין די הימלען און דאָרט באַשטימט געוואָרן, אַז דער פאָלקסטימלעכער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן זאָל פאַר זיין מנהיג און מדריך האָבן דעם פאָלקסטימלעכן, נאַציאָנאַלן ייִדן, דעם התלהבותדיקן ל. סיגאַל.

דער מזלדיקער זיווג פון פאַרבאַנד מיט זיין גענעראַל סעקרעטאַר ליגט אין יסוד אין די בשותּפותדיקע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס ביידע — די אָרגאַניזאַציע און די פּערזאָן פון ל. סיגאַל באַזיצן; דער פאַרבאַנד איז אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אויף זיך גענומען די זאָרג און די פליכט פון קעגנזייטיקער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר די צענדליקער טויזנטער מיטגלידער און גלייכצייטיק פאַרבינדן דער מיטגלידערשאַפט מיט די עכטע און העכסטע צילן פון אונדזער פאָלק, נעמלעך די זאָרג און פליכט פאַר ייִדישן נאַציאָנאַלן המשך אין אַמעריקע און די אויפבוי־אַרבעט אין ארץ ישׂראל.

דאָס זענען די דריי הויפּט־פּרינציפּן, אויף וועלכע דער ייִדיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד באַזירט זיין טעטיקייט אין משך פון פערציק יאָר עקזיסטענץ און פונקציע אויף דער ייִדישער גאַס אין אַמעריקע.

דאָס זענען די פּרינציפּן פון: ברידערלעכקייט, פריינטשאַפט און חבֿריש־קייט.

* * *

ל. סיגאַל, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד, געהערט צו די געציילטע גע־זעלשאַפטלעכע פירער אין ייִדישן לעבן, וועלכע פילן אַן די אָרגאַניזאַציע אין וועלכער זיי אַרבעטן מיט לעבן און לעבן זיך אַליין אויס אין די טעטיקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס אַקטועלע אין דער אָרגאַניזאַציע איז דאָס אַקטועלסטע פון פּערזענלעכן לעבן ביי ל. סיגאַל. דער חוט המשולש פון די דריי עיקר־פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד בילדן די הויפּט־עיקרים פון זיין אייגענער וועלט־אַנשויונג, פון זיין

„אני מאמין״, פון זיין טיפן גלויבן און פאַרשטענדעניש פאַר סאָציאַלע הילף־טעטיקייטן, פאַר דער זאָרג פון אויפהאַלטן און פאַרפעסטיקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן און פאַר דער גרענעצלאָזער טריי־הייט און איבערגעגעבנקייט צו מדינת ישראל.

ל. סיגאַלס קאַמף פאַר פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן דעם יידיש נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזיין ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, צו באַקעמפן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון די פאַרשיידענע קאָלירן אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן האָט אויך צו זיך נישט קיין גלייכן און געציילטע קענען זיך שטעלן מיט אים אין איין שורה. דאָס לירישע, דאָס סענטימענטאַלע יידיש אָפּן האַרץ פון סיגאַלן האָט קאָנצענטרירט אין זיך אַ סך פאַרשטענדעניש און טיפע זאָרג און קימער פאַר די נויטן פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור אין אַמעריקע. סיגאַל ווייסט און לאָזט אויך וויסן אַנדערע, אַז דער שליסל צום המשך פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן ליגט אין דער נאַציאָנאַלער דערציִונג פון יונגן דור, פון איינפלאַנצן אין יידישן קינד — יידישן חינוך, נאַציאָנאַלן באַ־וווסטזיין, נאַציאָנאַלן גייסט, יידישלעכן לעבנסשטייגער, פאַרוואָרצלען דעם וואַקסנדיקן דור פון דער יידישער יוגנט מיט די קולטור־אוצרות פון אונדזער פאָלק, זיי ברענגען צום פאַרנעמען און פאַרשטיין דעם גייסט פון אונדזערע נביאים, זיי באַקענען און נאָענט ברענגען מיט אונדזערע קלאַסיקער פון דער אַלטער און נייער יידיש־העברעיִשער ליטעראַטור — פאַר דעם צוועק שטעלט זיך סיגאַל אין שפּיץ פון אָרגאַניזירן אַ נעץ פון שולן — פאַרבאַנד־שולן — וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער פועלי ציון פאַרטיי אי־בער צענדליקער שטעט אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע; אַ טיפּ שולן, וואָס האָבן זיך באַרימט געמאַכט מיט דער מעטאָדיק פון יידישער נאַציאָנאַ־לער דערציִונג און האָבן זיך איינגעבירגערט אין יידישן לעבן אין אַמעריקע און קאַנאַדע ווי אַ פעסטונג פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, פאַר אַ שוץ־טורעם קעגן אַסימילאַציע און פאָלקס־אָפּטריניקייט.

מיט זעלטענער ליבשאַפט, מיט זעלטענער איבערגעגעבנקייט אינטערע־סירט זיך סיגאַל מיט די קולטור־טעטיקייטן פון פאַרבאַנד. אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור פאַרנעמט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין קימער פון סיגאַלן. יידיש טעאַטער, יידישע מוזיק, יידישער פאַרלאַג־וועזן, געהערן צו די אַרבעטן פון פאַרבאַנד, וואָס ווערן געלייטעט פון ל. סיגאַל. עס איז סיגאַלס זאָרג, אַז יעדן יאָר זאָלן די בעסטע כוחות פון דער יידישער בינע אויפפירן קלאַסישע ווערק פון אונדזערע דיכטער און שריפטשטעלער, אַז צענד־ליקער שטעט פון אַמעריקע, ווו ס׳איז קאָנצענטרירט אַ יידיש לעבן, אַ יידי־שער ישוב, זאָלן קענען געניסן פון בעסערן יידישן טעאַטער, פון אמתער

יידישער מוזיק, הערן אַ יידיש פאָלקס־ליד, געניסן פון געזאַנג בציבור, נהנה זיין פון יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־שאַפונגען און קולטור־דערגרייכונגען.

ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו אָבסערווירן ל. סיגאַלן בעת ער הערט יידישע מוזיק, בעת ער הערט אַ יידיש פאָלקס־ליד, בעת ער קוקט זיך צו צו אַ קינסט־לערישער אויפפירונג פון אַ יידישער פיעסע, ווי ער ווערט באַגייסטערט, ווי עס צעפלאַמט זיך ביי אים דער חסידישער ענטוזיאַזם ביים פאַרטייטשן אַ יידיש פאָלקס־ליד, ווי ער טיפט זיך אַריין אין דעם נוסח און אין דעם שטייגער פון אַ קינסטלערישער שאַפונג.

עס איז ל. סיגאַל דער חסיד, דער עכטער, אמתער פאָלקס־מענטש, וועל־כער קען אַזוי זיך דערקוויקן מיט אַ זמרל, אַזוי טיף מעין זיין אין אַ ניגון, אַזוי זיך פאַרטראַכטן אין דעם פירוש המילות פון יידיש־נאַציאָנאַלער פאָלקס־דיכטונג.

* * *

עס איז די פערזענלעכקייט פון ל. סיגאַל וועלכער האָט אין זיין יוגנט אין דער חסידישער היים, ביי זיינע עלטערן, איינגעזאַפּט אין זיך און זיך פאַראַנקערט אין דער יידישער טראַדיציע, אין דער עכטער יידישער קולטור, אין דעם יידישלעכן לעבנסשטייגער, וועלכער פיבערט אַליין איבער דעם טיפסטן נשמה־ציטער פאַרן גורל פון יידישע נאַציאָנאַלן קיום, און איז דער־פאַר אַזוי איבערגעגעבן, אַזוי פאַראינטערעסירט אין דער מיטהילף, אין דער אַרבעט פון פאַרבאַנד צו פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קול־טור־קיום פון אונדזער פאָלק.

ס׳איז כדאַי נאָך אונטערצושטרייכן, אַז איבער די דריי קרוינען, וועלכע בילדן די הויפּט־שטריכן פון זיין פערזענלעכקייט, נעמלעך: ברידערלעכקייט, פריינטשאַפט און חברישקייט — קיניגט די קרוין פון פאָלקסטימלעכקייט, פון זיין פשוטן און האַרציקן פאָלקסטימלעכן אופן פון זיך באַנעמען מיט מענטשן, פון זיין טיף־טליענדיקער פאַרשטענדעניש פאַר יעדן מענטש.

דער מתמיד — ראַביי ד״ר ישראל גאָלדשטיין

ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז באַקאַנט אין דער ברייטער ייִדישער וועלט אַלס גרויסער מתמיד, אַלס אומדערמידלעכער לערנער און אַרבעטער. ער פֿאַראייניקט אין זיך תורה און עבודה, סיי דאָס זיצן און לערנען און סיי דאָס אַרבעטן לטובת הציבור.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט: „צו זיין אַ מתמיד מיינט נישט, אַז מען דאַרף זיצן און לערנען אַ ג אַ נ צ ן טאָג; אַ מתמיד זיין הייסט, אַז מען זיצט און מען לערנט י ע ד ן טאָג״. דאָס איז מקיים ד״ר ישראל גאָלדשטיין. יעדן טאָג קען מען אים געפֿינען אין זיין אַרבעט־צימער, אין בנין פֿון דער בני־ישורון שול, פֿאַרוואָרפֿן מיט ספֿרים. ער לערנט עט־לעכע שעה. דאַן גייט ער איבער צום צווייטן טייל פֿון זיין התמדה — פֿון תורה צו עבודה — און ער פֿאַרנעמט זיך מיט כלערליי ענינים פֿון כלל, פֿון אַלע די אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפֿטן, ווו ער איז טעטיק אַלס געזעל־שאַפֿטלעכער טוער, וועלכער ברענגט אומעטום אַריין אַ רוח החיים אין דער אַרבעט, און איז אַ מוסטער פֿאַר אַלעמען מיט זיין ענערגיע, מיט זיין אויסער־געוויינלעכן פֿלייס און איבערגעגעבנקייט.

אין אַלגעמיין איז ד״ר ישראל גאָלדשטיין באַקאַנט, סיי אין ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אַמעריקע, אין מדינת ישראל, און איבער אַלע ייִדי־שע ישובים פֿון דער פֿרייער וועלט אַלס גרויסער מתמיד, אַלס איבערגעגע־בענער פֿירער און עסקן, וועלכער טוט זיין אַרבעט מיט אַ סך אמונה און שלימות. אַדאַנק זיין אויסערגעוויינלעכער התמדה און אַרבעטזאַמקייט איז ער בכוח אָנצוהאַלטן אַ צאָל אַמטן און צו זיין דער פֿירער פֿון פֿיל אָרגאַניזאַ־ציעס און קערפּערשאַפֿטן.

אין דער רבנישער וועלט איז אַמאָל אָנגעגאַנגען אַ שטילער וויכוח וועגן דער ראָל פֿון רב אין זיין קהילה: צי דאַרף דער מרא דאתרא באַגרענעצן זיין אַרבעט בלויז אויף צו זיין דער גייסטיקער מנהיג פֿון זיין קהילה, אָדער ער דאַרף זיך אויך באַשעפֿטיקן מיט צרכי ציבור, נישט בלויז וועגן רעליגיעזע ענינים, נאָר אויך זיין אַ טוער לטובת הכלל. דער וויכוח אין ייִדישן רעליגיעזן לעבן, וואָס ציט זיך שוין זינט דורות און יאָרן האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט צו קיין באַשלוס. יעדער רב אין זיין קהילה האָט זיך געפֿירט און פֿירט זיך לויט זיין שכל און אין מאַנכע פֿאַלן לויטן אויסדריקלעכן ווילן פֿון די גבאים פֿון זיין קהילה.

אַמאַליקע רבנים, ווי ר׳ חיים בריסקער זצ״ל, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער למדן און מרביץ תורה בישראל, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט צרכי ציבור. תורה און צרכי הכלל זענען געגאַנגען בײַ אים האַנט־איך־האַנט. יעדער נויטבאַדערפטיקער האָט געפונען אַ וואַרעם האַרץ, גרויס פאַרשטענדעניש און אַן אָפענע האַנט בײַ ר׳ חיים בריסקער זצ״ל. דאָס זעלבע ווערט דערציילט וועגן רבי אליהו חיים מייזל זצ״ל — דער לאָדזשער רב. ער איז געווען באַזונדערס באַרימט אַלס עוזר וסומך לבני־ישראל. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ שותף צו יעדן ייִדנס צרה. אַנדערע רבנים פון די אַמאַליקע יחידי־סגולה זענען געווען באַקאַנט מיט זייער אײַנשטעלן זיך פאַרן כבוד פון פאָלק ישראל, גייענדיק צום מלכות צו אָפּשרייען פאַרשיידענע גזירות. אַנדערע רבנים ווידער האָבן זיך נאָר פאַרנומען מיט לערנען און פאַרשפּרייטן תורה און צו זאָגן מוסר, מעורר צו זײַן, צו וועקן ייִדן צו מצוות און מעשים טובים.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין, דער ראַביי פון דער בני־ישורון שול אין ניו יאָרק, איז חוץ זײַן אַרבעט אַלס רב אויך באַקאַנט מיט זײַן אַרבעט לטובת הכלל, אַלס פּאָליטיקער און אַלס קעמפער פאַר ייִדישע רעכט. ער איז געוואָרן אַ מוסטער בײַ זייער פיל רבנים, סײַ אין אַמעריקע און סײַ איבער דער פרייער וועלט. אין משך פון זײַנע יאָרן אַרבעט אַלס גייסטיקער מנהיג, באַקליידנדיק די כסא־הרבנות פון איינער פון די עלטסטע און גרעסטע ייִדישע שולן אין אַמעריקע — די בני־ישורון שול — איז אים געלונגען צו שאַפן דעם סינטעז פון גייסטיקן מנהיג און עסקן־ציבורי. ער איז געוואָרן אַ מוסטער מיט זײַן אַרבעט, סײַ אַלס רב פון זײַן קהילה און סײַ אַלס פירנדיקער געזעלשאַפטלעכער טוער, וועלכער איז טעטיק אין פיל ייִדישע און אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז באַקאַנט דער ברייטער ייִדישער וועלט מיט זײַן גרויסער אהבת ישראל. אויף אים קען מען זאָגן דאָס זעלבע, וואָס מען האָט אַמאָל געזאָגט, אים צו לאַנגע יאָר, אויף רבי אליהו חיים מייזל זצ״ל, אַז ער איז אַ שותף צו ייִדישע צרות. ד״ר גאָלדשטיין אינטערעסירט זיך מיטן לעבן פון ייִדן אויפן גאַנצן כדור הארץ. יעדע ייִדישע פאַרפאָלגונג, יעדע רדיפה אויף ייִדן, צי איז דאָס אין די לענדער פון צפון־אַפריקע, אין די אַראַבישע מדינות, אָדער אין מזרח־אייראָפּע — אין די לענדער פון הינטער דעם אײַזערנעם פאָרהאַנג — ווידמעט ער זײַן קימער און זאָרג און איז תמיד גרייט מיט זײַנע לייסטונגען פאַר הילף. אהבת ישראל האָט געפירט ד״ר י. גאָלדשטיין צו זײַן אומדערמידלעכער אַרבעט פאַר אחדות ישראל; ער זוכט מיט אַלע כוחות צו פאַראייניקן ייִדן. אַרײַנצוברענגען אחדות אין ייִדישן

לעבן, בכדי צו פאַרפעסטיקן דעם געאייניקטן ייִדישן כוח, וואָס זאָל זיך קענען אַנטקעגנשטעלן אַלע נגישות און רדיפות פון וואַנען זיי זאָלן נישט קומען און ווו זיי זאָלן נישט זיין. פאַר דעם צוועק איז ד״ר ישראל גאָלדשטיין טעטיק אין דער אַרבעט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס און ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

אהבת ישראל און אחדות ישראל גייען דורך ביי ד״ר גאָלדשטיין ווי אַ גאָלדן שנירל אין אַלע זיינע אַרבעטן, איבער אַלע פאַרצווייגטע שטחים פון זיינע טעטיקייטן וואָס ער פירט אָן מיט גרויסן ייִדישן שטאָלץ און זעלבסט־באַוווּסטזיין.

אהבת ישראל פירט אויך ד״ר גאָלדשטיין צו אהבת האדם — צו מענטש בכלל. ער קימערט זיך זייער שטאַרק מיטן גורל פון מענטש. פאַר ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז נישט פרעמד דער גורל פון די נעגערס אין אַמעריקע. ער האָט גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר זייער קאַמף צו זיין גלייכבאַרעכטיקט מיט די ווייסע. אַלס פּרעזידענט פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס האָט ער אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט צו באַקעמפן סעגרעגאַציע, וואָס טיילט אָפּ אין געוויסע שטאַטן פון אַמעריקע שוואַרצע פון ווייסע. דער מוטיקער קאַמף, וואָס דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס פירט אָן אויף דעם געביט איז זייער גוט באַקאַנט אין דעם אַמעריקאַנער עפנטלעכן לעבן און האָט זייער גוטע אָפּרופן אין דער ליבעראַלער געזעלשאַפט פון אַמעריקע.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז טעטיק אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. ער איז אַקטיוו אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי, ער איז איינער פון אירע גרינדער און באַקליידט דעם אַמט פון איר ערן־וויצע־פּרעזידענט. צו אַ צייטונג־רעפּאָר־טער, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געפרעגט ד״ר גאָלדשטיין וואָס עס האָט אים באַוויגן צו זיין טעטיק אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי, האָט ער געענטפערט: „אונדזערע נביאים זענען געווען די ערשטע צו פּרעדיקן ליבע־ראַליזם. איך גלייב אין דער צוקונפט פון ליבעראַליזם אין אַמעריקע. איך בין איבערצייגט, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי סימבאָליזירט דאָס שענסטע אין דער ליבעראַלער אַמעריקע. איך קען נישט זאָגן, אַז אַלע מיטגלידער פון מיין שול, וועלכע זענען פאַרמעגלעכע ייִדן און נישט קיין אַרבעטער, שטימען אַלעמאָל איין מיט מיין פּאָליטישן ליבעראַליזם. איך אָבער שטיי אויף דער זייט פון פולשטענדיקע רעכט פאַר ייִדן, פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פאַר יעדן אַמעריקאַנער, צו וועלכער ראַסע, קאָליר, אָדער רעליגיע ער זאָל נישט באַ־לאַנגען״.

אין די ווערטער האָט ד״ר ישראל גאָלדשטיין געגעבן זיין אני־מאמין און זיין וויזיט־קאַרטע אַלס מוטיקער און שטאָלצער קעמפער פאַר ייִדישע און מענטשלעכע רעכט.

אויב מאַנכע מיטגלידער פון ד״ר גאָלדשטיינס שול שטימען נישט איין מיט זיין פּאָליטישן ליבעראַליזם, זיינע פּאָליטישע טעטיקייטן אויף דער אַרע־נע פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק — שטימען זיי אָבער אַלע איין מיט אים בנוגע זיין פאַרצווייגטער אַרבעט אויפן שטח פון ציוניזם, וואָס ער באַטראַכט פון זיין קינדווייז אָן אַלס זיין קרוין־אַרבעט. עס איז דער שטאָלץ פון די מיטגלידער פון בני־ישורון טעמפּל, וואָס זייער ראַביי געהערט צו די אָנער־קענטסטע מנהיגים פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. דער רוב מיטגלי־דער פון דער בני־ישורון שיל געהערט צו דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ווען מדינת ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן, האָט ד״ר גאָלד־שטיין איבערגענומען דעם אַמט פון גזבר פון דער יידישער אַגענטור און איז געזעסן אַ יאָר צייט אין מדינת ישראל, אָנפירנדיק מיט זיין אַמט. דאָס איז געווען אַ גרויסער שטאָלץ פאַר די מיטגלידער פון בני־ישורון שיל, וואָס זייער ראַביי איז אָנפאַרטרויט געוואָרן מיט אַזאַ וויכטיקן אַמט אָנצופירן מיט די פינאַנסן פון דער יידישער אַגענטור.

ווו ד״ר גאָלדשטיין זאָל נישט זיין טעטיק, און די צאָל אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס ווו ער איז אַקטיוו איז זייער גרויס, ווערט זיין אַרבעט תמיד באַגלייט מיט דער שכינה פון אהבת ישראל, ליבשאַפט צו יידן בכל אתר ואתר, אומעטום ווו זיינע שוועסטער און ברידער, די קינדער פון זיין פאָלק ישראל, געפינען זיך אין זייער צעשפּרייטקייט איבער אַלע וועלט־עקן. דער גייסט פון ליבשאַפט צו יידן גיט אים כוח, מוט און עקשנות פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט לטובת הכלל. ד״ר ישראל גאָלדשטיין געהערט צו די יידן, וועלכע טראָגן אין זיך די איבערצייגונג, אַז אהבת ישראל איז געווען דער יסוד פאַר בראשית; אַז דער גאַנצער פונדאַמענט פון דעם בראשית־ברא, פון גאָטס באַשאַף איז באַזירט אויף אהבת ישראל. אָן ליבשאַפט צו ייד וואָלט אפשר דער רבונו של עולם גאָר נישט געהאַט קיין אינטערעס צו באַשאַפן די וועלט. ליבשאַפט צו יידן איז ביי ד״ר ישראל גאָלדשטיין נישט נאָר אַ מידה, נאָר דער עיקר העיקרים פון זיין אמונה...

אין יידישן ווי אין אַלגעמיינעם לעבן פון אַמעריקע איז ד״ר ישראל גאָלדשטיין באַקאַנט אַלס גלענצנדיקער טריבון, וועלכער איז בכוח מיטצו־רייסן מאַסן. ער קען אַרויסברענגען זיין קול דממה דקה און גלייכצייטיק אויפהייבן הויך זיין שטים דאָרט ווו עס האַנדלט זיך אין אַרויסברענגען דעם צאָרן, די עמפּערונג און דעם פּראָטעסט קעגן פאַרשיידענע קריוודעס, וואָס ווערן באַגאַנגען סיי לגבי יידן און סיי לגבי נישט־יידן. מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן ד״ר גאָלדשטיין פיל מאָל, סיי בעת עס האָט זיך גע־האַנדלט אין פראַגן, וואָס האָבן אָנגערירט דעם עצם קיום פון יידישן פאָלק

און פון מדינת ישראל, און סיי וועגן אַלגעמיינע פראַגן פון דעם אַמעריקאַנער עפנטלעכן לעבן. מיר האָבן אויך געהאַט די געלעגנהייט צו הערן ד״ר גאָלדשטיין פון דעם עמוד פון זיין טעמפל בני־ישורון. מיר האָבן אים געהערט ריידן וועגן יום־טוב עניגים און וועגן עניני חול, וועגן וואָכעדיקע זאַכן, און ס׳איז צו באַוווּנדערן די שטימונג, די אַטמאָספער, וואָס ער ברענגט אַריין צווישן עולם מיט זיין ריידן. נישט קיין ווּנדער, בכן, וואָס ד״ר גאָלדשטיין צִיט תמיד אַ גרויסע אוידיענץ אין זיינע רעדעס, צי דאָס איז אין זיין שיל וועלכע איז תמיד פול געפּאַקט בעת ער רעדט און פירט אָן מיט די תפילות, צי דאָס איז אויף טריבונעס פון די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן, ווו ער איז טעטיק און איז עוסק בצרכי ציבור באמונה.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין געהערט צו די ווּנדער־קינדער אין יִדישן לעבן פון אַמעריקע. צו צוועלף יאָר האָט ער געענדיקט דעם סעמינאַר פאַר לערער אין פילאַדעלפיע און צו פופצן יאָר האָט ער געענדיקט אוניווערזיטעט. שפּעטער האָט ער געענדיקט מיט אויסצייכענונגען דעם יִדיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר. צו 22 יאָר איז ער געוואָרן דער ראַביי פון טעמפּל בני־ישורון, ווו עס זענען פריִער געווען ראַביים, אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי ד״ר יהודה לייב מאַגנעס און ד״ר סטיפען ווייז עליהם השלום. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט ביים ארון־קודש פון בני־ישורון אַוועקגעשטעלט די יִדישע ווייס־בלויע פאָן, די פאָן פון יִדישער האָפענונג, פון אייביקער יִדישער אמונה, וואָס איז קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן געוואָרן — אין מלכות ישראל. די ווייס־בלויע פאָן, וואָס איז געווען אויך זיין אייגענע האָפענונג, זיין אייגענע אמונה, און פאַר וועמענס אידעאַלן ער האָט געאַרבעט מיט עקשנות און פלייס פון קינדוויִז אָן. צו 11 יאָר איז ד״ר גאָלדשטיין שוין געווען אַ פּרעזידענט פון אַ ציוניסטישן „התקוה״־קלוב אין פילאַדעלפיע און זינט דאַן, אַ האַלבן יאָרהונדערט, טראָגט ער מיט שטאָלץ און כבוד די פאָן פון יִדישן לעבן, דעם שם המפורש פון עם ישראל חי.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז געבוירן געוואָרן צו זיין פאָטער יהודה לייב דוד און זיין מוטער פריידע, דעם 18טן יוני 1896 אין פילאַדעלפיע. זיינע עלטערן קומען פון אַ קליין שטעטעלע אין ווילנער גובערניע. ד״ר גאָלדשטיינס פאָטער ר׳ יהודה לייב דוד האָט געלערנט תורה ביי ר׳ יעקב רייניס זצ״ל, דעם גרינדער פון דער רעליגיעזער פאַרטיי מזרחי. ד״ר גאָלדשטיינס פאָטער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט סמיכה אויף רבנות, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרנעמען מיט רבנות און האָט בעסער אויסגעקליבן צו זיין אַ יגיע כפּיִמניק, בכדי צו פאַרדינען אויף פרנסה. ציוניזם ווי אויך תורת היהדות האָט ד״ר גאָלדשטיין איינגעזאַפּט אין זיך אין זיין פאָטערס היים. ער איז אַ מוסמך בן מוסמך, אַ ציוני בן ציוני.

מיטן פלאַקער פאַר ציון

(ד״ר עמנואל ניומאַן)

ד״ר עמנואל ניומאַנס דרך אין דער ציוניסטישער אַרבעט איז אַן אָפן בלאַט אין דער ציוניסטישער געשיכטע. זיין ציוניסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַלץ גאָר יונגער יינגל. מיט דער ציוניטטישער אַרבעט איז ער געוואַקסן און ציוניזם איז געוואַקסן מיט זיין טעטיקייט. עס איז ווי געשאַפן געוואָרן אַ הייליקער בונד צווישן ד״ר ניומאַן און דעם ציוניזם.

סיי אין די רייען פון אַמעריקאַנער ציוניזם און סיי אין וועלט־ציוניזם איז ד״ר עמנואל ניומאַן דערגאַנגען צו דער מדרגה פון פירערשאַפט. ער איז אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער יידישער אַגענטור און איז צוויי מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

ד״ר עמנואל ניומאַן האָט אין משך פון זיין איבער פערציק יאָריקער אינטענסיווער און אומדערמידלעכער ציוניסטישער אַרבעט זיך קאָנצענטרירט אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישן טאַט; אויף פּאָליטישער ווי אויף פּראַקטישער אַרבעט. תמיד האָט ביי אים געהאַט פּריאָריטעט דאָס דרינגענדיקסטע, וואָס ס׳איז געווען נייטיק צו טאָן אין געגעבענם מאָמענט. איז געווען דרינגענדיק נייטיק צו מאָביליזירן אַ פּאָליטישן כוח פאַר ציוניזם, אויפצורודערן די עפנטלעכע מיינונג סיי אין יידישן לעבן אין אַמעריקע און סיי צווישן די אַמעריקאַנער קריסטלעכע פריינט, האָט ער עס געטאָן מיט גרויס הצלחה; האָט מען באַדאַרפט עפּעס טאָן פּראַקטיש פאַר ארץ־ישראל, האָט ער פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אַוועקגעזעצט, צוגעגרייט פּלענער פאַר באַוואַסערן ארץ־ישראל, צוציִענדיק צו דער אַרבעט די גרעסטע עקספּערטן אויף דעם געביט אין אַמעריקע, מיט ד״ר לאַודערמילק בראש.

כראָניקער פון אַמעריקאַנער ציוניזם באַהויפּטן, אַז ד״ר ניומאַן איז דער טאַטע פון דער באַוואַסערונג־אידייע פאַר ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פאַר דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל. די זעלבע כראָניקער באַהויפּטן, אַז אויף ד״ר ניומאַנס גורל און זכיה איז אויסגעפאַלן די אויפגאַבע צו שאַפן די ענגע מיטאַרבעט מיט די אַמעריקאַנער קריסטלעכע פריינט פאַרן צוועק פון דער עטאַבלירונג פון אַ יידישן שטאַט אין ארץ־ישראל, אַ מיטאַרבעט וואָס ציִט זיך עד היום הזה. די באַהויפּטונג לויטעט, אַז ד״ר ניומאַן

האָט געשאַפֿן דעם אַמעריקאַנער קריסטלעכן קאָמיטעט פֿאַר ארץ־ישראל און צוגעצויגן צו דער אַרבעט די ווירקסטע פֿירער פֿון דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער, גייסטלעכער און אינטעלעקטועלער וועלט. אַדאַנק דער ווירקזאַמער אַרבעט פֿון ד״ר ניומאַן האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע באַדייטנדיק פֿאַרשטאַרקט דעם קאָנטאַקט און אויסגעבריייטערט די פֿאַרבינדונגען מיט די פֿאָרשטייער פֿון אַמעריקאַנער קאָנגרעס און סענאַט, ווי אויך מיט אַנדער פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קערפּערשאַפֿטן אין דעם פּאָליטישן לעבן פֿון אַמעריקע.

די קריסטלעכע פֿריינט האָבן עס געהאָלפֿן אין פֿאַרשיידענע שווערע צייטן אויפֿשטורעמען די עפֿנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע און דורך דעם אין געוויסע מאָסן געהאָלפֿן צו באַווירקן די אָפֿיציעלע קרייזן פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן.

אויך אַלס מיטגליד פֿון דער עקזעקוטיווע פֿון דער ייִדישער אַגענטור האָט ד״ר עמנואל ניומאַן זיך פֿאַרנומען מיט פּאָליטישע און פּראַקטישע טעטיקייטן. ער האָט אָנטיילגענומען אין די פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג און מיט דער אַמעריקאַנער רעגירונג וועגן עטאַבלירן אַ ייִדישן שטאַט אין ארץ־ישראל. ער איז אין 1945 דערשינען פֿאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע; איז געווען פֿאַר אייניקע יאָר דער הויפּט פֿון עקאָנאָמישן דעפּאַרטאַמענט פֿון דער ייִדישער אַגענטור אין ירושלים און זינט 1953 איז ער דער הויפּט פֿון דער אינפֿאָרמאַציע־אָפּטיילונג פֿון דער סוכנות אין אַמעריקע און דער פֿאָרזיצער פֿון הערצל־אינסטיטוט.

אין דער פֿאַרצווייגטער טעטיקייט פֿון אַמעריקאַנער ציוניזם איז ממש נישטאָ קיין ווינקעלע, ווו ד״ר עמנואל ניומאַן זאָל נישט האָבן געווען באַטייליקט. דערביי האָט ער אַלע זיינע אַרבעטן, אַלע זיינע לייסטונגען געטאָן מיט גרויס התמדה, ליבע און איבערגעגעבנקייט.

* * *

ד״ר עמנואל ניומאַן איז געבוירן געוואָרן אין ליבאַווע (לאַטוויע). נאָך אַלס יונגער ייִנגל האָט מען אים אויף אים געזאָגט, אַז ער פֿאַרמאָגט אין זיך ליטווישע חריפֿות געפּאָרט מיט דייטשער גרינטלעכקייט. אַלס יונגער ייִנגל איז ער געקומען קיין אַמעריקע און דאָ האָט ער אַ חוץ אַלץ וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון דער אַלטער היים אין אייראָפּע — אויך דערוואָרבן ברייטן פֿאַרנעם, שאַפֿונג־גייסט, איניציאַטיוו, דערפֿאַרונג, פּאָליטישער טאַקט און אַרבעטזאַמקייט צו ישראל סבא, האָבן צוזאַמען געפֿורעמט די קאָלירפֿולע פּערזענלעכקייט פֿון ד״ר עמנואל ניומאַן.

* * *

ציוניזם אין אַמעריקע, ווי בכלל איבער דער וועלט, נייטיקט זיך גאָר שטאַרק אין אַ באַנייונג, אין אַן אָפּפרישונג, וואָס זאָל צוריק פאַרוואַנדלען די באַוועגונג אין אַ דינאַמישן כוח, פאַרוואַנדלען ציוניזם אין אַ גרויסער און מעכטיקער פעסטונג פון עכטן און אמתן דעמאָקראַטישן גייסט אין ייִדישן לעבן. ציוניזם דאַרף זיין בכוח צוריק אַריינצוברענגען באַגייסטערונג און התלהבות אין דער נשמה פון ייִדישן לעבן, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן גאָר שטאַרק פאַרגליווערט געוואָרן. עס באַדאַרף באַנייט ווערן די נבואה אין ציוניזם — די נבואה, וואָס ווייזט דעם וועג פון ציוניזם אין דער איצטיקער תקופה.

עס דאַרף אין ציוניזם באַנייט ווערן דער אַלטער שטייגער פון זאָגן תורה פאַר ייִדן, אַזוי ווי ציוניזם האָט זיך געפירט אין דעם נאָענטן עבר.

דער וועג פון חדש ימינו כקדם, באַדאַרף זיין די לאָזונג אין ציוניסטישן לעבן! דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנערער וועג אין ציוניזם איז אַפּעלירנדיק. ער פאַרמאָגט אין זיך דעם כוח מיטצורייסן ייִדישע מאַסן, זיי צו באַגייסטערן און זיי אַריינצופירן אין די ייִדישע הערצער דעם אייביקן און הייליקן פלאַקער פאַר ציון!

נאָך קיינמאָל נישט אַזוי ווי היינט איז נייטיק אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל האַלטן אין שפּאַנונג דעם אינטערעס פון פינף־מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ צו מדינת ישראל און פאַרפּאַנצערן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביים יונגן אויפוואַקסנדיקן ייִדישן דור, וואָס זאָל דערצויגן ווערן אין ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט און מיטן פולן באַוווסטזיין פון עם ישראל אחד!

די דאָזיקע אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן פון אַלע פּאַרטייען אין דעם אַמעריקאַנער ציוניזם אָן אויסנאַם. עס איז אַ בשותפותדיקע אַרבעט פון אַלעמען. יעדע פּאַרטיי און גרופּירונג אין דעם אַמעריקאַנער ציוניזם דאַרף פאַרשטאַרקן די רייען פון איר קרייז און דאַרף פאַרפלאַנצן ליבע און איבערגעגעבנקייט צו מדינת ישראל אין דער ייִדישער יוגנט און מיט דעם פאַרזיכערן די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע זאָל ווייטער זיין דער אַוואַנגאַרד פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע!

ד"ר עמנואל ניומאַן גייט אויף דעם וועג, לאָמיר אים ווינטשן דערפאָלג.

אברהם הארמאַן — זיין וועג פון אָקספאָרד קיין ירושלים

אברהם הארמאַן איז זייער גוט באַקאַנט מיט די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ער איז אַליין געווען אַ באַאַמטער פון דער סוכנות אין ירושלים, אויספירנדיק אַ צאָל אויפגאַבן, וועלכע זענען אים צו־געטיילט געוואָרן; אַזוי למשל איז ער געווען פון יאָר 1938 ביז 1940 דער שליח פון דער יידישער אַגענטור אין דרום־אַפריקע און האָט געהאָלפן דער ציוניסטישער פעדעראַציע דאָרט אין אירע טעטיקייטן. נאָכהער האָט ער אין ירושלים אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר ענגליש־רעדנדיקע פון יוגנט־דעפּאַרטאַמענט פון דער סוכנות, און שפּעטער מיט דער ענגלישער אָפּטיי־לונג פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן ביז חודש יוני פון 1948, ווען נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל האָט אים דאָס אויסערן־מיניסטעריום באַשטימט אַלס דעם וויצע־דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג פאַר פרעסע און אינפאָרמאַציע.

אין משך פון זיינע צען יאָר אַרבעט אין דער סוכנות אין ירושלים און אין שליחות פון דער סוכנות אין חוץ־לארץ, האָט זיך אברהם הארמאַן דער־וואָרבן זייער אַ גוטן נאָמען סיי צווישן די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, וועלכע האָבן זיין אַרבעט אָפּגעשאַצט און איר געגעבן די געהעריקע אָנערקענונג, און סיי צווישן אַלע סוכנות־באַאַמטע, וועלכע האָבן אין אים געזען אַ הארציקן קאָלעגע און פריינט.

נאָך אַכט יאָר אַרבעט אין אויסערן־מיניסטעריום פון מדינת ישראל, באַקליידנדיק אַמטן אַלס דער ישראל־קאָנסול אין קאַנאַדע און שפּעטער אין ניו־יאָרק און אַלס איינער פון דער ישראל־דעלעגאַציע צו דער יו־ען, קערט זיך אברהם הארמאַן צוריק צו דער אַרבעט אין דער סוכנות, דאָס מאָל אַלס אַ געוויילטער מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, וועלכער וועט אָנפירן מיטן דעפּאַרטאַמענט פאַר הסברה.

היות אברהם הארמאַן איז, ווי דערמאָנט, אַ בן־בית אין די טעטיקייטן פון דער סוכנות, איז אויסגעצבונדן אין אַלע פאַזן פון דער ציוניסטישער אַר־בעט סיי אין מדינת ישראל און סיי אין חוץ־לארץ, קען מען זיין זיכער מיט זיין הצלחה אין אַלע זיינע לייטונגען, וואָס זענען זיכער פון גרויסער באַ־דייטונג און קאָלאָסאַלן נוצן פאַר ציוניזם און מדינת ישראל.

אברהם הארמאַן ווערט באַטראַכט אַלס שלימותדיקער מענטש, וועלכער

גייט פון זיין קינדהייט אָן אויפן דרך־הישר, אויפן גלייכן וועג. איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן (ענגלאַנד) און האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט פון אָקספאָרד. איז געקומען קיין ארץ־ישראל אַלס יונגערמאַן אין יאָר 1938 און זיין ערשטע אַרבעט אָנגעהויבן מיט אַ ציוניסטישער מיסיע פון דער סוכנות קיין דרום־אַפריקע.

אין דער ציוניסטישער טעטיקייט האָט אברהם הארמאַן געפילט די עקבותא דמשיחא — משיחס טריט, דאָס דערנענטערן זיך פון גאולה, פון יידישער אויסלייזונג פון אַלע פאַרפאַלגונגען, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין איבער אַלע גלותן פאַר אַלע דורות און יאָרן זינט מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער היים. אין דער ציוניסטישער טעטיקייט האָט זיך אויך אַנטפּלעקט די פּערזענלעכקייט פון אברהם האַרמאַן, זיין אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט, זיין אומאונטערבראָכענע ליבשאַפט צו ארץ־ישראל און פאָלק ישראל.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ די גע־שפּרעכן פון ציוניסטישע מנהיגים, אָנהייבנדיק מיט ד״ר הערצל ז״ל, נחום סאָקאָלאָוו און פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן ז״ל, מיט ענגלישע מלוכה־מענער, קינדער פון „ביבל־פאָלק״. אין דער ציוניסטישער געשיכטע פאַרנעמט אַ בכבודיקן פּלאַץ דער קאַמף פון ענגלישן יידנטום מיט די רעגירונגען פון דער בריטישער קרוין פאַר נישט האַלטן און פאַר נישט דערפילן די צוזאָגן און פאַרפליכטונגען צו יידן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אין דעם דאָקומענט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אויפצובויען דאָס יידישע היימלאַנד אין ארץ־ישראל. צוזאָגן, וועלכע זענען געווען פאַרזען מיטן זיגל פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער פעלקער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צווישן דער ערשטער און צוויי־טער וועלט־מלחמה געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „פעלקער־בונד״.

דאָס ענגלישע יידנטום, געפירט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט תמיד אַרויסגעוויזן גרויס מוט און גרויסן קוראַזש ביים פירן דעם קאַמף מיט זייערע רעגירונגען פאַר דער יידישער רעכט אויף ארץ־ישראל.

אברהם האַרמאַן איז געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד און ער האָט זיך דאָרט אָנגעזאָפּט מיט דער אַטמאָספער פון ציוניסטישן קאַמף פאַר דער ווי־דעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד — אין ארץ־ישראל. ער האָט אין ענגלאַנד דעם דאָזיקן שווערן קאַמף מיטגעמאַכט. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און ער האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן אויסשפּרייטן זיין ממשלה אויך אין אַנדערע לענדער, ווי למשל: עסטרייך, טשעכיע און האָט אויך משפיע געווען אַנדערע אַנטיסעמיטישע לענדער אין

מזרח־איירָאפּע, ווו עס האָבן געלעבט גרויסע עדות פון יידן, — האָט ער געד זען די פאַרצווייפלטע באַמיִונגען פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן ביי דער ענגלישער רעגירונג צו באַקומען איינרייזע־דערלויבענישן קיין ארץ־ישראל פאַר יידן, וועלכע זענען געטריבן און פאַרפאָלגט געוואָרן, דערנידעריקט און באַליידיקט געוואָרן פון היטלער־דייטשלאַנד און אַנדערע אַנטיסעמיטישע לענדער אין איירָאפּע. דער קאַמף האָט ליידער קיין דערפאָלג נישט געגעבן. טויזנטער און טויזנטער יידן האָבן זיך געטראָגן אין מולטערס — אויף קליי־נע שיפלעך — איבער די כוואַליעס פון ימים, בכדי צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישראל, אָבער די ענגלישע מאַנדאַטאָר־מאַכט האָט די שיפלעך צור־ריקגעטריבן פון די ברעגן פון ישראל און קיין יידן נישט אַריינגעלאָזט.

אברהם האַרמאַן, אַלס גוטער ציוניסט און געטרייער זון פון יידישן פאָלק, איז נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. ווי אַ קינד פון פאָלק פון תנ״ך, האָט ער געטראָגן אין זיין באַוווסטזיין די איבערצייגונג, אַז סוף־סוף וועט ציוניזם מנצח זיין, וועט איבערווינדן אַלע פּאָליטישע שוועריקייטן און שטרויכלונ־גען, וואָרום ארץ־ישראל איז צוגעזאָגט געוואָרן צו יידן פון אַ שטאַרקערער און גרעסערער מאַכט, ווי עס איז די גרויסמאַכט — ענגלאַנד. ארץ־ישראל האָט דער אַלמעכטיקער אַליין פאַרשפּראָכן צו יידן, דער צוזאָג קומט „מפּי הגבורה" און וועט דערפאַר זיכער מקוים ווערן.

אברהם האַרמאַן האָט זיך באַזעצט אין ישראל און זיך געשטעלט אין רשות פון ציוניסטישער אַרבעט און מיט זיין גלִיענדן ציוניסטישן גלויבן פאַרבונדן זיין אייגענעם קיום מיטן קיום פון ארץ־ישראל.

אין זכות פון דעם פלאַמיקן ציוניסטישן גלויבן, אין דער אויפריכטונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, האָט אברהם האַרמאַן זוכה געווען צו רע־פּרעזענטירן די קרוין פון מלכות־ישראל אַלס קאָנסול אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, צו זיין איינער פון דער ישראל־דעלעגאַציע ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער — יו־ען, ווו עס פלאַטערט די ווייס־בלויע פאָן פון מדינת ישראל צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פענער פון פעלקער, וועלכע זענען מיטגלידער פון דער יו־ען.

***

איצט איז אברהם האַרמאַן דורך דער ישראל־רעגירונג באַשטימט גע־וואָרן אַלס נאָכפאָלגער פון אבא איבן אויפן אַמט פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

מיר זענען זיכער אין זיין הצלחה, וואָרום מיט דער שולע פון אָקספאָרד און קדושה פון ירושלים קען מען דערגרייכן אַפילו קיין וואַשינגטאָן, און מיט שטאָלץ טראָגן די קרוין פון דער יידישער מדינה.

יהודה בראַגינסקי — פון רפואה צו קליטה

וואָס איז וויכטיקער פאַר אַ מענטשן: צו באַקומען אַ הייל־מיטל און מע־דיצינישע באַהאַנדלונג בעת אַ קראַנקייט, אָדער צו באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווען מען איז דאַכלאָז, צו באַקומען קאָנסטרוקטיווע הילף, וואָס זאָל דערמעגלעכן עקאָנאָמיש איינגעגלידערט צו ווערן אַלס עקאָנאָמיש־אַקטיווער עלעמענט אין זיין אַלט־נייער היים, אין מדינת ישראל.

מאָדערנע פּסיכאָלאָגן באַהויפּטן, אַז מיטן היילן דעם גייסט פון מענטשן ווערט שוין ממילא אויך געהיילט דער גוף. על פּי אַלע וויסנשאַפטן איז נישטאָ פאַראַן קיין בעסערע מעדיצין פאַרן מענטשלעכן גייסט ווי אים אַרויסנעמען פון דערשלאָגנקייט, פון נויט, פון אָרעמקייט און שפלות און אים אויפהייבן צו דער מדרגה פון נאָרמאַלן מענטשלעכן לעבן, פון קענען אַליין זיך מפרנס זיין און נישט דאַרפן צו קיינעם אָנקומען. דער מענטש זאָל זיך נישט פילן נוצלאָז און איבעריק. זען באַזאָרגן דעם מענטש, אַז ער זאָל צוריקבאַקומען זיין נאָרמאַלע צורה פון זיין נשמה, און ממילא וועט שוין אויך צוריק נאָר־מאַל ווערן די צורה פון זיין גוף.

יהודה בראַגינסקי — דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזע־קוטיווע און הויפּט פון דעם קליטה־דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענ־טור אין ירושלים, דער וואָס פירט־אָן מיט דעם איינגלידערן אין דעם עקאָ־נאָמישן לעבן פון לאַנד די נייע עולים וואָס קומען פון אַלע וועלט־עקן צו די ברעגן פון יידישן היימלאַנד — קיין ישראל — כעני בחוסר כל, אָן וועלכע עס איז מיטלען אויף זיך איינצואָרדענען, — האָט אין יאָר 1920 אַלס יונ־גער סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט אויפן קיִעווער אוניווערסיטעט, נאָכן שטודירן פיר יאָר מעדיצין, פאַרלאָזן די מעדיצינישע לעקציעס און איז געוואָרן אַ חלוץ, האָט אָנגעפירט מיט דער החלוץ־באַוועגונג אין פּוילן, איז עולה געווען קיין ישראל און געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ קיבוץ, — איז עד־היום הזה אַ מיטגליד פון קיבוץ — האָט שפּעטער אָנגעפירט מיט דער אומ־לעגאַלער עליה קיין ישראל פון פאַרשיידענע מזרח־אייראָפּעיִשע ישובים, און אין די לעצטע יאָרן פירט ער אָן אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, מיטן דעפּאַרטאַמענט פאַר קליטה.

די היילונג צום קראַנקן קערפּער, נישט פון איינצלנע יידן, נאָר פון יידן אַלס פאָלק, האָט יהודה בראַגינסקי געזוכט נישט אויף דער שול־באַנק פון

מעדיציניש פאַקולטעט, נאָר אין די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין זיין אַוואַנגאַרד דעם החלוץ, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפ־גאַבע צו פאַרזיכערן דעם קיום פון יידישן פאָלק דורך אַ געזונט נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעך לעבן אין דעם היסטאָרישן היימלאַנד פון יידישן פאָלק, אין ארץ־ישראל.

דאָס שטאָטישע לעבן, די געביידעס פון דער אוניווערסיטעט, דאָס שטור־דירן סקעלעטן פון טויטע האָט בראַגינסקין נישט צופיל מיטגעריסן, אים האָט גיכער געצויגן צו דער „מאַמע ערד", צו די גרינס־גערטנער פון דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער הכשרה, וואָס האָט געפירט צו דער „מאַמע ערד" אין ארץ־ישראל.

אויף יהודה בראַגינסקיס זכיה איז אויסגעפאַלן זיך מטפל צו זיין סיי מיט יציאה, — מיט דער אויסוואַנדערונג פון יידן, פון דער חלוצישער יוגנט, וואָס האָט געשטראָמט קיין ישראל פון פאַרשיידענע פלעצער אין מזרח־איי־ראָפּע, און אים קומט אויס זיך מטפל צו זיין מיט כניסה.

יציאה — באַדייט אַנטלויפן, זיך ראַטעווען, מען קוקט נישט דאַן ווען מען אַנטלויפט צי מען האָט עפּעס מיט זיך מיטגענומען; מען לאָזט איבער האַק און פּאַק און מען לויפט אָן גאַרנישט, אָן קיינע געפּעק, בכדי עס זאָל זיין לייכטער דאָס לויפן.

חיים וויצמאַן ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ רעדע וועגן די מעפּילים: „איך האָב געהאַט דעם זכות צו זען זיי, נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אויפן וועג אַהין. איך בין איינער פון זיי, איך געהער צו זייער מחנה. איך בין אַ זון פון דער יידישער גאַס, אַ זון פון די פינצטערע געטאָ־לעכער, פון וואַנען עס זענען אַרויס די דאָזיקע מענטשן.

„זיי קומען פון אומעטום, זיי האָבן צופוס דורכגעשפּאַנט די מיט אייז־באַדעקטע סטעפּעס פון אוקראַינע און די בלאָטעס פון רוסלאַנד. הערט זיך גוט איין און דער קול פון זייערע טריט וועט אָפּהילכן אין אייערע אויערן. הערט זיך גוט צו און איר וועט דערהערן דעם פליסטער פון זייערע טריט גייענדיק איבער מדבריות באַרוועס און נאַקעט."

יהודה בראַגינסקי האָט געהערט זייערע טריט. זיין אויג האָט דערבליקט זייער גאַנג. ער האָט מיטגעהאָלפן אַרויסנעמען די יידישע זין און טעכטער פון געטאָ־לעכער, און זיי העלפן קומען אין יידישן היימלאַנד — קיין ארץ־ישראל.

די כניסה קיין ישראל, ווי גיך נאָר מען דערגרייכט די ליכטיקע ברעגן פון ארץ־ישראל, ווי גיך נאָר מען באַפרייט זיך פון די גלות־קאַשמאַרן, פון די כסדרדיקע נגישות און רדיפות, ווי גיך נאָר מען ווערט אויסגעלייזט פון פאַר־

שקלאַפונג, פון די סכנה־קייטן, הייבט מען זיך אָן צו נייטיקן אין אַלץ, ראשית אין אַ דאַך איבערן קאָפּ, אין בגדים און דער עיקר אין אַרבעט, אין ווערן אַ פאַרדינער, אויף קענען זיך אַליין אויסהאַלטן.

יהודה בראַגינסקי האָט אַנטייל־גענומען אין דער אָנפירונג פון דער יציאה, האָט געפירט די מעפּילים פון אייראָפּע קיין ישראל.

אונדזערע רבנן לערנען אונדז, אַז דריי קולות הערט מען פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. דאָס זענען זיי:

„דאָס קול פון דעם ראָד וואָס פירט די זון;
דאָס קול פון דער ברומונג פון רוים;
און דאָס קול פון דער נשמה, ווען זי גייט אַרויס פון גוף.״

דאָס קול פון דער ייִדישער נשמה, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם ייִדישן גוף, ווערמענס געשריי עס איז געווען אַזוי האַרצרייסנד, איז נישט געהערט געוואָרן פון קיינעם פון דער פרייער דעמאָקראַטישער וועלט. נאָר אחינו בני ישראל! מיר ברידער ייִדן, און ברידער ייִדן פון ארץ־ישראל האָבן דאָס קול דערהערט, דערהערט אַפילו דאַן, ווען עס איז שוין געווען פיזיש גאָר שוואַך.

איינער פון די, וועלכע האָבן געהערט און זיך גאָר שטאַרק צוגעהערט צו די שוואַכע קולות פון די אומגליקלעכע מעפּילים, ייִדישע וואַנדערער — איז יהודה בראַגינסקי, וועלכער איז געווען מיט ייִדן אין יאָרן פון אומגליק און ער האָט זוכה געווען צו זיין היינט מיט ייִדן, ווען די זון פון נצחון האָט אויפגעשיינט און מדינת ישראל. ער נעמט־אויף מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און אָפענע הענט אַלע ייִדישע וואַנדערער, וואָס דערגרייכן די ברעגן פון אונדזער היימלאַנד.

תורה, ציון און אחדות־ישראל

(הרב מרדכי קירשבלום)

הרב מרדכי קירשבלום איז באַקאַנט דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום און דער ייִדישער וועלט בכלל אַלס דער וואָס פאַראייניקט אין זיך דעם חוט המשולש פון: תורה, ציון און אחדות־ישראל. דער סייגל שטעלט צונויף דעם חותם פון זיין לעבן און האָט אויך פון זיין פריסטער יוגנט געלייגט דעם חותם אויף זיין פערזענלעכקייט.

תורה און ציון מיינט פאַר הרב קירשבלום די באַשטעטיקונג פון דעם היסטאָרישן ייִדישן אמת, אַז ביידע זענען אומצעטיילבאַר צווישן זיך און, אַז תורה אָן ציון, אָדער ציון אָן תורה איז נאָר אַ טייל פון דער גאָלדענער קייט פון יהדות.

צוזאַמען מיט תורה און ציון ווי אַ דריטע רינג אין דער גאָלדענער קייט איז אחדות־ישראל.

קיינמאָל נישט אַזוי ווי היינט איז נייטיק אחדות אין ייִדישן לעבן, געאייניקטע כוחות, וואָס זאָלן זיין ביכולת אָפּצושלאָגן און זיך אַנטקעגנצושטעלן אַלע אָנגריפן, וואָס קומען פון שונאי־ישראל אויף דער ייִדישער מדינה און אויף ייִדיש לעבן אין חוץ־לארץ. עס איז תמיד געווען דער טרוים פון אונדזער פאָלק צו דערגרייכן די מדרגה פון קענען זאָגן דעם באַרימטן פסוק: „ויען כל העם קול אחד" — אַז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק זאָל ענטפערן אייניטלעך, פאַראייניקט און נישט צעשפּליטערט. אַ צו הויכן פּרייז האָט דאָס ייִדישע פאָלק אין זיין מאַרטירער־געשיכטע געצאָלט פאַר צעשפּליטערטקייט, פאַרן פעלן פון אחדות, פאַר מחלוקתן און קריגערייען, פאַר פירוד הלבבות, וואָס הערשט צווישן ייִדן. אַנדערש וואָלט אונדזער געשיכטע אויסגעזען ווען אונדזער פאָלק וואָלט געווען פאַראייניקט, וואָלט גערעדט פה אחד אַזוי ווי עס זענען געווען די רייד פון די נביאים, און געהאַנדלט בלב אחד ווי אין ירמיהו ווערט געשריבן: „ונתתי להם לב אחד ודרך אחד ליראה אותי כל הימים לטוב להם ולבניהם אחריהם".

ערב דער היסטאָרישער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ צווישן מזרחי און הפועל המזרחי אין אַמעריקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די ערשטע טעג פון פון חודש יאַנואַר פון יאָר 1957, האָט דער שרייבער פון די שורות געהאַט

א געשפּרעך מיט הרב קירשבלום, וועלכער איז געווען דער אַרכיטעקט פון דער פאַראייניקונג. פון דעם געשפּרעך, וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, האָב איך געזען ווי שטאַרק פאַראַנקערט הרב קירשבלום איז אין די קוואַלן פון אונדזער תורה, און ווי פאַרגאַרטלט ער איז מיט דעם דרייפאַכיקן אומצערייסבאַרן פאַדעם פון: תורה, ציון און אחדות־ישראל.

הרב קירשבלום איז אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש. זיינע לויפנדיקע אַרבעטן אין דער יידישער אַגענטור אַלס פירער פון תורה־דעפּאַרטאַמענט און אַלס פירער פון דעפּאַרטאַמענט פאַר עליה האַלטן אים זייער באַשעפטיקט. חוץ דעם קומען צו אים אין משך פון טאָג זייער פיל אינטערעסאַנטן: רבנים און גוטע־יידן, פאַרטיי־טוער און פאַרטיי־פירער און סתם עסקנים; דער נאָך אַן עצה, דער נאָך אַ טובה, דער טעלעפאָן האַלט אין איין קלינגען און הרב קירשבלום ענטפערט אויף פאַרשיידענע לשונות; אין אַ מחיהדיקן זאַפטיקן יידיש, אויף ענגליש און אויף העברעיש. אויפן שרייבטיש פון הרב קירש־בלום ליגן ספרים און וועלטלעכע ביכער, וואָס ווערן צוגעשיקט אין זיין ביוראָ. אָט זעען מיר ליגן אַ מסכת ברכות מיט ניקוד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס באַקו־מען פון ירושלים. דערלעבן ליגט אַ תנ"ך, אַ מתנה פון מיניסטער שאַפּיראָ. פּאַפּירן, דאָקומענטן פון אַ קאָלאָסאַלער קאָרעספּאָנדענץ מיט פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, כלל־טוער און רבנים. הרב קירשבלומס ביוראָ איז אַ ביוראָ פון תורה און עבודה.

מיר האָבן געפרעגט הרב קירשבלום, וואָס ער האַלט וועגן דער פאַר־אייניקונג פון מזרחי און הפועל המזרחי אין אַמעריקע?

די אויגן פון הרב קירשבלום האָבן אויפגעבליצט, עדות זאָגנדיק אַז זיין חריפותדיקער מוח האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. און ער האָט אונדז געענטפערט: „עס איז נישט מיין שטייגער זיך אַריינצולאָזן אין גוזמאות און סוביעקטיווע אָפּשאַצונגען. אַפילו אַ זאַך, וואָס איז מיר אַזוי טייער, ווי למשל די מזרחי־באַוועגונג, האָב איך ליב צו באַטראַכטן און מיט אַ מאָס פון אַי־דעאַליזם. באַטראַכטנדיק די פאַראייניקונג פון מזרחי און הפועל־המזרחי פון אַ ריין אידעאַליסטישן און אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט, דוכט מיר, אַז מיר שטייען דאָ פאַר אַ העכסט אינטערעסאַנטער און וויכטיקער געשעעניש. אויפן תלמודישן לשון וואָלט איך עס אָנגערופן: „החזרת עטרה ליושנה" — די צו־ריקקערונג פון דער קרוין צו איר אַמאָליקער גלאָריע. מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, אין די צייטן פון ברייטן ציוניסטישן שווונג און אידעאָלאָגישער חקירה, האָט זיך פון אימפּאָזאַנטן בוים פון מזרחי אַנטוויקלט אַ שיינער צווייג — דער הפועל־המזרחי, וועלכער האָט כסדר געהאַט זיינע וואָרצלען אין מזרחי־בוים, וועמענס צווייגן האָבן ביודעים ובלא יודעים תמיד געצויגן זייער

יניקה פון די תורה־קוואַלן פון די גרינדער פון מזרחי. דאָך אָבער זענען אין משך פון דער צייט אַנטשטאַנען וואָס מער מחיצות צווישן דער מוטער־בוים און אירע גלאָרייכע שפּראָצונגען. איך האַלט עס פאַר אַ נס, פאַר אַ היסטאָרישן פאַרדינסט און פאַר אַ גליק פאַרן ציוניזם אַלס אַ גאַנצן, וואָס נאָך צענדליקער יאָרן פון פּירוד, ווערן ביידע טיילן פון דער מזרחי־באַוועגונג פאַראייניקט, צוזאַמענגעשלאָסן און צוזאַמענגעגאָסן, קומען צוריק צום מקור, אָבער שטאַרק באַרייכערט פון יאָר־צענדליקער קאָנסטרוקטיוו־שעפערישער טעטיקייט פאַר ציוניזם און ארץ־ישראל. איך האָב אַ געפיל, אַז אָט די אחדות און פאַראייניקונג פון ביידע טיילן אין רעליגיעזן ציוניזם וועט אויך האָבן אַ גוטע ווירקונג אויף אַנדערע ציוניסטישע לאַגערן. אַזוי ווי דער מיקראָב פון צעשפּליטערונג און שפּאַלטונג האָט זיך מיט יאָרן צוריק פאַרשפּרייט פון איין ציוניסטישער מחנה צו אַ צווייטער, אַזוי האָף איך וועט אויך זיין מיט דער טויב פון שלום און אחדות; זי וועט פליען פון איין ציוניסטישן לאַגער צו אַ צווייטן און אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז „מען מעג שוין", — מען מעג שוין טראַכטן וועגן צונויפגלידערן די אברים, וועלכע זענען אַמאָל געווען איין גוף און האָבן אייגנטלעך שטענדיק געהאַט איין נשמה. דאָס איז די הויפּט־וויכטיקייט פון מיזוג צווישן מזרחי און הפועל־המזרחי! ס'איז אַן אָנזאָג פון אַן אָנפאַנג פון אחדות אין יידישן לעבן. ס'איז אַן אָנזאָג, אַז עס וועלן נישט דערלויבט ווערן מער קיין טפלדיקע ניואַנסן און נישט־עיקרדיקע דיפערענצירונגען, וואָס זאָלן פונאַנדערטיילן אַ דיאַלאָגישן לאַגער."

אונדזער צווייטע פראַגע צו הרב קירשבלום איז געווען: „צי וועט די פאַראייניקונג פון מזרחי און הפועל־המזרחי שטאַרקן די רייען פון רעליגיעזן ציוניזם אין אַמעריקע?".

אויף דעם האָב איך באַקומען פאָלגנדיקן ענטפער:

„ביי מיר איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פאַראייניקונג פון ביידע פאַרטייען וועט נומעריש פאַרפילפאַכן די רייען פון רעליגיעזן ציוניזם. מאַטעמאַטיש איז איינס און איינס, צוויי; אָרגאַניזאַטאָריש אָבער קען איינס און איינס זיין דריי, פיר און אַמאָל אויך צען. די אחדות פון צוויי אָרגאַניזאַציאָנעלע כוחות, וועלכע ווירקן אין מער אָדער ווייניקער זעלבן קרייז איז אַן און פאַר זיך אַ ברכה און אַ געבאָט פון דער שעה. איך מוז אָבער מודה זיין, אַלס איינער פון די אַרכיטעקטן פון מיזוג, אַז דאָס אַליין וואָלט אונדז נישט געגעבן דעם מוט און די אַמביציע זיך אַריינצולאָזן אין שווערן פּראָצעס פון דערנענטערן נאָענטע און פאַראייניקן די, וועלכע זענען בעצם כמעט ווי איינס און דאָס זעלבע (דאָס איז אגב אורחא דער שווערסטער פּראָצעס אין מענטשן־

באַציִונגען). די הויפּט־טרייב־קראַפט אין דערמעגלעכן און אין רעאַליזירן דעם מיזוג איז פון סאַמע אָנפאַנג געווען די האָפענונג — כ׳וואָלט זאָגן די איבער־צייגונג — אַז דורך פאַראייניקונג קען דער רעליגיעזער ציוניזם באַקומען נייע פליגלען, פאַרשטאַרקטע כוחות און אָנפאַנגען אַ נייע תקופה פון גרויסע מעשים פאַר תורה און ציון״.

צי מיינט איר, הרב קירשבלום, — האָבן מיר ווייטער געפרעגט — אַז רעליגיעז־געשטימטע ייִדן אין אַמעריקע, סיי דערוואַקסענע און סיי יוגנט־לעכע, וועלן זיך גיכער אַנשליסן אין אַ פאַראייניקטער פּאַרטיי, ווי אין צוויי באַזונדערע פּאַרטייען, ווי זיי האָבן עקזיסטירט ביז איצט?

אויף דעם האָט הרב קירשבלום געענטפערט:

„די, וועלכע האָבן פון זייער סאַמע יוגנט באַקומען אַ רעליגיעז־נאַציאָ־נאַלע דערציִונג און ביי וועמען תורה און ציון גייט נאַטירלעכערווייז האַנט אין האַנט; די וועלכע זעען אין ציוניזם נישט קיין פרעמדן אידעאַל חס ושלום, נאָר אַן אינטעגראַלן טייל פון תורה־דענקען און תורה־וועגן, די ביי וועמען שיבת־ציון און מדינת ישראל דערוועקן די טיפסטע געפילן און איבערגע־געבנהייט, — זיי האָבן שוין פון לאַנג אַנטדעקט אונדזער באַוועגונג און דורך איר געגעבן דעם גרעסטן אויסדרוק צו זייערע פאַרבינדונגס־סענטימענטן צום ייִדישן פאָלק און זיין אייביקן און היסטאָרישן היימלאַנד. דאָך מוז איך צו־געבן, אַז טויזנטער און טויזנטער רעליגיעזע ייִדן זענען געבליבן שטיין ביים שוועל פון אונדזער באַוועגונג, האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקע מאָס סימ־פּאַטיע, האָבן אַפילו געגעבן פריינטלעכע שטיצע און דאָך זיך נישט פאַרבונדן מיט איר אַלס מיטגלידער. זייענדיק בלויז פריינט, האָבן זיי, אַזוי צו זאָגן, געוואָלט זיין פריינט פון דער גאַנצער באַוועגונג און נישט בלויז פון איין טייל פון איר. די מחיצה צווישן מזרחי און הפועל־המזרחי האָט פאַר זיי גע־דינט אַלס מאָטיוו פאַר „נייטראַליטעט״. די נייע לאַגע אָבער וועט ביי די טויזנטער און טויזנטער ייִדן באַזייטיקן די סיבה פון „נייטראַליטעט״ און זיי וועלן איצט קענען אַריינטרעטן אַלס פולע מיטגלידער אין דער פאַראייניק־טער מזרחי און הפועל־המזרחי פּאַרטיי. מיר דאַרפן אויך נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אַנשטאָט צוויי פאַראַלעלע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך נאָכיאָגן נאָכן זעלבן מיטגליד און פאַרווענדן כוחות, וועלן מיר אין דער צוקונפט קענען אויסנוצן אונדזערע פאַראייניקטע כוחות פאַר אַ גרויס־צוגיקע מיטגלידער־אַקציע איבערן גאַנצן לאַנד און דערגרייכן יעדן ישוב פאַר ארץ־ישראל, לעם ישראל, על פּי תורת ישראל, מיט אַ באַטאָנונג פון דער חשיבות פון אַרבעט, חלוציזם און עליה, און בויען דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות און קינדער אויף די יסודות פון תורה און עבודה.״

וואָס וועלן זיין די פּלענער פון דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי — האָבן מיר געפרעגט הרב קירשבלום — בנוגע שאַפן אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג פון רעליגיעזן ייִדנטום אין אַמעריקע פאַר ישראל?

אויף דעם האָט הרב קירשבלום געענטפערט:

„נישט גרינג איז אונדז אָנגעקומען דורכצופירן די פאַראייניקונג. דוכט זיך, אַז עס איז אַזאַ נאַטירלעכער און נייטיקער געדאַנק, אָבער דאָך איז עס אונדז אָנגעקומען ממש בקריעת ים־סוף דעם געדאַנק צו רעאַליזירן (מיר זע־נען נישט קיין יוצאי מן הכלל אויף דעם שטח. די חז״ל האָבן שוין פון לאַנג געזאָגט וועגן דעם צוזאַמענבונד פון מענטשן, אַז „קשין לזיווגן כקריעת ים־סוף”). כ׳קען דעריבער נישט זאָגן, אַז מיר האָבן שוין געניגע פּלענער ווי אַזוי אויסצונוצן דעם נייעם אינסטרומענט אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן. די פאַרגאַנגענע 18 חדשים האָבן מיר הויפּטזעכלעך געהאַט צו טאָן מיט דעם צוגרייטן דעם אינסטרומענט פון פאַראייניקונג פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן ייִדנ־טום. מיר האָבן נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו פּלאַנירן די נייע וועגן, אין וועלכע מיר האָפן פאַראייניקטערהייט צו גיין און אָפּרוימען די שטיינער וואָס זענען ביז איצט געלעגן און געשטערט אין דעם שאַפן אַן אָרגאַניזירטע ראַם פאַרן רעליגיעזן ייִדנטום אין אַמעריקע פאַר ישראל. איין זאַך איז ביי מיר קלאָר, אַז מיר וועלן מיט גאָטס הילף באַאיינדרוקן די ייִדישע וועלט מיט אונדזער פאַראייניקטער עקזיסטענץ. אַוודאי און אַוודאי וועט מען עס פילן אין דער רעליגיעזער וועלט. מזרחי האָט גלאָרייכע קרעדיטן פאַר אַלגעמיין־ייִדישע און אַלגעמיין־רעליגיעז־ייִדישע דערגרייכונגען אין אַמעריקע. עס איז דעריבער ביי מיר קיין ספק נישט, אַז מיט פאַראייניקטע כוחות וועט אונדזער באַנייטע און פאַרשטאַרקטע באַוועגונג אַרויס אויף די ברייטסטע שליאַכן און ברענגען צום אַמעריקאַנער ייִדנטום דאָס גרויסע וואָרט פון רעליגיעזן ציו־ניזם און פאַרשטאַרקן די צוגעבונדנקייט פון רעליגיעזן ייִדנטום צו ישראל און זען מיט אַלע כוחות צו פאַרגרעסערן די אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם פון די רעליגיעזע ציוניסטן אין אַמעריקע און אויסנוצן די קאָלאָסאַלע פּאָטענצן פון אַמעריקאַנער רעליגיעזן ייִדנטום פאַר ישראל און אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. עס איז נישט קיין סוד, אַז די פון אונדז, וועלכע האָבן אויסגעחלומט און אויסגעקעמפּט דעם מיזוג וועלן זיך נישט צופרידנשטעלן מיט דער גרויסער דערגרייכונג פון דער פאַראייניקונג פון ביידע פּאַרטייען. אונדזערע חלומות גייען פיל ווייטער און טיפער. מיט דער צייט האָפן מיר איינצוגלידערן אין מיזוג אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון תורה־טרייען ייִדנ־טום, וועלכע קענען זיך אייניקן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון תורה און ארץ־ישראל. איך קען זיך צום ביישפּיל נישט פאָרשטעלן פאַרוואָס פועלי אגודת

ישראל — אַן איבערגעגעבענער און קאָנסטרוקטיווער עלעמענט פאַר מדינת ישראל און תורה־ייִדישקייט, — זאָל אין דער נאָענטסטער צוקונפט נישט קע־נען געפינען קיין פּלאַץ אין דער פּאַראייניקטער באַוועגונג פון מזרחי און הפועל־המזרחי; סיי אין ישראל, ווו זיי זענען אַן אַנזעבאַרער כוח, און אויך דאָ אין אַמעריקע, ווו זיי האָבן אַ נאָכפאָלגערשאַפט פון מדינת ישראל אי־בערגעגעבענע און פאַר תורה־קעמפנדיקע פירער. עס עקזיסטירן נישט מער קיין דיפערענצן צווישן אונדזער פאַראייניקטער באַוועגונג און אַלע אַנדערע, וועלכע זענען מודה, אַז מדינת ישראל איז די גרעסטע מתנה פון גאָט פאַר אונדזער טראַגישן דור און אַז די אומשעצבאַרע מתנה איז געגעבן געוואָרן פון הבוחר בציון, כדי צו דערמעגלעכן דעם ייִדישן פאָלק ווייטער צו שפּינען די גאָלדענע קייט פון אַ פאָלקס־לעבן לויט די פאַרשרייפטן פון דער תורה. דער מיזוג פון מזרחי און הפועל־המזרחי פאַנגט אָן אַ ניי קאַפּיטל אין אָרגאַ־ניזירטן ייִדנטום, אַ בראשית־קאַפּיטל פון גרעסערע דערגרייכונגען דורך אח־דות און צוזאַמענגוס פון כוחות, פון וועלכן מדינת ישראל וועט זיכער גע־ווינען, ווייל אונדזער פאַראייניקטער פראָנט וועט שטאַרקער און העכער פּראַ־קלאַמירן דעם אור־אַלטן נביאשן שלאָג־וואָרט: „בית יעקב לכו ונלכה באור ה'!". אונדזער אור ה' איז אַ ליכט, וואָס שטראָמט פון ארץ־ישראל און וועט דורכברעכן אַלע וואָלקנס, וועלכע פאַרכמאַרען צייטווייליק אונדזערע הימלען און האָריזאָנטן סיי דאָ און סיי דאָרטן, ווו עס ליגט דער שורש נשמה פון אונדזער פאָלק."

די לעצטע פראַגע צו הרב קירשבלום איז געווען: צי וועט די פאַראיי־ניקטע פּאַרטיי זיך פאַרנעמען מיט שאַפן אַ געמיינזאַמע ראַם פאַר אַלע חי־נוך־ און תורה־אַנשטאַלטן פון רעליגיעזן ייִדנטום אין אַמעריקע?

אויף דעם האָט הרב קירשבלום געענטפערט:

„דאָס איז אַ צו גרויסע דערוואַרטונג, אַלנפאַלס פאַר דער ערשטער עפּאָ־כע פון אונדזער צוזאַמענבונד. אפשר מיט דער צייט וועט אויך צו דעם קו־מען. אידעיִש איז אונדזער באַוועגונג שטענדיק געווען גרייט צו פאַראייניקן אַלע חינוך־ און תורה־אַנשטאַלטן. צום באַדויערן אָבער איז עס היינט שווע־רער ווי מיט יאָרן צוריק, ווייל דער צוגאַנג צו חינוך, אַפילו אין אָרטאָדאָק־סישן לאַגער, איז נישט דער זעלבער ביי אַלעמען. כ'מוז צוגעבן, אַז דערווייל בין איך צופרידן, וואָס אַלע עלעמענטן אין אָרטאָדאָקטישן לאַגער אַרבעטן, בכדי צו פאַרשפּרייטן וואָס מער תורה. די געמיינזאַמע שפּראַך און די גע־מיינזאַמע ראַם וועט האָפנטלעך מיט דער צייט קומען."

צום שלוס האָט הרב קירשבלום צוגעגעבן:

„די קומענדיקע קאָנפערענץ פון מזרחי און הפועל־המזרחי רעפערוזענ־

טירט אַ שהחיינו־מאָמענט אין אונדזער געשיכטע און אין דער געשיכטע פון גאַנצן ציוניזם און יידיש לעבן. די נאָענטע האָבן זיך ענדלעך אַזוי דערנענטערט, אַז זיי ווערן איינס. די עטוואָס ווייטערע וועלן האָפנטלעך קומען און טאַקע באַלד און פאַרנעמען זייער פּלאַץ צווישן די בויער פון מדינת ישראל אין גייסט פון תורת־ישראל!״.

איך האָב בכוונה איבערגעגעבן דעם תוכן פון מיין געשפּרעך מיט הרב קירשבלום, ווייל פון זיינע תשובות קען מען לערנען ווי ווייט איבערגעגעבן ער איז צו דער אידייע פון ציוניזם, ווי גרויס בן־תורה ער איז און וויפל גרייטקייט עס איז ביי אים פאַראַן זיך איינצושטעלן און צו אַרבעטן פאַר דער אידייע פון אחדות־ישראל, ראשית־כל אין דעם לאַגער פון רעליגיעזע יידן און שפּעטער די אחדות אויך אויסצוברייטערן צווישן כלל־ישראל.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט זיך הרב קירשבלום געהאַט אויסגעדריקט, אַז ציוניזם און שיבת־ציון איז פאַרן רעליגיעזן ציוניזם קיינמאָל נישט געווען בלויז די מאָדערנע דערפינדונג פון ד״ר הערצל ז״ל — אַ נאָמען, וועלכן מיר דערמאָנען מיט פאַרערונג און ליבע, ווייל ד״ר הערצל האָט זוכה געווען צו זיין דער טרעגער פון אַ געטלעכן פונק, וועלכער האָט אים פאַרבונדן מיט די ציון־טרוימער פון די לעצטע אַכציק דורות. ציוניזם, לויט אונדזער אויפפאַסונג, איז שטענדיק געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער תורהדיקער וועלט־אַנשויונג און אַן אימפּעראַטיווער באַשטאַנדטייל פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן אַלס פרומע יידן. מיטן ערשטן גאָט־גלויבער איז געקומען דער פאַרזאָג פון: „לך לך מארצך... אל הארץ אשר אראך״, אַ פאַרזאָג וועלכער איז בינדנד אויף יעדן יידן עד סוף כל הדורות. אין דער זעלבער מאָס האָבן מיר פון סאַמע אָנפאַנג געגלייבט, אַז דער ענדציל פון ציוניזם איז שאַפן מיט גאָטס הילף און נאָך אין אונדזער צייט, אַ יידנשטאַט, און נישט בלויז אַ שטאַט פון יידן. דער אונטערשייד פון די צוויי באַגריפן איז אַ טיפער און אַ היסטאָריש־רעליגיעזער.

פון די ווערטער זעט מען ווי ווייט אומצעטיילבאַר עס איז ביי הרב קירשבלום: תורה פון ציון, ווי ווייט אמונה, דת־ישראל איז ביי אים פאַרוואָרצלט.

***

אויפן 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פרילינג פון יאָר 1956 אין ירושלים, איז הרב מרדכי קירשבלום אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פירט

אַן מיט דער אָפּטיילונג פאַר דערציִונג אין גייסט פון דער תורה (חינוך תורני) און איז דער ביי־פאָרזיצער פון דעם עליה־דעפּאַרטאַמענט אין דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון דער ייִדישער אַגענטור.

ווען הרב מרדכי קירשבלום איז געוואָרן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ייִדישער אַגענץ איז ער נישט געווען קיין פּנים חדשות אין דער ציוניסטישער וועלט. ער איז שוין געווען באַקאַנט אין אַמעריקע און איבער דער ייִדישער וועלט, אַלס איינער פון די פירער פון רעליגיעזן ציוניזם. אין עלטער פון 44 יאָר האָט ער שוין פאַרנומען דעם אַמט פון פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער מזרחי. אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער מזרחי איז ער געווען דער יונגס־טער אויסגעוויילט צו ווערן צו דעם פּרעזידענטן־אַמט, אַ שטול וואָס איז באַ־זעצט געווען פריִער פון אַזעלכע גדולי־הדור ווי הרב מאיר בר־אילן, גדליהו בובליק, הרב זאב גולד און אַנדערע.

הרב קירשבלום באַטראַכט זיך ווי אַ תלמיד פון הרב מאיר בר־אילן און הרב גולד. ביי אים אין אַרבעט־צימער קען מען זען די פּאָרטרעטן פון הרב בר־אילן, גדליהו בובליק און הרב גולד זכרונם לברכה.

***

הרב קירשבלום האָט זיך קונה־שם געווען אַלס גרויסער אָראַטאָר, וועל־כער האַלט אין שפּאַנונג זיינע צוהערער מיט זיין שטאַרקן חיתוך הדיבור און מיט זיינע ציטאַטן פון די מאמרי־חז״ל און פון אוצר פון אונדזער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, ווו ער איז אַ בן־בית. נישט נאָר צווישן רעליגיעזע ציוניסטן האָט זיך הרב קירשבלום קונה־שם געווען מיט זיינע רעדעס, נאָר אויך צווישן אַלע קרייזן פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע. אויף זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן געהער הרב קירשבלום צו די רעדנער צו וועלכע מען הערט זיך צו שטאַרק, צו וועמענס ווערטער מען לייגט צו קאָפּ.

הרב קירשבלום האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלס נוח־לבריאות, אַלס אַ מענטש, מיט וועמען מען קען אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן דורכקומען. ער שפּאַרט זיך נישט איין אויף קיין קוצו של יוד. ער ווייסט, אַז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן קען מען מיט איינ־געשפּאַרטקייט וייט נישט דערגיין, מען דאַרף אַמאָל אַנטקעגנקומען אַ קעג־נער, בכדי צו דערגרייכן אַ געמיינזאַמען ציל. וואָרום אויב נישט, איז דאָך אין לדבר סוף, קען מען דאָך קיין ציבור נישט שאַפן, דאַרף מען דאָך זיך אָפּ־

זונדערן פון דער וועלט און היות דער ציבור ווערט דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע גרופּן, וועלכע פאַרטרעטן פאַרשיידענע אינטערעסן און פּרינ־ציפּן, דאַרף מען צוליב טובת־הכלל געפינען דעם בשותפותדיקן וועג, וואָס זאָל אַלעמען פאַראייניקן און נישט צעטיילן.

אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַלזאָ, ווערט הרב קירשבלום פאַר־רעכנט פאַר אַ בית הלל מענטש, פאַר אַ מקיל און נישט פאַר קיין מחמר. פאַרשטייער פון פאַרטייען אָדער געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן פאַר־האַנדלען גערן מיט הרב קירשבלום. יעדער ווייסט, אַז מיט אים וועט מען שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי דורכצוקומען. יעדער ווייסט, אַז ביי הרב קירש־בלום איז טובת־הכלל דער הויפּט־פּרינציפּ אין זיין געזעלשאַפטלעכער לייס־טונג און דערפאַר וועט ער זיך באַמיִען אַלץ צו טאָן, וואָס איז אין די אינ־טערעסן פון טובת הכלל.

אין דער רעליגיעזער ציוניסטישער וועלט איז הרב קירשבלום באַקאַנט אַלס דער מעורר צו ציון, — דער כסדרדיקער וועקער פאַר ציון — פאַר מדינת ישראל. אין זיין אַרבעט אַלס מעורר איז הרב קירשבלום אַ געטרייער תלמיד פון די רבנים: הרב קאַלישער און הרב אלקלעי, זכרונם לברכה, וועמענס שיטה עס איז געווען, אַז גאולה פאַרן ייִדישן פאָלק קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַ כסדרדיק רופן דאָס פאָלק צו מעשים, מעורר צו זיין ייִדן — די פּזורי ישראל, די צעזייטע און צעשפּרייטע ייִדן איבער אַלע גלותן, זיי זאָלן מרבה זיין אין מעשים לטובת בנין הארץ, צו וועקן דאָס ייִדישע האַרץ פאַר ארץ־ישראל און פאַר זיין אויפבוי.

הרב קירשבלום פאָרט אַרום איבער צענדליקער און צענדליקער שטעט איבער אַמעריקע און ברענגט אומעטום דאָס וואָרט פון שיבת־ציון צו ייִדן, טראָגט אומעטום אַריין התעוררות צווישן ייִדן פאַר מדינת ישראל, טראָגט אַריין שפּאַנונג אין די הערצער און מוחות פון די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע צו מדינת ישראל און צו אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט שוץ און אויפבוי פון דער מדינה.

ליבשאַפט צו ציון און אהבת־ישראל האָט הרב קירשבלום מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים, פון זיין שטאָט ווו ער איז געבוירן געוואָרן, פון ביאַליסטאָק, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן ביי זיינע עלטערן אין שטרענגן רעליגיעזן גייסט און האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספער פון הרב שמואל מאָהילעווער ז״ל, אויך אַ ביאַליסטאָקער, וועלכער איז געווען פון די שעפער פון רעליגיעזן ציוניזם.

אין דער ציוניסטישער וועלט איז הרב קירשבלום באַקאַנט סיי אַלס

איש הרוח, אַלס מענטש פון גייסט, אַלס געלערנטער, וועלכער איז אַ גייסטי־קער מדריך פון אַן עדה יידן אַלס רב בישראל, און סיי אַלס איש המעשה, אַלס מענטש פון טאַט, וועלכער קאַרגט נישט קיין מי און ענערגיע אין זיין אַרבעט פאַר ציון און ירושלים און אין זיינע לייסטונגען צו פאַרשטאַרקן דאָס רעליגיעזע לעבן פון יידן אין אַמעריקע, וואָס ער באַטראַכט פאַר דעם איינציקן שוץ־פאַנצער קעגן די שטראָמען פון אַסימילאַציע, וועלכע באַדראָען דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן.

די פערטע ליבשאַפט

(לכבוד ש. ז. שרגאי)

דורך דריי ליבשאַפטן: דורך אהבת המקום, ליבשאַפט צו גאָט; אהבת ישראל, ליבשאַפט צו ייִדן און אהבת התורה, ליבשאַפט צו דער תורה קען אַ חסיד דערגרייכן צום כסא הכבוד.

אַזוי האָט אונדז געלערנט דער פאָטער פון דער חסידישער באַוועגונג: ר' ישראל בעל שם טוב ז"ל.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ ליבשאַפט, אַ פערטע ליבשאַפט, דורך וועל־כער מען קען דערגרייכן אונדזער עיר הקדושה, די הייליקע שטאָט ירושלים. און דאָס איז אהבת־ציון, די ליבשאַפט צו ציון.

חסידות ווערט באַצייכנט אַלס אַ באַוועגונג וואָס פאַרנעמט זיך מיט צו־גרייטן דאָס פאָלק צו קענען מקבל־פּנים זיין משיחן. ציוניזם פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן דאָס פאָלק צו גיין מקבל־פּנים זיין ירושלים.

דער פירער פון רעליגיעזן ציוניזם — דער עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ייִדישער אַגענטור און הויפּט פון עליה־דעפּאַרטאַמענט — ש. ז. שרגאי, טראָגט אין זיך אַלע פיר ליבשאַפטן און ער איז פאַראַנקערט סיי אין חסידות און סיי אין ציוניזם.

חסידות האַלט אים אין שפּאַנונג אין זיין ליבשאַפט צו גאָט, צו דער תורה און צו ייִדן, און ציוניזם צינדט אין אים כסדר דעם אייביקן פלאַם וואָס טליִעט אין ייִדישן פאָלק — די ליבשאַפט צו ציון, וואָס איז אומאָפּטייל־באַר פון דער תורה.

אויף וויפל די צונויפבינדונג מיט גאָט איז אַ יסוד־זאַך אין דער לערע פון חסידות, איז דער קשר מיט ישראל, נישט נאָר ליבשאַפט, נאָר די אמתע צונויפבינדונג מיטן ייִדישן פאָלק, אַ יסוד־זאַך אין דער לערע פון ציוניזם. ליבשאַפט צו ייִדן איז נאָך ווייניק, אויך אַ גוי קען ליב האָבן ייִדן, דער עיקר איז צו פילן דעם אייביקן בונד מיטן ייִדישן פאָלק. צו דעם צונויפבונד פירט — ציוניזם!

***

ש. ז. שרגאי האָט געהאַט דעם זכות צו זיין דער בירגערמייסטער פון ירושלים, פון דער שטאָט וואָס חיים ווייצמאַן ע"ה האָט באַצייכנט אַלס דעם המצית פון ציוניזם.

יעקב העלמאַן ע״ה האָט געשריבן, אַז די מנהיגים פון ייִדישן ישוב אין ירושלים זענען געטראָגן געוואָרן פון באַוווסטזיין, אַז נישט צוליב זיך אַליין זיצן זיי אין לאַנד, נאָר אַז זיי זענען דער ניצוץ פון משיחיזם, וועלכער מוז ברענגען אין לאַנד אַרײַן די ייִדן פון דער גאַנצער תפוצה.

אויף ש. ז. שרגאַיס זכות איז אויך אויסגעפאַלן מקיים צו זיין דעם געבאָט פון: „לך וכנוס את כל היהודים״ — גיי אַרויס און זאַמל איין אַלע זין און טעכטער פון ייִדישן פאָלק, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט און ברענג זיין קיין ארץ־ישראל.

ש. ז. שרגאַי איז היינט צו טאָג דער הויפּט פון דעם עליה־דעפּאַרטאַמענט פון דער ייִדישער אַגענטור. ער האָט געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו דערמאָנען די ייִדן אין דער וועלט אין זייער פליכט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, מקיים צו זיין דעם הייליקן געבאָט פון שיבת־ציון, צו לעבן אין ישראל, אין דעם אייגענעם לאַנד, און פירן דעם איינציק מעגלעכן שלימותדיקן ייִדיש לעבן.

צו ריידן וועגן עליה און דער גרויסער באַדייטונג פון דעם איז די באַליבסטע טעמע וועגן וועלכער שרגאַי וועט נישט מיד ווערן, צי אין צוזאַמענטרעפן מיט צייטונגס־מענטשן, אין קרייזן פון קאָלעגן, צי אין צוזאַמענקונפטן מיט אַ גרעסערן עולם, פאַרפעלט נישט שרגאַי צו פאַרטייטשן די גרויסע באַדייטונג פון עליה.

בערל קאַצענעלסאָן ע״ה האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עליה האָט זייער פיל טייטשן; עס איז דאָ אַן עליה אויף טרעפּ פון אַ לייטער, און ס׳איז דאָ אַן עליה — דאָס גיין קיין ארץ־ישראל. דאָס גיין אין אַן אַנדער לאַנד רופן מיר וואַנדערונג; די באַוועגונג פון שיבת־ציון רופן מיר אַן עליה. דאָס איז אַן עליה פון גלות, פון אָפּגרונט, אַן עליה צום פאָטערלאַנד, צום לאַנד פון פרייהייט, דאָס איז אויך אַן עליה און כמות — אַן עליה פון כוח, פון גייסט, פון וויזיע, פון האָפענונגען, אַן עליה פון דעם קלאַס, פון דעם פאָלק, פון דעם יחיד.״

ש. ז. שרגאַי פאַרטייטשט עליה, אַז היינט צו טאָג באַדייט דאָס מסירת־נפש, קרבנות־גרייטקייט פאַרן פאָלק, צו ראַטעווען און צו ברענגען ייִדן קיין ישראל. נישטאָ פאַר דעם הויפּט פון עליה־דעפּאַרטאַמענט פון דער ייִדישער אַגענטור קיין גרעסערער מסירת־נפש ווי צו ראַטעווען ייִדן פון פיזישן און נאַציאָנאַל־גייסטיקן אונטערגאַנג און זיי צו ברענגען אין ייִדישן היימלאַנד — קיין ישראל.

ש. ז. שרגאַי איז אויסגעבונדן אין דער ייִדישער מאַפּע פון דער וועלט. ער קען אויסנווייניק אַלע ווינקעלעך אויפן כדור־הארץ, ווו ייִדן זענען פאַר־

טראָגן געוואָרן, בכדי כאַטש אויף אַ ווײַלע צו געפינען אַ מקום־מקלט און קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון פאַרפאָלגונג, נגישות און רדיפות. וואָס שרגאי פאַרלאַנגט איז, נישט צו זוכן קיין מקום־מקלט, נאָר אַ מקום־חיים. און היינט איז דער מקום־חיים אין מדינת ישראל.

בעת שרגאי רעדט צו ייִדן וועגן עליה קיין ישראל, וועגן שיבת־ציון, טראָגט ער מיט זיך דאָס ליכט פון ציון, דאָס ליכט פון אייביקן ירושלים.

מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען מיר געזעסן מיט שרגאין אויף אַ מסיבה מיט פאַרטרעטער פון געדרוקטן וואָרט. אַליין אַ צײַטונגס־מענטש, אַ באַגאַבטער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער, פילט ער זיך תמיד זייער גוט צווישן קאָלעגן שרײַבער. אָבער נישט וועגן אַלץ קען און טאָר שרגאי דער־ציילן צו זײַנע קאָלעגן זשורנאַליסטן. עס זענען פאַראַן ענינים, וואָס מען טאָר אַפילו פאַרן מויל נישט ברענגען. דאַן איז כדאַי צו אָבסערווירן און נאָכצופאָלגן דעם גרויסן געראַנגל, דעם אינערלעכן ויתרוצצו, וואָס שפּילט זיך אָפּ ביי שרגאי דעם פּאָליטיקער, דעם בעל אחריות פאַר אַ ביז גאָר וויכ־טיקער און הייליקער אַרבעט, מיט וועלכער ער פירט אָן, און דעם זשורנאַ־ליסט, וועלכער וואָלט וועלן זײַנע צײַטונגס־קאָלעגן איבערגעבן און דערציילן וואָס מער און מער.

דער געראַנגל ווערט אָבער שנעל אויסגעגליכן אַדאַנק שרגאיס טיפן שכל, דורך זײַן קענען מיט אַ רמז, מיט אַ ניצוץ פון אַ געדאַנק פאַרענטפערן אַ שאלה און דערמיט באַפרידיקן דעם זשורנאַליסטישן נײַגיר פון זײַנע צײַ־טונגס־קאָלעגן.

***

שרגאי דערציילט וועגן דער מאַראָקאַנער עליה, וואָס ער באַטראַכט פאַר אַ געבענטשטער עליה. די עולים האָבן זיך באַזעצט אין אַ קייט ישובים ביי די גרענעץ־פּונקטן, און אין נגב, און האָבן פיל בייגעטראָגן צו באַפעסטיקן די זיכערקייט פון ישראל.

די עליה פון פּוילן האָט געבראַכט קיין ישראל קוואַליפיצירטע פאַכלײַט, פּראָפעסיאָנאַלן און געלערנטע, פון דאָקטוירים און אינזשעניערן ביז אַטאָם־פאָרשער. די עליה פון פּוילן האָט געענדערט צום בעסערן די סאָציאַלע מאַפּע פון ישראל. די עליה פון פּוילן באַדינט אין אַ געוויסער מאָס די פריִערדיקע עליה פון צפון־אַפריקע אין וועלכער עס האָבן געפעלט אַזעלכע כוחות. מיט דער פּוילישער עליה באַקומט די מדינה אַ סטאַביליזירטע גלײַכגעוויכט אין איר עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סטרוקטור.

און אַזוי קען שרגאי אָפּזיצן שעהן לאַנג און אויף אויסנווייניק אַרומ־גיין די ייִדישע וועלט־מאַפּע און דערציילן וועגן די עליה־מעגלעכקייטן, אָדער

עליה־שוועריקייטן פון יעדן לאַנד באַזונדער, און ווי אַזוי די עולים פון יעדן לאַנד האָבן זיך אַקלימאַטיזירט אין ישראל סיי גייסטיק און סיי עקאָנאָמיש.

***

נישט צוליב זיך אַליין זיצט ש. ז. שרגאי אין ירושלים, געוואָרעמט פון אַלע פיר ליבשאַפטן טראָגט ער אין זיך דעם באַוווסטזיין, אַז ער געהער צו די וועמען דער ניצוץ פון דער גאולה־אידייע לאָזט נישט רוען, ביז וואַנען יידן פון די תפוצות וועלן נישט קומען קיין ישראל.

הלוואי זאָל פון דעם ניצוץ ווערן אַ גרויסער פלאַם פון אהבת־ציון וירושלים, נישט פון ווייטן, נאָר בתוך ציון וירושלים!

אין צויבער־שליחות

(ד"ר א. ל. קובאָווי)

יעדער מענטש האָט אַ מיסיע אויסצופירן. אַ לעגענדע דערציילט, אַז איידער עס ווערט פון די הימלען אַראָפּגעשיקט אַ נשמה, ווערט קודם באַשטימט די שליחות, וואָס דער ניי־געבוירענער וועט האָבן אויסצופירן אין לעבן. ד"ר קובאָווי איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די מיסיע צו זיין אַ דיפּלאָמאַטישער פאַרשטייער פון מדינת ישראל.

איז טאַקע בפירוש אַ גרויסער נחת־רוח צו נאָטירן דעם פאַקט, אַז ד"ר קובאָווי האָט דורכגעפירט זיין מיסיע מיט גרויס ווירדע און מיט הצלחה, פאַרשאַפנדיק מיט זיין אומדערמידלעכער אַרבעט כבוד מדינת ישראל און זיין פאָלק איבער דער גאַרער וועלט!

מדינת ישראל איז ביי אַלע ייִדן געוואָרן אַ צויבער־וואָרט וואָס פאַרכישופט אַלעמען, וואָס רופט אַרויס זיכערקייט, גלויבן, שטאָלץ, שמחה און גליק ביי ייִדן אין זייער צעשפרייטקייט. דער רעפּרעזענטאַנט פון דער מדינה איז דער טרעגער פון דעם צויבער צווישן ייִדן אין די תפוצות, וועלכע שפּיגלען זיך אין מלוכה־שיין פון ישראל. ד"ר א. ל. קובאָווי פאַרמאָגט נייטיקע אַטריבוטן צו קענען טראָגן דעם מדינה־צויבער מיט שטאָלץ און מיט ווירדע. פאַר איבער אַ פערטל יאָרהונדערט איז ד"ר קובאָווי באַקאַנט אין דער ייִדישער וועלט אַלס איינער פון די וואָרטזאָגערס אין ייִדישן לעבן. זינט לאַנגע, לאַנגע יאָרן איז ד"ר קובאָווי באַקאַנט אַלס איינער פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן. אַ מענטש מיט גאָר הויכער קולטור, באַלאָדן מיט אַ רייכן באַגאַזש פון וועלטלעכן וויסן און דערצו פאַראַנקערט אין ייִדישקייט; ער האָט אַ גרינטלעך ייִדישע דערציִונג אין הויז פון זיינע עלטערן, ווו ער האָט דערוואָרבן תורה און השכלה.

ד"ר קובאָווי האָט זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן אין די רייען פון ציוניזם. אַלס יונגער סטודענט אויפן פאַקולטעט פון פילאָלאָגיע פאַרנעמט ער זיך מיט קרוב צו פערציק יאָר צוריק מיט אָרגאַניזירן פאַריינען פון דער דעמאָלטיקער צעירי ציון פאַרטיי און האָט אין משך פון אַלע יאָרן דורכגעמאַכט אַלע שווערע דערנער־וועגן, אַלע עליות און ירידות, וואָס דער ציוניזם האָט געהאַט אויסצושטיין ביז צו דער עטאַבלירונג פון דער מדינה. אַלע נסיונות, אַלע פייער־פּראָבעס, אַלע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען און

שטרייט־פראַגן, פאַר וועלכע ציוניזם בכלל און אַרבעטער־ציוניזם בפרט איז געשטעלט געוואָרן, האָבן תמיד געפונען אַ גרינטלעכן אַנאַליז אין דעם גלייי־טערטן מוח פון ד״ר קובאָווי. זיין פלינקע תפיסה, זיין שאַרפער שכל, זיין אַנאַליטישער דענקען זיין גלענצנדיקער זכרון און בעיקר זיין קאָלאָסאַלער וויסן דינען אַלס אינסטרומענטן פון זיין לויטערער מחשבה.

אָבער נישט נאָר ציוניזם האָט אויסגעפולט די אַרענע פון ד״ר קובאָוויס ברייט־פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נאָר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט ייִדיש לעבן אין דער וועלט, ייִדישע קולטור אין די תפוצות, פּאָליטישער אָפּוועהר־קאַמף קעגן פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציעס, אָרגאַ־ניזאַציע פון וועלט־ייִדנטום צום קאַמף פאַר ייִדישע רעכט און פאַר ייִדישער רעפּרעזענטאַנץ, רעטונג פון ייִדן אין צייטן פון שוידערלעכער אכזריות, אַרויס־ברענגענדיק דעם וויי־געשריי פון ייִדישע מאַסן אין לענדער פון רדיפות און נגישות און שטורעמען די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע. דער געראַנגל און קאַמף פאַר ייִדישע רעכט, געהער אויך צו די גלאָררייכע קאַפּיטלען פון ד״ר קובאָוויס טעטיקייטן.

* * *

פונקט ווי משה רבינו אין פּאַלאַץ פון פּרעהן האָט זיך ד״ר א. ל. קובאָווי געהאָדעוועט אין פּאַלאַץ פון ייִדישער נויט, אין צאַרישן רוסלאַנד, ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן פּאָגראָמען אויף ייִדן. זיין ריכט־שנור איז געוועז — די גרויסע ייִדישע וויזיע, וואָס ציט זיך זינט דעם ערשטן נביא אונדזערן און וועט זיך ציִען עד סוף כל הדורות!

אין ד״ר קובאָוויס דור האָבן מיר געהאַט זייער פיל פּרעהס. אין מזרח־אייראָפּע האָבן ייִדן געליטן פון שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען. ייִדיש לעבן איז געווען אין פּערמאַנענטער סכנה. ווי גיך נאָר ד״ר קובאָווי איז צו זיין שכל געקומען האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט די פראַגן און פּראָבלעמען פון ייִדישן קיום, מיט די פיזישע און גייסטיקע נויטן פון אונדזער עקזיס־טענץ. ער איז אַריינגעטראָטן אין אַקטיוון דינסט פאַר ייִדיש לעבן, און אין משך פון אַ קורצער צייט דערגרייכט צו פירערשאַפט, באַקליידנדיק אַמטן אין די העכסטע אינסטאַנצן פון ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, ביז ער האָט דער־גרייכט צום אַמט פון ישראל־פאָרשטייער, פריִער אין טשעכאָסלאָוואַקיע און פוילן, און שפּעטער אין אַרגענטינע, טשילע און פּאַראַגוואַי. אין אַרגענטינע איז ער דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַמבאַסאַדאָר.

ד״ר א. ל. קובאָווי איז נישט נאָר דער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל צו די רעגירונגען פון די לענדער. ביים דערפילן זיין דיפּלאָמאַטישן אַמט דערפילט

ער גלייכצייטיק אַ מיסיע אויך אין ייִדישן לעבן. ער העלפֿט פֿולירן דעם גלאַנץ פֿון ייִדישן גייסטיקן לעבן אין די ישובים. ווען ער מערקט עפּעס אַ טענדענץ, וואָס לויט זיין מיינונג איז דאָס נישט אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס עס וואָלט באַדאַרפֿט זיין, פֿאַרבאַהאַלט ער נישט צו זאָגן דעם ישוב וועגן דעם. זיינע ווערטער זענען ווי שטראָף־רייד פֿון אַ געטרייען און איבערגעגעבענעם פֿאָטער, וועלכער שטראָפֿט זיין קינד, צוליבן קינדס טובה וועגן!

בעת זיין דיפּלאָמאַטישן דינסט אַלס מיניסטער פֿון ישראל אין טשעכיע און אין פּוילן, ווען ער האָט נישט געקענט פֿראַנק און פֿריי דערשיינען פֿאַר ייִדן און צו זיי ריידן, נאָר האָט זיך מיט ייִדן באַגעגנט אין בית־המדרש און אין שול, — איז זיין זאָגן קדושה, זיין זאָגן מפטיר בקול רם מיטן טאַטנס ניגון, געווען דער אָנזאָג צו ייִדן נישט צו זיין אין צופֿיל פּחד און זיך נישט מיאש צו זיין.

די ביאָגראַפֿן פֿון ד״ר א. ל. קובאָווי באַהויפּטן, אַז דער מתיקותדיקער ניגון, וואָס ד״ר קובאָווי האָט געירשנט פֿון זיין פֿאָטער ע״ה, מיט וועלכן ער האָט געזאָגט די ברכות ביים עולה לתורה זיין, אָדער דעם מפטיר אין דער פּראַגער אָדער וואַרשעווער שול, צי אין אַנדערע שולן אין די שטעט פֿון טשעכיע און פּוילן, ווו עס זענען נאָך פֿאַרבליבן אַביסל ייִדן, האָט ער דערמוטיקט ייִדישע הערצער, און אין זיי אַריינגעהויכט דעם אַלטן א ל ת י ר א ע ב ד י י ע ק ב. זיי באַהויפּטן, אַז דער ייִדישער מפטיר, מיט וועלכן ד״ר א. ל. קו־באָווי איז געקומען אין באַגעגענישן מיט ייִדן אין די שולן פֿון די לענדער אונטער דעם אייזערנעם פֿאַרהאַנג, — איז דער געהיימער וואָפֿן, וואָס העלפֿט זייער פֿיל אין אונדזער געראַנגל פֿאַרן גייסטיקן קיום פֿון ייִדישן לעבן אין אַלע די לענדער, ווו מען וויל אונדז גייסטיק, חלילה, אומברענגען.

* * *

ד״ר קובאָווי איז אַן אייראָפּייער פֿאַר עקסעלאַנס, באַגאַבט מיט דער מערב־אייראָפּעיִשער קולטור, אַ מייסטער אין דער קלאַוויאַטור פֿון אייראָפּעיִשן „באָן־טאָן". צו גלייכער צייט טראָגט ער אין זיך אַ סך ייִדיש געפֿיל, פֿאַר־מאָגט אַ גוט ייִדיש האַרץ, אַ לויטערע ייִדישע נשמה און אויף אַ ממש מייס־טערהאַפֿטן אופֿן איז אים געלונגען צו שאַפֿן די סינטעז פֿון טרוקענעם, דורכ־געטראַכטן פֿאַרשטאַנד מיט ייִדישלעכן געפֿיל. עס מערקט זיך ביי אים נישט קיין שום מחיצה צווישן שכל און געפֿיל, אָט דער אייביקער געפֿעכט צווישן מוח און האַרץ, וואָס איז אַזוי נאָרמאַל ביי יעדן מענטשן, — האָט אָבער נישט קיין פּלאַץ אין דער פּערזענלעכקייט וואָס ד״ר קובאָווי שטעלט מיט

זיך פאַר. ער געהער צו די פולקאַמע און פאַרפולקאַמטע פּערזענלעכקייטן, ביי־ וועמען מוח און האַרץ זענען שלימותדיק, נישט געטיילט.

זיין געפיל, זיין ברייט האַרץ קען דערגרייכן צום העכסטן עקסטאַז, וווּ נאָר חסידישע התלהבות קען אָנשפּאַרן און זיין מוח, זיין שכל קען זיך דער־ הויבן צו די הויכקייטן, וואָס פילאָזאָפיע איז מסוגל צו דערגיין.

מיט זיך אַליין, אין ווינקל, ווו ער געפינט רויִקייט און מנוחת הנפש איז ד״ר קובאָווי אַ טרוימער, אַ ראָמאַנטיקער, אַ חסידישער ניגון, אַ זמרל, באַ־ גלייט אים צום גבול פון פּאָעטישן אויסדרוק. אין אַרבעט־צימער דאָקעגן, אויף דער בימע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ער אַ דענקער, אַ קעמפער, מיט אַ קלאָרער מיינונג, מיט אַ געוואַגטן געדאַנק, אַנטשלאָסן, פעסט, אָן וואַקלענישן, גראַדליניק, פחדלאָז, איבערצייגנדיק, אָן סתירות. אַ פירער, וואָס חייסט דעם גלייכן וועג, נישט מאַכנדיק קיין אומוועגן.

מערב־אייראָפּעיִשע קולטור, יידישער וויסן און טראַדיציאָנעלע יידיש־ קייט האָבן צוזאַמען אויסגעפורעמט די פּערזענלעכקייט פון ד״ר קובאָווי.

ד״ר קובאָווי איז באַקאַנט אַלס גלענצנדיקער רעדנער. ער איז באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ גרויסן אָראַטאָרישן טאַלאַנט. ער איז אַין ריידן שטאַרק אי־ בערצייגנדיק. זיין פעיִקייט אויף פאַרטייטשן און אויסטייטשן די פאַרקנוילטע און פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען, די קונסט און מעטאָד איבערצוגעבן די צו־ הערער אויף אַ פשוטן אופן אַ קאָרעקטן אַרט־דענקען. די באַקאַנטע שולע פון באַרימטן אַריסטאָטעלעס, דער שעפער פון דער וויסנשאַפט, די לאָגיק, האָט ד״ר קובאָווי אַדאַפּטירט מיט זיין פולסטער אינטעלעקטועלער דיסציפּלין. עס איז אַ גרויס פאַרגעניגן אים צו הערן ריידן, אומאָפּהענגיק צי אין זיין רעדע באַהאַנדלט ער פראַגן פון טאָג־געשעענישן אָדער פּראָבלעמען פון געשיכטלעכן כאַראַקטער. ביי אים באַקומען פראַגן אַ פאַרמולירטע ראַם, אַנגעטאָן אין לבוש פון לאָגישער הסברה, פאַרשטענדלעך און צוטריטלעך פאַר יעדן. יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל איז געשליפן, געוויגן און געמאָסטן, קלאָר, זאַכלעך, באַטראַכט און פריִער איבערגעטראַכט. זיינע ווערטער רופן נישט אַרויס קיין שום צווייפל.

ד״ר קובאָווי צייכנט זיך אויס מיט התמדה, מיט אַרבעטזאַמקייט. ער ליידט תמיד אויף אַ מאַנגל אין צייט. דערביי איז ער אַ זייער גוטער פאַר־ וואַלטער פון צייט, נישטאָ קיין מינוט, וואָס ער זאָל נישט אויסנוצן, וואָס זאָל חלילה ביי אים גיין לאיבוד. ער פאַרנוצט צייט אויף אַ שטאַרק קאָנסטרוק־ טיוון אופן.

ווען עס קומט צו קולטור, צו לערנען תורה, צו געניסן פון דער גייס־ טיקער שפייז, ווייסט נישט ד״ר א. ל. קובאָווי פון קיין גרענעץ. ס׳איז נישטאָ

ביי אים קיין געגוג, צי דאָס איז די תורה פון אונדזער אַלטן אוצר, אָדער וועלטלעכע לימודים. אַליין טיף פאַראַנקערט אין יידישן וויסן, פון זיינע לימודים אין זיין געבוירן־שטעטל אין ליטע, ווו ער האָט געלערנט אין חדר מתוקן, און גלייך פון אָנהייב אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן, שפּעטער אין דעם פרייען בעלגיע, ווו ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע און שפּעטער אויף די אוניווערזיטעטן פון ליעזש און בריסל, ווו ער האָט באַקומען זיינע דאָקטאָר־דיפּלאָמען אין די וויסנשאַפטן פון קלאַסישער פילאָלאָגיע און יורי. ווי ווייט ער איז פאַרוואָרצלט אין יידישן וויסן, קען דינען דער פאַקט, וואָס זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע אין קלאַסישער פילאָלאָגיע האָט ער געשריבן אויף דער טעמע: „לאַטייניש און גריכישע אויסדרוקן אין דער שפּראַך פון משנה און תלמוד״.

ביידע דאָקטאָראַטן זענען נאָך נישט גענוג פאַר ד״ר א. ל. קובאָווי. ער קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט לערנען. ער זיצט און לערנט תורה לשמה, אַלע יאָרן פון זיין לעבן. ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, ווו ער זאָל נישט זיין און ווי באַשעפטיקט ער זאָל נישט זיין, וועט ער געפינען פאַר זיך אַביסל צייט אויף צו לערנען. זיין אַרבעט־טאָג איז זייער אַ לאַנגער, ער הייבט זיך אָן גאַנץ פרי, כעלות השחר, און ענדיקט זיך שפּעט אין אָוונט. ס'איז קיינמאָל נישט צו פרי אויפצושטיין. גרויס התמדה באַגלייט אים אין זיין אַרבעט, אַזוי ווי אין זיין לערנען.

אַזוי ווי ד״ר קובאָווי אַליין איז אַרבעטזאַם און פלייסיק, אַזוי איז ער בכוח אַנדערע, בעיקר זיינע מיטאַרבעטער מאַכן פלייסיק און אַרבעטזאַם. דערביי צייכנט ער זיך אויס מיט דער מעלה פון פריינטלעכער באַציִונג, מיט רעספּעקט צו זיינע מיטאַרבעטער. ער גיט פרייע איניציאַטיוו אין דער אַר־בעט, נישט קיין פאַראָרדענונגען; דיסקוטירט ער מיט זיי די פראַגן פון דער אַרבעט, הערט זיך צו מיט אַן אויפמערקזאַם אויער צו די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און געדאַנקען. מענטשן וועלכע האָבן געהאַט די זכיה מיטצואַרבעטן מיט ד״ר קובאָווי וויסן צו דערציילן, אַז זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ גוטע שולע, אַז זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו לערנען, צו שטודירן, אַז ד״ר קובאָווי איז געווען צו זיי נישט נאָר אַ בעל־הבית, נאָר אויך אַ לערער, אַ מדריך, אַ דערציִער.

איצט פאַרנעמט ד״ר א. ל. קובאָווי דעם אַמט פון פּרעזידענט פון „יד ושם״, אין וועלכן ער וועט האָבן אַ פעלד פאַר זיינע ווייטערדיקע ווערטפולע ל'ייסטונגען צום יידישן לעבן.

אחד העם (אשר גינצבערג)

אשר גינצבערג איז געבוירן געוואָרן ביי אַ חסידישער פאַמיליע אין דרום־רוסלאַנד. ער האָט באַקומען אַ שטרענג נאַציאָנאַל־רעליגיעזע יידישע דערציִונג, האָט געלערנט אַ סך תלמוד און אַלס זעכצן־יאָריק ייִנגל איז ער שוין געווען באַרימט ווי אַ גרויסער בקי אין ש״ס און באַהאַלטענערהייט האָט דער יונגער אשר גינצבערג געלערנט די רוסישע שפּראַך און אויך דערוואָרבן גרויסע קענטענישן אין פילאָזאָפיע און אין מאַטעמאַטיק.

צו 28 יאָר איז אשר גינצבערג געקומען קיין אָדעס, האָט זיך דאָן אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע „חובבי ציון״ און איז אין משך פון אַ קורצער צייט געוואָרן אַ מיטגליד פון איר צענטראַל־קאָמיטעט.

אין דער אָרגאַניזאַציע „חובבי ציון״ האָט אשר גינצבערג פאַרטראָטן אַ שיטה, וועלכע האָט זיך קעגנגעשטעלט דער חיבת־ציון פּראַקטיק, וועלכע האָט זיך דאָן פאַרנומען מיט זאַמלען געלט. ער האָט שטאַרק קריטיקירט אַזאַ פאָרם פון טעטיקייט. ער האָט געטענהט, אַז לא זו הדרך, נישט דאָס איז דער וועג. אָנשטאָט דעם האָט ער אָנגעוויזן אַן אַנדער וועג, נעמלעך: ברענגען צום אויסדרוק די נאַציאָנאַלע אייניקייט פון ייִדישן פאָלק, צו דערציִען די ייִדישע מאַסן אין גייסט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור.

אין אַ מאמר אונטערן נאָמען „לא זו הדרך״, אונטער וועלכן אשר גינצבערג האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן נאָמען: אחד העם, האָט ער צווישן אַנדערן געשריבן, אַז נישט צו לייזן די פּראָבלעם פון ברויט פאַרן פאָלק איז זיין אויפגאַבע, נאָר די אויפגאַבע איז צו פאַרענטפערן די פּראָבלעם פון ייִדישן גייסט.

דער צוגאַנג פון אחד העמען צום קנויל פון ייִדישע פּראָבלעמען פון יענער צייט, וועלכע ווערט אין דער געשיכטע פון ציוניזם באַצייכנט ווי „נישט טאָג, נישט נאַכט״, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן וויכוח אין די רייען פון די חובבי־ציון. עס האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי צדדים: איין צד, וועלכער האָט געהאַלטן מיט דער שיטה פון אחד העם, און אַ צווייטער צד, אין וועמענס שפּיץ עס האָט זיך געשטעלט מ. ל. ליליענבלום, וועלכער האָט פאַרטראָטן אַ שטאַנדפּונקט, אַז דאָס אויסלייזן פון ייִדישן גייסט, איז נאָך נישט קיין פאַרענטפער צום גרויסן פּראָבלעם, וואָס האַלט געשפּאַנט די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע שטרעבן צו אַ פרייען נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן, צו ווערן אַ פאָלק ככל הגויִם. די גרופּע פון מ. ל. ליליענבלום האָט געזען אין אחד העמען דעם מענטש פון גייסט, וועלכער שטרעבט צו ראַטעווען ייִדישקייט און נישט ייִדן, — צו בויען

אין ארץ־ישראל אַ ישוב פון תלמידי־חכמים, וועלכע זענען עוסק אין גייסט, און נישט קיין ישוב פון ייִדן, וועלכע לעבן פון זייער אַרבעט און פּראַצע.

אחד העם אָבער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אין ארץ־ישראל אויפשטעלן אַ גייסטיקן צענטער — אַ מרכז רוחני, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער גייסטיקער דערציִונג פון ייִדישן פאָלק, פון ארץ־ישראל אויס זאָל דער גייסטיקער צענטער משפיע זיין אויפן גייסטיקן ייִדישן לעבן אין גלות.

אחד העם האָט זיך דאַן געשטעלט אין שפיץ פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער, צוזאַמען מיט יהושע ברזילי (אייזענשטאַט) האָבן אָרגאַניזירט אונטערן נאָמען: „בני משה“, וואָס האָט געדאַרפט פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם געדאַנק פון מרכז רוחני אין ארץ־ישראל.

ס'איז געווען זייער שווער צו ווערן אַ מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע „בני משה“. נאָר יחידי סגולה, מענטשן וועלכע זענען נאָך אַ לאַנגער און שטרענגער חקירה און בדיקה באַשטימט געוואָרן אַלס ראוי צו זיין מיטגלידער זענען אָנגענומען געוואָרן. ווען ס'האָבן זיך באַגעגנט חברים פון 'בני משה", פלעגן זיי זיך דערלאַנגען די הענט און זאָגן די ווערטער: „לא ולא“, וואָס האָט געמיינט: „לא בחיל ולא בכוח“ — נישט מיט קיין מיליטער און נישט מיט קיין קראַפט.

דער אָרדן „בני משה“ האָט פון זיך אַרויסגעגעבן פירער און טוער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

* * *

אין דער תקופה פון מדינת ישראל האָט זיך נאָך דער אַמאָליקער וויכוח צווישן אחד העם און ליליענבלום נישט געענדיקט. עס געפינען זיך אויך היינט צו טאָג ייִדן, וועלכע פאַרטרעטן אַ שיטה, אַז מדינת ישראל דאַרף דינען ווי אַ גייסטיקער צענטער פאַרן ייִדישן פאָלק, וואָס זאָל פאַרזיכערן פאַר אַלע אייביקייטן דעם קיום היהדות. די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג אָבער פאַרטרעט אַ שיטה, אַז די שטרעבונג פון ציוניזם איז קיבוץ גלויות, אַז וואָס מער ייִדן פון דער וועלט זאָלן זיך באַזעצן אין ישראל און ווערן בירגער און מיטשאַפער פון דער ייִדישער מדינה. די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג איז מיט דער מיינונג, אַז נאָר קיבוץ גלויות איז די פאַרזיכערונג פון דער אייביקער תשועה פאַרן ייִדישן פאָלק.

די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל איז אַ באַשטעטיקונג, אַז דער בשותפות־דיקער וועג פון חלוצישער טאַט האַנט־איין־האַנט מיט גייסטיקער הדרכה האָט אונדז געפירט צו אונדזער זעלבסטשטענדיקייט. וואָלט ציוניזם געגאַנגען מיטן דרך פון די „בני משה“, וואָס אחד העם האָט אָנגעצייכנט, ווער ווייס, ווי ווייט נאָך מיר וואָלטן געווען פון דער קרוין פון ישראלס מלוכהשאַפט.

די רעליגיע פון אַרבעט

(א. ד. גאָרדאָן)

אַהרן דוד גאָרדאָן ע״ה האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן די רעליגיע פון אַרבעט, דעם גלויבן, אַז אַרבעט איז דער איינציקער וועג, דורך וועלכן מען קען געזונט מאַכן דאָס יידישע פאָלק.

אַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן האָט א. ד. גאָרדאָן ע״ה געזוכט צו פאַרענטפערן מיט זיין רופן יחידים און דעם גאַנצן כלל ישראל צו אַרבעט און שאַפן. זיין ציל איז געווען אויף דאָס ניי צו באַשאַפן אַ יידישן אַרבעט־מענטש און פון די אַלע יחידים — אַרבעט־מענטשן צו פאָרמירן אַן אַרבעט־פאָלק.

א. ד. גאָרדאָן האָט אין אַרבעט געזען די ברכה פאַרן יחיד און די ברכה פאַרן פאָלק; זיין טעאָריע איז דעריבער געווען, אַז אַ מענטש דאַרף אַרבעטן מיט ליבשאַפט, מיט הנאה, מיט צופרידנקייט. אַ מענטש דאַרף אַרבעטן פריי־וויליק און אין דער אַרבעט דערפילן די באַנייונג פון דעם אייגענעם איך, די אָפפרישונג פון אייגענע כוחות. אַ מענטש דאַרף אין דער אַרבעט דערפילן דעם כבוד עצמו, וואָס איז דער דריטער פּרינציפּ פון דער יידישער עטיק, נעמלעך: כבוד השמים, כבוד הבריאות און כבוד עצמו — דער שטאָלץ פון מענטש — וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלוקים.

א. ד. גאָרדאָן איז געווען זייער שטאַרק מחולק מיט די אַלע, וועלכע האָבן זיך געשעמט מיט אַרבעט, פאַר וועמען מלאכה איז געווען אַ בזיון, אַ חרפה און אַ בושה; די יעניקע, וועלכע האָבן געפילט, אַז זיי מוזן אַרבעטן בעל־כרחום — געצוואונגענערהייט. גאָרדאָן האָט באַוויזן, אַז אַזאַ געדאַנקען־גאַנג אין יידישן לעבן איז דורכויס פאַלש און האָט נישט קיין שום יסוד.

אין די יאָרן צווישן בינה און עצה — נאָענט צו די פופציקער — האָט זיך א. ד. גאָרדאָן באַזעצט אין ישראל און פאַרווירקלעכט זיין לאַנגיאָריקן חלום — זיך צו באַנייען אין יידיש־היסטאָרישן היימלאַנד, אין ארץ־ישראל.

אין ארץ־ישראל איז גאָרדאָן געוואָרן אַ וועגווייזער, אַ מוסטער פאַר מענטשן ווי אַזוי מען קען, אַפילו אין די הויכע מיטעלע יאָרן ווידעראַמאָל זיך באַנייען, ווידעראַמאָל ווערן שעפעריש און אָפפרישן די אייגענע כוחות דורך אַרבעט.

נישט נאָר אַ פּרעדיקער פון אַרבעט, אַ טעאָרעטיקער, איז געווען א. ד.

גאָרדאָן. ער איז אויך געווען אַ פּראַקטיקער, וועלכער האָט אַליין זיך פאַר־נומען מיט אַרבעט און וואָס איז געוואָרן אַ ביישפּיל פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט געוואָלט אין אייגענעם לעבן דורכפירן די רעוואָלוציע פון באַנייונג, פון אָפּפרישונג, פון ווערן שעפעריש, פון דערפילן אין זיך דעם פלאַקער פון זעלבסטשטענדיקייט און דעם כבוד פון מענטש.

א. ד. גאָרדאָן ע"ה איז געווען קרוב צו פופציק יאָר, ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין אַזאַ עלטער איז פאַר קיין מענטשן נישט לייכט זיך איינצוגלידערן עקאָנאָמיש און קולטורעל אויף אַ פרישן פלאַץ. אָבער אַהרן דוד גאָרדאָן האָט קומענדיק קיין ארץ־ישראל נישט באַגעגנט קיינע שוועריקייטן. ער האָט גלייך דערפילט ווי ער ווערט פון דאָס ניי געבוירן. ער האָט דערפילט אין זיך נייע גייסטיקע און פיזישע כוחות אָנצוהייבן פון ס'ניי, פון אָנהייב, אַ לעבן פון אַרבעט, אַ לעבן פון ווירדע און שטאָלץ, אַ לעבן פון אַ באַגייסטן מענטשן, וועלכער טראָגט די בשורה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק און ווייזט אים דעם וועג ווי אַזוי זיך צו באַנייען אויף אַלט־נייער ערד און זיך צו ראַטעווען פון אַלע גלותן, פון אַלע פאַרפאָלגונגען, פון אַלע נגישות און רדיפות, פון אַלע דערנידערונגען און באַליידיקונגען און מקיים זיין דעם אַלטן טרוים פון שיבת ציון, פאַרווירקלעכן די דורות־לאַנגע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל און דאָרט ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

די יונגע יאָרן האָט א. ד. גאָרדאָן פאַרבראַכט אין דאָרף, ווו ער האָט זיך געהאָדעוועט. די נאַטור, האָט אין אים פאַרפלאַנצט אַ צוגעבונדנקייט צו ערד־אַרבעט. די צוגעבונדנקייט האָט אין גאָרדאָנען געטליעט אַלע יאָרן פון זיין לעבן, און ווי גיך ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל צו מקיים זיין זיין אייגענעם שיבת־ציון, האָט ער זיך גענומען צו אַרבעט אין פעלד און אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט גאָרדאָן געפונען זיין אייגענעם תיקון און האָט אויך געזען דעם תיקון פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

אין דער באַוועגונג פון שיבת־ציון האָט גאָרדאָן געזען נישט נאָר אַן איבערוואַנדערונג פון יידן, פון איין לאַנד אין אַ צווייטן לאַנד אַריין, פון גלות אין ציון; נאָר ער האָט געזען דעם צוריקקער פון יידן צו דער נאַטור, צו די בראשית־פלעצער, פון וואַנען דאָס יידישע פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן.

וועגן צוריקקער פון יידישן פאָלק צו דער נאַטור האָט א. ד. גאָרדאָן צווישן אַנדערס געזאָגט: „מיר, וואָס אונדזער אומה האָט, פון איין זייט, געליטן מער ווי אַלע פעלקער אויף דער וועלט, וואָס מיר זענען אויסגעוואָרצלט און אָפּגעריסן געוואָרן פון דער נאַטור; און פון דער צווייטער זייט, איז אונדזער אומה געווען בכוח צו עקזיסטירן, אַז קיין שום פורעניות אין דער וועלט האָבן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר נישט געקענט פאַרניכטן אונדזער

באַוווסטזיין, אונדזער שטרעבן צו אַ פולשטענדיקער אויפלעבונג. מיר האָבן נישט פאַר זיך קיין אַנדער וועג צו אָוועקשטעלן אונדזער לעבן אויף נאַטיר־לעכע יסודות, — ווי אונדזער אומקערן זיך צו דער נאַטור".

אין דער צייט פון דער צווייטער עליה, ווען ס'איז אין דער פולער שאַרפקייט געשטאַנען די פראַגע פון כיבוש־עבודה, די פראַגע פון דעראָבערן אַרבעט פאַר ייִדן, האָט א. ד. גאָרדאָן צווישן אַנדערס געשריבן: „עס איז באַקאַנט די מימרא, וואָס זאָגט, אַז זכות אויף ערד באַקומט מען דורך בלוט; דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. מיט פייער און בלוט רויבט מען אָוועק די פרייהייט פון פאָלק און מען פאַרשקלאַפט אים צוזאַמען מיט זיין לאַנד. די ערד פאַרבלייבט תמיד אין די הענט פון די, וועלכע באַאַרבעטן זי. לאַנד ווערט דעראָבערט דורך אַרבעט און דורך שאַפן".

פון די ציטירטע ווערטער זעען מיר דעם גרויסן גלויבן פון א. ד. גאָרדאָן אין ערד־אַרבעט; אין דער אַרבעט אויפן פעלד האָט ער געזען דעם מלאכת־הקודש פון ייִדישן פאָלק אויפן וועג צו זיין באַנייונג.

דער ייִדישער אַרבעטער אין ישראל איז געגאַנגען אין וועג פון גאָרדאָנס תורה, איז געוואָרן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער, אַ פויער. דער חלוץ אין ארץ־ישראל האָט מיט ציין און נעגל, נישט שרעקנדיק זיך פאַר קיין קדחת און אַנדערע חולאתן — אויסגעטריקנט זומפן, צעאַקערט דעם זינט יאָרטויז־טער פאַרוואָרלאָזטן באָדן און פאַרוואַנדלט זומפן און וויסטענישן אין בליִע־דיקע גערטנער פון עמק און גליל. דער ייִדישער אַרבעטער אין ישראל — אין פעלד און אין וואַרשטאַט, אויפן שאָסיי און אין פאַבריק, אין פרדס און ביים בנין — האָט באַוויזן ווי אַזוי אַ פאָלק קען זיך באַנייען דורך אַרבעט. דער אַרבעטער און דער חלוץ אין ארץ־ישראל זענען עדות ווי ריכטיק עס איז געווען די לערע פון א. ד. גאָרדאָן — דעם קעמפער פאַר ייִדישער אַרבעט און דעם באַשאַפער פון דער רעליגיע פון אַרבעט.

צווייטער טייל

אין קאַמף און אין בוי

צוזאמענטרעף פון צוויי וועלטן

(75 יאָר „בילו״)

אין חודש תמוז פון 1957 איז געוואָרן 75 יאָר זינט די ערשטע גרופּע פון 13 בחורים און איין מיידל זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, האָבן געלאַנדעט אין פּאָרט פון יפו און האָבן באַטראַכט דעם באָדן פונעם הייליקן לאַנד.

„בילו״ האָבן זיי זיך גערופן. די ראשי־תיבות פון „בית יעקב לכו ונלכה״ — ייִדן, לאָמיר גיין. פון אומעטום טרייבט מען אונדז. אין קיין פּלאַץ באַטראַכט מען אונדז נישט פאַר קיין גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. מען קוקט אויף אונדז ווי אויף פרעמדע. איז שוין דען נישטאָ מער קיין האָפענונג פאַר אונדזער פאָלק? לאָמיר גיין! לאָמיר גיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט בויען אונדזער לאַנד!

מיט די דאָזיקע לאָזונגען זענען מיט 75 יאָר צוריק געפאָרן קיין ארץ־ישראל די בילויים.

מיט זיי האָט זיך עס אָנגעהויבן! זיי ווערן פאַררעכנט דורך די כראָניקער פון דער ציוניסטישער געשיכטע ווי די ראשונים פון דעם אויפבוי־פּראָצעס, וואָס האָט דערפירט צו אונדזער היינטיקער מדינת ישראל. זיי זענען עס געווען די יסוד־לייגער פון דער דאָרפישער קאָלאָניזאַציע אין דעם היסטאָרישן היימלאַנד פון ייִדישן פאָלק — אין ארץ־ישראל.

דער באַקאַנטער היסטאָריקער, פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו, זאָגט אין צענטן באַנד פון זיין: „די וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק״ וועגן דער בילויים־באַוועגונג, צווישן אַנדערן:

„צוויי קאַטאַסטראָפעס אין דער ייִדישער געשיכטע — גירוש שפּאַניע, סוף 15טן יאָרהונדערט און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, סוף 19טן יאָרהונדערט — האָבן געבראַכט נאָך זיך די מאַסן־קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע. די וואַנדערנדיקע ספרדים און אשכנזים פון דער אַלטער עמיגראַציע באַזעצן די שטעט פון פּאַלעסטינע און די הייליקע ערטער. די נייע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן געשאַפן דעם יסוד פאַר דאָרפישער קאָלאָניזאַציע אין חרובן לאַנד. די פּיאָנערן פון 16טן יאָרהונדערט זענען געפאָרן אין הייליקן לאַנד, וואָס איז דאַן אַריבער אונטער טערקיש ממשלה, מיט אַ טיפן גלויבן, אַז עס איז נאָענט די „צייט פון וואונדער״, און דער דאָזיקער מיסטישער גלויבן איז געוואָרן אַ

קוואַל פון משיחישן פּאַטאָס, פון וועלכן עס האָבן געצויגן יניקה די שפּע־טערדיקע דורות. די פּיאָנערן פון 19טן יאָרהונדערט זענען געגאַנגען פון רוס־לאַנד אונטער דער ווירקונג פון אַ נאַציאָנאַלן אימפּעט, מיט אַ ליכטיקן גלויבן אין דער מעגלעכקייט אויפצולעבן דאָס ייִדישע פּאַלעסטינע דורך עקשנותדי־קער אַרבעט, דורך עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. די אַלטע שטאָטישע קאָלאָניזאַציע האָט במשך דריי יאָרהונדערטער באַשאַפן אַ צאָל קהילות, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין מתפּלל זיין אויף די הייליקע חורבות. די נייע קאָלאָ־ניזאַציע האָט במשך דריי יאָרצענדליק באַשאַפן אַ נייע ערד־אַרבעטער־קאָלאָ־ניע מיט אַ מוטיקער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג — אַ קערן פון אַ נאָרמאַלן צוזאַמענלעבן — גלייכצייטיק האָט זי אויך אויפגעלעבט די טויטע פּאַלעס־טינער שטעט".

די נייע קאָלאָניסטן האָבן זיך באַגעגנט מיט די קינדער פון די אַלטע איינוווינער; דאָס איז געווען אַ צוזאַמענטרעף פון צוויי וועלטן".

75 יאָר שפּעטער זענען מיר עדות ווי די קינדער פון די אַמאָליקע בי־לויים באַגעגענען די נייע אימיגראַנטן פון אַלע תפוצות, אשכנזים ווי ספרדים, נישט מער אין אַ חרוב לאַנד, נאָר אין אַן אויפגעבויטער ייִדישער נאַציאָנאַ־לער היים, — אין מדינת ישראל.

ווידער זענען מיר עדות פון אַ צוזאַמענטרעף פון צוויי וועלטן — ברי־דער פון צוויי וועלטן קומען זיך צוזאַמען און פאַראייניקן זיך אין אַן אייגן לאַנד, אויף אייגענער ערד אונטער אייגענע הימלען, אויף דער ערד ווו די זיידעס און טאַטעס פון די היינטיקע תושבים — די בילויים פון פאַר 75 יאָר, די ערשטע פון חלוצישן אַוואַנגאַרד פון ייִדישן פאָלק, וועלכער האָט גע־לייגט די גרונט־יסודות ביים אויפלעבן די אַלטע היסטאָרישע היים אוז זי פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנער פרייער און אומאָפּהענגיקער מדינת ישראל.

אינטעליגענטע יונגעלייט זענען זיי געווען: סטודענטן, שילער פון מיטל־שולן, קינדער פון ישראל סבא, וואָס איז גערודפט און געפּלאָגט געוואָרן פון דער צאַרישער מאַכט. זיי האָבן אויסגעביטן זייערע מעדערס אויף אַקער־אייזנס און לאָפּעטעס און האָבן מיט גרויס עקשנות, ווי קינדער פון אַן עם קשה עורף, באַאַרבעט דעם פעלדזענעם באָדן פון ארץ־ישראל, וואָס איז פאַר־האָרעוועט געוואָרן פון טויזנט־יאָריקן חורבן און האָבן אויסגעבויט אַ נייע קאָלאָניע „ראשון־לציון" — איצט אַ שטאָט, וואָס איז באַקאַנט מיט אירע ווייַן־קעלערן איבער דער גאָרער וועלט.

כראָניקער פון ציוניסטישער געשיכטע דערציילן, אַז נישט אַלע פון די בילויים האָבן באַוויזן אויסצוהאַלטן די שווערע האָרעוואַניע און די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. מאַנכע פון זיי זענען אָפּגעפאַלן פון די כוחות און נישט

געקענט אויסהאַלטן, אָבער אַ סך זענען געבליבן ביי דער אַרבעט און מיט עקשנות געבויט דאָס נייע ארץ־ישראל און דערמעגלעכט, אַז „בילו״ ווי אַ באַוועגונג זאָל אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, זאָל ביישטיין דעם נסיון און באַווייזן דער ייִדישער וועלט, אַז עס איז אַ צייט פאַר מעשים: דורך טאַט אַרויס־צובראַנגען די קרבנות־גרייטקייט און אָפּפערוויליקייט פון ייִדן אויסצובויען און צו באַנייען זייער מלוכהשאַפט אין דעם היסטאָרישן היימלאַנד — ארץ ישראל!

אויף דעם וועג זענען געגאַנגען שפּעטער צווייטע און דריטע עליות. די גאַנצע חלוצישע באַוועגונג, וועלכע האָט מיט מסירת־נפשדיקע מעשים און דורך העראָישן קאַמף פאַרוואַנדלט דאָס אַמאָליקע חרובע ארץ־ישראל אין אַ בלייענדיקער ייִדישער מלוכה — מדינת ישראל.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם, אין דער גייסטער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, האָט די בילויים־באַוועגונג פאַרשריבן אַ גלאָרייכן קאַפּיטל פון אַר־בעט און קאַמף, פון זיין פון די ראשונים, פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון דער היסטאָרישער נאַציאָנאַלער היים פון ייִדישן פאָלק.

אין דער שווערער תקופה פאַר ייִדיש לעבן, אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון אַנטיסעמיטישער רעאַקציע אין אַ צאָל לענדער פון אייראָפּע: אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין אונגאַרן; פּאָגראָ־מען און פאַרשקלאָפונג אין רוסלאַנד, אין אַ צייט ווען אומעטום, פון אומעטום האָט מען געטריבן די ייִדן און גערודפט, ווען די ידים ידי־עשו האָבן מיט פיזישן געוואַלד געשטופּט די ייִדן און זיי געהייסן גיין, — האָט זיך געפונען אַ גרופּע פון ייִדישע יונגעלייט, וואָס האָט אויף דעם געשריי פון די אַנטיסעמיטן־פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן געשריגן: „ייִדן גייט!״ — געענטפערט מיט אַ קעגן־שטימע, מיטן קול־יעקב און האָבן געזאָגט צו די ייִדן: „קומט! לאָמיר גיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט אויפריכטן די היים פאַר אונדזער פאָלק״. די בילויים האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַרן שווערן לעבן, פאַר דעם שווערן קלימאַט, פאַר דער ברענענדיקער זון, פאַר די חורבות פון לאַנד. מיט געהויבענע קעפּ, ווי שטאָלצע קינדער פון אַן אַלט פאָלק, וואָס האָט געבראַכט ליכט אויף דער וועלט, זענען די בילויים געגאַנגען קיין ארץ־ישראל און דאָרט מיט ציין און נעגל געאַקערט די ערד און אַלס לאַנד־אַר־בעטער געוואָרן די פּיאָנערן פון דער דאָרפישער קאָלאָניזאַציע.

אין דער מאָדערנער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק זענען די בילויים פאַר־שריבן אַלס די וועגווייזער צו באַנייען די ייִדישע נאַציאָנאַלע היים, בויען דעם בית־שלישי, אונדזער מדינת ישראל!

יולי 1957.

ציוניזם זוכט דעם גאַנצן יידן

(זעכציק יאָר ציוניזם)

דעם 29סטן אויגוסט 1957 איז געוואָרן זעכציק יאָר זינט ס׳איז אין באַזעל (שווייץ) אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז פאַררופן געוואָרן פון דעם אומשטערבלעכן מנהיג, ד״ר ט. הערצל, ז״ל.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אָנגעצייכנט אַ נייע תקופה פאַרן ציוניזם און האָט געלייגט די פונדאַמענטן פאַרן קיום פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין באַזעל איז באַשלאָסן געוואָרן דער פּראָגראַם פאַרן ציוניזם, וואָס האָט דעקלאַרירט פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער וועלט, אַז „ציוניזם שטרעבט צו שאַפן פאַרן יידישן פאָלק אַן עפנטלעך־רעכטלעך־געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל״.

עד היום הזה, העכער זעכציק יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און העכער צען יאָר נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, האַלט זיך נאָך די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג ביים באַזעלער פּראָגראַם. צוויי ציוניסטישע קאָנגרעסן, נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים — ישראלס הויפּטשטאָט — דער 23סטער 24סטער, האָבן זייער פיל דיסקוטירט וועגן אַ נייעם ירושלימער פּראָגראַם, אָבער אָן רעזולטאַטן. צוליב אַ שווערער אידעאָלאָגישער מיינונגס־פאַרשידנהייט פון די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן פאַרשיידענע שיטות פון די באַזונדערע ציוניסטישע פּאַרטייען, האָט מען זיך נישט געקענט אייניקן אויף קיין נייער ירושלימער פּראָגראַם. דער באַזעלער פּראָגראַם, אָנגענומען מיט זעכציק יאָר צוריק אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז דערווייל פאַרבליבן דער אידעאָלאָגישער פונדאַמענט פון דער ציוניסטישער וועלט באַוועגונג אויך אין דער תקופה פון מדינת ישראל.

אויף דעם וואָס דער אָרגאַניזירטער ציוניזם האָט אין משך פון די פאַרגאַנגענע זעכציק יאָר אויפגעטאָן אין יידישן לעבן און פאַרן יידישן פאָלק, איז דער בעסטער עדות די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה, וואָס איז אַנטשטאַנען פופציק יאָר נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל האָט מיט זיין גייסט באַהערשט גרויסע טיילן פון דעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק און האָט זיי געמאַכט פעיִק פאַר אַ נאַציאָנאַלער און מלוכהשער באַנייונג. געשיכטע־

פאַרשער פאַרגלייכן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיי באַהויפּטן: „אויב די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דורך עמאַנציפּאַציע אַרויסגעפירט די ייִדן פון געטאָ צו פרייהייט, האָט דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל אין יאָר 1897 דאָס געטאָ צום צווייטן מאָל, אָבער אויפן וועג צו א ו י ט א ע מ א נ צ י פ אַ־צ י ע — צו זעלבסט־באַפרייונג!“.

און אַזוי האָט די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, נאָך אַ האַלבן יאָרהונ־דערט פון שווערער אַרבעט און קאַמף אין ראַמאַנטישע און העראָישע צייטן, דערגרייכט פאַרן ייִדישן פאָלק אַ זעלבסטשטענדיקע ייִדישע מלוכה — מדינת ישראל, דער שטאָלץ פון גאַנצן ייִדישן פאָלק!

* * *

מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל האָט נאָך ציוניזם נישט פאַר־ענדיקט זיין ראָל אין דעם ייִדישן לעבן; סיי די מדינה און סיי דאָס ייִדישע פאָלק אין דער וועלט נייטיקן זיך זייער שטאַרק אין דער קאָנטינויִטעט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. די היסטאָרישע תקופה, וואָס דער ער־שטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל האָט אָנגעהויבן איז נאָך נישט פאַרענדיקט. דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה איז אַ דערגרייכונג, דער וועג ווערט ווייטער פאָרגזעצט. ווי נייטיק מדינת ישראל דאַרף דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג קען עדות זאָגן די פאַרצווייגטע אַרבעט, וואָס דער אָרגאַני־זירטער ציוניזם אין דער פרייער וועלט האָט אין משך פון די פאַרגאַנגענע צען יאָר געטאָן פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון ישראל. דער גרויסער פּאָליטי־שער קאַמף, וואָס איז דורך דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג געפירט גע־וואָרן לטובת מדינת ישראל אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, און די מאָביליזאַציע פון פינאַנציעלע רעסורסן פאַר דער עקאָ־נאָמישער פאַרשטאַרקונג פון דער מדינה, זענען די בעסטע עדות פאַר דעם המשך פון דער אחריותפולער ראָלע, וואָס ציוניזם דאַרף שפּילן אין דער תקופה פון מדינת ישראל. אָפּגערעדט שוין פון די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן, וואָס דער ציוניזם האָט צו דערפילן פאַרן ייִדנטום אין די תפוצות אויפן נאַציאָ־נאַל־קולטורעלן געביט.

* * *

נישט לייכט איז געווען פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג די אַרבעט, וואָס זי האָט אין משך פון די פאַרגאַנגענע זעכציק יאָר געטאָן. גלייך מיט דער אַנטשטייונג פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג, איז אויף דער ייִדישער גאַס אַנטשטאַנען דער אַנטי־ציוניזם; ווי די צוויי שיטות וואָלטן

אין עמעצנס טראַכט אין איין און דעם זעלבן טאָג פאַרנומען געוואָרן אין טראָגן, בכדי צו קענען אין איין און דער זעלבער צייט צוזאַמען געבוירן ווערן.

די קעגנער פון ציוניזם זענען געווען מכל המינים, פון שטרענג אָרטאָ־דאָקסישע ייִדן ביז צו די עקסטרעמע רעפאָרמיסטן, פון דער ייִדישער געלט־אַריסטאָקראַטיע ביז צו דעם סאָציאַליסטיש־פּראָלעטאַרישן סעקטאָר אין ייִדנ־טום. נאַטירלעך האָבן זיך אין פאַרשיידענע צייטן אין די דערמאָנטע סעקטאָרן געפונען געוויסע אויסנאַמען, וועלכע האָבן אָדער מיטגעאַרבעט מיטן ציוניזם, אָדער זיך אָרגאַניזירט אַלס שיטה אין ציוניזם גופא.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס אויך אין די קרייזן פון די חובבי־ציון, האָבן זיך געפונען קעגנער פון דעם הערצליאַנישן ציוניזם. איינער פון ד״ר הערצלס עקשנותדיקע קעגנער איז געווען דער גרויסער ייִדישער דענקער און שריפטשטעלער אחד העם. אַליין אַ חובב־ציון, אַ מענטש מיט אַ ניכטערן קאָפּ און קאַלטן שכל — ווי ער איז באַצייכנט געוואָרן פון זיינע פאַרערער און קריטיקער — האָט ער נישט געגלייבט, אַז דער דיפּלאָמאַטישער וועג וועט פירן צו אַ ייִדישער מלוכה. אחד העם האָט געהאַלטן, אַז דאָס ייִדישע וועלט־פאָלק האָט אַ שליחות צו דערפילן אין לעבן פון דער וועלט און די שליחות איז: צו דערגרייכן אַבסאָלוטן יושר אויף דער גאָרער וועלט. דאָס ייִדישע פאָלק האָט, לויט אחד העמען, באַדאַרפט זיין אַ פאָלק פון נביאים, וואָס פאַרקערפּערט דעם העכסטן טיפּ פון עטיק און איז דער געטרייער טרע־גער פון הויכע מאָראַלישע אידייען. אחד העם האָט געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל דאַרף ווערן דער גייסטיקער צענטער פון ייִדישן פאָלק, און פאַר דעם צוועק איז גענוג, אַז אַ קליינער טייל פון ייִדישן פאָלק זאָל זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. אחד העמס שיטה איז דעריבער געווען — אַז ארץ־ישראל וועט גע־בויט ווערן דורך נביאים און נישט דורך דיפּלאָמאַטן.

אחד העם אַליין איז געקומען צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס קיין באַזעל, נישט ווי אַ דעלעגאַט, נאָר ווי אַ גאַסט, אַ באַאָבאַכטער. כראָניקער גיבן איבער ווי אחד העם האָט מיט אַ שאַרפן, קריטישן בליק אָבסערווירט דעם פאַרלויף פון קאָנגרעס. פאָרשער פון דער ציוניסטישער געשיכטע באַ־הויפּטן, אַז אחד העם האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טראַגישן רוף פון הערצלען וועגן דער קאַטאַסטראָפאַלער ייִדן־נויט. נאָר ער האָט גאָר געפּרעדיקט אַן אַבסטראַקטע גייסטיקע לייזונג פון דער ייִדנטום־נויט; פון ראשית פאַרנעמען זיך מיט צרת היהדות און נישט מיט צרת היהודים.

דער קאַמף קעגן הערצלס ציוניזם האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנהייב פון די צוגרייטונגען צום קאָנגרעס. אַ צאָל גרופּעס פון דער חובבי־ציון באַוועגונג

זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם רופן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס בכלל. די חובבי ציון גרופּעס פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד און אויך פון אַנדערע לענדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער באַטייליקונג אינעם קאָנ־גרעס, וואָס ווערט צוזאַמענגערופן אין נאָמען פון ציוניסטן. געגנוג אַנצורופן נעמען פון די דייטשע חובבי־ציון, ווי: ווילי באמבוס און ד״ר הירש הילדעס־היימער, וועלכע האָבן גאָר שאַרף געקעמפט קעגן דעם פאַררופן פון ציוניס־טישן קאָנגרעס.

פון אַ לחלוטין אַנדער שטאַנדפּונקט האָט דער מלוכה־געדאַנק פון ציוי־ניזם באַקעמפט דער רעליגיעזער סעקטאָר, פון איין זייט די שטרענגע אָרטאָ־דאָקסיע, וועלכע האָט זיך געקלאַמערט אין דעם פּרינציפּ, אַז מען דאַרף וואַרטן אויף משיחס דערלייזונג, אַז נאָר ער וועט אויסלייזן דאָס ייִדישע פאָלק פון גלות און עס אַריינברענגען קיין ארץ־ישראל, און פון דער צווייטער זייט זענען עס געווען די רעפאָרם־ראַבינערס, וועלכע האָבן געפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן איינרופן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. געגנוג צו דערמאָנען בלויז אייניקע נעמען פון די רבנים און ראַביים, וועלכע האָבן דעם קאַמף געפירט: ד״ר אַדלער — דער הויפּט־ראַבינער פון דער לאָנדאָנער אשכנזישער קהילה, דער אויבער־ראַבינער פון ווין ד״ר מאָריץ גידעמאַן, דער גאַנצער ראַבינער־פאַרבאַנד פון דייטשלאַנד איז אַרויסגעטראָטן קעגן קאָנגרעס. זיי זענען אַרויס־געקומען מיט אַ דערקלערונג אין די צייטונגען קעגן דעם קאָנגרעס. דער קאַמף פון די „פּראָטעסט־ראַבינער״ קעגן ציוניזם איז געגאַנגען אונטער דער לאָ־זונג: „אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס און די באַשטרעבונגען פון ציוניזם בכלל איז נישט נאָר קעגן דער משיח־האָפענונג, נאָר אויך אַ געפאַר פאַר די פּאַטריאָטישע געפילן און בירגערלעכע פליכטן לגבי די לענדער וווּ ייִדן וווינען״.

אויב די קעגנערשאַפט מצד די שטרענג־אָרטאָדאָקסישע פרומע ייִדן צו ציוניזם און ציוניסטישן קאָנגרעס איז געווען געבויט אויף אמונה אין משיח, איז אָבער דער קאַמף פון די „פּראָטעסט״־ראַביים געווען אָפענע מסירה.

אוודאי זענען געווען אויסנאַמען, סיי צווישן די שטרענג־פרומע ייִדן און סיי אויך צווישן די רעפאָרם־ראַביים. אַזוי למשל איז הרב ר׳ שמואל מאָהי־לעווער ז״ל אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז ער שטעלט זיך אויף דער זייט פון ציוניזם, אַז ער איז מיט דער ציוניסטישער מחנה. אַזעלכע זענען אויך געווען מצד די מאָדערנע ראַביים, ווי למשל: דער הויפּט־ראַבינער פון פראַנקרייך ר׳ צדוק כהן, ד״ר משה גאַסטער — דער הויפּט־ראַבינער פון די ספרדישע ייִדן אין לאָנדאָן, און אַנדערע.

די ייִדישע געלט־מאַגנאַטן, די גרויסע באַנקירן און פינאַנסיסטן, האָבן

דעם ציוניזם גאָר שטאַרק באַקעמפט. געגוג איבערצולייענען ד״ר הערצלס אַרטיקל, וואָס ער האָט געשריבן נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אונטערן נאָמען: „דער סך־הכל פון קאָנגרעס״, בכדי צו זען ווי ווייט די גרופּע האָט באַקעמפט ציוניזם. הערצל שרייבט אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל: „דער וויכטיקסטער רעזולטאַט פון דעם באַזעלער קאָנגרעס באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין קניענדיקער פּאָזיציע לגבי אַ פּאָר געלט־זעק״. אָדער ווי ער האָט געשריבן אין אַ בריוו צו י. דע־האַאַז, אַז „אַלע יידן צוזאַמען האָבן מער געלט, ווי עס האָבן די ראָטשילדס און די אַנדערע יידישע מיליאָנערן״. פון די ציטירטע שורות איז אַלזאָ צו זען, וויפל עגמת־נפש ד״ר הערצל ז״ל האָט געהאַט פון די יידישע געלט־מאַגנאַטן צוליב זייער קאַמף קעגן ציוניזם און דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

צוזאַמען מיט דעם הערצליאַנישן ציוניזם איז אויך דער יידישער גאַס אַנטשטאַנען די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, דער „בונד״, וואָס האָט שטאַרק באַקעמפט ציוניזם. דער „בונד״ האָט געפּריידיקט דאָיקייט. ער האָט צו יענער צייט באַטייט, אַז אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, ווו דער „בונד״ איז געווען טעטיק, זאָל דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קעמפן קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט און פאַר נייער אָרדענונג, באַזירט אויף יושר און גערעכטיקייט — אויף סאָציאַליזם.

דאָס זענען געווען די הויפּט־קעגנער פון ציוניזם, וועלכע האָבן דעם אַנטי־ציוניסטישן קאַמף אָנגעהויבן גלייך מיט דער אַנטשטייונג פון דעם הערצליאַנישן ציוניזם.

נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, נאָך דעם גרויסן נצחון פון דעם ציוניסטישן געדאַנק, זענען זייער פיל פון די קעגנער פון ציוניזם געווארן ביז גאָר פריינטלעך צו מדינת ישראל. אָבער זיי האָבן נישט אויפגעגעבן אויך איצט זייער קעגנערשאַפט און אָפטמאָל אויך שנאה צו ציוניזם.

פון וואַנען נעמט זיך אָט דער פאַרביסענער אַנטי־ציוניזם אַפילו ביי די, וועלכע זענען היינט־צו־טאָג פריינטלעך געשטימט צו מדינת ישראל און זענען גרייט מיט הילף פאַר דער יידישער מדינה, סיי פינאַנציעלע און סיי פּאָליטישע? אייניקע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַנטי־ציוניסטישן לאַגער אַרבעטן אַפילו מיט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג לטובת ישראל, אָבער וועגן אַ פאַראייניקונג מיט ציוניזם קען קיין רייד נישט זיין. זיי זענען פאַרבליבן אין זייער איינשטעלונג נישט־ציוניסטן.

די איינשטעלונג פון מדינת ישראל, פון די פירער פון דער רעגירונג און אויך פון ישוב, איז צו קאָאָפּערירן מיט אַלע קרייזן אין יידישן לעבן, נישט בלויז מיט ציוניסטן, ווייל די מדינה איז געשאַפן געוואָרן פאַרן גאַנצן

יידישן פאָלק — איז די תשובה. אָבער די תשובה פאַרענטפערט נישט, און דאַרף גאָר נישט פאַרענטפערן די פראַגע, פאַרוואָס די פריינט פון מדינת ישראל זענען פאַרבליבן נישט־ציוניסטיש געשטימט.

אונדז שיינט, אַז דעם ענטפער אויף דער פראַגע, אויב נישט דעם פולן פאַרענטפער, קען מען באַקומען דאָן, ווען מיר קוקן אַריין אַביסעלע טיפער אין דעם גאַנצן ענין. די טיפקייט פון ציוניזם איז געלעגן אין דעם, וואָס ער האָט תמיד געזוכט צו געפינען איין לייזונג צו די פראַגע פון יידישן לעבן, נישט צרת היהדות באַזונדער און צרת היהודים באַזונדער, נאָר ביידע זאַכן צוזאַמען. ציוניזם האָט לויט זיין שיטה זיך באַדאַרפט פאַרנעמען מיט אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן.

נישט אומזיסט איז ציוניזם געוואָרן ביי ד״ר הערצלען דער שבת פון זיין לעבן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. אין ציוניזם האָט ד״ר הערצל געזען די נשמה פון פאָלק. עס איז ווי ביי אַ רעליגיעזן יידן, וועלכער טראָגט גאָט אין האַרצן. ציוניזם איז דאָס פנימיות, דאָס הייליקע וואָס ווערט געטראָגן אין האַרצן פון יעדן יידן אַלס ציוניסט און אין האַרץ פון פאָלק. מען קען געוויס זיין אַ פריינט פון מדינת ישראל, זיך אַפילו שפּיגלען אין איר גלאַנץ, אָבער כל זמן עס איז נישט מער ווי חיצוניות, נאָר ווי אַן אויסערלעכע זאַך, אָן דער נשמה אין האַרצן, אָדער ווי ביי אַ פרומען יידן אָן גאָט אין האַרצן, איז דאָס נישט קיין דויערהאַפטע זאַך. אָן נשמה קען קיין זאַך נישט זיין דויערהאַפט. עס איז די זעלבע זאַך, ווי די רעפאָרם־טעמפּלען האָבן אַוועק־גענומען אין אַ גרויסער מאָס די כוונה פון תפילה, און אַזוי אַרום זיך אויס־געליידיקט פון פנימיות און געבליבן בלויז ביים חיצוניות, נאָר ביים אויסער־לעכן שיין, אָדער גלאַנץ, אָבער אָן נשמה, אָן גאָט אין האַרצן. דאָס וואָס אַ סך יידן קומען אין שול אַריין, מיינט נאָך נישט קיין סך; דער עיקר איז, וואָס אַ ייד טראָגט אַ ר ו י ס פון שול, מיט וואָס גייט ער אַהיים, צי נעמט ער עפּעס מיט אין זיין האַרץ פון דער קדושה וואָס די שול שטעלט מיט זיך פאָר.

עס איז נאָך וויכטיק וואָס מען באַוווּנדערט די מדינה, די פראַגע איז צי טראָגט מען זי אין האַרצן, צי איז מען גרייט זיך פאַר איר איינצושטעלן אין צייט פון נויט, חלילה, און ווי ווייט איז מען גרייט צו גיין אין דער דאָזיקער איינשטעלעניש; צי איז די מדינה ביי דעם יידן אַ דבר של פּנימיות, אַן אינעווייניקסטע זאַך, אַ זאַך פון האַרצן, אָדער בלויז אַ דבר של חיצוניות, נאָר אַן אויסערלעכע זאַך.

איינער פון אונדזערע גאונים אין דער היינטיקער צייט האָט געזאָגט, אַז דער בית־המדרש וויל האָבן דעם גאַנצן יידן, און דער טעמפּל באַגנוגנט

זיך בלויז מיט אַ טייל. עס איז גענוג פאַרן טעמפּל, ווען דער ייִד איז נאָר אַ נכתב צו אים, נאָר פאַרשריבן אַלס „מעמבער". דאָס זעלבע איז מיט ציוניזם: אויך ציוניזם פאַרלאַנגט, ווי עכטע ייִדישקייט פאַרלאַנגט, דעם גאַנצן מענטשן, בכל לבבך ובכל נפשך, און נישט בלויז אַ טייל, וואָס דאָס מיינט נאָר דאָס חיצוניות, דאָס אויסערלעכע, אָן דער אינערלעכער קדושה, אָן דעם אינערלעכן ציטער פאַר דער הייליקייט מיט וועלכער ייִדישקייט אַזוי גוט ווי ציוניזם איז פאַרבונדן. אַלע צייטן און אין דער היינטיקער צייט אויך, זוכט ציוניזם זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע פאַזן פון ייִדישן לעבן; מיט מדינת ישראל און מיט ייִדיש לעבן אין חוץ לארץ, אין אַלע וועלט-עקן. און פון דאַנען טאַקע זאָל זיך נעמען דער פאַרבליבענער אַנטי-ציוניזם ביי די אַלע, וועלכע זענען נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה געוואָרן צו איר פריינטלעך.

עס זענען די זעלבע מענטשן, וועלכע דאגהן נישט פאַרן גאַנצן מענטשן, טראַכטן נישט פון אָפּהיטן דעם גאַנצן ייִד און דורך דעם פאַרזיכערן ייִדיש-קייט, נאָר זיי באַגנוגענען זיך בלויז מיט אויסערלעכע עפעקטן, נאָר מיט אַ גלאַנץ פון ייִדישקייט און דאָס זעלבע אין באַצוג צו דער ייִדישער מדינה.

ציוניזם איז זינט דעם טאָג פון זיין אַנטשטייונג געוואָרן אַ שיטה פאַר ייִדיש לעבן, אַ שיטה וואָס האָט איינגעשלאָסן ייִדן-נויט מיט ייִדישקייט-נויט צוזאַמען און די אַלע וועלכע האָבן געזוכט לייכטערע פאָרמען פאַר ייִדיש לעבן, האָבן מיט ציוניזם נישט מסכים געווען און ציוניזם באַקעמפט אַפילו נאָך דער עטאַבלירונג פון ישראל. וואַרפנדיק אַ בליק אויף די פאַרגאַנגענע זעכציק יאָר פון ייִדיש לעבן איבער דער וועלט, קען מען אונטערציִען אַ סך-הכל און זען, אַז גאָר שלעכט וואָלט געווען צו אונדזער פאָלק, ווען אַ גרופּע עקשנים וואָלטן נישט אויסגעקליבן דעם שווערן וועג, דעם וועג פון ציוניזם און זיך אַנגעהאַלטן אין דעם לייכטן וואָגן, ווער ווייסט צי מיר וואָלטן היינט געקענט נאָך ריידן אין טערמינען פון ייִדיש פאָלק.

זיכער האָט דער שווערער וועג אויסצושטיין פיל קריזיסן, און דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, וואָס ציוניזם לעבט איבער אַ שווערן קריזיס. דער קריזיס וועט פילייכט אַזוי לאַנג דויערן, ווי לאַנג אַ ייִד וועט זיך קענען, אויף אַ לייכטן אופן אַ שפּיגל טאָן אין דער מדינה, אָן קיינע התחייבותן, פאַר איר און פאַרן ייִדישן פאָלק אין חוץ-לארץ. ווער עס זוכט אָבער דאָס שלימות-דיקע אין דעם ייִדישן לעבן בכלל און דאָס שלימותדיקע פאַר מדינת ישראל, דער מוז טראָגן אין האַרצן די פולע קדושה, וואָס ייִדיש לעבן און מדינת ישראל שטעלט מיט זיך פאַר. דאָס איז ציוניזם — אַ שווערער וועג טאַקע, אָבער דערפאַר אַ דויערהאַפטיקער, אַ זיכערער, אַן אייביקער, מיט דער פולער קדושה, מיט אַלע נשמה-שטאַפּלען פון די פאַרגאַנגענע דורות און עד סוף כל הדורות!

פריער איז דאָרט געווען בלוט

דער טאָג, ווען פון דער ישראלדיקער ערד האָט אַ שפּריץ געטאָן נאַפט, געהערט בלי שום ספק צו די גליקלעכסטע טעג אין לעבן פון דער מדינה. נאָך לאַנגע און לאַנגע זוכענישן איז ענדלעך געפונען געוואָרן איינער פון די גרעסטע נאַטור־אוצרות אין ישראל — נאַפט.

די פרייד פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג, איז אין לשער. זי האָט זיך אויך צעטראָגן צווישן ייִדן איבער גאָר דער וועלט, וועלכע האָבן אין דער נאַפט־אַנטדעקונג געזען דעם צווייטן נס, וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט דער מדינה זינט איר אַנטשטייונג. דער ערשטער נס איז געווען דאָס צוריקשלאָגן די אַטאַקעס פון די אַראַבישע אָנפאַלער און געווינען די מלחמה; דער צווייטער נס איז — די אַנטדעקונג פון נאַפט.

דאָס אַנטדעקן די נאַפט־קוואַלן אין ישראל וועט פירן דער מדינה מיט זיכערע טריט אויפן וועג צו איר עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט. די צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס ווערן איצט אויסגעגעבן אויף צו אימפּאָרטירן נאַפט, וועלן קענען פאַרווענדט ווערן צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע פון לאַנד און דערגרייכן אַן עקאָנאָמישע סטאַביליטעט.

דאָס אָרט ווו דער נאַפט איז אַנטדעקט געוואָרן, ווערט אָנגערופן „חלץ״, אָדער „חוליקאת״, ווי ער האָט אַמאָל געהייסן אויף אַראַביש. דער פּלאַץ איז היינט צו טאָג אַ שם־דבר, נישט נאָר אין מדינת ישראל, נאָר איבער גאָר דער וועלט. פריִער האָט מען דעם פּלאַץ נישט געקענט, ער איז געווען איינער פון די פּונקטן, וואָס האָט גערוט אין זיין וויסטקייט אין משך פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן, געווען אַ טייל פון דער פאַרוואָרלאָזטער ערד, אויף וועלכן אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר איז נישט דורכגעגאַנגען קיין ייִדישער אַקעראייזן.

אין חוליקאת, אויפן פּלאַץ ווו מען האָט איצט געפונען נאַפט, האָט זיך אין יאָר 1948, בעת די אַראַבישע חיילות האָבן געזייט רציחה, רויב און מאָרד אויף די גרענעצן פון ישראל, געגאָסן ייִדיש בלוט. אין דעם פּונקט זענען פאָרגעקומען קאַמפן מיט די אַראַבער. ייִדישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט, זענען געפאַלן אין די קאַמפן פון „חלץ״, האָבן דאָרט פאַרגאָסן זייער בלוט, דאָס בלוט פון ייִדישע בראַווע קעמפער.

דער אַנטדעקטער נאַפט אין דער געגנט פון חלק איז אַ המשך אין דעם גלאַררייכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יונגער ייִדישער מדינה, וועלכע האָט מיטן בלוט פון אירע בראַווסטע זין אויסגעקעמפט איר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

אונדזער יונגע מדינה שטייט ווידער פאַר ערנסטע סכנות. די אַראַבישע מלוכות באַוואָפענען זיך. סאָוועט־רוסלאַנד און אירע סאַטעליטן־לענדער זענען געוואָרן די הויפּט־ליפעראַנטן פון אַמוניציע און די מאָדערנסטע קריג־מכשירים פאַר די אַראַבישע לענדער. די מושלים פון די אַראַבישע מדינות ווילן זיך פאַרמעסטן אויפדאָסניי אין אַ קאַמף מיט ישראל. מיט דער כוונה אומצוברענגען, חלילה, די יונגע ייִדישע מדינה. די אַראַבישע לענדער מיט מצרים בראש, ווילן אויפסניי אונטערצינדן אַ פייער אין מיטעלן מזרח, וועמענס פלאַמען עס קענען זיך זייער לייכט און זייער שנעל צעטראָגן איבער גאַר דער וועלט און אַריינשליידערן די מענטשהייט אין אַ דריטער וועלט־מלחמה.

צופיל בלוט האָט דאָס ייִדישע פאָלק פאַרגאָסן אין משך פון זיין לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע. די ערד אין אייראָפּע איז איינגעטונקען אין פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט. די היטלער־משחיתים האָבן מיט אַלע זייערע גיהנומס אויסגעמאָרדעט, אויסגעשאָכטן און אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער שטאַם.

טויזנטער יונגעלייט פון ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל זענען אומגעקומען און האָבן מיט זייער בלוט אויסגעוויקט די ערד אין לאַנד פון אונדזער טרוים, פון אונדזער בענקשאַפט — פון מדינת ישראל.

מדינת ישראל וויל נישט מער קיין בלוט־פאַרגיסונגען. דאָס ייִדישע פאָלק אין דער גאַרער וועלט טוט תפילה פאַר שלום איבער דער וועלט און פאַר פרידן אויף די גרענעצן פון ישראל. דער ישוב אין דער מדינה וויל פרידלעך, אומגעשטערט אַנטוויקלען זיין לאַנד, באַאַרבעטן דעם באָדן און אַרויסבאַקומען פון אים די פּרוכט פון זיין שפע. גענוג בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער ישראלדיקער ערד. יעדעס גרעזעלע, יעדע בלום און יעדע רויז, יעדער זאַנג און יעדע מין גרינצייג, וואָס שפּראָצט היינט פון דער ישראלדיקער ערד, וואָס ווערט באַאַרבעט מיטן שוויס פון אירע תושבים — האָט צו דערציילן אַ קאַפּיטל געשיכטע פון פריִערדיקן פאַרגאָסענעם בלוט, אומשולדיק בלוט, וואָס די אַראַבער האָבן אין זייער רציחה און גזילה־אַנפאַלן פאַראורזאַכט.

די אַנטדעקטע נאַפט־קוואַלן אין ישראל — אין חוליקאת — דערציילן

אונדז אויך אַ בלוט־געשיכטע, ווי זעלנער פון צבא הגנה לישראל האָבן אין באַגנעטן־קאַמפן מיט אַראַבישע חיילות זייער בלוט פאַרגאָסן.

אויפן פלאַץ ווו מען האָט איצט אַנטדעקט נאַפט אין מדינת ישראל, איז פריִער פאַרגאָסן געוואָרן יידיש בלוט.

זאָל איצט פון דאָרט פליסן נאַפט, נישט פאַר מלחמה־צוועקן, נאָר פאַר אויפטוען פון פרידלעכער אַרבעט און אויפבוי.

קדחת איז אַ קרענק

ביי ייִדן איז פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל, אַז „פּורים איז קיין יום־טוב נישט, קדחת איז קיין קרענק נישט", אָבער באַלד קומט דער צוגאָב צו דעם פאָלקס־ווערטל: „אַי! איז שוין קדחת איינמאָל אַ קרענק! זאָל נאָר דער אייבערשטער באַהיטן און באַשירעמען פון דעם!"

אין ארץ־ישראל האָבן אונדזערע ערשטע חלוצים שטאַרק געליטן פון מאַלאַריע. נישט איינער פון די ערשטע בויער און פּיאָנערן פון אונדזער הייַנטיקן היימלאַנד איז פּריִצייטיק אַוועק פון דער וועלט, אַ קרבן פון קדחת. צווישן די אַלטע תושבים פון לאַנד קען מען הייַנט געפינען פיל, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געליטן פון מאַלאַריע. נישט איינער פון זיי האָט פאַרטויבט זיין שמיעה פון די גרויסע דאָזעס כינין, וואָס ער האָט געשלונגען אַלס תרופה קעגן קדחת.

אויף ארץ־ישראל האָט מען אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס לאַנד, וווּ עס יאָמערן שאַקאַלן און וווּ עס בושעוועט קדחת. דאָס איז געווען ריכטיק. נאָר אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט און פלייס פון אונדזערע חלוצים, וועלכע האָבן אויסגעטרוקנט די זומפּן, האָט זיך פאַרקלענערט ביז צו אַ מינימום די מאַלאַריע־קראַנקייט.

אין דער העברעיִשער צייטונג „הארץ", פון 21טן נאָוועמבער 1957, דערציילט זאב שיף, וועגן פינף און זעכציק יאָר פון קאַמף קעגן מאַלאַריע אין ישראל. שיף גיט איבער, אַז אויף די בית־עלמינס אין חדרה און אין זכרון־יעקב שטייען צענדליקער מצבות פון די, וועלכע זענען געשטאָרבן פון דער קראַנקייט. זייער ווייניק פון דער הייַנטיקער חדרה, וואָס ציילט איבער דרייסיק טויזנט אייַנוווינער ווייסן פון דער גרויסער גבורה פון די ערשטע באַוווינער אין יענער געגנט, וועלכע האָבן געדאַרפט קעמפן מיט דער רויער נאַטור פון לאַנד, מיט די פאַרטריקנטע פעלדזן, אויף וועלכע ס'איז אין משך פון יאָרטויזנטער קיין אַקער נישט דורכגעגאַנגען, און אין קאַמף מיט קדחת.

שיף דערציילט, אַז מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק, ווען יהושע חנקין און זאב טיאָמקין זענען געקומען אין לאַנד און צוזאַמען מיט זיי אַ גרופּע ייִדן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו ווערן פּויערים און זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, און זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר זייער אַרבעט־ און וווין־פּלאַץ חדרה, האָבן זיי נישט געוווּסט, אַז אין שכנות פון חדרה האָט זיך געפונען

אַ דאָרף, וואָס מען האָט אין יענער צייט גערופן: „דאָס טשערקעסן־דאָרף" (ווייל די תושבים זענען געווען טשערקעסן) און זענען אויסגעשטאָרבן פון מאַלאַריע.

שיף דערציילט, אַז עס האָט דאָן נישט גענומען לאַנג, ווען אויף ביי די נייע קאָלאָניסטן פון חנקינס און טיאָמקינס גרופּע האָט זיך פאַרשפּרייט די מאַלאַריע און דער מלאך המוות האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן אין חדרה און זייער פיל פון די נייע זידלער אָוועקגענומען אין דער אייביקייט אַריין.

שיף פאַררופט זיך אויף אחד העם, וועלכער האָט נאָך זיין באַזוך אין ישראל געשריבן וועגן זיין באַזוך אין חדרה: „דער רושם, וואָס ס'האָט אויף מיר געמאַכט די דאָזיקע שיינע זידלונג בין איך נישט בכוח צו שילדערן. מען דאַרף זיך צוקוקן צו די גרינע פּנימער, מען דאַרף זיך צוהערן צו די קרעכצן פון די עלטערן, וועלכע האָבן דאָרט מקבר געווען זייערע זין און טעכטער — בכדי צו דערפילן די טיפקייט פון דעם אומגליק".

שיף דערציילט, אַז אין דער מושבה חדרה, וואָס האָט זיך מיט 65 יאָר צוריק אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָבן נישט געפעלט קיין שווערע פּראָבלע־מען, אָבער קדחת איז געווען די גרעסטע געפאַר, וואָס האָט דאַן געלויערט אויף די נייע איינוווינער, וועלכע זענען געקומען בויען זייער היים און די היים פאַרן יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל.

פינף און זעכציק יאָר אין קאַמף מיט קדחת אין ישראל איז אַ גאַנצע עפּאָפּייע אין דעם שווערן קאַמף, וואָס די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג האָט געפירט פאַר דער באַנייונג פון יידישן לאַנד, פאַר דערגרייכן פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט אין אונדזער היסטאָרישן היימלאַנד.

די ערשטע עליות, רעקרוטירט פון אונדזערע חלוצים־פּיאָנערן, די וואָס זענען געווען באַזעלט מיט אידעאַליזם פון אויפריכטן אַ פאָלק, פון באַפרייען „ישראל־סבא" פון זיינע גלות־קייטן און צוגרייטן אַ היים פון זיכערקייט און פרייהייט, — די זענען שרעקלעך געשלאָגן געוואָרן פון דער שווערער מחלה, וואָס הייסט קדחת.

עס איז גוט, וואָס מען קען היינט דערציילן וועגן דעם גרויסע פאַרשריט, וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן אין ישראל אויפן געביט פון באַקעמפן מאַלאַ־ריע. עס איז גוט, וואָס די היינטיקע חדרה און די גאַנצע געגנט אַרום מיט די צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין איר און גע־פונען זייער היים נאָכן ראַטעווען זיך פון אַלע גלותן, זענען מער נישט באַ־דראָט פון דער דאָזיקער שווערער קראַנקייט — קדחת.

מיט אייגענע כוחות

(די צווייטע עליה)

די אַרבעטערשאַפט אין מדינת ישראל, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער „הסתדרות", האָט אין 1955 דורכגעפירט אַ צאָל פייערונגען און ימים־טובים לכבוד אַ יובל־דאַטע אין דער געשיכטע פון פראַקטישן ציוניזם — לכבוד אַ האַלבן יאָרהונדערט פון דער צווייטער עליה.

דער יובל פון דער צווייטער עליה איז אַ יום־טוב פון דער גאַנצער ציר־גיסטישער וועלט־באַוועגונג, ווייל די חלוצים פון דער צווייטער עליה האָבן געלייגט דעם חותם אויף דעם פראַקטישן פאַרווירקלעכונג־וועג, וואָס האָט דערפירט ציוניזם צו דער קרוין־דערגרייכונג: מדינת ישראל.

דוד בן־גוריון, דער פרעמיער פון מדינת ישראל, אַליין אַ העלד פון דער צווייטער עליה, דער אַרבעטער־פירער, דער וואָס האָט זוכה געווען צו ווערן דער ערשטער פרעמיער פון ממשלת ישראל, דערציילט ווי אַזוי ער איז גע־קומען קיין ארץ־ישראל מיטן אָנהייב פון דער צווייטער עליה:

„איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, דערציילט דוד בן־גוריון — דעמאָלט דוד גרין — פולשטענדיק פאַרצווייפלט פון גלות און אויך פון ציוניזם און סאָציאַליזם, ווי זיי האָבן דאָן אויסגעזען. איך בין געווען סיי אַ ציוניסט און סיי אַ סאָציאַליסט. דאָס איז געווען די תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און איך בין געווען אַ רעוואָלוציאָנער".

ווען די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן — דערציילט ווייטער בן־גוריון — איז אין האַרץ געשאַפן געוואָרן אַ פוסטקייט. איך האָב געוווסט, אַז די רעוואָלוציע וועט פילייכט אויסלייזן און באַפרייען רוסלאַנד, אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק. פון גרויס פאַרצווייפלונג בין איך געקומען אין לאַנד אַריין. איך האָב געגלייבט, אַז דאָס איז דער לעצטער מקלט. אין דעם דאָזיקן גלויבן איז פילייכט געווען שגעון. דער „בונד" און די „ס.ס.אָווצעס" (ציוניסטן־סאָ־ציאַליסטן, וועלכע זענען אין דער ווירקלעכקייט געווען טעריטאָריאַליסטן), האָבן אונדז געזאָגט, אַז ארץ־ישראל איז אַ לאַנד פון פגרים און קברים, אַ לאַנד פון זאַמדן און מדבריות, אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין וואַסער און ליגט אונטער דער אַנאַרכישער הערשאַפט פון טערק.

„זיי האָבן אויך געזוכט אונדז איבערצוצייגן, אַז דאָס, וואָס מיר גייען טאָן — ווערן ערד־אַרבעטער אין דאָרף — איז אַ רעאַקציאָנערער טאַט און

איז קעגן די געזעצן פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, ווייל לויט די געזעצן גייען די מענטשן פון דאָרף אין שטאָט, אָבער נישט פון שטאָט אין דאָרף. קיינער פון די ציוניסטישע מנהיגים פון יענער צייט — דערציילט בן־גוריון — האָט נישט אויפגעמונטערט, האָט נישט דערמוטיקט די, וואָס זענען גע־גאַנגען זיך באַזעצן אין ישראל. עס האָט פּאַסירט, אַז אַפילו געוויסע פּועלי־ציוניסטן האָבן נעגירט דעם טאַט, — ווייל — פאַרטייטשט בן־גוריון — דאָס וואָרט חלוציות, וואָלונטאַריזם, האָט נאָך דאַן נישט עקזיסטירט, האָט זיך אין יענער צייט נישט געדעקט מיט דער מאַרקסיסטישער הלכה. לויט דער פּועלי־ציוניסטישער וויסנשאַפט פון יענער צייט האָט די עליה קיין ארץ־ישראל באַדאַרפט זיין אַ סטיכישע, נישט קיין וואָלונטערע".

בערל קאַצענעלסאָן ז"ל, דער פאַרשטאַרבענער אַרבעטער־פירער, רעדאַק־טאָר פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־צייטונג „דבר", דענקער און שריפט־שטעלער, וועלכער איז אויך געקומען קיין ארץ־ישראל מיט דער צווייטער עליה, דערציילט, אַז דער ערשטער קבלת־פּנים, וואָס יעדער ניי־אָנגעקומענער האָט דאַן באַקומען פון די אַלטע תושבים, איז געווען: „צו וואָס זענט איר געקומען?" מיט חוזק און שפּאָט האָט מען זיך דאַן באַצויגן צו די ניי־געקו־מענע. דער ישוב האָט דאַן געציילט בסך־הכל אַרום זעכציק טויזנט ייִדן, אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געהערט צו די „חלוקה"־ייִדן, וועלכע האָבן גע־לעבט אויף צדקה. דער צענטער פון די דאָזיקע ייִדן איז געווען ירושלים. די ייִדישע לאַנדווירטשאַפט האָט דאַן געציילט אַרום פינף טויזנט נפשות. דער רוב פון די קאָלאָניעס זענען דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דעם באַרימטן באַנקיר באַראָן עדמונד ראָטשילד, באַקאַנט ווי דער נדיב הידוע. דער פילאַנ־טראָפּישער כאַראַקטער פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע האָט אין יענער צייט אין גאַנצן דערשטיקט די פּערזענלעכע איניציאַטיוו פון די קאָלאָניסטן און אָפּגעשוואַכט זייער שאַפנדיקן גייסט.

די באַאַמטע פון באַראָן, האָבן מערסטנס נישט געהאַט קיין אינערלעכע באַציִונג צום גאַנצן ענין ארץ־ישראל, אויפצולעבן דאָס לאַנד, בויען אַ היים פאַרן ייִדישן פאָלק. די קאָלאָניסטן פון זייער זייט זענען אַראָפּגעזונקען אין תהום פון מאַטעריאַליזם. זיי האָבן אָנגעהויבן באַשעפטיקן ביליקע אַרבעטער, באַשרענקענדיק אַזוי אַרום זייער אייגענע טעטיקייט אויף שקלאַפן־טרייבע־ריי. דער גאַנצער אַמאָליקער אידעאַליזם, וואָס האָט זיי געבראַכט אין לאַנד אַריין איז פאַרשוווּנדן, און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער „עגל הזהב". די הייליקייט פון אידעאַל איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ ביליקן ציוניזם. די קינדער פון די קאָלאָניסטן זענען אַוועק שטודירן קיין אויסלאַנד, אין דער ברייטער וועלט, קיין נאָכוווּקס אין די קאָלאָניעס איז כמעט נישט געווען.

די העכערע געזעלשאַפט מכּלומרשט האָט אָנגעהויבן ריידן פראַנצויזיש, און סנאָביזם האָט פאַרביטן דעם אידעאַליזם.

די גייסטיקע ירידה פון יענער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע עליה, ווערט אויך געשילדערט פון פאַרשטאָרבענעם דענקער און שריפטשטעלער אחד העם ז״ל, אין אַ סעריע בריוו נאָך זיין באַזוך אין ארץ־ישראל.

אין די בריוו שילדערט אחד העם די געפאַלנקייט פון די יידישע קאָלאָניסטן. ער שרייבט:

„אַ מבול פון גאָלד איז אָן אויפהער אין משך פון צוואַנציק יאָר געפאַלן פון הימל אויף ר א ש ו ן (געמיינט ראשון לציון) און האָט אַלצדינג פאַרפלייצט: די ליבע און פעיקייט צו אַרבעט, דעם ווילן און ענערגיע, דעם נאַציאָנאַלן אידעאַליזם און דעם מענטשלעכן העכערן געפיל. דער גאָלד־מבול האָט נאָך זיך גאָרנישט איבערגעלאָזן, נאָר אַ פאַרביטערטע האַרץ און אַ דערדריקט געמיט, אַ פאַרצווייפלונג און אוממעכטיקן צאָרן“.

ווייטער שרייבט אחד העם ז״ל: „מיין האַרץ קאָכט אין מיר, ווען איך דערמאָן זיך יענע מענטשן, ס׳רוב געבילדעטע און האַרציקע, וועלכע זענען קיין ארץ־ישראל געקומען אין זייערע בעסטע יאָרן צוליב אַ געהויבענעם אידעאַל, געחלומט וועגן אַ גרויסער צוקונפט, פרייהייט און כבוד, אויפריכטיקער און הייליקער אַרבעט, דאָס אויפלעבן פון פאָלק — און וואָס זענען זיי א י צ ט ? — די אידעאַליסטן און גייסט־מענטשן זענען געוואָרן קליינמוטיק און ווייכהאַרציק, יעדער פון זיי ציטערט פאַר זיין אָרעמען גראָשן, זיי האָבן פאַרלוירן יעדן ווילן און יעדע נייגונג צו אַ גרויסער אַלגעמיינער טאָט מיט דער באַטייליקונג פון אַלע כּוחות. זייער ביטערע פאַרצווייפלונג קוקט אַרויס פון זייערע אויגן, און דער פּחד פאַרן בעל הבית איז איינגעקריצט אין זייערע געזיכטער“.

פון די דערמאָנטע ציטאַטן קען מען זיך שאַפן אַ קלאָר בילד, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די לאַגע אין ארץ־ישראל אין די ערשטע יאָרן פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט, פון ווען עס דאַטירט זיך די צווייטע עליה. אין ליכט פון אָט דעם הינטערגרונט קען מען זיך זייער לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ שווערע אויפגאַבן עס האָבן אויף זיך גענומען די אידעאַליסטישע יונגעלייט פון דער צווייטער עליה, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ־ישראל אין יענער צייט דאָרט צו בויען אַ נייַ לעבן אויף געזונטע, ווירטשאַפטלעכע און מאָראַלישע יסודות, בויען אַ לאַנד פאַרן פאָלק, פלאַסטערן וועגן און צוגרייטן מעגלעכקייטן, אַז נאָך אַנדערע זאָלן קענען קומען און העלפן אין דער היי־

ליקער אַרבעט פון בנין הארץ און בנין העם, פון בויען דאָס לאַנד און דערמיט פאַרפעסטיקן דעם קיום פון פאָלק.

נישט אַלע פון דער צווייטער עליה זענען פאַרבליבן אין ארץ־ישראל, מאַנכע האָבן נישט געקענט איבערטראָגן דאָס שווערע לעבן, האָבן זיך גע־מאַטערט מיט קדחת און געפּייניקט געוואָרן פון הונגער, זיי האָבן נישט געהאַט קיין געגוג אויסדויער־קראַפט איבערצוקומען די אַלע גרויסע שוועריי־קייטן, און זענען אַוועקגעפאָרן פון לאַנד. אַמבעסטן האָט דוד בן־גוריון גע־שילדערט די שוועריקייטן פון יענע יאָרן אין ארץ־ישראל. אין אַ קאַפּיטל פון זיינע זכרונות אונטערן נאָמען „ביהודה ובגליל", שרייבט ער פאָלגנדיקס:

— און אָט די דריי: אַרבעט, קדחת און הונגער, זענען פאַר מיר געווען ניי און פול מיט אינטערעס. צוליב דעם בין איך דאָך געקומען קיין ארץ־ישראל. דער קדחת־פיבער פלעגט מיך באַזוכן מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקט־לעכקייט — איין מאָל אין צוויי וואָכן. דער הונגער איז ביי מיר געווען אַן אָפטער אורח. ער פלעגט ביי מיר איינשטיין אייניקע וואָכן און אָפטמאָל אויך אייניקע חדשים. בייטאָג האָב איך געזוכט אַרויסצודרייען זיך פון אים מיט אַלערליי מיטלען, אָדער ווייניקסטנס — אָפּטאָן דעם געדאַנק פון אים, אָבער אין די נעכט, אין די שלאָפלאָזע נעכט, פלעגט זיך דער הונגער שטאַרקן; דריקן ביים האַרצן, פאַרדרייען דעם קאָפּ, אויסזויגן דעם מאַרך פון די ביינער, ער פלעגט מאָנען און פייניקן — און אַזוי ביז פאַרטאָג, ווען איך פלעג איינ־דרימלען אַ צעבראָכענער, אַ צוזאַמענגעדריקטער. אין דער פרי, ווען איך פלעג זיך אַרומוואַשן, פלעג איך באַמערקן, אַז מיינע האָר פאַלן אויס.

— און אַזוי פלעגן זיך טוישן די טעג פון אַרבעט מיט די טעג פון קדחת און הונגער. זיי פלעגן אַוועק און צוריקקומען, אָבער די התלהבות און שמחה זענען נישט שוואַכער געוואָרן.

די יעניקע, וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד און זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע שוועריקייטן, האָבן נישט מורא געהאַט פאַר קיין הונגער, פאַר קדחת, זיי זענען געווען פון אַן אויסערגעוויינלעכן מענטשן־מאַטעריאַל; אַלע מיט אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטערן, אידעאַליסטן מיט שטאַרקן ווילן, מיט כוח פון עקשנות און אויסדויער, טיף פאַראַנקערט אין דעם אידעאַל פון אויפ־ריכטן אַ לאַנד און דורך דעם דאָס פאָלק, טיף פאַרוואָרצלט אין דער אידייע פון תחית העם, פון ציוניסטישן אני מאמין, פון דער ווידעראויפלעבונג פון פאָלק אין אַן אייגן לאַנד. דערפאַר טאַקע האָט די צווייטע עליה מיט זיך געבראַכט אַזוי פיל קאָלאָסאַלע שאַפונגען און דערגרייכונגען. עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן די נייע פאָרעם פון קאָלעקטיוו — די קבוצה. עס איז דאַן אויסגעפאָכטן געוואָרן דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, „כיבוש עבודה". די

אַרבעטער־פרוי האָט באַקומען די זעלבע רעכטן און פליכטן ווי דער מאַן, דאַן איז אויך געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער אַרבעטער־ליטעראַטור, פון דאַן דאַטירט זיך אין דער געשיכטע פון ישוב דער פּאָליטיש־אָרגאַניזיר־טער כוח פון אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל.

אויך די ערשטע עליה — די „בילו״צעס״ — געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון גיבורים אין דער געשיכטע פון מאָדערנעם שיבת ציון. נישט גרויס איז געווען די צאָל מיטגלידער פון דער חלוצישער גרופּע פון דער חיבת ציון באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגעקומען מיטן רוף צום ייִדישן פאָלק: „בית יעקב לכו ונלכו״. בסך־הכל אַרום 125. פון זיי האָט זיך נאָר אַ קליינער טייל באַזעצט אין ארץ־ישראל און נאָך אַ קלענערער טייל איז דאָרט פאַרבליבן. דאָס זעלבע ווי ביי די חלוצים פון דער צווייטער עליה, האָט אויך ביי די בילו״צעס געהערשט אַ טענדענץ פאַר קאָלעקטיווער אַרבעט און צוזאַמענ־לעבן. אויך זיי האָבן געשטרעבט צו אַן עקאָנאָמישן איבערבוי פון ייִדישן לעבן אין ארץ־ישראל. זייער אויפגאַבע אין דער ראָל פון חלוצים האָבן זיי פאָר־מולירט סיי פון נאַציאָנאַלן און סיי פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט. אויך זיי האָבן אַרויסגעוויזן פערזענלעכע גבורה, אויך זיי האָבן געטראָגן אין זייערע מוחות און הערצער דעם געדאַנק און די אידייע פון ייִדישער אומאָפּהענגי־קייט, פון ייִדישער זעלבסטשטענדיקייט. אויך זיי געהערן צו די דורות פון מעפּילים, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון ייִדישער נויט, פון ייִדישער פאַרפאָלגונג, פון ייִדישער אונטערדריקונג, פון ייִדישער דער־נידעריקונג און באַליידיקונג, צום אויסגעטרוימטן לאַנד, ווו די וויזיע פון אונדזערע נביאים האָט באַלויכטן אונדזער צוקונפט מיט אמתן מהות פון עכטער גאולה. די קליינע גרופּע בילו״צעס האָט געשפּילט אַ ביז גאָר באַ־דייטנדיקע ראָלע אין דער באַוועגונג פון חיבת־ציון און אויך אין ארץ־ישראל־דיקן ישוב.

ווי ד״ר הערצל ז״ל איז געווען דער אידעאָלאָג פון דעם פּאָליטישן ציוי־ניזם, וועמענס חלוצים עס זענען געוואָרן די מענטשן פון דער צווייטער עליה, אַזוי ווערט ד״ר ל. פּינסקער, דער מחבר פון באַרימטן בראָשור „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע״ פאַררעכנט פאַרן אידעאָלאָג פון דער חיבת־ציון באַוועגונג, דער אידעאָלאָג פון ייִדישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין אַן אייגן לאַנד. ד״ר הערצל האָט אין זיין „יודנשטאַט״ געזען די ייִדישע אומאָפּהענגיקייט אין לאַנד פון אונדזערע אבות אין ארץ־ישראל. ד״ר ל. פּינסקער האָט אין זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ נישט אָנגעצייכנט קיין לאַנד. די באַוועגונג פון חיבת־ציון צו יענער צייט האָט פון פּינסקערס ווערק געדרונגען, אַז דאָס מיינט מען ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען, וואָס איז אַזוי פאַר־

וואָרצלט אין האַרצן און אין דער נשמה פון ייִדישן פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט, דאָס לאַנד וואָס איז אַזוי אויסגעבענקט און אויסגעוויינט געוואָרן פון אונדזערע תפילות — ארץ־ישראל.

סיי די ערשטע און סיי די צווייטע עליה זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די זעלבע געשעענישן, פון די זעלבע געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך פאַרמירט אין סוף ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע, די פּאָגראָמען אויף ייִדן, די פאַרפאָלגונג פון ייִדן מצד די הערשער פון די רעספּעקטיווע וווינערטער און דער אומגלויבן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אויך באַפרייען די ייִדן פון זייער אונטערדריקונג. דאָס לעצטע איז מייסטנס געקומען צום אויסדרוק ביי די מענטשן פון דער צווייטער עליה.

אויב די ערשטע עליה, די חלוצישע באַוועגונג פון „בילו" האָט באַוויזן נישט מער ווי אויסצודריקן זייער באַגער, זייער עקשנות צו גיין בויען די היים פאַרן ייִדישן פאָלק, האָט אָבער די צווייטע עליה, די חלוצישע באַוועגונג פון הערצליאַנישן ציוניזם, די עקשנות פון פאָלק אויסגעדריקט אין טאַט. גראַד איז אויפן גורל פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה אויסגעפאַלן איבערצולעבן זייערע שווערע צייטן, סיי אין ארץ־ישראל גופא, ווי מיר האָבן פּרובירט צו באַווייזן מיט די ציטאַטן פון דוד בן־גוריון, ב. קאַצענעלסאָן און אחד העם, און די גאַר שווערע צייטן, וואָס ציוניזם האָט איבערגעלעבט נאָכן טויט פון ד"ר הערצל ז"ל, ווען די פּאָליטישע האָריזאָנטן פון ציוניזם זענען ענגער געוואָרן, די שוואַכע אויסזיכטן צו באַקומען אַ „טשאַרטער" אויף „פּאַלעסטינע" זענען נאָך שוואַכער געוואָרן. די טערקישע הערשערס האָבן פאַרפעסטיקט זייער ממשלה און געמאַכט שווערקייטן ייִדן אין זייערע אַרבעטן. האָט די אידעאַליסטישע יוגנט פון דער צווייטער עליה אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער ציוניסטישער געשיכטע, אַ קאַפּיטל פון פּראַקטישער טעטיקייט, פון לייגן אַ ציגל אויף אַ ציגל, פון פלאַסטערן אַ מעטער שאָסיי נאָך אַ מעטער שאָסיי, און דורך דעם אויסגעפלאַסטערט אַ וועג פאַר אַ גרויסער מאַסן־אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט פון די ווייטערדיקע עליות און האָט ענדלעך דערפירט, נאָך אַ לאַנגן און שווערן וועג פון עליות און ירידות, פון דערגרייכונגען און שטרויכלונגען — צו מדינת ישראל.

מדינת ישראל נייטיקט זיך אין ווייטערדיקע עליות, אין אַ שטראָם פון מענטשן, וואָס זאָלן קומען אין לאַנד און מיטהעלפן אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַפעסטיקונג פון דער מדינה. די מענטשן, וואָס זענען געקומען מיט דער צווייטער עליה, האָבן זוכה געווען צו שטיין היינט צו טאָג

ביים רודער פון דער ייִדישער מדינה, די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק פאַר דער הײַנטיקער מלוכה־שאַפט, ווי דער הײַנטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישראל יצחק בן־צבי, דער געוועזענער פּרעזידענט פונעם פּאַרלאַמענט אין ישראל יוסף שפּרינצאַק ע״ה, דאָס קינד פון אַ בילויעץ, דער געוועזענער פּרעמיער פון דער מדינה משה שרת און דער פּרעמיער פון ישראל דוד בן־גוריון, טראָגן דעם רוף צו ייִדן איבער דער וועלט: „קומט קיין ישראל, העלפט אין דער גיגאַנטישער אויפבוי־אַרבעט, צו וואָס דער הײַנטיקער דור האָט זוכה געווען״.

דער רוף דאַרף באַנייען דעם היסטאָרישן באַגער, וואָס טליעט אין די הערצער פון ייִדישן פאָלק זיך צוריק צו באַהעפטן מיט אונדזער לאַנד, צוריק באַנייען דעם ווילן צו לעבן אַ פולבלוטיק, נאַציאָנאַל ייִדיש לעבן, אָן פּחד פאַר אַסימילאַציע, אָן פּחד פאַר אונטערדריקונג, — אַ לעבן פון שטאָלצע, נאַציאָנאַלע ייִדן, בירגער פון אונדזער אויף אייביק פאַרבלייבנדיקער מדינת ישראל!

די יידישע פרוי זינט דער צווייטער עליה

דער האַלבער יאָרהונדערט פון דעם גלאָררייכן קאַפּיטל, וואָס אַ גרופּע מענטשן האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון ציוניזם, — איז אויך אַ דאַטע פאַר דער יידישער פרוי, וואָס האָט מיט איר באַטייליקונג מיטגע־ווירקט צו לייגן די גרונט־יסודות פון דער יידישער מדינה.

ווען עס ווערט דערמאָנט די צווייטע עליה, דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן יענער פרק, וואָס האָט אַ שייכות צו דער יידישער פרוי, איר באַטייליקונג, אירע היסטאָרישע איבערלעבונגען אין דער אַרבעט אויף פאַרשיידענע שטחים פון דעם דעמאָלטיקן ארץ־ישראל.

די יידישע פרוי אין דער היינטיקער מדינת ישראל נעמט אַן אַקטיוון אָנ־טייל אין עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. די אַלע דערגרייכונגען פון ישוב, די אַנטוויקלונג פון א״י און איצט פון דער מדינה, געהערט אויך צום קרעדיט און פאַרדינסט פון דער יידישער פרוי. נישטאָ קיין צווייג אין דעם לעבן פון ישראל, ווו די פרוי זאָל זיך נישט האָבן באַטייליקט מיט אַרבעט, אויסדויער, שווונג. אין שטאָט און אין דאָרף, אין פאַבריק, אין ביוראָ, אין דער ווירטשאַפט, אין דער קולטור, אין דער פּאָליטיק און אין דער אַרמיי — אומעטום געפינט מען אויפן פּאָסטן די יידישע פרוי. אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון בויען ארץ־ישראל און דאָס איצטיקע באַפעסטיקן מדינת ישראל — איז די יידישע פרוי נישט אָפּגע־שטאַנען פון מאַן אין בוי און אין קאַמף. צוגלייך מיטן מאַן זענען די פרויען די שעפער, בויער און קעמפער פון מדינת ישראל.

די פרוי אין מדינת ישראל, די דירעקט באַטייליקטע אין דער אַנטוויק־לונג פון לאַנד און די יידישע פרוי איבער גאָר דער וועלט, די אַלע, וועלכע זענען טעטיק אין די ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפן מיט אין דער אויפבוי־אַרבעט, וואָס די יידישע פרוי טוט אין מדינת ישראל, בכדי צו דערגרייכן עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט און בכדי צו פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן דעם אייביקן קיום פון אונדזער אַלט־נייער היים, זענען שותפ־ים צום גרויסן אויפטו.

דער ראַט פון דער יידישער אַרבעטער־פרוי אין ישראל, וואָס איז אַ טייל פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט — האָט מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג אונטערן נאָמען „דברי פועלות"

— אַרבעטערנס דערציילן. אין דעם ספר זענען פאַרצייכנט געוואָרן די זכרונות פון דער ייִדישער פרוי אין דער צווייטער עליה — איר באַטייליקונג אין אַלע אַרבעטן פון דעם דעמאָלטיקן ישוב. די זכרונות גיבן איבער וועגן די פריידן און ליידן, וועגן דעם שווערן קאַמף וואָס די פרוי האָט דאַן באַדאַרפט פירן צו קענען ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע אָנטיילנעמען אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פון ארץ־ישראל. די זכרונות דערציילן וועגן דעם רושם, וואָס דאָס ניי־געפונענע היימלאַנד האָט געמאַכט אויף דער ייִדישער פרוי, וועגן דעם אָנהייב פון אַ ניי לעבן, וואָס בנות ישראל פון פאַרשיידענע לענדער און קולטורן, פון מזרח און מערב אייראָפּע, האָבן אָנגעפאַנגען אין ארץ־ישראל.

* * *

דער איינדרוק פון דער ערשטער באַגעגעניש פון דער ייִדישער פרוי מיט ארץ־ישראל קומט צום אויסדרוק אין אַ ליד פון דער פריצייטיק פאַרשטאָר־בענער דיכטערן פון יענער צייט — רחל ע״ה. דאָס ליד איז פון העברעיִשן טעקסט איבערזעצט געוואָרן פון זלמן שזר:

אפשר איז די גאַנצע זאַך אַ ליגן? ווער ווייסט?
אפשר האָב איך גאָר זיך נישט געפעדערט
באַאַרבעטן דעם גאָרטן מיט מיין שוויס?
אפשר אין די לאַנגע הייסע שניט־טעג
האָט גאָר קיינמאָל אויבן, אויף אַ וואָגן פול מיט סנאָפּעס
נישט געקלונגען הויך מיין קול?
אפשר האָב איך גאָר זיך נישט גערייניקט
אינעם בלויען שוים פון מיין כנרת... אָ, כנרת מיין,
ביסטו אין וואָר געווען, אָדער גאָר אין טרוים?

דאָס ייִדישע מיידל פון ליטע, בעסאַראַביע, רוסלאַנד און פוילן, די גע־וועזענע „קורסיסטקע״, די געוועזענע שילערן, מאַנכע פון זיי אויסגעוואַקסן אין די ווייטסטע געגנטן פון רוסלאַנד, נישט הערנדיק דעם קלאַנג פון מאַמע־לשון, אָפּגערעדט שוין פון אַ העברעיִש וואָרט, אָן דעם קלאַנג פון תנך, אָט אַזאַ, ווי עס איז געווען די דיכטערן רחל — האָט צום אָנהייב זיך אַליין נישט געגלייבט, אַז מיט אייגענעם שוויס ווערט באַאַרבעט דאָס פעלד, דער גאָרטן פון דער פאַרוואָרלאָזטער מאַמע ערד.

דערציילט מאַניע שוחט דערינערונגען וועגן דער גרינדונג פונעם ערשטן קאָלעקטיוו אין ארץ־ישראל, אין סעדזשערע, וואָס ליגט אין גליל התחתון, דאָרט ווו דער ערשטער פרעמיער פון מדינת ישראל, דוד בן־גוריון, האָט גע־

אַרבעט. מאַניע שוחט דערציילט, אַז ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין ארץ־ישראל, איז זי בכלל קיין ציוניסטן נאָך נישט געווען. איר גאַנצער קומען קיין ארץ־ישראל איז געווען על פּי צופאַל. מאַניע שוחט גיט איבער, אַז זי האָט זיך געפונען אין בערלין, ווו זי איז געשיקט געוואָרן פון אַ סאָציאַ־ליסטיש טעראָריסטישער גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַט אָרגאַניזירט אין רוס־לאַנד מיטן צוועק אַראָפּצורוימען פון וועג דעם צאַרישן מיניסטער פאָן פּלעווע. איר ברודער, נחום ווילבושעוויטש, דעמאָלט אַ יונגער אינזשעניער, איז אַוועק־געפאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט ער איר געשיקט אַ דעפּעשע זי זאָל גלייך קומען, ווייל עס האָט מיט אים פּאַסירט אַן אומגליק. נאָך אַ רייזע איבערן לאַנד, נאָכן באַקענען זיך מיט די אַרבעטן פון די מענטשן פון דער ערשטער עליה, איז איר איינדרוק געווען, אַז אין ארץ־ישראל וועט קיינמאָל נישט געשאַפן ווערן קיין יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָלעטאַריאַט. יידישע אַרבעטער, דערציילט מאַניע שוחט, האָבן דאַן געאַרבעט פּאַר פינף פּיאַסטער אַ טאָג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַלס ציוניסטן טאָרן זיי גאָרנישט פאַרלאַנגען קיין העכערן לוין. זאַלבעאַכט איז מען געשלאָפן צונויפגעקאָרטשעט אין אַ קליין צימערל — אויף דער בלויזער נאַקעטער ערד. מאַניע שוחט דערציילט אויך ווי זי איז אַוועק אַרבעטן אין סעדזשערע. נאָך איר צווייטן מאָל קומען קיין ארץ־ישראל, נאָך דעם ווי זי איז געווען אין דרום־ און צפון־אַמעריקע, נאָך דעם ווי זי איז געפאָרן פאַרהאַנדלען מיט די מענטשן פון יק״אַ וועגן קאָלעקטיוויסטישער לאַנדווירטשאַפט. די ערשטע אַרבעטערנס אין סעדזשערע זענען דאַן געווען: די דריי שוועסטער שטורמאַן: שרה, שפרה און אסתר. אַלע דריי האָבן געאַרבעט מיטן אַקער ווי אמתע פּויערים.

איינע פון די שוועסטער שטורמאַן, שפרה בצר, דערציילט פון יענער תקופה פאָלגנדיקס: קיין סעדזשערע איז זי געקומען אין יאָר 1907. ווי אַ שטאָטיש מיידל האָט זי נישט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן לאַנד־אַרבעט. דעם ערשטן טאָג האָט זי געזיפּט גערשטן, שפּעטער האָט זי זיך פאַרנומען מיט דער מילך־ווירטשאַפט, האָט זיך אויך אויסגעלערנט מאַכן קעז פון שעפּ־סענע און ציגענע מילך.

ביסלעכווייז האָט דער סעדזשערער מדבר געקראָגן אַ פּנים פון אַ ישוב. אין סעדזשערע האָט זיך געשאַפן די יידישע וואָך, דאָרטן האָט זיך געגרינ־דעט דער „השומר״. דאָרטן איז אויך געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט. אין סעדזשערע איז גע־שאַפן געוואָרן דער „החורש״ (דער אַקערבויער), די אָרגאַניזאַציע פון די לאַנד־אַרבעטער.

חיה שרה חנקין דערציילט וועגן דעם אָנטייל פון די חברטעס אין דער

וואַך. ווי מיידלעך פלעגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זיך אָנטאָן אין אַן אַראַבישער „אַבאַיע״ (אַראַבישער מאַנטל), נעמען די ביקס, זיך אַוועקזעצן אויפן פערד און אַרומרייטן אַלס וועכטער אַ גאַנצע נאַכט.

אסתר בעקער — איינע פון די שוועסטער שטורמאַן — גיט איבער ווי אַזוי ס׳איז באַזעצט געוואָרן מרחביה. מען האָט געוווינט די ערשטע צייט אין פאַרלאָזענע, האַלב חרובע אַראַבישע „חושעס״, וואָס זענען פול געווען מיט פליי. קיין מעבל איז נישט געווען. קיין קיך איז נישט געווען, האָט מען געקאָכט אויף שטיינער. אין מרחביה האָבן די חברות געגומען אויף זיך דעם עול פון דער גאַנצערווירטשאַפט.

די נייע געגנט, אין דעם ברייטן, אָפענעם עמק — דערציילט אסתר בעקער — האָט זיך איר איינגעבאַקן אין האַרצן. זייער אָפט פלעגט זיך איר וועלן אַרויסגיין פון הויף און פון קיך אין פרייען פעלד אַריין און אָנשליסן זיך אין דער שורה חברים, וואָס פירן דורך דעם ערשטן אַקער איבערן עמק. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז קיין גרעסערער גליק איז גאָר אין דער וועלט נישטאָ.

דבורה דיין דערציילט פון איר עליה קיין ארץ־ישראל, פאַלגנדיקס:

„דווקא דעמאָלט, ווען עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז עס עפענען זיך פאַר מיר ברייט די טויערן פון לעבן, — דווקא דעמאָלט האָבן זיך ביי מיר אויפגעוועקט ספקות: צי איז דאָס דער ריכטיקער וועג מיינער? איך אַרבעט אין זעמסטוואָ אין רוסלאַנד. אויף מיר וואַרט אַ וויכטיקע אויפגאַבע, צו אַרבעטן פאַרן פאָלק, וואָס אים האָב איך געקענט, פאַר אים געזאַמלט כוחות און בילדונג און אין זיין שפּראַך געלעבט און געטראַכט. אַן איין־און־איינציקע יידישקע בין איך אין דאָרף, און אַפילו איין מאָמענט פאַרגעס איך עס נישט, אויף איין מאָמענט פאַרלאָזט מיך נישט דאָס געפיל, אַז אין דער סביבה וואָס איז מיר אַזוי נאָענט, בין איך אַ פרעמדע. און די ספקות לאָזן נישט רוען: אין די רוישנדיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, אין די קאָרידאָרן פון אוניווערזיטעט, אין די באַלויכטענע זאַלן פון טעאַטער, ביי מיין אַרבעט־טיש, וואָס איך האָב אַזוי ליב געקראָגן. אומעטום באַגלייט מיך איין געדאַנק: צי איז דאָס דער וועג? עס איז אַ טעות, אַ ביטערער טעות אין מיין לעבן! דאָס פאָלק, וועמען איך וויל אָפּגעבן מיינע קרעפטן איז נישט מיינס, אַ פרעמדע בין איך אים. און דאָס אַנדערע פאָלק, דאָס אייגענע — אים קען איך גאָרנישט, כ׳קען נישט זיין לעבן און זיין שפּראַך. איך קען טרעגער וואָס לאָדן שיפן אין פּאָרט, פויערים וואָס שמאַכטן פון שווערער אַרבעט און נויט, אויסגעמאָגערטע קינדער און פרויען, וואָס שטראָמען אַרויס פון די פאַבריקן אין אָוונט, נאָכן גלאָק. דאָס זענען מאַסן. אָבער ווו זענען די מאַסן פון מיין

פאָלק? דער האָרעפּאַשניק? דער קרעמער? דער שניידער? איך מוז נאָכאַמאָל אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב.

דבורה דיין שרייבט אין אירע זכרונות, אַז זי האָט איינגעפּאַקט אירע זאַכן און מיט דער ערשטער שיף איז זי אַוועקגעפאָרן אַהיים צו אירע עלטערן אויפן דאָרף. אין דער היים האָט דבורה דיין געבלעטערט דעם פאָטערס בריוו, צווישן אַנדער בריוו איז איר אויך אין האַנט געקומען אַ בריוו פון וולאַדימיר טיאָמקין. לייענענדיק טיאָמקינס בריוו פון ארץ־ישראל, האָט ביי איר ווי אַ בליץ אויפגעשיינט דער באַשלוס, אַז זי וועט גיין קיין ארץ־ישראל, ווייל דאָרטן געפינען זיך די אַרבעטער פון איר פאָלק, דאָרט וועט זי ווערן איינע פון זיי. זי איז געלאָפן מיט שנעלע טריט צום טייך דניעפּער אויסצוגיסן אירע געפילן. דער טייך איז געווען געשמידט אין פּאַנצער פון אייז. ביים טייך האָט זי אויסגעשריען אויפן קול: „איך פאָר קיין ארץ־ישראל”.

דבורה דיין דערציילט אויך ווי זי איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, ווי זי איז געקומען קיין מרחביה און ווי זי האָט געבאַקן ברויט אין דגניה — ברויט פאַר אַ פופציק מענטשן. בעת דער אַרבעט פלעגן ביי איר אויפטויכן מחשבות פון גאָר נישט לאַנג, פון די זאַלן, אין די ביבליאָטעקן, פון די מוזייען, פון דער גרויסער שטאָט, ווו גרויסע ספקות האָבן זי געפּייניקט און געמאַ־טערט, וועגן דעם ווער עס דאַרף בכלל האָבן איר אַרבעט, איר פלייס, אָבער אין דגניה, אין ארץ־ישראל, ביים באַקן ברויט צוקוקנדיק ווי די חברים אַקערן און זייען און שניידן דעם שניט פון די פעלדער, זעענדיק ווי די מיל מאָלט דעם ווייץ, פון וועלכע זי באַקט דאָס ברויט, זענען פאַרשוווּנדן אַלע ספקות וועגן איר נוצלעכקייט, ווייל ווער קען דען צווייפלען אין דער נייטיקייט פון ברויט...

קרוב צו זעכציק פרויען, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט — אין די קבוצות, קיבוצים און מושבי־עובדים — האָבן אָנטייל גענומען אין דערמאָנטן ספר, איבערגעבנדיק זייערע דערינערונגען פון די ער־שטע טעג, וואָכן און יאָרן פון זייער קומען מיט דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל.

מאַנכע האָבן אין אָנהייב נישט געגלייבט זיך אַליין, אפשר איז די גאַנצע זאַך אַ ליגן? האָט געזונגען די צאַרטע, די לירישע דיכטערן — רחל — איבעריק אויף גאַנס וועלט, אין פרעמדן לאַנד האָט זיך געפילט דבורה דיין אין רוסלאַנד, אין די באַלויכטענע צימערן פון דער אוניווערזיטעט, אין די רוישיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, אין טעאַטער, אין מוזייען — אומעטום האָט זי באַגלייט דער אומעט, די אומזיכערקייט, דער געפיל פון פרעמדקייט.

אין ארץ־ישׂראל אָבער, אין היסטאָרישן לאַנד פון פאָלק, האָבן זיך אַלע דערפילט היימיש. דער אידעאַל פון בויען אַ היים פאַרן צעזייטן און צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק, וואָס ווערט פון אַלעמען געטרודפּט און געפּייניקט, האָט געהאָלפן גובר זיין אַלע שוועריקייטן, האָט געהאָלפן בייקומען הונגער, קדחת און נויט. דאָס ניי־געפונענע היימלאַנד, ארץ־ישׂראל, האָט פאַר דער ייִדישער פרוי פון דער צווייטער עליה אַנטפּלעקט נייע האָריזאָנטן, האָט דערוועקט אַ נייעם גייסט, דאָס שטרעבן ווידער צו באַהעפטן דאָס פאָלק מיט זיין פאַרוואָרלאָזט לאַנד.

אין די יאָרן פון דער צווייטער עליה (1914־1906), ווי אויך אין די שפּעטערדיקע עליות, ביז צו דער אויפריכטונג פון שטאַט און היינט אין מדינת ישׂראל, שפּילט די פרוי אַ וויכטיקע ראָל מיט איר טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן לעבן: אין דער ווירטשאַפט, אין דערציִונג־וועזן, אין פּאַרלאַמענט, אומעטום, אומעטום איז באַטייליקט די פרוי, מיט איר אַרבעט, מיט איר פלייס, מיט איר ענערגיע, ליבע און איבערגעגעבנקייט.

די ייִדישע פרוי אין מדינת ישׂראל פילט זיך שטאָלץ, וואָס פון אָנהייב פון דער צווייטער עליה, בעת עס זענען געלייגט געוואָרן די גרונט־יסודות פאַר ישׂראלס אומאָפּהענגיקייט, איז די פרוי געווען דערביי, האָט זיך מיטבאַטייליקט אין די אַלע אַרבעטן, האָט געליטן, געהונגערט, געפיבערט פון קדחת, האָט זיך געפרייט פון יעדער דערגרייכונג, האָט אַליין מיט דער ביקס, מיט דער לאָפּאַטע, מיטן אַקעראייזן און שניידמאַשין אָנטיילגענומען אין דער ריזיקער אַרבעט, אין דעם פּיאָנערישן אויפבוי־פּראָצעס, וואָס האָט דערפירט צו דער היינטיקער מדינת ישׂראל.

די ייִדישע פרוי אין גאַר דער וועלט, די אַלע וועלכע זענען באַטייליקט אין דער אַרבעט, דורך פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אין חוץ לארץ — וואָס העלפן דער גיגאַנטישער אַרבעט, וואָס עס ווערט געטאָן דורך דער ייִדישער פרוי אין מדינת ישׂראל — מעגן זיין שטאָלץ אויף די אַלע דערגרייכונגען. זייער מיטבאַטייליקונג וועט פאַרשריבן ווערן לזכרון, פאַר דור־דורות!

מענטשן פון גלויבן און ווילן

עס איז געווען פערציק יאָר זינט אין אייראָפּע האָט זיך אָרגאַניזירט די חלוצישע באַוועגונג, וועלכע האָט אַריינגעשריבן אַ גלאָררייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ציוניזם און פון דער אויפריכטונג פון יידישן היימלאַנד פאַרן יידישן פאָלק.

די חלוצים זענען געווען מענטשן פון טיפן גלויבן און גרענעצלאָזן ווילן און מיט די אייגנשאַפטן זענען זיי צוגעטראָטן צו דער שווערער און מיפּולער אַרבעט פון שאַפן פאַרן געוודפטן און געפּלאָגטן פאָלק ישראל באַדינגונגען צו לעבן ווי אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך אין אַן אייגן לאַנד, אין אַן איי־גענער היים — אין ארץ־ישראל.

דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן פּרייוויליק, פון קיינעם נישט געצוווּנגען, אָן באַדינגונגען, גוזר געווען אויף זיך זייער ענערגיע צו שטעלן אין רשות דעם פרייהייט־קאַמף פון זייער פאָלק און צוגרייטן פאַר אים אַ נאָרמאַל לעבן אָן דערנידערונגען און אָן באַליידיקונגען, אָן בושה וכלימה — אַ לעבן פון פרייהייט, יושר און גערעכטיקייט.

די חלוצים האָבן אויף זיך גענומען איין איינציקע לעבנס־שליחות: צו באַפרוכפּערן מיט זייער שווייס די וויסטעניִשן פון ארץ־ישראל און מיט ציין און נעגל אויפאַקערן דעם פאַרפּעלדזעוועטן באָדן און אים פאַרוואַנדלען אין בליענדיקע לאַנדווירטשאַפטן פון אַ יידיש היימלאַנד.

נישט איין מאָל זענען די דאָזיקע מענטשן אויסגעחוזקט געוואָרן פון פאַרשיידענע שפּאָט־צינגער; אייניקע האָבן אָפּגעלאַכט פון די „יונגעלייט־לעך", וועלכע זענען אַוועק פון דער בית־מדרש־באַנק, אָדער פון שולע, דאַרע, מאָגערע, אויסגעבלייכטע, אויסגעצערטע און זיך פאַרמאָסטן צו ווערן ערד־אַרבעטער אין לאַנד פון די אבות. אַנדערע ווידער האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט שנאה און שפּאָט, באַטראַכטנדיק די חלוצים פאַר „אַגענטן" פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. אָבער די חלוצים, בחורים און מיידלעך, האָבן זיך פאַר קיין זאַך און פאַר קיין שפּאָט און געלעכטער נישט אָפּגעשראָקן. זיי זענען געגאַנגען קיין ארץ־ישראל און געבויט דאָס לאַנד; געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל, שפּאַן נאָך שפּאַן געפּלאַסטערט די וועגן, אַקער נאָך אַקער צע־קעמט די קודלעס פון פאַרהאַרטעוועטן באָדן און אים פאַרוואַנדלט אין בליענ־דיקע גערטנער.

* * *

אין יאָר 1917, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיך די חלוצים אָרגאַניזירט אין רוסלאַנד, אין פּוילן און אין דייטשלאַנד און שפּעטער אויס־געברייטערט די טעטיקייט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, ווו עס האָבן זיך אָרגאַניזירט אַרבעטער־גרופּן, וועלכע האָבן קאָלעקטיוו געאַרבעט און קאָלעק־טיוו געלעבט. אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד און פּוילן האָט מען זיי געזען אַרבעטן צוזאַמען, טראָגן וואַסער און האַקן האָלץ, אַרבעטן אויפן פעלד און אין גאָרטן. אין די אָוונטן האָבן זיי זיך געלערנט פליייסיק העב־רעיש, האָבן שטודירט ייִדישע געשיכטע און ארץ־ישראל־געאָגראַפיע און אַזוי אַרום זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט אויסבויען די געגאַרטע היים פאַר זייער פאָלק.

* * *

אין אַמעריקע האָט זיך דער „החלוץ" אָרגאַניזירט מיט צוויי יאָר פריִער, אין 1915; ווען יצחק בן־צבי, דער היינטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, און דוד בן־גוריון, דער היינטיקער פּרעמיער פון ישראל, האָבן בעת זייער דעמאָלטיקן באַזוך אין אַמעריקע אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט לטובת דעם „החלוץ".

פּרעזידענט בן־צבי דערציילט אין אַ קאַפּיטל פון זיינע געזאַמלטע שריפטן פאָלגנדיקע פּרטים וועגן זייער טעטיקייט פאַרן „החלוץ" אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע אין יענע טעג.

„עטלעכע טעג פאַר פּסח פון יאָר 1915, זענען מיר — איך און בן־גוריון — דעפּאָרטירט געוואָרן פון ארץ־ישראל. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע, אַגיטירן דאָרט צווישן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט בכלל און צווישן אונדזערע חברים בפרט, וועגן אָרגאַניזירן אַ באַוועגונג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, גלייך ווי אירע טויערן וועלן געעפנט ווערן. אין יענער צייט האָט קיינער אויף דער וועלט נישט געהאַט קיין באַגריף ווי לאַנג די וועלט־מלחמה וועט דויערן. מען האָט געהאָפט, אַז זי וועט זיך ענדיקן אין משך פון אַ פּאָר חדשים, אונדזער באַשלוס אָבער איז נישט געווען אָפּהענגיק פון צייט. אונדזער חשבון איז געווען אַזאַ: אויב די מלחמה וועט זיך אײַנגיכן ענדיקן זענען מיר דאָך אוודאי מחויב גלייך צוצוגרייטן די ערשטע מחנות איינוואַנדערער; אויב די מלחמה וועט זיך פאַרציִען, דאַן דאַרפן מיר אויס־נוצן יעדע געלעגנהייט אַריינצושטראָמען ניי ייִדיש בלוט דורך אַנדערע קאַ־נאַלן, אין דער פאָרם פון ייִדישע לעגיאָנערן, וואָס זאָלן פאַר זיך דורכברעכן אַ וועג אין לאַנד אַריין אַלס ייִדישע מיליטערישע איינהייטן פאַר קאַמף און אַרבעט. נאָך איידער מען האָט אונדז דעפּאָרטירט פון לאַנד, האָבן מיר גע־

האָט אַ ריי באַראַטונגען אין ירושלים וועגן אַ פּראָגראַם פאַר חלוצישע אַק־טיוויטעטן צווישן אונדזערע חברים אין אַמעריקע. איצט, ווען מיר האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו זיין אין אַמעריקע, האָבן מיר באַשלאָסן עס נישט צו פאַרנאַכלעסיקן.

ערב שבועות זענען מיר אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. דער צענטראַל קאָמי־טעט פון פּועלי־ציון האָט נאָכן אויסהערן אונדזער פּלאַן, באַשלאָסן צו אָר־גאַניזירן פאַר אונדז צוויי טורן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע. דעם נאָמען וואָס מיר האָבן דאַן געגעבן דער אַקציע פאַר אַ נייער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל איז געווען: „החלוץ".

די תקנות און דעם פולן פּראָגראַם פון „החלוץ" האָבן מיר אַוועקגע־שיקט קיין אייראָפּע — קיין פּוילן און רוסלאַנד. דאָרט האָט מען די אידייע אויפגענומען און זי האָט געקראָגן אַ פיל ברייטערע און טיפערע געשטאַל־טונג ווי אין אַמעריקע".

אין פאַרלויף פון צען וואָכן האָט יצחק בן־צבי באַזוכט 17 שטעט אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אין יעדן פּלאַץ האָט ער פאַרזייט קערנד־לעך פון „החלוץ". די אַלע קערנדלעך האָבן זיך שפּעטער צונויפגעבונדן אין איין צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין משך פון עטלעכע יאָר אָנ־געהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די מיטגלידער און זיי מדריך געווען אין חלוצישן גייסט.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן — שרייבט בן־צבי — איז געוואָרן שווערער אויפצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציע פאַר אַן אַרבעט לעתיד לבוא. די דרינגענדיקע טעטיקייט פון „החלוץ" איז דאַן באַשטאַנען אין הכשרה. אַ סך חברים און חברות זענען אַריינגעטראָטן אַלס אַרבעטער אין דער אַגריקולטור־פאַרם איז בודוויין, אַ שטעטל אין ניו דזשוירזי, אַנדערע זענען אַוועק אַר־בעטן ביי אַמעריקאַנער פאַרמערס.

* * *

אין אַמעריקע האָט די אידייע פון „החלוץ" נישט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען אין ייִדישן לעבן. דערפאַר אָבער האָט זי אָנגענומען בלוט און פלייש אין די לענדער פון אייראָפּע: אין רוסלאַנד, פּוילן, ליטע און אין אַנדערע לענדער, וווּ ס'איז געווען קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון ייִדישן האַרץ און פון דער ייִדישער נשמה. אין די לענדער פון אייראָפּע האָבן ייִדישע יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, מיט גרויס התלהבות, מיט שטאַרקן גלויבן אין האַרצן, מיט אומבאַגרענעצטן ווילן, מיט זעלטענעם אידעאַליזם, מיט ענערגיע און עקשנות, זיך אָרגאַניזירט אין קאַדרען פון „החלוץ": זיי האָבן

זיך אין הכשרה־קיבוצים צוגעגרייט צו קאָלעקטיווער אַרבעט און קאָלעקטיוון לעבן, זיך מחנך געווען צו עבודת־העם, צו פאַרווירקלעכן מיט מסירת־נפש דעם גרויסן פאָלקס־באַגער, די טיף־טליענדיקע גאולה־בענקשאַפט ביי די ייִדי־שע מאַסן און אויסבויען און אויסקעמפן און פאַרזיכערן אויף אייביק, אייביק, די נאַציאָנאַלע היים פאַר זייער פאָלק.

מיט די מענטשן, — מענטשן פון גלויבן און אומבאַגרענעצטן ווילן — האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע עליה, וואָס האָט געשטראָמט קיין ארץ־ישראל פון: רוסלאַנד, אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, פוילן, ליטע, רומעניע, לאַטוויע, עסטרייך, דייטשלאַנד און קליין־אַזיע, פון סיריע, טערקיי און אַנדערע, און פון די אַלע פלעצער זענען זיי עולה געווען קיין ארץ־ישראל ווי פּיאָנערן און האָבן געבויט און געקעמפט, ביז זיי האָבן צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע עליות דערפירט צו דער עטאַבלירונג פון אונדזער היינטיקער מדינת ישראל.

* * *

פון דעם „החלוץ" און פון דער צווייטער עליה איז בעיקר אַרויסגעקומען די ייִדישע בריגאַדע, וואָס האָט אַזוי מוטיק און העלדיש געקעמפט אין צווייטן וועלט־קריג קעגן היטלערס רוצחישע חיילות; די בריגאַדע, וואָס האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו ראַטעווען די על פי נס לעבנגעבליבענע רעשטלעך פון די ייִדישע ישובים אין אייראָפּע. פון דעם „החלוץ" שטאַמען די פּרייווי־ליקע פּאַראַשוטיסטן פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבן זיך פון עראָפּלאַנען אַראָפּ־געלאָזן הינטער די דייטשע פראָנט־ליניעס: אין איטאַליע, יוגאָסלאַוויע, רו־מעניע, בולגאַריע, גריכנלאַנד, אונגאַרן און סלאָוואַקיע, מיט דער אויפגאַבע צו העלפן ווי ווייט מעגלעך דעם ייִדישן ווידערשטאַנד אין קאַמף קעגן די נאַצישע רוצחים.

פון דעם „החלוץ" האָבן געשעפּט יניקה גרויסע טיילן פון דער פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג, וואָס האָט העראָיש, מיט בלוט און מוט, מיטגעהאָלפן צו באַזיגן די נאַצישע בעסטיע. עס איז דער „החלוץ", וואָס האָט אָנגעפילט די רייען פון דער „הגנה" און שפּעטער פון „צבא הגנה לישראל", וואָס האָט אַזוי העלדיש, צוזאַמען מיט אַנדערע טיילן פון ישוב, אָפּגעשלאָגן די גרויזאַמע אָנפאַלן פון די זיבן אַראַבישע אַרמייען, וועלכע זענען באַפאַלן דער ייִדישער מדינה אין טאָג פון איר געבורט.

עס איז דער זעלבער „החלוץ", וואָס האָט אין געהיימע שיפלעך אריבער־געפירט ייִדישע עולים, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון אייראָפּעישן גיהנום. עס איז דער זעלבער „החלוץ", וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט מיט זיין רומפולער אַרבעט אין דער תקופה פון דער „אומלעגאַלער" עליה.

עס איז דער „החלוץ", וואָס האָט צוזאַמען מיטן ים זיך פאַרייניקט אין איין אויסגוס פון אַ גרויסער תפילה צו כביכול, אַז ער זאָל העלפן די אומגליקלעכע, די מעפּילים, וועלכע ווערן געטראָגן אין „מולטערס" אויף די שטורעמדיקע ים־כוואַליעס, ברענגען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

* * *

שווער איז געווען דער וועג פון חלוץ. זיין כוח איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געוווּסט פון דעם שווערן דערנער־וועג. די חלוצים, האָבן געוווּסט — ווי יוסף חיים ברענער ע״ה האָט געשריבן — אַז דער וועג זייערער איז נישט אויסגעלייגט מיט רויזן; זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס לאַנד איז אָרעם און די היצן זענען שווערע און מען ווערט פאַרפאָלגט פון אַ פרעמדער מאַכט, וואָס לאָזט נישט בויען. איז „אף־על־פּי־כן" געווען זייער אויסדרוק און מיט דעם אף־על־פּי־כן (טראָץ אַלעמען) האָבן זיי געאַקערט און געזייט, געבויט און געקעמפט און געגרייט די היים פאַר זייער פאָלק.

צום צענטן יובל פון „החלוץ" האָט אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער ח. נ. ביאַליק ע״ה געזאָגט צווישן אַנדערס: „די חלוצים האָבן געוווּסט, אַז ארץ־ישראל איז אַ קליין פּלאַץ, אָבער דאָ אין לאַנד איז פאַראַן אַ בכבודיק לעבן. דאָ איז פאַראַן מסירת־נפש און גבורה. עס איז בעסער — האָט ביאַליק דאַן געזאָגט — נישט צו ריידן; אויב עס איז געווען עמעצער וואָס האָט נישט געוווּסט, אַז ער האָט געערדט פּראָזע, דאַרפט איר, חלוצים, נישט וויסן, אַז איר האָט געטאָן אַ געזאַנג אַלע אייערע טעג".

אין יאַנואַר פון 1918, האָט פּראָפעסאָר מאַרטין בובער, צו דער געלעגנהייט פון צען יאָר „החלוץ" געשריבן: „ארץ־ישראל קען מען חרוב מאַכן, אָבער נישט דעראָבערן. מען קען זי צונעמען, אָבער נישט פאַראייגענען". אַז די ווערטער זענען אמת, האָבן אונדזערע חלוצים באַשטעטיקט. די ערד אַליין פון ארץ־ישראל האָט עס באַשטעטיקט. זי האָט נישט געלאָזן קיין שום פרעמדע האַנט זיך אין איר איינפלייצן; זי האָט ליבערשט אויסגעקליבן צו זיין פאַרוואָרלאָזט, פאַרדאַרט און פאַרטריקנט, איידער פרעמדע הענט זאָלן פירן איבער איר קערפּער אַן אַקעראייזן. נאָר די חלוצים, אָט די געטרייע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק, האָט די ערד פון ארץ־ישראל צוגעלאָזן צו זיך, האָט זיך מיט זיי באַהאָפטן און האָט באַנייט דעם אייביקן בונד פון ישראל סבא מיט איר און האָט צוריק אָנגעהויבן בליִען און פּרוכטבאַר צו זיין.

וואָס עס זאָל נישט האָבן פּאַסירט אין ציוניזם, וועלכע קריזיסן די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג זאָל נישט האָבן דורכגעמאַכט, וואָס פאַר אַ עליות און ירידות עס זאָלן נישט פאַרקומען, האָט זיך תמיד געפונען אַ כוח, וואָס

האָט מיט זיין אַרבעט, מיט זיין פלייס, מיט זיין איבערגעגעבנקייט און עקשנות, מיט זיין טיפן גלויבן און שטאַרקן ווילן גובר געווען אַלע קריזיסן, האָט דער־מוטיקט און סטימולירט אַלעמען צו אַרבעט פאַר דער גרויסער אידייע — פאַר ציוניזם.

צום צענטן יובל פון „החלוץ" האָט בערל כצנלסון ע"ה געזאָגט צווישן אַנדערן: „מיט רעכט האָט דער „החלוץ" באַשטימט צו פייערן זיין צענטן יובל אין דעם הייליקן טאָג פון תל־חי. דאָס איז דער היסטאָרישער טאָג אין קאַלענדאַר פון יידישן פאָלק. נישט דער טאָג פון מאַנדאַט, נישט דער טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, סימבאַליזירן די חלוצישע באַוועגונג. נאָר דער טאָג, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אַליין געגעבן, דער טאָג, אין וועלכן ישראל האָט זיך באַנייט און איז געהייליקט געוואָרן דורך זיינע העלדן".

זינט יענעם טאָג אין תל־חי האָט די חלוצישע באַוועגונג, דער גאַנצער ישוב אין ישראל געהאַט פיל טעג, אין וועלכע ארץ־ישראל איז געהייליקט געוואָרן דורך די קרבנות פון די זין און טעכטער פון פאָלק ישראל, וועלכע האָבן זיך געאָפּפערט אויפן מזבח פון יידישער ווידעראויפלעבונג פאַרן אייביקן קיום פון יידישן פאָלק און פאַר דער באַנייונג פון יידישער מלוכהשאַפט.

אַקער וועט באַזיגן שווערד

אין נגב איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערונג לכבוד אַ גרויסן נצחון, וואָס איז מיט מי דערגרייכט געוואָרן: אַ נצחון איבער דער וויסטעניש, אַ נצחון פון מענטשלעכן מי און מאַטער, אַ נצחון פון גרויסער אָנשטרענגונג, פון עקשנות און שווייס איבער דער ווילדעניש פון דער נאַטור אין נגב, אַ נצחון פון אַרויסבאַקומען קאָרן פון דער ערד אין נגב.

אין די שווערע צייטן, וואָס מדינת ישראל מאַכט דורך אין גרויסן געראַנגל מיט די אַראַבישע שונאים, בעת פון אַלע זייטן ווערט די יונגע מדינה באַדראָט פון סכנות, אין דער צייט איז דערגרייכט געוואָרן אַ גרויסער נצחון נישט אויפן שלאַכטפעלד, נאָר אַ זיג איבער דער ערד; נישט קאַנאָנען, האַרמאַטן און ביקסן האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל, נאָר וואַסער איז געווען דער הויפּט־כלי־זין אין דער דאָזיקער מלחמה מיט דער ערד, וואָס די יונגע ייִדישע מדינה פירט דורך אירע ערד־אַרבעטער.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען אין נגב וועלן פון היינט אָן פּראָדוצירן מער ברויט. דריי מאָל אַזוי פיל ווי ביז איצט. אויך ווייץ איז אין נגב געוואַקסן צוויי מאָל מערער ווי פריִער.

די ידיעה זאָגט פאָרויס, אַז אין נאָענטן מזרח וועט דער גורל פון דער באַפעלקערונג נישט באַשטימט ווערן דורך קאַנאָנען, דזשעט־עראָפּלאַנען און אונטערוואַסער־שיפן, פון אַמעריקע אָדער פון סאָוועט־רוסלאַנד. דער גורל פון דער באַפעלקערונג וועט באַשטימט ווערן דורך דער מענטשלעכער עקשנות און פראַצע, דורך דער אָפּפערווייליקייט, דורך חלוצישן פלייס, וואָס זוכט אַרויסצוברענגען פון די ווילדערנישן וואָס מער שפע פאַרן ווײַלזיין פון דעם מענטש.

דעם געראַנגל מיט דער נאַטור האָבן אונדזערע חלוצים אָנגעהויבן מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק; זיי האָבן אויסגעטריקנט מאַלאַריע־זומפּן און זיי פאַרוואַנדלט אין בליִענדיקע פעלדער און גערטנער. די דאָזיקע חלוצישע טאַט האָט טריט ביי טריט דערגרייכט די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל. דער זעלבער חלוציזם וועט פאַרזיכערן ביז צום סוף פון אַלע אייביקייטן דעם גורל פון מדינת ישראל. און קאַנאָנען, פון וואַנען זיי זאָלן נישט קומען, וועלן נישט זיין בכוח צו צעשטערן דעם גרויסן נצחון פון חלוצישע מעשים, וואָס ווערן דערגרייכט אין די וויסטענישן פון נגב.

חלוצישע אינזשענירן און טעכניקער פון מדינת ישראל געפינען זיך אין בורמאַ און לערנען די בירמאַנער ווי אַזוי אויסצוטריקענען זומפן און ווי אַזוי צו באַאַרבעטן די פעלדער. די רעגירונגען פון ישראל און פון בורמאַ פּלאַנירן צוזאַמען אַ פּראָגראַם פון טעטיקייטן ווי אַזוי צו פאַרזייען אויף אַ מיליאָן אַקער־באָדן אין בורמאַ ווייץ, וואָס זאָל געשיקט ווערן קיין ישראל. דאָס דאָזיקע באַווייזט ווי אַזוי די רעגירונגען פוןביידע לענדער טראַכטן וועגן דער צוקונפט פון זייערע באַפעלקערונגען, זיי טראַכטן ווי אַזוי קאָנסטרוקטיוו צו פאַרבעסערן און צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון זייערע איינוווינער. אַנדערש אָבער זעט אויס די לאַגע אין די אַראַבישע לענדער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פּלענער פון דעסטרוקציע, ווי אַזוי חרוב צו מאַכן די דערגרייכונגען פון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע און צו שפּרייטן אומקום, חורבן און אונטערגאַנג פון מענטש און זיינע דערגרייכונגען.

אין די אַראַבישע לענדער ווערן אַראָפּגעבראַכט טעכניקער און ספּעציאַליסטן, נישט מיטן צוועק צו לערנען דער באַפעלקערונג ווי אַזוי צו טריקענען זומפן און מאַלאַריע־בלאָטעס, ווי אַזוי צו באַאַרבעטן די פעלדער, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דורך מענטשלעכן שווייס, מי און מאַטער וואָס מער פון דער נאַטור־שפע, נאָר די טעכניקער און ספּעציאַליסטן פאַרנעמען זיך מיט לערנען דער באַפעלקערונג ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די געפערלעכסטע משחיתים פון דער קריג־אינדוסטריע, וואָס דאַרף צעשטערן און חרוב מאַכן מענטשלעך לעבן.

די גרויסמאַכטן פון דער וועלט, פון מזרח און מערב, פירן צווישן זיך אַ געיעג פון שיקן וואָפן, פון שיקן טעכניקער, וואָס זאָלן מושטירן סאָלדאַטן און זיי צוגרייטן פאַרן שלאַכטפעלד.

אַנשטאָט צו שיקן אַקעראייזנס און שנייד־מאַשינען, וועלכע זאָלן שניידן מיט געזאַנג דאָס פאַרזייטע מיט שווייס, ווערן געשיקט קאַנאָנען, וועמענס ציל עס איז צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט.

אין דעם גרויסן פאַרמעסט, וואָס גייט אָן זינט דורות און יאָרן צווישן דער שווערד און אַקעראייזן, זענען מיר זיכער, אַז סוף־סוף וועט זיגן דער אַקעראייזן, אַז עס וועט ענדלעך מקוים ווערן די נבואה פון דער גרויסער יידישער וויזיע, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די שווערד וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַקעראייזן.

די אייניקלעך פון ישעיהו הנביא, וואָס האָט די וויזיע געבראַכט צו דער וועלט, אונדזערע ערד־אַרבעטער אין ישראל, ווייזן דעם מוסטער און דעם וועג ווי אַזוי דאָס זעלבע אייזן קען אַנשטאָט צו מאַכן פון איר אַ שווערד צו פאַרגיסן בלוט פון מענטש, בעסער פאַרנוצט ווערן פאַר מאַכן אַן אַקער, וואָס

זאָל זיך איינשניידן אין די וויסטענישן און אַרויסבאַקומען פון דער ערד די גרויסע שפע פון פּראָדוקטן, וואָס זאָל פאַרזיכערן דעם קיום פון מענטש.

די גרויסמאַכטן פון דער וועלט האָבן געמעגט לערנען פון אָט דער אַר־בעט, פון דער גרויסער חלוצישער טאַט פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג, וואָס טראָגט מיט זיך דעם אָנזאָג און די וויזיע פון אונדזערע נביאים וועגן נצחון פון עקשנות און שוויס איבער וויסטעניש און בלוט.

דער ערשטער אָנזאָג פון גאולה

ווען דער ענגלישער פרעמיער לאָיד דזשאָרזש האָט געפרעגט ד״ר חיים ווייצמאַנען — דעם פּראָפעסאָר פון כעמיע אויף דער אוניווערזיטעט פון מאַנטשעסטער — מיט וואָס ער קען אים באַלוינען פאַר זיין וויכטיקער דער־פינדונג, וואָס האָט געבראַכט גרויס נוצן אין דער קריג־פירונג פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה, האָט אים ווייצמאַן געענטפערט: „פאַר מיר גאָרנישט, נאָר אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר מיין פאָלק״.

דעם 2טן נאָוועמבער פון יאָר 1917 האָט לאָרד ראָטשילד באַקומען צו־געשיקט אַ דעקלאַראַציע, אונטערגעשריבן פון אַרטור דזשיימס באַלפור מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„די רעגירונג פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט באַצ:ט זיך גינסטיק צו דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל און וועט מיט אירע בעסטע כוחות מיטהעלפן צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק, אָבער מיטן בפירושן באַדינג, אַז עס זאָל נישט געטאָן ווערן קיין זאַך, וואָס איז עלול אָנצורירן די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון די נישט־יידן אין ארץ־ישראל, אָדער די רעכט און פּאָליטישן סטאַטוס פון יידן אין יעדן אַנדער לאַנד. איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין ווען איר וועט דאָס ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע״.

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד נישט נאָר ביי ציוניסטן, נאָר ביי אַלע יידן אויף דער וועלט. אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע פאָלק ישראל געזען דעם אָנהייב פון גאולה, דעם אָנהייב פון נאַציאָנאַלן תחית־המתים אויף זיין אייגענער היס־טאָרישער ערד, אין דעם לאַנד פון די אבות — אין ארץ־ישראל.

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געקלונגען ווי אַ משיח־רוף צו אַלע גע־רודפטע און געפּלאָגטע יידן איבערן ערד־קוגל, זיי זאָלן קומען אַהיים, זיך באַזעצן אויף אייגענער ערד, אונטער אַן אייגענעם הימל און אויסבויען די נאַציאָנאַלע היים, די זעלבסטשטענדיקע און פרייע יידישע מלוכה פאַרן יידישן פאָלק. דער דאָזיקער רוף איז געהערט געוואָרן פון טויזנטער און טויזנטער באַגייסטערטע יידן, וועלכע זענען פון אייראָפּע און פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט געפאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך געשטעלט צו דינסט פאַרן אויפ־בוי פון יידישן היימלאַנד.

* * *

די אָנפראַגע פון לאָיד דזשאָרזש ביי חיים וויצמאַן וועגן אַ באַלוינונג פאַר זיין נוצלעכער דערפינדונג פאַרן מיליטער איז נישט געווען דער ערש־טער צוזאַמענטרעף פון וויצמאַנען מיט די שטאַטסמענער און פירער פון דער ענגלישער קרוין, נאָך אין יאָר 1916, בשעת וויצמאַן איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין ענגלאַנד, האָט ער געהאַט אַן אודיענץ ביי באַלפורן. דער גע־שפרעך איז געווען פון פריער באַשטימט אויף אַ פערטל שעה. דער שמועס האָט אָבער געדויערט מער ווי אַ שעה. אין זיינע זכרונות דערציילט וויצמאַן פון דעם געשפרעך:

„באַלפור האָט זיך געוווּנדערט, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג און דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צום אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. בעת די ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט די כוונה מיט אוגאַנדאַ צו פאַר־קלענערן די יידישע מיזעריע". וויצמאַן האָט דאַן פאַר באַלפורן פונאַנדערגע־וויקלט די פרשות פון דעם יידישן גלויבן אויף וועלכן עס איז באַזירט אויך דער מאָדערנער ציוניזם. צווישן אַנדערס האָט אויך ד"ר חיים וויצמאַן געזאָגט: „ווען משה רבינו וואָלט געווען אויפן זעקסטן קאָנגרעס, בעת מען אַקצעפּטירט, אַז אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע זאָל דעלעגירט ווערן קיין או־גאַנדאַ, וואָלט ער אויפדאָסניי צעבראָכן די לוחות. ארץ־ישראל האָט אַ מאַגישע און ראָמאַנטישע אַטראַקציע פאַר יידן. אונדזער געשיכטע באַשטייט אין אונדזער צוגעבונדנקייט מיט ארץ־ישראל. מיר האָבן צוליב דעם געליטן, אָבער מיר האָבן געהאַט דעם פולן בטחון אין דעם קומענדיקן טריאומף". וויצמאַן האָט בעת יענעם היסטאָרישן געשפרעך מיט אַרטור דזשיימס באַל־פור צו אים אַ זאָג געטאָן: „הער באַלפור! צי וואָלט איר אָנגענומען פּאַריז, ווען מען גיט עס אייך אין אַן אומבייט פאַר לאָנדאָן?" באַלפור האָט זיך צוריקגעוואָרפן אויפן שטול און געזאָגט: „אָבער ד"ר וויצמאַן, מיר האָבן דאָך לאָנדאָן?" אויף דעם האָט אים וויצמאַן געענטפערט: „אמת, איר האָט לאָנדאָן, מיר אָבער האָבן געהאַט ירושלים, ווען לאָנדאָן איז נאָך געווען אַ זומפּ".

זינט 1916, האָט וויצמאַן ע"ה צוזאַמען מיט פירנדיקע ציוניסטן פון ענגלאַנד און פון דער וועלט־באַוועגונג געפירט געשפרעכן מיט ענגלישע מלוכה־מענער וועגן אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

* * *

נישט לאַנג ליידער האָט געדויערט די גרויסע פרייד ביי יידן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. באַלד האָבן די אַראַבער אין צייכן פון פּראָטעסט אָנ־געהויבן עקסצעסן קעגן יידן אין ירושלים און אין אַנדערע פלעצער פון ארץ־

ישראל, און די ענגלישע מאַכט איז נישט אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַראַבי־שער פּאָגראָם־באַנדע. זי האָט אַפילו פאַרוועדט די ייִדן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, וואָס זאָל זיך ווערן קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער. און דאַן האָט זיך עס אָנגעהויבן: דעם 29טן פעברואַר פון יאָר 1920, איז אַן אַראַבישע באַנדע באַפאַלן די ייִדישע קאָלאָניעס: אין מתולה און תל־חי אין צפון גליל און דערהרגעט זעקס מיטגלידער פון אַ קאָלעקטיוו, צווישן זיי יוסף טרומ־פּעלדאָר. דעם 4טן, 5טן און 6טן אַפּריל פון זעלבן יאָר, איז אין ירושלים געהרגעט געוואָרן פון אַראַבישע רוצחים אַ צאָל ייִדן. אָנהייב חודש מאַי פון יאָר 1921 איז אין דער שטאָט יפו פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם פון אַראַבער אויף ייִדן און דאַן איז צווישן די קרבנות אויך געווען דער שריפטשטעלער י. ח. ברענער ע"ה.

אין דער זעלבער צייט ווען די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג האָט באַ־קומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט זיך גלייכצייטיק צעבושעוועט דער אַראַבישער טעראָר, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַ רוצחישן פּראָטעסט נישט צו דערלאָזן ייִדן אויסבויען זייער היימלאַנד. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע אַראַבישע שטערונגען און די העמונגען פון דער ענגלישער רעגירונג, איז די איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל אָנגעגאַנגען דורך פאַרשיידענע וועגן: לע־גאַלע און „אומלעגאַלע", אָן איבעררייס. עס זענען צוגעקומען מענטשן אין די שטעט און עס זענען געבויט געוואָרן קאָלאָניעס, קיבוצים און קבוצות. דעם וווּנדער האָט באַשאַפן, ווי עס פאָרמולירט עס ריכטיק פּראָפעסאָר ש. דוב־נאָוו: „דאָס פאַרבינדן פּראַקטיש די אידעאַלן פון ציוניזם און סאָציאַליזם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס".

דרייסיק יאָר האָט געדויערט דער שווערער וועג פון בהדרגהדיקער אַר־בעט, אונטער אַראַבישן טעראָר, באַגלייט פון שטערונגען פון דער ענגלישעד מאַנדאַטאָר־מאַכט, ביז עס איז געקומען דער היסטאָרישער באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער, — די „אונ" — וועגן אַ ייִדישער מלוכה אין ארץ־ישראל, און דער גרויסער נצחון וואָס די זין און טעכטער פון ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט די זין און טעכטער פון צע־זייטן און צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק איבער דער וועלט, וואָס האָט געשטראָמט פון אַלע עקן פון כדור הארץ צו־הילף, און צוזאַמען האָבן זיי מנצח געווען די אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער, וועלכע זענען באַפאַלן ישראל און דער־מיט פאַרזיכערט דעם קיום פון מדינת ישראל!

* * *

„דאָס קאַפּיטל גרויס־בריטאַניע און ייִדן — שרייבט דר. יעקב העלמאַן אין זיין ספר ירושלים — געהערט צו די שענסטע און מיאוסטע קאַפּיטלען פון אונדזער לעבן. פון איין זייט האָט געפּרעגט דער באַרימטער מלוכה־מאַן ס מ א ט ס, דער פּרעמיער פון זיד־אַפריקע: צי עס איז דאָ נאָך אַ פאָלק וואָס איז אַזוי פעיִק ווי די ענגלענדער צו פאַרשטיין ייִדן און זייער תורה. אין דעם נשמה־אוצר פון דער ייִדישער וועלט איז איינגעקריצט די ריינע, גרויסע באַלפור־געשטאַלט, וואָס איז דאָך נישט מער ווי אַ ירושה פון פריִערדיקע גרויסע ענגלענדער, וועלכע האָבן טעאָרעטיש און פּראַקטיש געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל מוז געהערן צום פאָלק ישראל. פון דער צווייטער זייט זענען אָבער אויך אין די הערצער פון ייִדישן פאָלק איינגעקריצט די גזירות פון די פאַרשיידענע ווייס־ביכער פון פאַרשיידענע רעגירונגען פון דער ענגלישער קרוין וואָס האָבן געלייגט דערנער און שטיינער און געשטערט אויף יעדער אופן אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פון ייִדישן היימלאַנד און נישט דערפילט די התחייבותן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע און די פליכטן, וואָס ענגלאַנד האָט אויף זיך גענומען ביים איבערנעמען דעם מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל.

אין זכרון איז אויך פאַרבליבן די רשעותדיקע האַנדלונג פון דער רעגי־רונג פון מעכטיקן ים־פאָלק — ווי עס זענען די ענגלענדער — קעגן די טויזנטער און טויזנטער מעפּילים, די אומגליקלעכע וואַנדערער, די וועלכע האָבן זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון ים צום ייִדישן היימלאַנד, אויס־געלייזט צו ווערן פון אַלע גלותן. און די רעגירונג פון זיין קעניגלעכן מאַ־יעסטעט האָט זיי פאַרטריבן פון די ארץ־ישראלדיקע ברעגן. עס איז פאַר־בליבן אין זכרון דער גרויסער געשריי פון די 4554 אומגליקלעכע פליטים, פּאַסאַזשירן פון דער שיף „עקזאָדוס", ווען די פּאַטרול־שיפן פון דער ענג־לישער ים־בלאָקאַדע האָבן אויסגעשפּירט. די שיף איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם שווערן, עקשנותדיקן קאַמף פון דער ייִדישער „העפּלה" קעגן דער בריטישער בלאָקאַדע, דער סימבאָל פון ייִדישער גבורה, פון נישט אונטער־געבן זיך טראָץ אַלע יסורים און ליידן.

ווי האָט דער פּאָעט יצחק פערלאָוו, וועלכער האָט אַליין אָנטיילגענומען אין דעם קאַמף אויף דער שיף „עקזאָדוס" אויסגעזונגען די העלדישע עקזאָ־דוס־עפּאָפּייע:

פון רוסלאַנד און פּוילן, פון עסטרייך און ליטע,
פון טשעכן, רומעניע, פון עסטרייך און דייטש,
פון פייער און וואַסער, פון קויל און פון בייטש —
עס גייען די רעשטלעך, די שארית האומה,

שארית הייִדן פון אונטערגאַנג גייט
ווו עלטערן? קינדער? ווו פעטער, ווו מומע?
אַ וועלט טייל אַ גאַנצער מיט קברים פאַרזייט.
צום ראַנד, ווו זון גייט אויף יעדן באַגינען,
טראָגט זיך די דייזשע, דער מולטער, די שיף...
דער ים ווערט אַ בריוו־טרעגער: דעם אַדרעס געפינען
און ברענגען דאָס שיפל, אַזוי־ווי אַ בריוו...
אַ בריוו פון גיהנום, ווי יעטוועדער עולה,
אַן אות איז, אַ פראַגע, אַ פונקט, אַ געשריי: —
דאָס פאָלק איז דערוואָרגן געוואָרן אין גרוילן
און מיר דאַרפן ליבן און טראָגן דעם וויי! — — — —

אין זכרון איז פאַרבליבן די שרעקלעכע רשעותדיקע טאַט פון דער ענג־לישער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט צוריקגעשיקט די שיף „עקזאָדוס" מיט ייִדישע פליטים צוריק אויף דייטשישער ערד, וואָס איז אויסגעווייקט מיט אומשולדיק פאַרגאָסן ייִדיש בלוט פון די היטלער־הענקער.

אָבער אין אונדזער זכרון איז אויך פאַרבליבן די טיפע פריינטשאַפט פון אַ סמאַטס, פון וועדזשוווד, פון לאָיד דזשאָרזש, פון אַרטור דזשיימס באַלפור און פון אַלע די מלוכה־מענער און פון ענגלישן פאָלק, וועלכע האָבן אין ארץ־ישראל געזען די וויזיע פון אַ ייִדישער מדינה, הגם עס זענען נאָך קיין סך ייִדן נישט געווען, און וואָס האָט געפונען דעם תמציתדיקן אויסדרוק אין דער דעקלאַראַציע פון יאָר 1917, וואָס האָט קאָנסטאַטירט אַ היסטאָריש געשעעניש און געהערט צו די שענסטע בלעטער פון דער וועלט־געשיכטע.

* * *

עס ליגט שוין אַזוי אין בלוט פון אונדזער פאָלק, צו פאַרגעסן דאָס שלעכטע און תמיד פאַר אַלע דורות מכיר־טוב צו זיין דאָס גוטע. מיין רבי עליו השלום, ווען ער האָט געזאָגט דעם פסוק: „זכור את אשר עשה לך עמלק" — דו זאָלסט געדענקען וואָס עמלק האָט צו דיר געטאָן — האָט ער באַלד נאָכגעזאָגט אַ יהי רצון, אַז דער רבונו של עולם זאָל אים אויס־היטן אַפילו פון דער מחשבה פון נקמה. און דערפאַר האָט ער געטייטשט אַז ביים זכור דאַרף אַ ייִד אויך געדענקען, אַז ביי ייִדן איז קיין נקמה נישטאָ.

אין מדרש שמואל ווערט געבראַכט: אַז דערפאַר, וואָס חנה האָט זיך נישט נוקם געווען אין פנינהן און איר נישט נאָכגעטראָגן קיין שנאה, האָט זיך דער בורא עולם צוגעהערט צו איר תפילה וואָס זי האָט געבעטן פאַרן געזונט פון פנינהס קינדער!

צ י ו נ י ס ט ן

מיר פאַרצייכענען די היסטאָרישע באַלפור־דעקלאַראַציע, מיט אַ געפיל פון פריינטשאַפט, מיט אַ געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט צום ענגלישן פאָלק צו די אַלע מלוכה־מענער פון דער בריטישער קרוין, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ טיפע פאַרשטענדעניש צו דער אידייע פון ציוניזם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער דעקלאַראַציע פון איינעם פון אירע שענסטע זין, פון איינעם פון אירע לעצטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם אַריסטאָקראַטישן טיפּ פון די פּאָליטישע פירער פון דעם ענגלישן פאָלק: אַרטור דזשיימס באַלפור.

יהי זכרו ברוך!

טרערן אויף אַ ציוניסטישן צוזאַמענפאָר

אין ווייטן בראַזיל האָט עס פּאַסירט, אין דעם האַרציקן ייִדישן ישוב, ווו ציוניזם איז טיף פאַרטייעט אין ייִדישע הערצער, דאָרט האָבן דעלעגאַטן אויף אַ ציוניסטישן כינוס געוויינט, ווען די חלוקי־דעות האָט געפירט צו דעם, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל איבערגעריסן ווערן.

די מיינונג־פאַרשיידנקייטן פון די דעלעגאַטן איז געווען איבער אַ רייך־אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע, נעמלעך: צי מען זאָל יאָ אָדער נישט אָפּטיילן דעם קרן־היסוד פון דער פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — אָבער די חלוקי־דעות, וואָס האָט געפירט איבערצורייסן דעם צוזאַמענפאָר האָט שטאַרק ווי גטעאָן אַ צאָל דעלעגאַטן; זיי האָבן דערפילט, אַז עס ווערט אָנגערירט די אייניקייט אין ציוניזם, וואָס איז אַזוי וויכטיק און לעבנס־נויטווענדיק פאַר די אינטערעסן פון מדינת ישראל און פאַרן ייִדישן פאָלק.

די טענה פון דעלעגאַטן, אַז מיטן אַוועקנעמען קרן היסוד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נעמט מען אַרויס די נשמה פון ציוניזם, איז כאַראַקטעריסטיש און טיף באַלערנדיק פאַר דעם מהות פון ציוניזם, וואָס ווערט זינט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל אַזוי פיל דיסקוטירט, וואָס איז שוין באַלד אַריין אין אַ פאַזע פון אַן ענדלאָזן וויכוח.

ציוניזם — האָבן מאַנכע דעלעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר געטענהט — האָט אין אַלע יאָרן פון דער אַמאָליקער גאָלדענער תקופה געבראַכט צום אויסדרוק דעם אחריות־געפיל דורך אָנגעשטרענגטע מעשים בכל יום צו מאָביליזירן וואָס מער מיטלען פאַר דעם חלוצישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל.

די מאָביליזאַציע פון מיטלען פאַרן אויפבוי און פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון אונדזער אויף אייביק פאַרבלייבנדיקער מדינת ישראל איז אַ ציוניסטישע טאַט. דעלעגאַטן האָבן געטענהט, אַז זינט די בראשית־יאָרן פון ציוניסטישן קיום אין בראַזיל, האָבן ציוניסטן ראשית כל זיך פאַרנומען מיט דער מיפּולער אָנשטרענגונג צו מאָביליזירן וואָס מער מיטלען פאַרן אויפבוי פון אונדזער נאַציאָנאַלן ווערק.

דער שטרייט איז טאַקע געווען אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער, וואָס האָט אָבער לויט דער אויפפאַסונג פון פיל דעלעגאַטן אָנגערירט דעם תוך פון ציוניזם, זיין נשמהדיקייט און ווען דער וויכוח אין דער שטרייט־פראַגע האָט זיך צעפלאַקערט און מען האָט צווישן זיך נישט געקענט דורכקומען און דער־

פאַר געמוזט דעם צוזאַמענפאַר איבעררייסן, האָבן מאַנכע דעלעגאַטן געווינט מיט ביטערע טרערן. עס האָט זיי פאַרקלעמט ביים האַרצן, זייער ציוניסטיש געוויסן האָט אַ דרוק־געטאָן און זיי האָבן זייערע געפילן פון ציוניסטישער אחריות און דיסציפלין געבראַכט צום אויסדרוק דורך טרערן.

ווער עס קען די ציוניסטן פון בראַזיל, ווייסט וויפל איבערגעגעבנקייט און וויפל ציוניסטישע התלהבות זיי טראָגן אין זייער האַרץ. זייער פיל ציוניסטן האָבן זייער ליבע צו ארץ־ישראל נאָך מיטגעבראַכט פון זייער אַלטער היים, פון די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, פון רומעניע און בעסאַראַביע, ווו ציוניזם איז געווען דער באַנייטער חסידיזם אין יידישן לעבן, ווו יידישע יונגעלייט פון די שטיבלעך און בתי־מדרשים פון די אָרעמע קלייטלעך און וואַרשטאַטן, האָבן אָנגעפילט די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט אַ סך ענטוזיאַזם, מיט גרויס באַגייסטערונג באַוויזן צו אַנטוויקלען אַזאַ ריזיקן כוח איינגעהילט אין טיפער אחריות, אַז נאָך היינט צו טאָג אָטעמען מיר מיטן אָטעם פון דער אַמאָליקער ציוניסטישער איבערגעגעבנקייט. יידן אין בראַזיל, דער אוואַנגאַרד פון זיי — די ציוניסטן, טראָגן אין זייערע הערצער דעם ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג. אויך די ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, ווי „וויצאָ" און די פרויען־פיאָנערן, וועלכע בילדן אַ גאַר בכבודיקן טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין בראַזיל, — די אָרגאַניזאַציעס וועמען מען רופט „די בינען פון ציוניזם" — די שטענדיק טעטיקע, די תמיד אַקטיוויסטע אין יעדער אַרבעט און אין יעדער אונטערנעמונג, טראָגן אין זיך זייער פיל פון דער ציוניסטישער התלהבות, וואָס מיר זענען געווען געוווינט צו זען אין די מזרח־טיילן פון פאַר־מלחמהדיקער אייראָפּע. באַריכטן גיבן איבער, אַז אויך ביי אַ סך פרויען־דעלעגאַטנס אויפן צוזאַמענפאַר האָט מען געמערקט טרערן אין די אויגן — טרערן פון ציוניסטישער איבערלעבונג, טרערן פון ציוניסטישן געפיל־אויסגוס, טרערן פון צאַרטע יידיש־ציוניסטישע הערצער, וואָס לעכצן נאָך אייניקייט, נאָך געמיינזאַמער אחריות.

דער צוזאַמענפאַר פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין בראַזיל איז איבערגעריסן געוואָרן. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ ציטווייליקע לייטונג, וואָס דאַרף אָנפירן מיט די ציוניסטישע טעטיקייטן אין לאַנד ביז עס וועט פאַררופן ווערן דער צווייטער צוזאַמענפאַר פון די זעלבע דעלעגאַטן, וואָס דאַרף פאָרקומען בקרוב.

די פאַרגאָסענע טרערן אויפן צוזאַמענפאַר וועלן נישט גיין לאיבוד, זיי וועלן פילייכט זיין דער צעמענט פאַר צונויפשמידן די ציוניסטישע אחריות און דיסציפלין פון אַלע טיילן פון בראַזיליאַנער ציוניזם.

די פאַרגאָסענע טרערן אויפן ציוניסטישן צוזאַמענפאַר זענען אַן אויס־

דרוק פון טיף טליענדיקער ציוניסטישער פאַראַנטוואָרטונג און התלהבות אין די הערצער פון די טויזנטער חברים און חברות, אָרגאַניזירט אין די רייען פון ציוניזם אין בראַזיל.

די פאַרגאָסענע טרערן אויפן ציוניסטישן כינוס זאָגן עדות אויף דער וויטאַליטעט פון ציוניזם אין בראַזיל און פאַרזיכערן, אַז עס וועלן פאַרשווינדן אַלע שטורעמס און אַלע קריזיסן און ייִדיש לעבן אין בראַזיל וועט געפירט ווערן אין גייסט פון ציוניסטישער נאַציאָנאַלער אחריות און צוגעבונדנקייט מיט אומצערייסבאַרע פעדעם צו מדינת ישראל.

צייט צו שליסן דעם וויכוח

(דער אַנטי־ציוניזם פון „בונד")

דער „בונד" איז כידוע אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. עמעצער האָט אַמאָל זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז ווען דער „בונד" וואָלט געקומען אויף דער ייִדישער גאַס אַפילו אָן סאָציאַליזם אין האַרצן, וואָלט ער אויך דערפילט אַ היסטאָרישע אויפגאַבע אין ייִדישן אַרבעטער־לעבן. אַ גרויסער אמת ליגט אין דעם דאָזיקן זאָג, וואָרום ייִדיש לעבן ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, גאַנץ באַזונדערס דאָס ייִדישע אַרבעטער־לעבן, האָט זיך געגייטיקט אין אַ כוח, וואָס זאָל אַרויספירן ייִדן פון זייער צוגעשמידקייט צום דלות, פון זייער אַלט־פרענקישן לעבנשטייגער און אַריינברענגען אין יעדן אָרעמען ייִדישן הויז עפּעס נייעס, אַביסל דערמוטיקונג, אַ שטיקל גלויבן אויך אין דעם הווה — אין דער קעגנוואַרט, אַרויסנעמען ייִדן פון זייערע פינצטערע קעלער־שטיבלעך און זיי באַווייזן, אַז עס שיינט די זון; זיי דערציילן און אויפקלערן וועגן דעם סאָציאַלן יושר אויף דער וועלט און וועגן דעם קאַמף, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג פירט פאַר אַ בעסערן מאָרגן, אַ קאַמף קעגן קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג, קעגן אָרעמקייט און נויט, פאַר אַ שענער, ליכטיקער און בעסער לעבן אויף דער וועלט.

דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט דעם רוב מנין און רוב בנין פון ייִדישן פאָלק, האָט איבערגעלעבט שווערע צייטן, פּאָגראָמען אין די יאָרן 81־1884. יעדן טאָג און יעדע וואָך האָט מיט זיך געבראַכט ביטערע גזירות פון דער צאַרישער מאַכט אויף ייִדן. צענדליקער און צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן פאַרלוירן דאָס ברויט, גירושים און רדיפות זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. כראָניקער פון יענער תקופה דערציילן, אַז אַ שווערער יאוש האָט אַרומגעכאַפּט די הערצער פון מאַסן ייִדן. צווישן די ייִדישע פאָלקס־מאַסן אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך צו יענער צייט געפילט אַ טיפער פאַרלאַנג צו אַ שטיקל באַנייונג. אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער ח. נ. ביאַליק ע"ה האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „אַלע אונדזערע אינערלעכע געפילן האָבן דעמאָלט געבענקט נאָך אַ נביא".

די פרומע אָרטאָדאָקסישע וועלט פון איין זייט און די משכילים פון דער צווייטער זייט, האָבן געוווּסט נאָר פון איין אויפגאַבע, פון איין און אייב־

ציקער שליחות, נעמלעך: צו שטראָפן, צו זאָגן מוסר יידן. אַ צאָל פון דער יידישער אינטעליגענץ איז אַנטלאָפן פון יידנטום, אָדער געזוכט פון יידנטום צו אַנטלויפן, צו געפינען אַ פּלאַץ, אַ מקום מקלט ביי די פיינט פון יידן; זיי האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען פון אונטערדריקונג דורך אַסימילאַציע. אין דער דאָזיקער ביז גאָר שווערער צייט האָט זיך פון איין זייט באַוויזן פאַרן יידישן פאָלק ד״ר ט. הערצל ז״ל. מיט זיין „יידנשטאַט״, אין וועלכן ער האָט „באַלויכטן דעם פינצטערן יידישן האָריזאָנט״, האָט ער געוויזן דעם יידישן וועלט־פאָלק, סיי פון מזרח און סיי פון מערב, דעם וועג צו אַן אייגע־נער יידישער מלוכה. פון דער צווייטער זייט האָט זיך אין מזרח־אייראָפּע, בעיקר אין פוילן, ליטע און רוסלאַנד, באַוויזן דער „בונד״, וואָס האָט געהאַט אַ לחלוטין אַנדער רעצעפּט פאַר דער טרויעריקער יידישער ווירקלעכקייט.

* * *

דער „בונד״, ווי אַ יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, איז געקו־מען אויף דער יידישער גאַס מיטן צוועק פּראַקטיש אויסצוגלייכן די אַלע קרומקייטן אין דער יידישער געזעלשאַפט, צו באַווייזן אַז אַלע אָן אויסנאַם יידן, אָרעם און רייך, דאַרפן געניסן גלייך פון דער זעלבער רעכט אויף לעבן און עקזיסטענץ; אַז דער אָרעמער צוגלייך מיטן רייכן האָט די זעלבע רעכט צו געניסן פון דער לופט, פון דער זון און פון אַלץ וואָס איז פאַראַן אין די רייכטימער פון דער וועלט. נישט רחמנות, נישט באַרעמהאַרציקייט, נאָר גליי־כע רעכט — רעכט אויף לעבן און גענוס.

דער „בונד״ איז געקומען אויף דער יידישער גאַס אויסצוגלייכן „פּישקע דער קרומער״, צו מאַכן אים פאַר אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך. צו נעמען אַלע בעטלערס, קבצנים און אביונים, די אומגליקלעכע, די אַלע „נידעריקע״ פאַרשוינען פון קאַבצאַנסק און גלופּסק און זיי פאַרוואַנדלען אין פּראָדוקטי־ווע, לעבנפעיקע מענטשן; אַרויסשלעפּן פון זייערע הענט די „טאָרבע״ און זען, אַז פון זייער אַרבעט זאָלן זיי קענען פאַרדינען חיונה.

דער „בונד״ איז געקומען אויף דער יידישער גאַס מיט אַן אויפגאַבע אַרויסצונעמען יידן, יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס פון זייער פאַר־גליווערטקייט און זיי צו פאַרוואַנדלען אין אַ דינאַמישן כוח, וואָס קעמפט, וואָס איז נישט הכנעהדיק, וואָס האַלט נישט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, וואָס בוקט זיך נישט פאַרן באַלעבאָס, נאָר קעמפט פאַר זיין שטאַלץ, פאַר זיין לעבן און פאַר זיינע לעבנס־באַדינגונגען.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט דער „בונד״ געטריי דערפילט. מיר זענען עדות פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס דער „בונד״ האָט געטאָן פאַרן יידישן

אַרבעטער־קלאַס, פאַר די אָרעמע ייִדישע מאַסן אין פּוילן, ליטע און אין צאַ־רישן רוסלאַנד ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, און שפּעטער אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דער „בונד" האָט אויך זיין קרעדיט צו זיין פון די ערשטע ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע האָבן אויסגעלערנט דעם ייִדישן אַרבעטער צו שטרייקן, זיך צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעל און צוזאַ־מען מיט זיינע גורל־ברידער צו קעמפן פאַר בעסערע לוין־ און אַרבעט־באַ־דינגונגען. די ערשטע גאַרבער־ און בערשטער־שטרייקן זענען דורכן „בונד" אָרגאַניזירט געוואָרן. צום קרעדיט פון „בונד" געהערט אויך דער פאַקט, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט דעם ייִדישן אַרבעטער און האָרעפּאַשניק אין גאַס און האָט אים פאַרבונדן מיט דעם נישט־ייִדישן אַרבעטער אין געמיינזאַמען גורל־קאַמף פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט. דער „בונד" האָט געקעמפט צוזאַמען מיט נישט־ייִדישע אַרבעטער קעגן דער צאַרישער מאַכט, צוגלייך מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווי פּועלי־ציון און אַנדערע. דער „בונד" געהערט צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויף דער ייִדישער ווי אויף דער אַלגעמיינער גאַס, וועלכע האָבן אָנגעצונדן אין דעם ייִדישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש דעם נר־תמיד פון קאַמף־גרייטקייט פאַר אַ בעסער און שענער לעבן און פאַר אַ שענערער וועלט בכלל, — אַ וועלט, אין וועלכער דער מערוועדט וואָס קומט פון מענטשלעכן שוויס, פון מענטשלעכער מי און מאַטער זאָל אויף אַ גערעכטן אופן פונאַנדערגעטיילט ווערן. דער „בונד" האָט אויך צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־און דערציִונג־טעטיקייט צווישן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, האָט אָרגאַני־זירט אַ נעץ פון פאָלקס־שולן און פאָלקס־אוניווערזיטעטן. ער האָט אויך גע־פירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דעם האַלב־פאַשיסטישן אַנטיסעמיטישן רע־זשים, וואָס האָט געהערשט אין פּוילן, — ביז ס'איז געקומען היטלער און זיינע רוצחים, האָבן אָקופּירט פּוילן און דאָרט אומגעבראַכט מיליאָנען ייִדן, כמעט אַלע ייִדן, בלויז אַ גאָר קליינע צאָל האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט על פּי נס פון היטלערס נעגל. צווישן די מיליאָנען אומגעקומענע ייִדן אין פּוילן זענען אויך אויסגעגאַנגען די נשמות פון די טויזנטער און טויזנטער ייִדישע אַרבעטער, בעל־מלאכות און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן די אידעאַלן פון „בונד" געטראָגן אין האַרצן ביז צו זייער לעצטן נשמה־צאַפּל — ביז צו זייער אומקום!

* * *

פון צוויי קוואַלן האָט דער „בונד" געצויגן זיין יניקה: פון דער ייִדישער אָרעמקייט און פון אַנטי־ציוניזם. ביידע, סיי דער „בונד" און סיי דער פּאָלי־טישער ציוניזם, זענען אין איין און דער זעלבער צייט געקומען אויף דער ייִדי־

שער גאַס. דער „בונד" װי דער קעמפער פאַרן אַרבעטער און האַרעפאַשניק, און דער ציוניזם אַלס פאַרקעמפער און בויער פון פאָלק. דער „בונד" האָט געזאָרגט פאַר אַ חיי־שעה, צו לינדערן די נויטן פון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס אויף װיפל ער איז געװען, און דעם חיי־עולם פאַרבונדן מיט דער פאַרװירקלע־כונג פון סאָציאַליזם. ציוניזם האָט פאַר חיי־שעה געפירט דעם קאַמף אין מזרח־אײראָפּע פאַר נאַציאָנאַלע בירגערלעכע רעכט פאַר ייִדן אין יעדן לאַנד װוּ זײ געפינען זיך, בשעת דעם קאַמף פאַר די ייִדישע אַרבעטער און האַרע־פאַשניקעס האָבן געפירט די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטײען. דעם חיי־עולם פאַרן ייִדישן פאָלק האָט ציוניזם פאַרבונדן מיט דער אויפבוי פון אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישׂראל.

ציוניזם האָט געזען דאָס ייִדישע װעלט־פאָלק, דאָס היסטאָרישע פאָלק ישׂראל, װאָס איז פון זײַן היים פאַרטריבן געװאָרן, אַ פאָלק װאָס לײַדט אין אַלע צײַטן פון אַלע גלותן און דאַרף דעריבער אויפגעריכט װערן דורך באַ־נײַען זײַן היים אין דעם היסטאָרישן הײמלאַנד.

דער „בונד" האָט אָנגעהויבן אַ טעטיקייט אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד. נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה איז די אַרבעט פון „בונד" באַגרענעצט גע־װאָרן נאָר צו פּוילן. רוסלאַנד איז באַהערשט געװאָרן פון באָלשעװיזם, װוּ דער „בונד איז דערקלערט געװאָרן פאַר אומלעגאַל. אין אַנדערע לענדער פון גרעסערע ייִדישע ישובים האָט זיך עפּעס דער „בונד" נישט צוגעקלעפּט צום ייִדישן לעבן. ציוניזם דאַקעגן איז פון טאָג פון זײַן אַנטשטייונג געװאָרן אַ װעלט־באַװעגונג און האָט געפירט אַ טעטיקייט אומעטום, װוּ נאָר מען האָט געקענט פרײַ אַרבעטן.

דער ציוניזם װי אַ לעבנס־פילאָזאָפיע פאַר ייִדן האָט דעם „בונד" נישט באַקעמפט. ער האָט נאָר געהאַט מיטן „בונד" אַ היסטאָרישן װיכוח. דאָס פּאָזיטיװע פון „בונד" האָט ציוניזם תמיד אָנערקענט. עס האָט זיך נאָר גע־פירט דער װיכוח װעגן דעם „בונדס" אַנטי־ציוניזם, װאָס ער האָט נישט אָנער־קענט די ציוניסטישע אַרבעט און זיך באַצויגן מיט חוזק און שפּאָט צו דער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישׂראל. דער „בונד" דאַקעגן האָט באַקעמפט ציו־ניזם אויף יעדן שריט און טריט. דער קאַמף קעגן ציוניזם איז געװען אַ טייל פון בונדישן אני־מאמין.

* * *

דער „בונד" האָט געפירט אַ קאַמף פאַר „דאָיִקייט", פאַר לעבן אויף די ערטער, װוּ ייִדן געפינען זיך. צוליב דעם װאָס דער „בונד" איז געװען טעטיק נאָר אין פּוילן, האָט די „דאָיִקייט" אַלזאָ געמיינט פּוילן. ציוניזם האָט גע־פירט אַ קאַמף פאַר דאָ און דאָרט, פאַר נאַציאָנאַלע רעכט פאַר ייִדן אין זײערע

וווינערטער און פאַר דער אויפריכטונג פון אַ יידישער מלוכה. עס זענען, וואָס אַן אמת, אין ציוניזם געווען טענדענצן פון שלילת הגלות, פון נעגירן דעם גלות, אָבער באַדייטנדיקע טיילן פון ציוניזם און גאַנץ באַזונדער די ציוניס־טישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן קיינמאָל נישט געלאָזט דעם גלות נעגירן, נאָר האָבן געפירט אַ טעטיקייט אויך אויף די ערטער.

דער „בונד" האָט געזאָרגט פאַרן קיום פון יידישן אַרבעטער. זענען אָבער געקומען צייטן, ווען די צאָל יידישע אַרבעטער איז קלענער געוואָרן אין פּוילן צוליב דער שטרענגער אַנטי־יידישער רעגירונג־פּאָליטיק, ווען יידן זע־נען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע אַרבעט־פּלעצער, האָט דער „בונד" געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף, אָבער ליידער אָן רעזולטאַט. מיר וועלן קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן אַ פראַזע פון וויקטאָר אַלטער ע"ה — דער פירער פון „בונד" אין פּוילן. אין דער צייט פון פאַרהאַנדלונגען צו פאַרייניקן די יידיש־פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט אין פּוילן, וואָס איז צוליב ציו־ניזם געווען געשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן, אין אַ פּראָ־ציוניסטישן און אין אַן אַנטי־ציוניסטישן. וויקטאָר אַלטער האָט זיך דאַן אויסגעדריקט (האַרבסט פון 1937) אַז ער זעט אין די קיבוצי־הכשרה פון די יידישע חלוצים אין פּוילן דעם פּראָטעסט און ער הערט פון זיי דעם געשריי פון יידישער אַרבעטלאָזי־קייט. יידישע אַרבעטער זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון פיל פאַכן און אין פאַרשיידענע פאַכן האָבן יידישע אַרבעטער לחלוטין נישט געהאַט קיין צו־טריט. נישט אומזיסט האָבןביידע טיילן פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, סיי דער פּראָ־ציוניסטישער און סיי דער אַנטי־ציוניסטישער, זיך געמוזט פאַרנעמען מיט אַן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפט־לעכער טעטיקייט, און מיט דער הילף פון פינאַנץ־מיטלען, וואָס דער דזשאָינט האָט געגעבן, געזוכט צו געפינען אַרבעט־פּאָזיציעס פאַר אַרויסגעשטויסענע יידישע אַרבעטער דורך בויען קאָאָפּעראַטיוון וכדומה. מען דאַרף ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען, אַז אָפטמאָל איז אויסגעקומען צו זאָרגן סיי פאַרן אַרבעטער און סיי פאַרן באַלעבאָס, ווייל ביידע זענען געווען קרבנות פון דער אַנטיסימיטישער אַרויסשטויס־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג.

* * *

ציוניזם האָט געצויגן זיין יניקה פון פאָלק. דער יידישער מלוכה־געדאַנק האָט צוגעצויגן אָנהענגער פון אַלע קרייזן און שיכטן פון יידישן פאָלק, דעם פאָלקס־מענטש און דעם אַרבעטער, דעם קליינהענדלער און סוחר, דעם סטו־דענט און די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. דער ציוניזם, ווי הערצל האָט עס פאָרמולירט, האָט באַצויבערט און צוגעצויגן גרויסע מאַסן יידן, האָט

משפּיע געווען אויף גרויסע טיילן פון ייִדישן פאָלק און האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע, נאַציאָנאַלע ייִדישע אויפלעבונג אין אַלע תּפוצות.

ס׳איז נישט דאָ די כּוונה צו שרייבן אַן אַנאַלאָגיע צווישן „ציוניזם און בונד". מיר ווילן נישט באַנייען דעם אַלטן וויכּוח. צו דעם דאָזיקן וויכּוח האָט ליידער, ליידער, היטלער און זיינע האָרדעס, ימח שמם, געמאַכט אַ סוף. מיטן אומקום פון פּוילישן ייִדנטום האָט אויפגעהערט דער וויכּוח צווישן די ביידע שיטות פאַר ייִדיש לעבן. די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל זאָגט אויך עדות, ווי ווייט נישט ריכטיק עס איז געווען די שיטה פון „בונד".

וואָס מיר זענען מכוון געווען איז אַרויסצוברענגען די פּאָזיטיווע ראָל, וואָס דער „בונד" האָט געשפּילט אין ייִדישן לעבן, און אונטערצושטרייכן, אַז אַחוץ דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־ציוניזם זיינעם, האָט ער דערפילט אַ גרויסע אויפגאַבע אין לעבן פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט. די פירער־שאַפט פון „בונד אין פּוילן האָט נישט פאָרויסגעזען, קיינער האָט נישט געקענט פאָרויסזען אַזאַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געקאָסט אונדזער פאָלק זעקס מיליאָן קרבנות, ציוניסטן, בונדיסטן און סתם ייִדן.

אין אָנבליק פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, האָט דער אַנטי־ציוניזם פון „בונד" געמוזט פאַרלירן גאָר אַ סך פון זיין שאַרפקייט. כאָטש פאַרעקשנטע בונדיסטן טרייסטן זיך מיט חלשות־טראָפּנס, מיט דער פאַר־מולע: „כאָטש מיר זענען פ אַ ר מדינת ישראל, בלייבן מיר נאָך אַלץ ק ע ג ן ציוניזם". שוין צייט צו שליסן דעם וויכּוח.

דער צווייטער שריט

(די „אונ"־דעקלאַראַציע פון 29סטן נאָוועמבער 1947)

דרייסיק יאָר מיט 27 טעג נאָך דער היסטאָרישער באַלפור־דעקלאַראַ־ציע האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער, די „אונ", וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַשלאָסן צו צעטיילן ארץ־ישׂראל אויף צוויי חלקים און צו עטאַבלירן דאָרט צוויי זעלבסטשטענ־דיקע מדינות: איינע אַ יִידישע און די צווייטע אַן אַראַבישע.

אין די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון דער „אונ", פון איר צווייטער סעסיע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק פון דעם 16טן סעפּטעמ־בער ביז דעם 29טן נאָוועמבער 1947, לייענען מיר צווישן אַנדערן:

מיטוואָך, דעם 26טן נאָוועמבער 1947, 11 אַזייגער אין דער פרי, האָט דער פּרעזידענט פון דער צווייטער סעסיע פון דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון דער „אונ", אָסוואַלדאָ אַראַניאַ פון בראַזיל, געעפנט די הונדערט און פיר און צוואַנציקסטע פּלענאַרע זיצונג. אויפן טאָג־אָרדענונג איז געווען דער פּונקט: „באַריכט פון דער קאָמיסיע וועגן דער פּאַלעסטינע־פּראַגע; דאָקומענט נומער א.516".

דער פּרעזידענט האָט גערופן צום וואָרט דעם פּאָרשטייער פון איזלאַנד ה' טאָהרס, וועלכער האָט באַריכטעט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט רעקאָמענדירט איר רעזאָלוציע פונאַנדערצעטיילן ארץ־ישׂראל און צו עטאַבלירן דאָרט צוויי שטאַטן: איינעם אַ יִדישן און דעם צווייטן — אַן אַראַבישן.

פיר טעג האָבן געדויערט די זיצונגען אַרום דעם איינעם פּונקט, פון מיטוואָך דעם 26טן ביז שבת דעם 29טן נאָוועמבער, פון יאָר 1947. אין משך פון די פיר טעג זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פינף פּלענאַרע זיצונגען.

די לעצטע, די 128טע פּלענאַרע זיצונג האָט זיך אָנגעפאַנגען שבת דעם 29טן נאָוועמבער, 4 אַזייגער נאָכמיטיק און האָט געדויערט דריי שעה. אויף דער זיצונג איז דורכגעפירט געוואָרן אַן עפנטלעכע אָפּשטימונג וועגן דער רעקאָמענדאַציע פונאַנדערצוטיילן ארץ־ישׂראל.

פאַר האָבן געשטימט: אויסטראַליע, בעלגיע, באָליוויע, בראַזיל, ווייס־רוסלאַנד, קאַנאַדע, קאָסטאַ ריקאַ, טשעכאָסלאָוואַקיע, דענעמאַרק, דאָמיני־קאַנער רעפּובליק, עקוואַדאָר, פראַנקרייך, גוואַטעמאַלאַ, האַיטי, איזלאַנד,

ליבעריאַ, לוקסענבורג, האָלאַנד, ניי־זעלאַנד, ניקאַראַגוואַ, נאָרוועגן, פּאַנאַמאַ, פּאַראַגוואַי, פּערו, פּיליפּינען, פּוילן, שוועדן, אוקראַינע, זיד־אַפריקע, פּאַריי־ניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אורוגוואַי, ווענעסועלאַ און סאָוועט־רוסלאַנד.

קעגן האָבן געשטימט: אַפגאַניסטאַן, קובאַ, עגיפּטן, גריכנלאַנד, אינדיע, איראַן, איראַק, לבנון, פּאַקיסטאַן, סאַודי־אַראַביע, סיריע, טערקיי און תימן.

אָפּגעהאַלטן פון שטימען האָבן זיך: אַרגענטינע, טשילע, כינע, קאָלאָמ־ביע, על סאַלוואַדאָר, עטיאָפּיע, האָנדוראַס, מעקסיקע, ענגלאַנד און יוגאָ־סלאַוויע.

מיט 33 שטימען פאַר, 13 קעגן און 10 אָפּגעהאַלטענע, האָט די „אונ" אור ליום י"ז כסלו תש"ח באַשלאָסן צו צעטיילן ארץ־ישראל און אין איין טייל עטאַבלירן אַ זעלבסטשטענדיקע ייִדישע מדינה.

מיט דרייסיק יאָר פריער, נעמלעך דעם 2טן נאָוועמבער 1917 האָט די היסטאָרישע באַלפור־דעקלאַראַציע אָנערקענט די רעכט פון ייִדישן פאָלק צו בויען אַ נאַציאָנאַלע היים אין די היסטאָרישע גרענעצן פון לאַנד אויףביידע זייטן פון ירדן. די מאַנדאַט־רעגירונג פון איר קעניגלעכן מאַיעסטעט פון גרויס בריטאַניע, האָט שפּעטער דעם עבר־הירדן אָפּגעטיילט פון ארץ־ישראל און דאָרט עטאַבלירט אַ באַזונדער מלוכה מיטן נאָמען „ירדן". מיט דריי צענד־ליק יאָר שפּעטער האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, די „אונ", באַשלאָסן צוצוטיילן דעם ייִדישן פאָלק אַ מער בצמצומדיקן שטח פאַר אַ ייִדישער מדינה, נעמלעך: 55% פון דעם פאַרבליבענעם טייל ארץ־ישראל מחוץ פון עבר־הירדן.

ס'איז זייער און זייער שווער געווען פאַר די פירער פון דער ציוניסטי־שער וועלט־באַוועגונג מסכים צו זיין צו אַזאַ קליינעם שטח. אָבער די נויט פון ייִדישן פאָלק, די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע אין די גאַז־קאַמערן פון היטלערס האָרדעס ימח שמם, דער שווערער מצב פון די על פּי נס לעבן־געבליבענע ייִדן, די שארית הפליטה, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע פּלעצער האָט געצוווּנגען מסכים צו זיין צו דעם באַשלוס. ווי ווערט געשריבן אין אונדזערע תפילות — מן המצר...

נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט פון אַקטיווער טעטיקייט, איז דער ייִדישער ישוב אין ארץ־ישראל און דער אַוואַנגאַרד פון ייִדישן פאָלק, די ציוניסטישע באַוועגונג, געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דעם אויפבוי און אין קאַמף פאַר ארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל, אַז ענגלאַנד האָט זיך געפילט געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל און דעם גאַנצן ענין איבערגעבן

פאַר אנטשיידונג צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער, די קער־פערשאַפט וואָס האָט די אַנטשיידונג געמאַכט.

* * *

דעם 29טן נאָוועמבער 1947 איז געוואָרן אַ נייע היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. דער היסטאָרישער באַשלוס פון דער „אונ" איז אויפגענומען געוואָרן מיט פיל פרייד פון גאַנצן פאָלק ישראל. יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין די גרויסע פייערונגען, וואָס דער ישוב אין ארץ־ישראל און ייִדן איבער דער גאָרער וועלט האָבן איינגעאָרדנט.

איין מענטש אין ישראל האָט זיך נישט באַטייליקט אין די פייערונגען פון ישוב. איין מענטש, וועלכער איז געבליבן ביי זיך אין הויז אין תל־אביב, פאַרטיפט אין פּראָבלעמען, אין גורל־פראַגן, וואָס זענען דאַן געווען פאַרבונדן מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה, פראַגן פון זיכערקייט און שוץ, פּראָבלעמען פון אָרגאַניזירן וואָס שנעלער די קאַמפּס־טרופּן, אויפשטעלן אַן אַרמיי, קריג־אַמוניציע, מכשירים מיט וואָס מלחמה צו האַלטן.

דער מענטש איז געווען דוד בן־גוריון, דער הייַנטיקער פּרעמיער מיניסטער פון ישראל.

דעם 29טן נאָוועמבער 1947 האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער, צווישן זיי די חסידי אומות העולם, אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער מיט דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט פּאָליטיש און מאָראַליש מעיד געווען אויף דער היסטאָרישער גערעכטיקייט, אויף דעם געשיכטלעכן אמת, אַז ייִדיש פאָלק איז באַרעכטיקט צו זיין זעלבסטשטענדיקייט, אַזוי ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט מיט דרייסיק יאָר פריִער פאַרשריבן אַ הערלעך בלעטל געשיכטע, וואָס איז פון אַ גרויסן פּאָליטישן און מאָראַלישן ווערט. דער קיום אָבער פון מדינת ישראל איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם ייִדישן פאָלק, דורך דעם זיגרייכן קאַמף, וואָס די בראַווע און העלדישע גיבורים פון ייִדישן פאָלק, סיי פון די ארץ־ישראל תושבים, און סיי פון די, וועלכע זענען מכל תפוצות הגולה געקומען העלפן אין דעם הייליקן קאַמף און דערפירט צו אַן ענדגילטיקן זיג.

דאָס ייִדישע פאָלק אויפן כדור הארץ און מדינת ישראל איז געוואַלטיק דאַנקבאַר און וועט תמיד געדענקען דעם נאָבעלן באַשלוס פון דער „אונ" פון 29טן נאָוועמבער 1947, וואָס האָט מכריז געווען פאַר דער וועלט וועגן דער באַרעכטיקונג פון אונדזער פאָלק צו אומאָפּהענגיקייט. דער טאָג פון

29טן נאָוועמבער פון יאָר 1947 וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין זכרון פון אונדזער פאָלק, אַלס טאָג פון נאָבעלן טאַט פון די חסידי אומות העולם!

* * *

צום צענטן יאָרטאָג פון דעם „אונ״־באַשלוס איז מדינת ישראל געקומען מיט אַ רייך קאַפּיטל פון דערגרייכונגען, פון בויען און באַשיצן די ייִדישע מלוכה; דערגרייכונגען אויפן געביט פון עליה, איבער 900.000 ייִדן פון פאַר־שיידענע לענדער זענען געקומען קיין ישראל אין משך פון ערשטן יאָרצענדליק. דער רוב פון זיי איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דעם ישראלדיקן עקאָנאָ־מישן און קולטור־לעבן. פאַר דער צייט האָט זיך אויסגעבויט אַן אינדוסטריע, עס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע, צענדליקער און צענדליקער דערפער זענען פאַר דער צייט אויפגעבויט גע־וואָרן.

אויך אויפן געביט פון זיכערקייט איז מדינת ישראל געקומען צום צענטן יאָרטאָג פון היסטאָרישן באַשלוס פון דער „אונ״ מיט גרויסע דערגרייכונגען. מיט אַ יאָר צוריק האָט די מדינה באַוויזן דורך דעם אַריינמאַרש קיין סיני, ווי שטאַרק עס איז די ישראל־אַרמיי, ווי בראַוו עס קעמפן אירע געטרייע זין און טעכטער.

גלייכצייטיק, צוזאַמען מיט די גרויסע דערגרייכונגען קומט מדינת ישראל צום צענטן יאָרטאָג פון דעם „אונ״־באַשלוס מיט אַ באַגאַזש פון שוועריקייטן, סיי אויפן עקאָנאָמישן און סיי אויף דעם פּאָליטישן געביט. דער וווּקס פון ישוב, דער שטראָם פון עליה, די לויערנדיקע מלחמה־געפאַרן און די אָנגע־שטרענגטע באַציִונגען צווישן מזרח און מערב, דער נאָך ניִשט דערגרייכטער שלום מיט קיינע פון די אַראַבישע לענדער, האַלט אין שפּאַנונג די ייִדישע מדינה.

ווי האָט ריכטיק באַמערקט דער פאַרטרעטער פון בראַזיל, אָסוואַלדאָ אַראַניאַ, אין זיין וואָרט ביי דער 12טער סעסיע פון דער „אונ״: „מיט צען יאָר צוריק, בעת איך בין געווען דער פּרעזידענט פון דער צווייטער סעסיע, אין יאָר 1947, האָט מען דאַן גערעדט וועגן שלום; היינט, ביי דער 12טער סעסיע, מיט צען יאָר שפּעטער, רעדט מען מער וועגן מלחמה ווי וועגן שלום״.

ס'איז נייטיק אויפצוקלערן, ווי שווער עס איז פאַר אַ יונגער מדינה, ווי עס איז ישראל, וואָס האָט אויף איר פאָן אויפגעשריבן די שליחות פון קיבוץ גלויות, צונויפצוזאַמען אַלע קינדער פון פאָלק ישראל וואָס לעבן צווישן די פעלקער, און זיי ברענגען אויף זייער ערד און זיי מאַכן פאַר איין פאָלק אויף די בערג און טאָלן פון ישראל, צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט אונטער דער־

שפּאַנונג פון מלחמה־פיבער, אונטער כסדרדיקע דראָונגען פון פיינטלעכע שכנים, וועלכע ווילן זיך פאַרמעסטן קעגן דער יידישער מדינה און זי חלילה פאַרניכטן.

די עטאַבלירונג פון דער מדינה איז בלויז דער אָנהייב פון דער פאַר־ווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל. דער וועג צו דער ענדגילטיקער רעאַ־ליזירונג פון ציוניסטישן געדאַנק איז נאָך אַ גאַנץ ווייטער. די גרעסטע מער־הייט פון יידישן פאָלק לעבט היינט צו טאָג אין פאַרשיידענע וועלט־עקן און נישט אומעטום, לײדער, איז דער מצב אַ צופרידנשטעלנדיקער. אין געוויסע פלעצער אויפן ערד־קוגל זענען אחינו בני ישראל אפילו נישט בכוח צו קעמפן קעגן זייער עלנט. עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן מורא געהאַט, טאָמער חלילה טראָגן אונדזערע שוועסטער און ברידער אונטער דעם אייזערנעם פאַר־האַנג יאוש און רעזיגנאַציע, אָבער מיר זענען גליקלעך פון די גרוסן, וואָס זענען לעצטנס געקומען פון דאָרט, אַז זיי האָבן נישט רעזיגנירט, אַז זיי האָבן זיך נישט מיאש געווען. נישט בקול רם, אָבער דערפאַר בקול דממה דקה, מיט שטיל פליסנדיקע טרערן, שטראָמט זייער געבעט, וואָס רייסט זיך איבער די הימלען, איבער פאַרפאַנצערטע גרענעצן און פאַרלאַנגט רעטונג, בכדי צו דערגרייכן אַביסל היימישע יידישע וואַרעמקייט, סע שטראָמט בענקשאַפט צו קענען פאַרווענדן זייערע כוחות אין אַ בשותפותדיקער אַרבעט פאַר דער אַנט־וויקלונג און פאַרפעסטיקונג פון אונדזער מדינה, וואָס איז אונדזער אַלעמענס נאַציאָנאַלער שטאָלץ.

אויף דער ראָל פון ציוניזם איז אויסגעפאַלן זיך צו פאַרנעמען מיט דער רעטונגס־אַרבעט. אויף דער ראָל פון ציוניזם איז אויך אויסגעפאַלן צו זיין דער וועכטער ביים הויז פון „ישראל” און רופן יידן, זיי וועקן, זיי דערמאָנען און מאָנען אומצוקערן זיך אין זייער היימלאַנד, ווו עס איז פאַראַן זיכער־קייט און פרייהייט פאַרן לעבן פון פאָלק, ווו אונדזער עצם קיום איז נישט מער קיין פּראָבלעם, נאָר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

די ראָל איז טאַקע זייער אַ שווערע, אָבער קיינמאָל איז דער וועג פון ציוניזם נישט געווען קיין לייכטער. ער האָט תמיד געפאָדערט אָנשטרענגונג, אָפּפערווויליקייט און טאַט!

דאָס געשטאַלט פון פאָלק

פופציק יאָר נאָך דעם געבורט פון פאָליטישן ציוניזם איז עטאַבלירט געוואָרן מדינת ישראל, און די ווייס־בלויע פאָן פון ציוניזם איז געוואָרן די פאָן פון דער יידישער מדינה. די ציוניסטישע פאָן האָט סימבאָליזירט די שטרעבונג פון אונדזער היימלאָזן פאָלק פון פרייהייט, צו מלוכהשער גלייכקייט אין אונדזער פאָטערלאַנד. די פאָן פון ישראל סימבאָליזירט די סוווערעניטעט פון פאָלק אין זיין לאַנד, אין ישראל!

* * *

דריי מאָל אין יאָר פלעגן יידן עולה רגל זיין קיין ירושלים. ווי אין פסוק זוערט געשריבן:

„שלוש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני יי׳ אלוהיך״.

יידן זענען געגאַנגען צו זען דאָס געטלעכע געשטאַלט, צו זען דעם פני אלוהים. איך ווייס נישט צי אונדזער דור איז ראוי עס צו זען. דערפאַר אָבער האָבן מיר זוכה געווען צו קענען זען דאָס געשטאַלט פון אונדזער פאָלק, צו אָבסערווירן ווי עס פאָרמירט זיך דאָס געשטאַלט פון פאָלק אין זיין אייגן לאַנד, אין ישראל!

ווי עס זעט אויס דאָס געשטאַלט פון עם ישראל אין די תפוצית האָט אָמבעסטן בשעתו געשילדערט אונדזער דיכטער י. ל. פרץ ע״ה, אין זיינע „געדאַנקען און אידייען״:

„האָט זיך יעדער פאָלק זיין לאַנד און זיינע גרענעצן; מיר צעשניידן די גרענעצן, דאָס לעבעדיקע לייב, רינט מיין בלוט אויף יעדער גרענעץ... איך מוז אויך מיין נשמה צווישן אַלע לענדער צעטיילן. אין יעדן ווינקל האָב איך אַנדערע אינטערעסן. איך מוז איבעראַל נוצלעך און נייטיק זיין... יעדן גוי — אַ שטיקעלע! אַ נישט — גיי ווייטער!״

און וווּ מען קומט, קומט מען ווי אויפסניי...

איבעראַל מוז מען אויפסניי זיך אויסגרינען...

און, אַז מען פרעגט: מאין באת? — פון וואַנען קומסטו? ווייסט מען נישט! כאָטש אין דער ווירקלעכקייט, ווו מען קומט, קומט מען נאָר צוריק, פון ווינט אַוועקגעיאָגט, פון ווינט צוריקגעטראָגן!

אומעטום שוין געווען, געוויסע אַרבעטן אָפגעטאָן. די ערד מיט

שווייס און בלוט פייכט געמאַכט. נאָר פאַרגעסן און געקומען אַ — גרינער!

צרות טרייבן. צרות וויל מען פאַרגעסן...

געוועזן קהלישע פּנקסן — פאַרברענט געוואָרן. געוועזן קינות, סליחות, תעניתים געוועזן. די נייע צרות מאַכן פאַרגעסן די אַלטע... קומט מען איבעראַל אויפסניי. איבעראַל קלאַפּט מען אָן אין טויער ווי ווילד פרעמדע. זייט אַזוי גוט, עפנט, לאָזט אַריין! מיטן קול פון: „שענקט אַ נדבה". ווי לאַנג מיר זאָלן נישט האָבן געזעסן אויף איין אָרט, קומט ווער און גיט אַ פרעג: וואָס טוסטו דאָ? פון וואַנען קומסטו? וווּ איז דיין פּאַספּאָרט! מיט וואָס פאַר אַ רעכט? ווייסט מען נישט, האָט מען נישט וואָס צו וויזן, שטאַמלט מען: איך אַ פּאַספּאָרט? איך בין נישט איך, לחלוטין נישט. איך בין דו! דו האָסט אַ פּאַספּאָרט, איז ער מיינער אויך. דער זעלבער רעצעפּיס! נאָר אַ נאָז אַ לענגערע... אָבער איך בין דו! און נאָר דיין אַרבעט טו איך דאָ; זעסט נישט? איך טראָג דאָך דיין פּאָן און דיינע פאַרבן! הערסט דען נישט? איך רייד דאָך דיין שפּראַך!

און נייען ניי איך דיינע קליידער, פאַרריכטן, פאַרריכט איך נאָר דיינע שטיוול... זעסט טינט און פעדער? אַז איך האָב צייט, שרייב איך דיינע זכרונות און לויב דיך און דיינע אבות, די גרויסע פּריצים אין טאָג אַריין... איך בין נישט איך! האָסט מיך — דיך אַליין נישט דערקענט? ניין? נו! בין איך דיין שאָטן! דיין אָפּגלאַנץ! און מען ווערט לייטן געלעכטער! מיר שוויגן, און פעלקער פאַרציילן און שרייבן געשיכטע. דריי פערטל איז אונדזער! אַ חוץ דעם, וואָס אַלץ, וואָס וויסן און דערפינדונג איז, שפּראָצט און בליט אַרויס פון איינהייטלעכן יידישן געדאַנק...

זענען מיר שטענדיק אָרעם, ווייל שטענדיק און פון אַלעם באַרויבט... זיצן מיר שטענדיק ביים וועלט־טיש פאַרשעמט, אויף אַ פערטלבענקל, ביי אַ פאַרשאָטנטסטן עק, אָן אַ נומער... דרייען מיר זיך שטענדיק אַרום מיט ליידיקע הענט צווישן פּראַלעריש שטאָלצע פעלקער מיט געפּעלשטע יחוס־בריוו, וואָס האָבן אונדזער האָב און גוטס איינגעשלונגען, דאָס מויל אָפּגעווישט, און פרעגן אונדז אַלץ אינאיינעם: פון וואַנעט? אַ פּאַספּאָרט פאַראַן? אַן אַקט, אַ מיטל אויף עפּעס?"

אָט אַזוי, ווי י. ל. פּרץ ע"ה, האָט בשעתו געשילדערט, זעט אויס דאָס געשטאַלט פון פאָלק ישראל אין דער וועלט. אין איין אָרט בעסער, אין אַ צווייטן ערגער. אין איין תקופה זיכער אויף איין פּלאַץ און סכנהפול אויף אַ צווייטן, און אין אַנדערע צייטן אומזיכער איבעראַל.

זינט אָבער דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופורעמען דאָס געשטאַלט פון פאָלק. מיר האָבן אָנגעהויבן בויען פאַר זיך. טראָגן אונדזער אייגענע פאָן! מיר האָבן אונדזער אייגענעם פּאַספּאָרט! אונדזער טויער איז אָפן פאַר כל בני און בנות ישראל! מיר שרייבן יעדן טאָג אונדזער אייגענע געשיכטע! זיצן מיר ביים וועלט־טיש ווי אַ פאָלק מיט פעל־קער צוגלייך! מיר טראָגן אונדזערע אייגענע יחוס־בריוו! אונדזער נשמה איז צוריק גאַנץ געוואָרן! מיר ריידן אונדזער אייגענע שפּראַך! מיר שפּינען אונ־דזער אייגענע קולטור! מיט טינט און פעדער נאָטירן מיר אונדזערע אייגענע זכרונות! מיר געשטאַלטיקן אַ פאָלק, וואָס איז אין משך פון צוויי טויזנט יאָר געווען אָפּגעריסן פון זיין לאַנד און האָט מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע און מיטן וואַנדער־שטאָק אין דער האַנט געהאַלטן אין איין גיין, און אומע־טום געווען נאָר אַ גאַסט אויף אַ ווייל! מיט שווייס אַקערן מיר אונדזער אייגענע ערד און מיט געזאַנג שניידן מיר אונדזערע אייגענע פּירות. מיר בויען דאָס פאָלק און זיין לאַנד — מדינת ישראל!

* * *

אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע זענען פאַרשיידענע פּרוּוון געמאַכט געוואָרן מיטן צוועק צו ברענגען גאולה פאַרן געדרודפטן און געפּלאָגטן פאָלק ישראל. זייער פיל פּרוּוון האָבן נישט געבראַכט די געוווּנטשענע רעזולטאַטן. קיינמאָל אָבער האָט יידיש פאָלק נישט אויפגעגעבן די האָפענונג און נישט איבערגעריסן דעם בונד מיט ארץ־ישראל.

לויט דער תלמודישער ליטעראַטור קען מען צואיילן די גאולה, ווען דאָס פאָלק וועט זיין בכוח צו באַוועגן כביכול פאַר דעם צוועק. לויט דער קבלה איז דער גלות אַ קאָנסעקווענץ פון מעשים רעים, פון שלעכטס, וואָס דאָס פאָלק האָט געטאָן. דאַרף מען דעריבער באַוועגן דאָס פאָלק צו טאָן מעשים טובים, צו טאָן גוטס, תפילה צו טאָן, צו פאַסטן תעניתים, און דורך דעם שטורעמען די הימלען אויף אַראָפּצושיקן משיחן, וועלכער זאָל באַפרייען דאָס פאָלק פון די גלות־קייטן נאָך פאַר דער צייט, וואָס די השגחה האָט באַשטימט.

דער פאַרמעסט צו ברענגען גאולה דורך שטורעמען די הימלען האָט זיך ליידער נישט איינגעגעבן; די אַלע מקובלים־גרופּעס, וואָס האָבן זיך אָרגאַ־ניזירט פאַרן צוועק זיך אָפּצוגעבן צו תעניתים, אָפּצוריכטן חצות, נישט צו עסן אַ גאַנצע וואָך קיין פלייש און נישט טרינקען קיין וויין חוץ שבת און דורך דעם וועג צו שטורעמען די הימלען פאַר ביאת המשיח, האָבן ליידער נישט געבראַכט די דערוואַרטע רעזולטאַטן.

עס איז געקומען די באַוועגונג פון ציוניזם, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן

צו שטורעמען און צו געווינען דאָס ייִדישע האַרץ און ייִדישן מוח פֿאַרן גרויסן באַפרייִונגס־קאַמף פֿון פֿאָלק צוריק צו דעראָבערן זיין לאַנד, אויסגעלייזט צו ווערן פֿון די גלות־קייטן און צו ווערן אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער צוגלייך.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן די ייִדן, וועלכע שטייען און וויינען ביי די חורבות פֿון בית־המקדש — ייִדן־אַרבעטער, פּויערים, וועלכע אַקערן און זייען די פֿעלדער פֿון ארץ־ישראל, ייִדן, וועלכע טריקענען זומפּן, פֿלאַסטערן שאָסייען און בויען דאָס לאַנד, ייִדן וועלכע באַטראַכטן זיך אַלס קינדער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס טראָגט אין זיין ברוסט מוט און גבורה, אין זיין מוח — נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און שטאָלץ, און אין זיין האַרץ — ליבשאַפֿט און אומבאַגרענעצטע טריישאַפֿט.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך פֿאַרקערעוועט אויפֿן וועג פֿון שטורעמען דאָס ייִדישע האַרץ, האָט געוועקט דעם באַוווסטזיין פֿון ייִדישן מוח, האָט אַרויסגערופֿן די פֿאַרבאָרגענע כוחות ביי דער יוגנט פֿאַרן בוי און קאַמף פֿון אונדזער אומאָפּהענגיקייט!

* * *

דער גורל האָט געוואָלט, אַז נאָך איבער צוויי טויזנט יאָר, פֿון די צייטן פֿון יהודה המכבי, זאָל דאָס ייִדישע פֿאָלק, דער עם הספר און עם הרוח לייגן די יסודות פֿון בנין בית שלישי, נישט בלויז מיטן מכשיר פֿון גייסט, נאָר אויך מיטן מכשיר פֿון מלחמה. די ייִדישע מדינה איז דעראָבערט געוואָרן מיט גבורה, מיט כוח און מיט דער קדושה פֿון דער זיגרייכער ישראל־אַרמיי.

נישט דורך בלוט־פֿאַרגיסונג האָט דער ישוב אין ארץ־ישראל און די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג געוואָלט דעראָבערן דאָס לאַנד. דער ציוניסטישער וועג איז געווען גאָר אַן אַנדערער, נעמלעך: דער חלוצישער דרך, דורך לייגן אַ ציגל אויף אַ ציגל. דורך אַקערן און זייען. די בלוטיקע מלחמה איז אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן אויפֿן ישראלדיקן ישוב דורך זיבן פֿיינטלעכע אַראַבישע אַרמייען. די גאַנצע וועלט האָט זיך צוגעקוקט צו די שלאַכטן, האָט געזען דעם העראָיזם פֿון די זין און טעכטער פֿון ייִדישן פֿאָלק, וועלכע האָבן בראַוו געקעמפֿט און געבראַכט נצחון. די מדינה איז פֿון קיינעם צו ייִדן נישט געגעבן געוואָרן אַלס מתנה. ייִדיש פֿאָלק האָט פֿאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז, דעם פּרייז פֿון בלוט פֿון דער טייערער און איבערגעגעבענער יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן גבורה און קדושה לטובת העם!

כל זמן ישראל האָט נישט קיין שלום־אָפּמאַכן מיט די אַראַבישע מלוכות איז נאָך די מלחמה נישט פֿאַריבער. פֿאַקטיש געפֿינט זיך ישראל די גאַנצע צייט פֿון איר עקזיסטענץ אין סטאַדיום פֿון קאַמף און שווערן געראַנגל, סיי

אויפן פּאָליטישן, סיי אויפן מיליטערישן און סיי אויפן עקאָנאָמישן געביט. אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר זענען געמאַכט געוואָרן באַדייטנדיקע פאָרשריטן אויף די אַלע דריי דערמאָנטע שטחים; מיליטעריש האָט די יונגע מדינה געהאַט צו פאַרצייכענען אַ גאַנצע ריי נצחונות, פּאָליטיש האָט זיך די מדינה געשטאַרקט, שטייט אין פריינטלעכע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט אַ גרויסער צאָל מלוכות, האָט זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. באַדייטנדיקער פּאָרשריט איז אויך געמאַכט געוואָרן אויפן עקאָנאָמישן געביט. גאַנץ באַזונדערס איז צו באַטירן די דערגרייכונג אויפן געביט פון מיזוג גלויות, אויפצוריכטן אַ פאָלק, וועמענס קינדער עס קומען אין ייִדישן לאַנד אַריין פון פאַרשיידענע קולטורן, געוווינהייטן און מנהגים. אין אַנבליק אָבער פון די צילן, וואָס ייִדיש פאָלק און זיין אַוואַנגאַרד די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, אין שותפות מיט ישראל, דערוואַרט פון דער מדינה, נעמלעך: קיבוץ גלויות, דאָס אויספאָרמירן דאָס געשטאַלט פון פאָלק — זענען די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען ווייט נישט צופרידנשטעלנדיק.

מדינת ישראל איז בלויז אַ צען יאָר אַלט. אירע בויער און קעמפער זענען קינדער פון דעם עלטסטן פאָלק אין דער וועלט, קינדער פון ישראל סבא! וואָס האָט מיט צוויי טויזנט יאָר פאַרשפּעטיקט צו זיין גאולה. גייט דער רוף צום ייִדישן פאָלק בכל אתר ואתר צו פאַרדאָפּלען די אָנשטרענגונגען פאַר דעם בוי און פאַרפעסטיקונג פון מדינת ישראל, צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון אויספאָרמירן דאָס געשטאַלט פון פאָלק, און דורך דעם פני העם ווידער צו דערזען את פני אלוהים!

דריטער טייל

נעקראָלאָגן

דוד וואָלפסאָן

אויפן הר הרצל זענען געבראַכט געוואָרן צו קבורה די רעשטן פון דוד וואָלפסאָן — דעם נאָענטן פריינד און נאָכפאָלגער פון ד״ר הרצל.

נאָך 38 יאָר רוען אויפן בית־עולם אין קעלן, איז איצט זיין אָרון אַרי־בערגעפירט געוואָרן קיין ירושלים, און ביים געזאַנג פון „התקוה״ געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן „הר הרצל״.

אַזוי פּאַסירט שוין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז מען פאַרגעסט זייער שנעל אין מענטשן. דער פאַל האָט אויך פּאַסירט מיט דוד וואָלפסאָן. אין דער ציוניסטישער וועלט איז ער כמעט אַ פאַרגעסענער. ערשט דער פאַקט פון ברענגען זיין אָרון קיין ירושלים, האָט דעם נאָמען דוד וואָלפסאָן ווידער גע־בראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט.

דוד פרישמאַן ע״ה האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט וועגן וואָלפסאָנען, אַז ער איז דער גרעסטער פּקח אין דער ציוניסטישער וועלט. אין דער ציוניס־טישער געשיכטע איז וואָלפסאָן באַקאַנט אַלס דער ליקווידאַטאָר פון דעם „אוגאַנדאַ־עפּיזאָד״ אין יידישן לעבן. מיט זיין קלוגשאַפט האָט וואָלפסאָן תופס געווען, אַז פאַר יידן איז אוגאַנדאַ נישט קיין פלאַץ, אַז די טיף־טליענ־דיקע גאולה־בענקעניש און גאולה־האָפענונגען פון יידישן פאָלק נאָך ארץ־ישראל, איז דער שטאַרקסטער יסוד פאַר דער ציוניסטישער גאולה־שאַפונג אין ארץ־ישראל. דער קלוגער בליק פון דוד וואָלפסאָן האָט זיך באַרעכטיקט און איז מקוים געוואָרן.

אין דער ציוניסטישער געשיכטע ווערט וואָלפסאָן פאַררעכנט אַלס די רעכטע האַנט פון ד״ר הערצל. די טרוימען פון ד״ר טעאָדאָר הערצל זענען גע־וואָרן די טרוימען פון דוד וואָלפסאָן, און נאָכן טויט פון הערצל ווערט וואָלפ־סאָן זיין אָנערקענטער יורש און נעמט איבער די פירערשאַפט פון דעם וועלט־ציוניזם אויף דעם 7טן קאָנגרעס, וווּ ער ווערט דערוויילט אויפן אַמט פון פּרעזידענט.

אין דער ציוניסטישער געשיכטע איז וואָלפסאָן באַקאַנט אַלס דער אי־דייען־געבער פון דעם קאָליר פון אונדזער פאָן און דעם שקל.

ד״ר הערצל האָט געטראַכט וועגן דעם אויסזען פון דער ציוניסטישער פאָן, פון וועלכן קאָליר זי זאָל זיין. אויף דעם האָט וואָלפסאָן געפונען אַ זייער לאָגישן ענטפער: די פאָן זאָל זיין פון זעלבן קאָליר ווי ס׳איז דער טלית

צום דאַוועגען, נעמלעך: ווייס מיט בלויע פּאַסן. ווייס — דער קאָליר פון ריינקייט, פון אומבאַפלעקטקייט, ווי עס דאַרף זיין ריין און אומבאַפלעקט די יידישע נשמה, און בלוי הימל־קאָליר, די פאַרב פון האָפענונג, די פאַרב פון געטלעכער הויכקייט. פון זעלבן קאָליר פון יידישן טלית, וואָס ווערט באַנוצט פאַר תפילה־טאָן, פאַר זיך מתיחד־זיין מיט כביכול, פאַר זיך דער־הויבן צו געטלעכער הימל־הויכקייט, — האָט וואָלפסאָן פאָרגעשלאָגן זאָל זיין די ציוניסטישע פאָן. ד״ר הערצל האָט דעם פאָרשלאָג אָקצעפּטירט. פופציק יאָר האָט ציוניזם געפירט דעם פּאָליטישן קאַמף און די פּראַקטישע אויפבוי־אַרבעט פאַרן בנין הארץ. היינט איז דאָס אויך די פאָן פון מדינת ישראל.

ד״ר הערצל האָט אויך געהאַט דאָס פּראָבלעם פון „אידענטיטעט־קאַרטע״ פאַר יידן וועגן זייער אָנגעהעריקייט צום ציוניזם און אויך צו דעם פּראָבלעם האָט וואָלפסאָן געפונען אַ פאַרענטפער. ער האָט נעמלעך פאָרגעשלאָגן, אַז דער שקל זאָל זיין די אידענטיפיקאַציע פון יידן מיט ציוניזם. און אַזוי איז די פאָן און דער שקל געוואָרן באַשאַפן דורך דער פּשוטער קלוגשאַפט פון דוד וואָלפסאָן.

ד״ר העלמאַן ע״ה שרייבט אין זיין ספר „ירושלים״ וועגן דוד וואָלפסאָן, אַז אין דער געשיכטע פון ירושלים, אין דער בענקעניש נאָך ירושלים, אין דעם קאַמף אַרום ירושלים און אין דער זיכערקייט צו קומען קיין ירושלים, האָט דוד וואָלפסאָן זיין אָרט. אין אַ ירושלים־ספר טאָר דוד וואָלפסאָן נישט פאַרגעסן ווערן.

איצט האָט דוד וואָלפסאָן באַקומען זיין אייביקן פּלאַץ נישט נאָר אין אַ ירושלים־ספר — נאָר זיין קערפּער רוט אויפן הר הרצל אין אונדזער איי־ביקער ירושלים!

ראַביי סטיפן ווייז

בדרך כלל, זאָגט אַ יידיש שפּריכוואָרט, אַז וואָס די ערד דעקט־צו, ווערט פאַרגעסן. עס זענען אָבער פאַראַן אויסנאַמען, וועלכע ווערן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, נאָר ווערן תמיד פאַר אַלע אייביקייטן געטראָגן אין געדע־כעניש וואָס גייט איבער פון דור צו דור. צו די אויסנאַמען געהער דער נפטר ראַביי סטיפן ווייז, וועלכער איז נסתלק געוואָרן פון אונדז מיט צען יאָר צוריק. און דערמאָנט ווערט ראַביי ווייז ע״ה נישט נאָר אין טאָג פון זיין יאָרצייט, נאָר אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ביי יעטוועדער געלעגנהייט פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע, מדינת ישראל און יידיש לעבן איבער דער גאַרער וועלט. ווי וואָלט ראַביי ווייז געהאַנדלט אין דעם, אָדער אין יענעם פאַל, פרעגן ביי זיך מענטשן פון יידיש־פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, איינער פרעגט ביים צווייטן, און כאָטש מען ווייסט ווי ראַביי ווייז וואָלט רעאַגירט, ווייל עס איז נאָך פריש ביי אַלעמען אין זכרון דער אויסער־געוויינלעכער מוט און קוראַזש פון יידישן מנהיג, ווערענס דעוויז עס איז געווען פאַר קיין זאַך און פאַר קיין מענטש נישט מורא צו האָבן, אויסער פאַר גאָט, דאָך איז נישטאָ זיין גלייכן, וועלכער זאָל קענען מיט אַזאַ מוט האַנד־לען און רעאַגירן אויף פּאַסירונגען און געשעענישן, סיי אין יידישן און סיי אין דעם אַלגעמיינעם לעבן אין אַמעריקע, ווי עס האָט באַוויזן צו טאָן דער אומדערמידלעכער קעמפער פאַר יידישע און מענטשלעכע רעכט — ראַביי ווייז ע״ה.

דעם שרייבער פון די שורות איז געבליבן אין זכרון אַ רעדע, וואָס ראַביי ווייז האָט געהאַלטן אין טעאַטער „נאָוואָשטשי״ אין וואַרשע, אין האַרבסט פון 1936, ווען ער האָט באַזוכט פּוילן נאָך דעם ערשטן גרינדונג־צוזאַמענ־פאָר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין גענף, שווייץ. ראַביי ווייז האָט אויף דער בינע פון „נאָוואָשטשי״־טעאַטער אין וואַרשע, מיט זיין לייבן־שטימע, אין אַ קאָנגרעס־דייטש געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט וויסן, אַז אַן אומאָפּהענגיק פּוילן וועט פּראַקטיצירן ביי זיך אין לאַנד אַנטיסעמי־טיזם, און וועט רודפן יידן, זיינע ברידער, וואָלט ער נישט צוגעהאָלפן צו דער אַנטשטייונג פון אַ פריי און אומאָפּהענגיק פּוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער מעטאַלענער קלאַנג פון ראַביי וויייזס שטימע האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אין אַלע ווינקעלעך פון פּוילישן יידנטום, וועלכע האָבן

דערפילט דעם מוטיקן קעמפער, וואָס שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך, חוץ פאַר גאָט. דער וואָס האָט נישט איבערגעטראַכט אויף איין מינוט צי עס איז לויטן שולחן־ערוך צו ריידן אַזעלכע אָפענע דיבורים צו אַ רעגירונג פון אַ לאַנד און צום פאָלק פון לאַנד, ווו ער געפינט זיך אַלס גאַסט. פון מויל צו מויל איז געטראָגן געוואָרן און איז איבערדערציילט געוואָרן וועגן דעם גרויסן מוט און קוראַזש פון אַ ייִדישן פירער, וועלכער שטייט אַלס ראש המחנה, אַלס מנהיג פון ייִדישן פאָלק, און קעמפט פאַר זיינע רעכט אין אַלע לענדער פון ייִדישן גלות־לעבן און פאַר דער אויסלייזונג פון ייִדישן פאָלק פון אַלע זיינע גלותן און אויפריכטן זיין אייגענע היים אין ארץ־ישראל.

דער נאָמען ראַביי וויַיז איז געווען אַ צויבער־נאָמען. פון אַלע ייִדישע גלותן, אומעטום, ווו ייִדן זענען דערנידעריקט און באַליידיקט געוואָרן, ווו זיי זענען גערודפט געוואָרן, האָט זיך געצויגן דאָס ייִדישע האַרץ און האָט דערוואַרט פאָליטישע הילף, שוץ פון געקרויגטן און פון אַלעמען אָנערקענטן ייִדישן מנהיג ראַביי וויַיז. איז לויט אַ גזירה אָפגעשטעלט געוואָרן דאָס דער־שיינען פון ייִדישע צייטונגען אין אַרגענטינע, איז די הילף געקומען פון ראַביי וויַיז, האָט מען באַדאַרפט באַנייען דאָס דערשיינען פון ייִדישע צייטונגען אין בראַזיל, גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די אינטער־ווענץ געקומען פון ראַביי וויַיז, וועלכער האָט צו יענער צייט אויסגענוצט דעם באַזוך פון פיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ, דער געוועזענער בירגערמייסטער פון דער שטאָט ניו יאָרק, וועלכער איז דעלעגירט געוואָרן פון ווייסן הויז אַלס ספּעציעלער פאָרטרעטער צו דער איינשווערונג פון ניי־געוויילטן מלוכה־פּרעזידענט אין בראַזיל. אַ שחיטה־גזירה אין פּוילן, אומעטום, ווו נאָר ייִדיש לעבן איז געשטאַנען אין סכנה, ווו נאָר עס האָבן זיך באַוויזן שיקאַנעס קעגן ייִדן, האָבן ייִדן אויסגעקוקט די הילף פון ראַביי וויַיז.

ראַביי וויַיז איז געווען אַ דעמאָקראַט מבטן לידה, דעמאָקראַטיע האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך פון זיין פּריסטער יוגנט. זיין מוטערס מילך, וואָס ער האָט געטרונקען און געגערט זיין גוף האָט משמעות געטריפט מיט דע־מאָקראַטיע, וואָס האָט אויך געגערט זיין נשמה. ער האָט זיך נישט אָוועקגע־שטעלט אויף דער מדרגה פון זיין אַ שתדלן ביי ייִדן, פון זיין אַ יחיד, וואָס בעמט זיך אָן קעגן ייִדישע קריוודעס. ניין! ראַביי וויַיז איז געווען אַ קעמפער, און ווי אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן האָט ער ראשית־כל געפונען פאַר נויט־ווענדיק און צוועקמעסיק צו אָרגאַניזירן דאָס פאָלק אין אַ פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכער קערפּערשאַפט, וואָס זאָל קעמפן פאַר די רעכט, וואָס זאָל באַ־איינפלוסן דעם דעת־הקהל און ברענגען די גערעכטע תביעות פאַר דער עפנט־לעכקייט.

און נישט נאָר פאַר ייִדישע רעכט האָט ראַביי וויַיז געקעמפט, ער האָט אויך געפאָדערט רעכט און חשיבות פאַר אַלע אָן אויסנאַם, פאַר ייִדן ווי פאַר נישט־ייִדן, פאַר ווייסע ווי פאַר שוואַרצע, פאַר אָרעם און רייַך. ער האָט זיך אויף אַ מינוט נישט געוואַקלט צו גיין פאָרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע פון שטרייקנדיקע אַרבעטער, אָדער פון אונטערדריקטע נעגערס. דאָרט ווו ער האָט באַמערקט, אַז עס ווערט נישט אָנגעווענדט קיין גערעכטיקייט, דאָרט ווו עס ווערן אָנגעריִרט די פּרינציפּן פון יושר, האָט ער זיך געשטעלט אין פאָדער־גרונט פון קאַמף. עס איז נישט געווען קיין שיעור צו זיין גליק און פרייד, ווען ער האָט זיך געקענט מיט אַלע זיינע כוחות אַריינוואַרפן אין קאַמף פאַר אַ גערעכטער זאַך, און דערפאַר איז ער ביי אַלעמען אָן אויסנאַם געשעצט געוואָרן, און אַלע האָבן אים גאָר שטאַרק רעספּעקטירט.

ווי ווייט אָנגענומען ראַביי וויַיז איז געווען אין דער נישט־ייִדישער וועלט, האָט דער שרייבער פון די שורות געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו איבער־צייגן אויף זיינע רייזעס אין שליחות פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין פאַרשיידענע לענדער און אומעטום, ווו נאָר מיר איז אויסגעקומען אין גע־שפּרעכן מיט מלוכה־מענער, אָדער מיט פאַרטרעטער פון דעם אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אָנצורופן דעם נאָמען ראַביי וויַיז, האָב איך גלייך דערפילט ווי דער נאָמען רופט אַרויס ליבשאַפט און פיעטעט, אויסערגעוויינ־לעכן רעספּעקט. ביאָגראַפן פון ראַביי וויַיז האָבן געשריבן, אַז: ער איז געווען דאָס גרעסטע געווינס וואָס די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן צוגעטראָגן דעם וועלט־ייִדנטום. — איך וויל צוגעבן, אַז ער איז געווען דאָס גרעסטע געווינס וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט צוגעטראָגן דער וועלט, פון וועמען ייִד און נישט־ייִד האָבן געלערנט יושר און עטיק, אמת און גערעכטיקייט. פון דאַנען נעמט זיך די אויסערגעוויינלעכע פּאָפּולאַריטעט, וואָס ראַביי וויַיז האָט געהאַט ביי אַלע שיכטן מענטשן, ביי ייִדן און נישט־ייִדן, אין אַמעריקע און איבער גאָר דער וועלט.

ראַביי וויַיז איז געווען באַקאַנט פון זיין קאַמף פאַר ציוניזם, פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון ייִדישן פאָלק אין זיין אייגענער היים — אין ארץ־ישראל. אויף דעם פראָנט פון זיין אומדערמידלעכער אַרבעט האָט ער אָפּט־מאָל דערגרייכט נביאישע ווייזיע און נביאישן פאַטאָס. זיינע רייד צו ייִדן און צו חסידי אומות העולם האָבן זיך געטראָגן נביאישן ברען, גלי‏ענדיקע התלהבות און גלייכצייטיק שטראָף־רייד. גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן דער שרעקלעכער אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט צום ייִדישן פאָלק, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, פאַרלירנדיק אַ דריטל פון אונדזער שטאַם, ווען בלייַנע וואָלקנס האָבן פאַרדעקט דעם ייִדישן

האָריזאָנט, אומגליקלעכע, על פּי נס לעבנגעבליבענע האָבן זיך געוואָלגערט אין די לאַגערן און נישט געהאַט קיין פּלאַץ ווו צו זיין, ווען יאוש האָט אַריינגעשטראָמט אין יידישע הערצער און יידן האָבן זיך געפרעגט מאין יבוא עזרי, האָט דאַן סטיפן ווייז געדונערט מיט זיין נביאישן פּאַטאָס און געזאָגט: „פאַר מיין לעבן וועלן יידן האָבן אַן אייגענעם רעכטלעך־געזיכערטן שטאַט, וואָס וועט זיין אומאָפּהענגיק און פריי, ווו יידיש פאָלק וועט זיין אַ גלייכ־באַרעכטיקטער מיטגליד אין דער משפּחה פון פעלקער". יעדער, וואָס האָט די ווערטער פון ראַביי ווייז געהערט, איז אַזוי דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם נביאישן גייסט, וואָס די רייד האָבן אין זיך געהאַט, אַז מען האָט אים געגלייבט, און מען איז אַוועקגעגאַנגען מיט האָפענונג, מיט גלויבן, מיט התרוממות הנפש. ראַביי ווייז אַליין האָט טאַקע זוכה געווען צו דערלעבן די צייט, ווען זיינע נביאישע רייד זענען געוואָרןווירקלעכקייט, און אַ יידישע מדינה איז עטאַבלירט געוואָרן און איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער משפּחה פון פעלקער אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד.

צען יאָר זענען אַוועק זינט ראַביי ווייז איז פון אונדז אַוועקגעגאַנגען. ווי פרייער וואָלטן מיר געקענט אָפּאָטעמען, ווען מיר וואָלטן אין אונדזער מיט דערזען אַ מענטשן, אַ פירער פון זיין שיעור קומה, זיינס אַ גלייכן!

אַ גרויס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן

(צום טויט פון חיים גרינבערג)

שבת דעם 14טן מאַרץ, צען אַזייגער אין דער פרי, איז אין זיין וווינונג אין ניו יאָרק געשטאָרבן חיים גרינבערג.

פאַר די לעצטע חדשים איז חיים גרינבערג געווען שטאַרק קראַנק, יסורים האָבן אים געהאַלטן צוגעשמידט צום בעט. חברים און נאָענטע פריינט האָבן געוווּסט, אַז זיין מצב אין האָפענונגלאָז אָבער קיינער האָט נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז די צייט פון זיין לעבן איז קורץ.

אין זיין צוואה, וואָס איז געעפנט געוואָרן נאָך דער פטירה האָט צווישן אַנדערן חיים גרינבערג געבעטן, אַז די לוויה זאָל זיין אַ טראַדיציאָנעל ייִדי־שע, מען זאָל נישט האַלטן קיין שום הספדים. האָט אָנגעוויזן וועלכע קאַפּיט־לעך תהילים מען זאָל פאַרלייענען נאָך זיין טויט, נעמלעך: ק׳ ג. כ׳ ג. און ס׳ב. ווי אויך דאָס קאַפּיטל כ״צ. פון איוב. אויב מעגלעך זאָל מען אויך זינגען דאָס ליד פון רוסישן פּאָעט לערמאָנטאָוו: „איך גיי אַליין אַרויס אין וועג״, וואָס ער האָט אין דער יוגנט צוזאַמען געזונגען מיט זיין פרוי.

אין דער צוואה בעט אויך חיים גרינבערג מחילה ביי אַלע די, וועמען ער האָט אפשר אַמאָל ווי געטאָן. „איך האָב עס געטאָן נישט פון ביייזקייט, נאָר פון שוואַכקייט״, שרייבט ער אין זיין צוואה.

אַ מענטש פון שייגגייסט, פון עטישע פרינציפּן, וווּנדערבאַרער עסייִסט, פּראַקטיקער רעדנער, טעאָרעטיקער פון ציוניזם בכלל און אַרבעטער־ציוניזם בפרט, גרויסער למדן און מענטשן־קענער, טרוימער און דענקער, באַגאַבט מיט ייִדישן און וועלטלעכן וויסן, תורה און חכמה. ליבשאַפט צו מענטש בכלל און צו ייִדן בפרט. די אַלע אייגנשאַפטן און קענטענישן האָבן אויסגעפורעמט די גלענצנדיקע פערזענלעכקייט פון חיים גרינבערג ז״ל.

* * *

חיים גרינבערג האָט געהערט צו די געציילטע פירער אין וועלט־ציוניזם און גאַנץ באַזונדער אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיינע מיי־נונגען, זיינע געדאַנקען האָבן תמיד געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער ציוניסטישער וועלט. ביי יעדער פּראָבלעם, ביי יעדער קאָמפּליצירטער פראַגע האָט מען געוואַרט, וואָס האָט אויף דעם צו זאָגן חיים גרינבערג.

אַלס נאָענטער חבר און פריינד פון פּרעמיער מיניסטער דוד בן־גוריון איז ער אין די לעצטע יאָרן נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל געווען אַ נאָענטער ראַטגעבער פון פּרעמיער אין אַלע ענינים, וועגן די באַציִונגען צווישן ישראלדיקן ישוב און דעם יידנטום מחוץ לארץ.

די רעדע פון חיים גרינבערגן אויפן 23טן קאָנגרעס אין ירושלים אין יאָר 1951, וועגן די באַציִונגען פון מדינת ישראל און דעם וועלט־יידנטום, האָט איבערגעלאָזן אַ געוואַלטיקן רושם אויף אַלע קאָנגרעס דעלעגאַטן און געסט, עס איז געוואָרן דער מאַניפעסט פון ציוניזם אין דער תקופה פון מדינת ישראל.

חיים גרינבערג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1989 אין אַ קליין שטעטעלע טאַראַריסטי, בעסאַראַביע. זיין ציוניסטישע טעטיקייט פאַנגט ער אָן צו 15 יאָר, אַרויסטרעטנדיק מיט רעדעס אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. אין יענער צייט אומלעגאַלע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען.

ער האָט אַ צייט געלעבט אין אָדעס, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער יידישער און ציוניסטישער צענטער, וועמענס פירער זענען דאַן געווען חיים נחמן ביאַליק און מנחם מענדל אוסישקין.

אַלס יונגער בחור איז גרינבערג באַקאַנט געווען אַלס איינער פון די צענטראַלסטע פיגורן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור; זיינע רעפעראַטן וועגן דער העברעיִשער קולטור און וועגן יידישער עטיק, וועגן פילאָזאָפישע קולטור־פּראָבלעמען, וועגן דער רוסישער ליטעראַטור האָבן תמיד צוגעצויגן טויזנטער צוהערער.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אין מאָסקווע רעדאַגירט דעם רוסיש־יידישן ציוניסטישן וואָכנבלאַט „ראַזסוויעט". נאָך דער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש אין רוסלאַנד אין יאָר 1917 איז ער געווען אַ לעקטאָר אין דער כאַרקאָווער אוניווערזיטעט, וועגן דער גריכישער דראַמאַטישער ליטעראַטור און וועגן דער מיטלאַלטערלעכער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אויך געהאַלטן אַ ציקל לעקציעס אין דער קיעווער אַקאַדעמיע פאַר ליטעראַטור.

פאַר זיין ציוניסטישער טעטיקייט איז חיים גרינבערג אייניקע מאָל אַרעסטירט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס; אין קאָנסעקווענץ פון דעם האָט ער אין יאָר 1921 פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין בערלין, רעדאַגירנדיק דאָרט דעם „העולם", העברעיִשע וואָכנשריפט, אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אויך דעם חודש־זשורנאַל „עתידינו".

אין יאָר 1924 איז חיים גרינבערג געקומען קיין אַמעריקע און גלייך באַקאַנט געוואָרן צו דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט. זיינע רעפעראַטן

און לעקציעס וועגן פאַרשיידענע קולטור־פּראָבלעמען, האָבן געהאַלטן באַגייס־טערט די צוהערער. זיינע וויכוחים מיט זשיטלאָווסקין און מיט אַנדערע לי־טעראַטור־קענער און פילאָזאָפן האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקן אָפּקלאַנג.

פאַר דער גאַנצער צייט פון חיים גרינבערגס לעבן אין אַמעריקע איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון „דער יידישער קעמפּער", וואָכנבלאַט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער ענגלישער חודש־שריפט „דזשויש פראָנטיר", דער ענגלישער זשורנאַל פון דער זעלבער באַוועגונג.

אויפן 22טן קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1946, איז חיים גרינבערג אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ער האָט געוואַלטיקע פאַרדינסטן געהאַט פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט צווישן אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן און צווישן די פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, צו געווינען זייערע סימפּאַטיעס און אונטערשטיצונג ביי דער „אונ", ביים אָננעמען דעם באַשלוס צו גרינדן אַ יידישע מדינה. אַ צאָל לענדער אין לאַטיין־אַמעריקע האָט דאַן חיים גרינבערג באַזוכט און זיינע געשפּרעכן מיט די מלוכה־מענער און דיפּלאָמאַטן האָבן איבערגעלאָזן אַ געוואַלטיקן רושם, און אין רעזולטאַט האָבן כמעט אַלע מלו־כות געשטיצט דעם פאָרשלאָג צו עטאַבלירן אַ יידישן שטאַט.

חיים גרינבערג ע"ה האָט נישט געטראָגן קיין דיפּלאָמאַטישן פּאַספּאָרט אין קעשענע. ער האָט נישט רעפּרעזענטירט קיין שטאַט, ער האָט רעפּרעזענ־טירט אַ גערודפטן און געפּלאָגט פאָלק, און אַלס קינד פון אַ געקריוודעט פאָלק האָט ער באַוויזן משפיע צו זיין אויף זייער פיל מלוכה־מענער, אויף גוייִשע אינטעלעקטואַלן, אויף פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטלער, פּאָליטיקער און דיפּ־לאָמאַטן, מיט וועמען נאָר ער איז געקומען אין באַרירונג און צו וועמען ער האָט געבראַכט דאָס וואָרט פון יידישע ליידן און פּיין, פון יידישע פאַר־פאָלגונגען און אונטערדריקונג, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון קאָרגע צוויי טויזנט יאָר פון יידישער היימלאָזיקייט.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען אין יאָר 1947 צו באַזוכן אַ צאָל לענדער אין לאַטיין־אַמעריקע, נאָך דעם ווי חיים גרינבערג ע"ה האָט זיי געהאַט באַזוכט אין אויפטראַג פון דער יידישער אַגענטור אַלס איינער פון די פירער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט. חיים גרינבערג איז דאַן געפאָרן צו מלוכה־מענער, צו פּאָליטיקער פון די מדינות, בכדי זיי איבערצוצייגן אין דער נויטווענדיקייט צו עטאַבלירן פאַרן גערודפטן און געפּלאָגטן פאָלק ישראל אַ פּאָליטיש זעלבסטשטענדיקע היים אין ארץ־ישראל. ס'איז דאַן געווען ערב דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון דער „אונ". מען האָט דאַן באַדאַרפט געווינען

פריינט פון פאַרשיידענע מדינות, וועלכע זאָלן אַלס פאָרשטייער אין דער „אונ" שטימען פאַרן פּלאַן פון אַ יידישער מלוכה.

אויף חיים גרינבערג ע"ה איז דאַן אויסגעפאַלן די מיסיע צו באַזוכן אַ צאָל לענדער אין צענטראַל־אַמעריקע און מדינות, וואָס ליגן אַרום דעם קאַ־ריבעישן ים. מענטשן ווייסן צו דערציילן פון דער אויסערגעוויינלעכער השפעה, וואָס גרינבערגס ווערטער האָבן דאַן געהאַט אויף די פּאָליטיקער און רעגי־רונג־באַהערדן פון אַלע די לענדער, וועלכע ער באַזוכט.

בעת זיין באַזוך אין פּאַנאַמאַ האָט חיים גרינבערג געהאַט אַן אוידיענץ ביים דעמאָלטיקן אויסערן־מיניסטער פון פּאַנאַמאַ. אַ באַקאַנטע קאַפּאַציטעט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין פּאָליטישן לעבן פון זיין לאַנד, וועלכער האָט אין יענער צייט פאַרנומען אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ צווישן די פּאָליטיקער, מלוכה־מענער און דיפּלאָמאַטן אין דער מערב־וועלט.

גרינבערגס באַגלייטער, וועלכער איז אַנוועזנד געווען דאַן ביי דער אוי־דיענץ האָט צווישן אַנדערס פּאָלגנדיקס דערציילט: „צום אָנהייב איז די אַטמאָספער אין מיניסטערס קאַבינעט געווען אַ קאַלטע, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער היץ, וואָס איז געווען אויף דער גאַס, נישט קוקנדיק אויף די שפּיזיקע זונענשטראַלן פון דער טראָפּישער חמימה, וואָס האָבן אַריינגע־שטראַלט דורך די פענצטער. לויט אַלע דינים פון דיפּלאָמאַטישן שולחן־ערוך האָט זיין עקסעלענץ, דער אויסערן־מיניסטער פון פּאַנאַמאַ, געבעטן זיצן, האָט מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן און העפלעך צוגעזאָגט אויפמערקזאַם אויס־צוהערן די ווערטער פון זיין באַזוכער.

חיים גרינבערג האָט אָנגעהויבן צו רעדן שטיל, מיט אַ קול דממה דקה, ווי ער וואָלט אַרויסגעבראַכט די תפילה פון זיין געקריוודעט פאָלק בלחש — אין דער שטיל, מעסטנדיק און ווענגדיק יעדן זאַץ האָט גרינבערג ע"ה פאַר־געבראַכט די טענות פון זיין פאָלק, די תביעה פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר — אויף פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד, אין ארץ־ישראל. צום אָנהייב האָט דער מיניסטער צוגעלייגט אַ פינגער צו זיין רעכטן אויער, האָט אויפגעהויבן אַביסל דעם אויער־לעפּל און זיך אָנ־געשטרענגט צו באַווייזן זיין אויפמערקזאַמקייט. ווען גרינבערג ע"ה האָט דאָס באַמערקט, איז ער געוואָרן אַביסל דרייסטער, האָט אויפגעהויבן אַביסל זיין שטים, האָט אָנגעהויבן צו ריידן העכער, און באַלד איז די אַטמאָספער אין צימער געוואָרן אַ וואַרעמע. די קעלט איז פאַרשוווּנדן. דער אויסערן־מיניסטער האָט אַוועקגענומען זיין פינגער פון דעם אויער־געפּל און זיך גע־נומען די מי צוצורוקן זיין פאָטעל נענטער צו דעם פאָטעל, אויף וועלכן עס

איז געזעסן חיים גרינבערג.ביים סוף פון געשפרעך איז דער אויסערן־מיניס־טער געזעסן זייער נאָענט צו גרינבערגן. ס׳איז פאַרשוווּנדן די מחיצה. דער מיניסטער אַליין האָט אַוועקגענומען די פּאָליטישע באַריער צווישן אים און זיין באַזוכער״.

חיים גרינבערג ע״ה האָט דאַן געוווּנען די פולע פאַרשטענדעניש פון פּאַנאַמישן אויסערן־מיניסטער פאַר די תביעות פון פאָלק ישראל. דער אוי־סערן־מיניסטער פון פּאַנאַמאַ איז ממש באַצויבערט געוואָרן פון דער פּאָדם און אינהאַלט ווי אַזוי גרינבערג האָט פּרעזענטירט די גרויסע עוולה, וואָס די געשיכטע איז באַגאַנגען צום פאָלק ישראל, ווען כוס־יגון — דער קלימאַקס פון פייניקונג, דערנידערונג און באַליידיקונג, איז געקומען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלער און זיינע באַנדעס האָבן אומגעבראַכט פאַר די אויגן פון דער דעמאָקראַטישער וועלט אַ דריטל פון אונדזער שטאַם.

מיט דעם זעלבן צויבער האָט גרינבערג באַוויזן משפּיע צו זיין מלוכה־מענער, אינטעלעקטואַלן און פּאָליטיקער אויך אין אַנדערע לענדער פון זיינע דעמאָלטיקע באַזוכן, וועמענס שטאַטסלייט האָבן באַקומען פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן פּראָבלעם און האָבן ביי דער „אונ״ געשטיצט דעם פּלאַן צו עטאַבלירן אין ארץ־ישראל אַ יידישע מלוכה.

ס׳איז געווען חיים גרינבערג, וועלכער האָט דאַן אין אַ צאָל לענדער אין לאַטיין־אַמעריקע מיט בלומען אויסגעשפּרייט דעם וועג פאַר אונדזערע געשולטע דיפּלאָמאַטן, די ווירדיקע פאָרשטייער פון אונדזער הייַנטיקער מדינת ישראל.

* * *

אין יידישן לעבן האָט חיים גרינבערג אַריינגעשריבן אַ רומפולן בלאַט פון געשיכטע פון זיין אַרבעט פאַר אַ קאַרגן האַלבן יאָרהונדערט אין פאַר־שיידענע לענדער פון דער וועלט, אָנהייבנדיק אין רוסלאַנד, שפּעטער אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון מערב־אייראָפּע און שפּעטער אין צפון־אַמעריקע, וווּ ער האָט זיך באַליבט געמאַכט צווישן אַלע קרייזן און שיכטן פון אַמעריקאַנער יידנטום מיט זיין שרייבן און ריידן.

חברים אין ניו־יאָרק וויסן צו דערציילן, אַז אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווען חיים גרינבערג איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער זייער שנעל באַקאַנט געוואָרן אַלס גלענצנדיקער רעדנער און שרייבער. זיינע רעפעראַטן וועגן נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע פּראָבלעמען, ווי אויך פראַגן פון אַלגעמיי־נער און יידישער קולטור האָבן תמיד צוגעצויגן אַ גרויסן עולם צוהערער. איינמאָל איז חיים גרינבערג פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר זיין אודיטאָריום

פון באַקאַנטן פאָלקס־טריבון און ציוניסטישן מנהיג מאַסליאַנסקי ז״ל, וועל־כער איז געווען דער פאָרזיצער פון גרינבערגס פאָרטראַג. מאַסליאַנסקי, וועל־כער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די ייִדן אין אַמעריקע, פאַר זיינע גייסט־רייכע רעדעס וועגן ציוניזם און ייִדישער גאולה, האָט גרינבערגן פאָרגעשטעלט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „על משכבי בלילות, שפּעט ביינאַכט, ווען איך ליג אויף מיין געלעגער און טראַכט, אַז די יאָרן לויפן זייער געלאָף, און באַלד, אָט באַלד, רוקט זיך אונטער דער טויט, וואָס קלאַפּט שוין אין דער טיר, איז דאָס האַרץ נישט רויִק פון איבערקלערן ווער עס וועט זיין מיין ממלא מקום, ווער עס וועט ממשיך זיין די אַרבעט צווישן ייִדן אין אַמעריקע. זינט אָבער עס איז געקומען צו אונדז חיים גרינבערג, האָט זיך דאָס האַרץ אַנגעהויבן צו באַרויִקן. כ׳האָב דעם כבוד און פאַרגעניגן פאַר אייך פאָרצו־שטעלן דעם ממלא מקום פון מאַסליאַנסקי, דעם לעקטאָר פון היינטיקן אָוונט — חיים גרינבערג!״

ווי אומעטיק און ווי אומרויִק איז דאָס האַרץ פאַרבליבן נאָך גרינבערגס פּטירה, ווען עס איז נישטאָ קיין ממלא מקום. זיין שטול איז געבליבן ליידיק. דער טויט האָט אים אַוועקגעריסן אין מיטן פון זיין אַרבעט, אין סאַמע ברען פון אַקטיוויטעטן; ער האָט זיך לעצטנס אַרומגעטראָגן מיט זייער פיל פּלע־נער, אויפן שטח פון קולטור־אויסטויש צווישן מדינת ישראל און די ייִדישע ישובים איבער גאָר דער וועלט, גאַנץ באַזונדערס אין צפון־ און אין דרום־אַמעריקע, ליידער האָט דער פריציייטיקער טויט אַלע פּלענער צעשטערט.

עס איז פאַרלאָשן געוואָרן אַ גייסטיק ליכט אין דעם ייִדישן לעבן בכלל און אין ציוניזם בפרט.

מי ידליק? ווער וועט אָנצינדן?

כבוד זיין אָנדענק.

אליעזר קאַפּלאַן ע״ה

די טעלעגראַפן־אַגענטור האָט געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז פון אַ האַרץ־שלאַג איז פּלוצים געשטאָרבן חבר אליעזר קאַפּלאַן, וויצע־פּרעמיער און געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער פון מדינת ישראל.

דער שיקזאַל האָט גראַד אויסגעקליבן, אַז חבר קאַפּלאַן זאָל פאָרן זיך אָפּרוען קיין אייראָפּע און אַראָפּגייענדיק פון שיף אין גענוא — שטאַרבן.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דער געזונט צושטאַנד פון חבר קאַפּלאַן איז נישט קיין גוטער, אַז ער ליידט אויפן האַרץ, אַז ער טאָר זיך אַזוי פיל נישט אָנ־שטרענגען, אַז ער מוז האָבן רו, אַממייסטן האָט חבר קאַפּלאַן אַליין געפילט, אַז זיין געזונט צושטאַנד איז נישט אין אָרדענונג, אַז דאָס האַרץ איז שוואַך — האָט פאַרקלענערט דעם טעמפּאָ פון פונאַנדערטראָגן די בלוט־צירקולאַ־ציע, אָבער ער האָט פון דעם נישט געוואָלט וויסן, האָט נישט געוואָלט לייגן קיין אַכט אויף דעם, האָט שטילערהייט, נישט באַמערקבאַר פאַר קיינעם אַראָפּ־געשלונגען זיינע פיזישע יסורים און געטראָגן אחריותפול — די ביז גאָר שווערע אַרבעט ווי עס איז די לייטונג פון דער פינאַנץ־פּאָליטיק פון מדינת ישראל.

גאָר נאָענטע חברים פון דער רעגירונג, פון דער פּאַרטיי האָבן זיך גע־בעטן ביי חבר קאַפּלאַן אַז ער זאָל לייגן מער אַכט אויף זיין געזונט, אַז ער זאָל מען רוען, פאַרקלענערן די אַרבעט־אָנשטרענגונגען, באַלאַנסירן זיינע ענערגיעס, עס האָט נישט געהאָלפן. ערשט אין די לעצטע טעג, האַרט פאַר זיין פּטירה, האָט קאַפּלאַן רעזיגנירט פון מיניסטער־פּאָרטפעל און געפאָרן זיך היילן קיין אייראָפּע. עס איז שוין, ווייזט אויס, ליידער געווען צו שפּעט. דער אכזריותדיקער טויט האָט אים פון אונדז אָוועקגעריסן, צוגענומען אויף אייביק.

קאַפּלאַן איז געשטאָרבן אין גלות, אויסער די גרענעצן פון מדינת ישראל, אין דער מדינה, אין דער היים, וווּ קאַפּלאַן איז געווען איינער פון די בויער, אין משך פון איבער דרייסיק יאָר, וואָס האָט געטראָגן די שווערסטע לאַסטן און זאָרגן — האָט דער מלאך המות נישט געהאַט קיין שליטה. געכאַפּט האָט ער אים און צוגענומען אויסער דער היים, אין דער פרעמד, אין אַן אַנדער לאַנד — אויף פרעמדער ערד. חבל דאבדין ולא משתכחין!

דער ווייטיק איז גרויס, דער צער צו טיף, דער פאַרלוסט צו מוראַדיק,

אַז מיר זאָלן זיין בכוח ביים אָפענעם קבר פון חבר קאַפּלאַן צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג פון זיין פּערזענלעכקייט און זיין ראָל אין דער געשיכטע פון ציוניזם און פון דער מדינה. עס איז שווער אויפן הארצן, עס אומערט דאָס געמיט צו־שטאַרק צו זיין בכוח צו סומירן די אַלע פאַרזיינסטפולע לייסטונגען, די אומדערמידלעכע אַרבעט־ענערגיעס, אָפּשפיגלען די צאַלרייכע און פאַרשיידנאַרטיקע אַקטיוויטעטן, וואָס קאַפּלאַן האָט אויף זיך געטראָגן אין משך פון יאָרצענדליקער פאַר דער קאָנקרעטער אויפבוי־אַרבעט פריער אין ארץ־ישראל, לעצטנס אין מדינת ישראל.

45 יאָר נאָכאַנאַנד — פון 14 יאָר אָן, האָט קאַפּלאַן געטראָגן אויף זיך זאָרג און אחריותפולע לאַסט פון בנין הארץ. זיין וואָרט האָט תמיד פאַרמאָגט גרויס אויטאָריטעט און דערוועקט שטאַרקן צוטרוי, וואָס האָט משפיע געווען אין די קרייזן פון דער פּאַרטיי, פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, פון דער רעגירונג אויף דער פּאָליטיק פון אויפבוי פון ישראל.

די אַרבעט פון אליעזר קאַפּלאַן ע״ה איז די געשיכטע פון קרוב צו אַ האַלבן יאָרהונדערט ציוניזם, גאַנץ באַזונדער דער קאַפּיטל פון פאַרוואַנדלען וויזיע איןווירקלעכקייט. דער קאַפּיטל פון די שווערע ראַנגלענישן מיט די נאַציאָנאַלע פינאַנץ־רעסורסן פאַר בנין הארץ.

קאַפּלאַנס טעטיקייט איז געווען דער טיפער אָרגאַנישער צוזאַמענבונד פון טעאָריע און פּראַקטיק — פון בשורה און הגשמה, ווייל ער האָט פאַרמאָגט די נייטיקע גייסטיקע כלים זיך טעאָרעטיש צו דערגרונטעווען צו דער פאַרוויקלטסטער פּראָבלעמאַטיק פון דער טאָג־טעגלעכער פאַרווירקלעכונג־אַרבעט — איז ער געווען בכוח פּראַקטיש תמיד בייצוקומען די אַלע שוועריקייטן.

בנוגע אליעזר קאַפּלאַן דאַרף אָנגעווענדט ווערן דאָס זעלבע טרעפלעכע וואָרט, וואָס צו לאַנג יאָר, אונדזער חבר לאָקער האָט אַמאָל געזאָגט וועגן קאַפּלאַנסקין. נעמליך: אַז ס׳איז אַ גליקלעכע מישונג פון ווייסנשאַפטלעכן ערנסט און שטילן אָבער גליִענדיקן פּאַטאָס.

מערקבאַר איז ביי קאַפּלאַנען געווען דער ערנסט! זיין גרינטלעכער וויסן, זיין גראַדליניקייט, זיין וועגן און מעסטן יעדעס וואָרט, יעדע אַרויסגעזאָגטע פראַזע, זיין נישט דערלאָזן צו איגנאָרירן שוועריקייטן, צו באַגאַטעליזירן און אויף אַ לייכטן אופן באַהאַנדלען פּראָבלעמען. זיין גליִענדיקער פּאַטאָס איז געווען שוועד־מערקבאַר אין דער אַרבעט אָבער פאַרן בוי פון אונדזער מדינה האָט תמיד דאָס אוממערקבאַרע — דער ענטוזיאַזם און פּאַטאָס גובר געווען דאָס מערקבאַרע פון דער גראַדליניקייט, וואָס וועקט אַמאָל ספיקות ביי פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג־אַרבעט.

צוואנציק יאָר צייט האָט קאַפּלאַן ע״ה געשלעפּט אויף זיך די שווערע פינאַנץ־פּאָליטיק, פריער אין דער אַגענץ און לעצטנס אין דער רעגירונג. ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַ סך קעגנער, אָלע אָבער אָן אויסנאָם האָבן קאַפּלאַנען געשעצט און געאַכט, שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר זיין אויטאָריטעט, פאַר זיין דערפאַרונג און בעיקר פאַר זיין איבערגעבנקייט צו דער וויכטיקער ציוניסטישער און מלוכהשער אַרבעט.

אין פּראָצעס פון זיין טעטיקייט איז קאַפּלאַן אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער פאָדערשטער און אחריותפולער פּאָזיציע — איז געוואָרן דער פאַנעמנטרעגער פון דער פינאַנץ־פּאָליטיק פון דער אַגענץ און פון דער רעגירונג.

די פּאָזיציע האָט אליעזר קאַפּלאַן ע״ה אָפּגעהיט ביז צום לעצטן אָטעמצוג פון זיין לעבן.

מיט כבוד און ווירדע וועלן מיר אַלע טראָגן דעם אָנדענק פון חבר קאַפּלאַן ע״ה!

דוד רמז ע״ה

צו אָפן איז נאָך די ווונד, נאָך נישט פאַרטריקנט זענען די טרערן, בכדי צו קענען שרייבן אַלץ וואָס רמז איז געווען פאַרן פאָלק, פאַרן לאַנד, פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרן בוי און קאַמף פון אונדזער היימ־לאַנד, פאַר מדינת ישראל.

די תקופה פון רמזס לעבן, אַרבעט און קאַמף פאַרנעמט אין דער גע־שיכטע פון אונדזער פאָלק אַן אויסערגעוויינלעכן פלאַץ. דאָס איז דאָס קאַ־פיטל פון די טיפסטע ליידן, שרעקלעכע נגישות און רדיפות, דערנידערונגען און באַליידיקונגען, שחיטה־שטעט, פאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, גאַז־קאַמערן פון היטלער — ביז צו דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

דער הייַנטיקער דור און די צוקונפטיקע דורות, וואָס וועט וועלן לערנען די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, די כוחות, וואָס האָבן געפירט צו אונדזער באַפרייונג, די אַרבעט פון מענטשן, וועלכע האָבן חלומות איבערגעשמידט אין ווירקלעכקייט, וועלן דאַרפן אַרויפקוקן צום געשטאַלט פון דוד רמז ע״ה, וואָס וועט פאַר אַלע אייביקייטן פאַרבלייבן אין זכרון ביי אונדזער פאָלק.

די יאָרן פון רמזס לעבן אויסגעפילט מיט אַ רייכן תוכן פון שווערער חלוצישער טאָג־טעגלעכער שאַפונג, וואָס יעדע פון זיי איז אַ גרויס קאַפּיטל אין דעם בוי פון אונדזער מדינה, די ירושה פון טאָטן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, וועלן לדורות תמיד באַלייכטן זיין פערזענלעכקייט.

ווו מען רירט זיך צו אין ישראל, גאַנץ באַזונדער צו די אַרבעטער־ווירט־שאַפטן, איז יד ולב ומוח רמז. חברת העובדים איז דורך רמזן געשאַפן גע־וואָרן, די שטאָטישע און צווישנשטאָטישע אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע איז די שאַפונג פון רמז, סולל בונה, חבל ימי, די גאַנצע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז פאַטראָניזירט געוואָרן פון רמזן, תמיד אַ הונגעריקער נאָך בויען, וואָס מער, וואָס מער, שטענדיק פאַרנומען און דאָך געהאַט צייט פאַר געבן אַן עצה, פאַר אויסהערן אַ שווער האַרץ, ספּעציעל האָט זיך רמז אויסגעצייכנט ביים קלאָר מאַכן גאָר פאַרוויקלטע פּראָבלעמען, ליקווידירן סכסוכים, איז געווען אַ מייסטער אַלס בורר, אין קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, צווישן אַרבעטער און אַרבעט־געבער, מיט אַ זעלטענער פּקחות, מיט אַ ווונ־דערבאַרן שכל הישר, פלעגט ער תמיד געפינען אַן אויסוועג צו די קאָמפּלי־צירטסטע ענינים. רמזס אורטייל אין פאַרשיידענע ענינים איז געווען אַ פּסק

שכל, און נישט קיין פסק דין, מיט שכל קען מען זיין מער עלאַסטישער ווי מיטן האַרבן בוכשטאַב פון טרוקענעם געזעץ. אין צווישנפּאַרטייִשע פאַר־האַנדלונגען האָט רמז נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן, פאַר אַלעמענס מיינונג געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש און דרך־ארץ, האָט שטענדיק געפונען די בשותפותדיקע וועגן, וואָס פאַרבינדן אַלעמען, אויסמיידנדיק די דערנער, וואָס צעשיידן, קודם געזען דעם ציל, דאָס העכערע, און שפּעטער געפינען די מיט־לען, בכדי צו קענען צום ציל דערגרייכן, דערפאַר טאַקע איז רמז שטאַרק רעספּעקטירט געוואָרן ביי אַלע קרייזן אין ישוב און ביי אַלע פּאַרטייען אין ציוניזם.

רמז איז נישט געווען קיין רעדנער, האָט נישט אָפּערירט מיט רעטאָריק, האָט קיינמאָל נישט געזוכט צו האַלטן אין שפּאַנונג זיינע צוהערער מיט פּאַטאָספולע, גלאַנציקע שפּראַך־עפעקטן, האָט נישט באַנוצט קיין ספּעציעל קלינגענדיקע פראַגן, האָט נישט פאַרזוכט צו האַלטן דעם עולם מיט שלאָג־ווערטער, מיט אַרויסרופן עמאָציעס, ניין! נישט דער רעדנער האָט גערעדט פון רמזן, נאָר עס האָט גערעדט די פּערזאָן רמז, קאַלט, רויִק, דערפאַר אי־בערצייגנדיק, פול מיט לאָגיק, פון יעדן וואָרט האָט מען אַרויסגעפילט די אחריות, די פאַראַנטוואָרטונג.

רמז האָט געוווּסט, אַז דער יסוד פון יצירה, פון שאַפונג, איז באַזירט אויף עקשנות, אויף וואָס גרעסערער שטאַנדהאַפטיקייט, דער יסוד פון קאָאָ־פּעראַטיווע באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש, איז נישט נאָכגיביקייט, נאָר פאַרגיבלעכקייט, דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער עקשן אין זיין שע־פערישער בוי־אַרבעט, און פאַרגיבלעך אין די באַציִונגען מיט חברים, אָדער פריינט. ליבשאַפט צו מענטש און צו ייִד בפרט האָט ביי רמזן דאָמינירט אַלס גרונט־פּרינציפּ אויף זיין לעבנס־וועג.

דעם ואהבת לרעך כמוך האָט רמז געטייטשט: זאָלסט ליב האָבן יעדן ייִדן ווי זיך אַליין, נישטאָ קיין אַנדער חבר, קיין בעסערער חבר ווי דער ייִד, דערביי האָט רמז נישט אויסגעקליבן קיין ספּעציעלן ייִדן, וועמען ליב צו האָבן, אַלע זענען פאַר אים געווען גלייך, ייִדן פון אייראָפּע און פון אַמעריקע, אָריענטאַלישע ייִדן, אָרעם און רייך, אַלע אָן אויסנאַם זענען ביי רמזן געווען קינדער, וועמען איין גאָט האָט באַשאַפן און איין פאָלק געבוירן.

רמזס ליבשאַפט צום פאָלק, צו ישראל סבא, איז געקומען צום אויס־דרוק אין זיין אומדערמידלעכער אַרבעט און אין זיין קאַמף־גרייטקייט.

אויף דער בינע פון 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין דע־צעמבער פון 1946, אין זיין באַגריסונג־וואָרט אין נאָמען פון וועד לאומי, האָט רמז געזאָגט: „דער ישוב אין ישראל, די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג,

דאָס גאַנצע פאָלק איז פאַרייניקט מיט דער פאָדערונג פון איין איינציקער זאַך: — לעבן, מיר פאָדערן פון די פעלקער, מיט וועמען מיר האָבן צוזאַמען געקעמפט איבער די הימלען, אויפן ים, אויף דער יבשה, אין אַלע וועלט־עקן, — צו לעבן ווי אַ פרייהייט־פאָלק אין זיין אייגן לאַנד. מיר, דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַקסל ביי אַקסל צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטישע פעלקער געקעמפט פאַר פרייהייט, וועלן אויף דער פרייהייט פון אונדזער פאָלק נישט מוותר זיין״...

די ווערטער פון רמזן האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם אויף דעלעגאַטן און געסט ביים 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס, מען האָט אין דער פעסטקייט פון רמזס שטים געפילט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק, וועמענס ווירדיקער און שטאָלצער רעפּרעזענטאַנט ער איז ראוי צו זיין.

ליידער איז רמזן נישט באַשערט געווען צו זיין דערביי און מיט זיינע אייגענע אויגן זען ווי זיין ברכה איז מקוים געוואָרן. ער האָט דאָן אין באַזעל געבעטן דער ציוניסטישער באַוועגונג אָפּצוהאַלטן דעם 23טן קאָנגרעס אין ישראל, אין אונדזער היימלאַנד, וואָס וועט זיין אָפן פאַר אַלע די, וואָס וועלן וועלן עולה זיין, דער 23טער קאָנגרעס דאַרף זיך צונויפקומען אין אויגוסט אין ירושלים, אין אונדזער הויפּטשטאָט, און אין די טעג, ערב דעם קאָנגרעס, איז דוד רמז פון אונדז צוגענומען געוואָרן.

ווי ווייט רמז איז געווען באַליבט ביי אַלע קרייזן אין ישוב אין א״י און ביי אַלע פאַרטייען אין ציוניזם, האָט מען געקענט זען אויפן 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס, בעת רמז האָט פאַרנומען די טריבונע צו ברענגען די באַגריסונג פון וועד לאומי, וועמענס פּרעזידענט ער איז דאָן געווען, וואָס פאַר אַן אָפּלאָדז ער האָט דאָן באַקומען, מיט וויפל פרייד, דער גאַנצער עולם האָט רמזן אויפגענומען.

גאַנץ באַזונדער איז די אָנערקענטע, פול מיט ליבשאַפט באַציִונג צו רמזן געקומען צום אויסדרוק אין די ווערטער פון ד״ר חיים וויצמאַן, אונדזער פּרעזידענט, וועלכער האָט דאָן געפירט די קאָנגרעס־זיצונג און צוגעטיילט רמזן דאָס וואָרט. ד״ר וויצמאַן האָט דאָן געזאָגט: „איך האָב דעם כבוד צו געבן דאָס וואָרט צו אונדזער טייערן חבר דוד רמז, און איך רייד אין נאָמען פון אייך אַלע, מיט מיין זאָגן, אַז גליקלעך זענען מיר צו זען רמזן ביי זיין אַרבעט, אויף זיין וואַך־פּאָסטן. געבענטשט זאָל רמז זיין!״

געציילטע, פּשוטע, האַרציקע ווערטער פון ד״ר וויצמאַן, אָבער וויפל פאַרערונג, וויפל פיעטעט, וויפל ליבשאַפט איז אין די ווערטער געווען!

אַ פּסוק אין קהלת זאָגט: „זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטער, צי ער געניסט ווייניק, אָדער פיל״. רמז ע״ה האָט געהערט צו די אַרבעטער, וואָס

האָבן ווייניק אין זייער לעבן געגאָסן, תמיד געווען פאַרנומען אין זיין אומ־דערמידלעכער אַרבעט פון בנין הארץ, שטענדיק געווען געווידמעט די אינ־טערעסן פון פאָלק, אַלע מאָל געווען איבערגעלאָדן מיט פּלענער, צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון פאָלק אין זיין אייגן היימלאַנד.

נישט נאָר די ייִדישע אַרבעטערשאַפט אין ישראל, וועמענס פירער און וועגווייזער רמז איז געווען פאַר די לעצטע פערציק יאָר פון זיין לעבן דאָרט, נישט נאָר די וועלט־באַוועגונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, וועמענס מדריך רמז איז געווען, נאָר דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק שטייט אין טיפער אבלות, מיט געבויגענע קעפּ נאָכן פריצייטיקן טויט פון דוד רמז.

אַ קלאַפּ אין אַ צעווייטיקטער ווונד

(נאָכן טויט פון דוד ווערטהיים)

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און איבער דער וועלט — צוזאַמען מיטן גאַנצן ייִדישן ציבור — האָט ווידעראַמאָל געליטן אַ שרעקלעכן פאַרלוסט מיט דער פּטירה פון דוד ווערטהיים ע״ה.

עס איז נאָך פריש די צעווייטיקטע ווונד און דער טיפער טרויער נאָך חיים גרינבערג ז״ל און גלייך נאָך דעם — דער אומגליק, דער פּריצייטיקער טויט פון דוד ווערטהיים. אַ מענטש אין די יאָרן פון גבורה (עטלעכע און פופציק יאָר אַלט געווען) שעפעריש, פול מיט ברויזנדיקער ענערגיע און פּלוצים האָט דער אומברחמנותדיקער טויט פאַרשניטן זיין לעבן, אים אַוועקגענומען פון די לעבעדיקע, אַוועקגעריסן אַ דינאַמישן, ענערגישן עסקן און פירער און אַוועקגעטראָגן אין דער אייביקייט.

דער גורל פון טויט האָט געוואָלט, אַז דוד ווערטהיים זאָל פאָרן קיין האַוואַנאַ, קובאַ, אין שליחות פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האַלטן אַ רעדע ביים דריטן סדר, וואָס די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט איינגעאָרדנט און אַראָפּגייענדיק פון עראָפּלאַן, זיצנדיק אינעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט אים געפירט פון לופטפעלד אין שטאָט אַריין, זאָל ער באַקומען אַ מוח־דערשיטערונג און נאָך עטלעכע טעג פון שווערע ראַנגלעניש האָט דער טויט מנצח געווען און צוגענומען דעם לעצטן אָטעם פון דוד ווערטהיים ע״ה.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איבער אַלע וועלט־עקן, דער ייִדישער ציבור בכלל איז אין טיפן טרויער נאָך דער שווערער אבידה, וואָס דער פּריצייטיקער טויט פון דוד ווערטהיים האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן.

ייִדן אין אַמעריקע און אין די אַלע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע און אין מדינת ישראל האָבן דוד ווערטהיימען ליב געהאַט, פאַרערט, זיך אַנטציקט ממש מיט די גייסטרייכע און שאַרפזיניקע רעדעס זיינע, אַ מטיף אין פולסטן זין פון וואָרט, דער לעצטער פון דעם טיפּ, וואָס מיר האָבן געהאַט אין משך פון די לעצטע דורות. אַ ייִד אַ תלמיד חכם, אַ העברעער, אַ למדן, אַ גרויסער בקי אין אונדזער אַלטן קולטור־אוצר און אין די מאָדערנסטע שאַפונגען פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, אַ גרויסער בעל־מידות, מיט אַ לויטערער נשמה, מיט אַ זעלטן גוט האַרץ, אַ עסקן בצרכי ציבור באמונה, איבערגעגעבן, בסתרדיק אָן פּירסום, אַ פולבלוטיקער שלימות־

דיקער ייִד, אויפריכטיק, ליבלעך, אָן פניות, אַ בורח מין הכבוד, אַן עכטער און אמתער פֿאָלק־מענטש, אהבת ישׂראל און אַ מוסטער פֿון אַ געזעלשאַפֿט־לעכן טוער אשר אין כמוהו.

* * *

דוד ווערטהיים ע״ה איז געבוירן געוואָרן אין די ערשטע חדשים פֿון 1897 אין בעסאַראַביע, שטאַמט פֿון דור דורות רבנים און רביים, זיין שלשלת היוחסין ציט זיך פֿון ר׳ ישׂראל דעם ליים־פּירער, וועלכער איז שפּעטער נתגלה געוואָרן אַלס דער גרינדער און באַגרינדער פֿון חסידות ר׳ ישׂראל בעל שם טוב זצ״ל.

אין דער היים, אין פֿאָטערס רביישן הויז זיך אָנגעזאַפּט מיט תורה און חכמה, מיט גוטע מידות, מיט אהבת ישׂראל, מיט פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז געווען דער עמוד האש פֿון דער חסידישער באַוועגונג ביי ייִדן. שפּעטער געפֿאָרן לערנען קיין אָדעס, דאָן שטודירט אין בערלין, פֿון זיין פּריִסטער יוגנט געווען טעטיק אין ציוניזם בכלל און אין דער צעירי ציון פּאַרטיי, גע־ווען איינער פֿון די ראשונים, וועלכע האָבן פֿאַרשפּרייט דעם געדאַנק פֿון אַרבעטער־ציוניזם אין די שטעט און שטעטלעך פֿון בעסאַראַביע און שפּעטער אין דייטשלאַנד. אין יאָר 1923 איז דוד ווערטהיים ע״ה געקומען קיין אַמע־ריקע — איז גלייך געוואָרן טעטיק אין דער צעירי ציון פּאַרטיי און גע־שטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פֿון פּירערשאַפֿט. נאָך דער פֿאַרייניקונג פֿון צעירי ציון מיט פּועלי ציון, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1923, איז דוד ווערטהיים געוואָרן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיי און דעם אַמט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1946. האָט רעפּרעזענטירט די פֿאַריי־ניקטע פּאַרטיי אין אַמעריקע אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין אַ צאָל אינס־טיטוציעס און קערפּערשאַפֿטן פֿון ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין אַמע־ריקע, האָט באַקליידט דעם אַמט פֿון מיטגליד פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָ־מיטעט, אין קרן היסוד, אין קרן קימת, אין הסתדרות עברית, אין העברעיִשן לערער־פֿאַרבאַנד, אין אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס, אין ציוניסטישן ראַט, אַ מיטגליד אין דירעקטאָריום פֿון „דזשאָינט״ און פֿון נאָך אַ צאָל אָרגאַני־זאַציעס. אומעטום, ווו נאָר ווערטהיים האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דער אַרבעט האָט ער געבראַכט פֿון גרויס ליבשאַפֿט און פֿאַרערונג און אומעטום אַריינגעבראַכט דעם גייסט פֿון גוטס, פֿון חברישקייט, פֿון פֿאָלקסטימלעכער היימישקייט, אומעטום געטראָגן אַ וואַרעמע אַטמאָספֿער, גרויס התלהבות, ליבשאַפֿט און קדושה פֿאַרן צוועק. אין די לעצטע יאָרן האָט דוד ווערטהיים פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון דירעקטאָר פֿון לאַטיין־אַמעריקאַנער דעפּאַרטאַמענט פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין פֿאַר דער „הסתדרות״ און אין שליחות פֿון זיין

אַמט — אויפן פּאָסטן, פּאַרנדיק קיין האַוואַנאַ, קובאַ, קראַנק געוואָרן און נאָך שווערע ליידן און יסורים אויסגעהויכט די נשמה.

* * *

געטריי זיין שלשלת היוחסין איז דוד ווערטהיים כל ימיו ושניו געווען אַ נסתר, אַ נחבא על הכלים, אַ באַהאַלטענער מענטש, וואָס האָט נישט גע־זוכט קיין פּרסום — האָט נישט געוואָלט נתגלה ווערן, ווי מען פּלעגט עס באַצייכענען אויפן חסידישן לשון. זיין אַרבעט לטובת הכלל, זיין טיפער גלויבן אין ציוניזם, זיין גרענעצלאָזע עקשנותדיקע טעטיקייט לטובת דעם אַרבעטער־ציוניזם האָט אים אַנטפּלעקט פאַר דער ברייטער יידישער עפנט־לעכקייט. זיין עכטע און אמתע ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, וואָס האָט געצויגן יניקה פון זיין אייגענער טיף־יידישער פלאַמענדיקער נשמה, האָט אים נתגלה געמאַכט, און מיט זיינע פלאַם־פייערדיקע רעדעס פאַר ציוניזם בכלל און פאַר אַרבעטער־ציוניזם בפרט, האָט ער זיך שנעל קונה שם געווען אַלס ערשט־קלאַסיקער אָראַטאָר, ווועמען דער עולם האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן, האָט זיך אַנטציקט מיט זיין האַרציקער שפּראַך, מיט זיינע דברי־תורה, מיט זיינע פאָלקסווערטלעך, מיט זיינע ציטאַטן פון משנה און תלמוד, מיט זיין צופּאַסן אַ מאמר חז״ל, אַן אגדתא, אַ מדרש, מיט דערציילן אַ גוט וואָרט פון אַ גוטן יידן, פון אַ באַרימטן רבין, פון אַ שריפטשטעלער און קלאַסיקער פון אונדזער מאָדערנער און אַלטער ליטעראַטור.

* * *

ס׳איז געווען אין פרילינג פון יאָר 1941. היטלערס חיילות זענען גע־גאַנגען אין אַ טריומף־מאַרש, האָבן אויסגעשפּרייט די נאַצישע הערשאַפט איבער דער גרעסטער צאָל לענדער אין איירָאָפּע, און זיך פאַרמאָסטן איינ־צונעמען די גאַנצע וועלט. פון יענער זייט ים זענען אָנגעקומען שווערע גרוסן פון יידישע ליידן אין די נאַצישע געטאָס, אין די לענדער פון דער היטלערי־שער אָקופּאַציע.

אין חודש מאַי פון יענעם יאָר האָט זיך פאַרזאַמלט אין לייקוווד דער פאַרטיי־ראַט פון פועלי־ציון צו באַהאַנדלען אַ צאָל פראַגן אין פאַרבינדונג מיט דער לאַגע פון די יידן אויף יענער זייט ים, וועגן יידיש לעבן אין אַמע־ריקע און וועגן פּראָבלעמען פון ציוניזם.

ווי ס׳איז שוין דער שטייגער אויף פּאָליטישע צוזאַמענקונפטן קומט פאַר נאָכן באַריכט פון פאַרזיצער, אָדער גענעראַל־סעקרעטאַר אַ וויכוח, ביי וועלכן

יעדער איינציקער זאָגט אַרויס זיין מיינונג, זיין וועלט־אַנשויונג וועגן די פראַגן וואָס ווערן פאַרהאַנדלט.

אין זכרון פון יענעם פאַרטיי־ראַט איז פאַרבליבן, אַז ס׳איז געווען אַן ערנסטער וויכוח, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ, די דיסקוטאַנטן האָבן גערעדט אין אַ טאָן, וואָס האָט נישט פונאַנדערגעטיילט קיין צדדים, האָט נישט געשאַפן קיין צד פון אַנהענגער און אַ צד פון קעגנער, נאָר האָט געבילדעט איין פראָנט פון אַלע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אין אַנבליק פון שווערן מצב אַקציע, דרינגנדיקע אַרבעטן.

דער וויכוח איז געווען נוגע דעם מצב פון יידן מעבר לים און די דרינגענדיקע אויפגאַבן פון אַמעריקאַנער יידנטום אין פאַרבינדונג מיט דעם מצב. עס איז אויך דאָן געשטאַנען אויפן סדר־היום פון וועלט־ציוניזם, און וואָס האָבן דעם קלימאַקס פון באַשלוסן און רעזאָלוציעס דערגרייכט אויף דער באַקאַנטער בילטמאָרער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן בערך מיט אַ יאָר שפּעטער אין ניו יאָרק אין האָטעל בילטמאָר, צו וועלכער עס איז געקומען פון ישראל דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, דוד בן־גוריון.

וועגן די פראַגן פון ציוניזם זענען שוין געווען צדדים, אַנהענגער פון פאַרשיידענע שיטות.

דוד ווערטהיים ע״ה, דער דעמאָלטיקער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער פועלי ציון פאַרטיי אין אַמעריקע, האָט געהאַלטן די שלוס־רעדע אויפן פאַרטיי־ראַט און באַדאַרפט רעזומירן די חילוקי־דעות און אַרויסברענגען די אָפּיציעלע מיינונגען פון די לייטנדיקע אָרגאַנען פון דער פאַרטיי. ווערטהיימס רעדע פון יענעם פאַרטיי־ראַט איז פאַרבליבן אין זכרון. ס׳איז נישט געווען סתם אַ רעדע, ס׳איז געווען אַ שוואַנען־ליד, וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון זיין נשמה. ווערטהיים האָט דאָן דערהויבן און באַפליגלט אַלע אַנוועזנדיקע אויפן פאַרטיי־ראַט. ער האָט מיט זיינע ווערטער דעם פאַרזאַמלטן עולם אַריינגעפירט אין די קאַמערן פון זיין אייגענעם תורה־אוצר, וועלכער האָט געשפרודלט ווי אַ מעין המתגבר — ווי אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל.

די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג דאַרפן אַרויסווייזן עכטע איבערגעגעבנקייט צום גורל פון יידן מעבר לים און צום גורל פון ארץ־ישראל. נישט מיט קיין קינסטלעכער ליבשאַפט קען מען ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג, חלילה — האָט דוד ווערטהיים געדונערט מיט זיין שטים, — מען דאַרף האָבן עכטע איבערגעגעבנקייט, גרייטקייט אויף אָפּפער, מען דאַרף אַליין זיין גרייט אויף קרבנות, בכדי צו פאַרהיטן דאָס יידישע פאָלק פון ענדגילטיקן אומקום און פאַרטיליקונג. דערביי האָט

ווערטהיים געברענגט פאַלגנדיקן משל: ער האָט דערציילט אַ מעשה מיט גרינע בלעטער און מיט אַ קראַנקן. ס'איז געווען אַמאָל אין שטעטל, האָט ווערטהיים געשילדערט, אַ לונגען־ליידנדיקער, אַ „סוכאָטניק", וועלכער האָט זיך אַלע יאָר שטאַרק געשראָקן פאַרן אָנקום פון האַרבסט, ווען די בלעטער אויף דיביימער הייבן אָן צו ווערן געל און אַראָפּצופאַלן פון זייערע צווייגן. די צייט איז זייער אַ סכנותפולע פאַר לונגען־ליידנדיקע. אין אַמאָליקע צייטן, איידער עס זענען געווען די פאַרשיידענע „אַנטיביאָטיקס", די סערומס, וואָס מען שפּריצט אַריין אַ קראַנקן אויף טובערקולאָז, פלעגן לונגען־ליידנדיקע, סוכאָטניקעס, דורכמאַכן די שווערסטע צייט אין האַרבסט. זייער פיל האָבן אין האַרבסט־צייט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם און זיך געזעגנט מיט דער זינדיקער וועלט. דער האַרבסט, דאָס אַראָפּפאַלן פון די פאַרוועלקטע בלעטער האָט זייער שלעכט געווירקט אויפן געמיט און זעלבסט־געפיל פון די לונגען־ליידנדיקע, אַפילו נישט קיין שטאַרק ערנסט קראַנקע וועמען ס'האָט נישט געדראָט קיין גרויסע געפאַר, און האָבן נאָך געהאַט שאַנסן אויסגעהיילט צו ווערן, האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן האַרבסט, האָבן מורא געהאַט פאַרן געלן קאָליר פון די בלעטער אויף די ביימער. פלעגן זיי דערזען ווי עס פאַרשווינדט די גרינקייט פון די ביימער־בלעטער, איז זייער שטימונג געבראָכן געוואָרן, כלערליי מחשבות האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצוגנבענען אין האַרצן און מוח פון קראַנקן, און דאָס האָט זייער שלעכט זיך אויסגעווירקט אויף דער קראַנקייט. דער קראַנקער האָט פאַרלוירן דעם זעלבסט־געפיל און פיל מאָל זענען די רעזולטאַטן געווען נישט קיין גוטע.

ווערטהיים ע"ה האָט דאַן דערציילט, אַז ס'איז געווען איינע אַ משפּחה פון אַ קראַנקן אויף סוכאָטע, וועלכע האָט געוווּסט ווי דער קראַנקער שרעקט זיך פאַרן אָנקומענדיקן האַרבסט, ווי ער האָט מורא פאַר די געלע בלעטער, איז די משפּחה געפאַלן אויף אַ המצאה, צו מאַכן אַ קינסטלעכן בוים מיט קינסטלעכע גרינע בלעטער, דעם בוים אָוועקשטעלן ביים פענצטער פון דעם קראַנקן, אַזוי אַז ער זאָל שטענדיק זען פאַר זיינע אויגן גרינע בלעטער, און אַזוי אַרום נישט האָבן די שרעק, נישט ליידן פון דער מורא פאַרן אָנקומענדיקן האַרבסט, ווען די בלעטער ווערן געל און פאַרוועלקט. ס'איז געווען אַ זייער גוטער איינפאַל פון דער משפּחה, וועלכע האָט געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר די ליידן פון קראַנקן, פאַר זיין מורא און פּחד, אָבער — האָט דוד ווערטהיים ע"ה דערציילט — מיט די קינסטלעכע בלעטער, וואָס דאַרפן דינען בלויז אויף אָפּצונאַרן דעם קראַנקן, קען מען דעם אייגנטלעכן ציל פון געזונט מאַכן דעם קראַנקן נישט דערגרייכן.

דוד ווערטהיים ע"ה האָט דאַן אויסגעפירט, אַז ד'ער קראַנקער קערפּער

פון יידישן פאָלק פאַרלאַנגט אמתע ליבע, נישט בלויז קיין מיטלייד, וואָס האָט פּילייכט אַ מאָמענטאַנע ווירקונג, אָבער היילט נישט דעם אָרגאַניזם. דאָס יידישע פאָלק נייטיקט זיך, האָט ווערטהיים געזאָגט, אין אמתער ליבע און איבערגעגעבנקייט, אין קרבנות־גרייטקייט צו ראַטעווען וואָס מער יידן פון היטלערס רוצחישע נעגל און זיך איינצושטעלן, צו זיין גרייט פאַר אַ שווערן קאַמף, בכדי צו דעראָבערן ארץ־ישראל פאַר אַ יידישער מלוכה, ווו די ביימער און בלעטער וועלן זיין עכטע, אמתע, נישט קיין קינסטלעכע. נאָר אַ יידישע מלוכה קען ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק און פאַרזיכערן זיין קיום, נאָר יידן, שוועסטער און ברידער, וועמען איין גאָט האָט באַשאַפן און איין פאָלק האָט געבוירן, דאַרפן זיך איינשטעלן פאַר די לעבנס פון אונדזערע ברי־דער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, וועלכע זענען באַדראָט פון די היט־לעריסטישע רוצחים, חלילה, אומגעבראַכט צו ווערן. קיינער וועט אונדז נישט העלפן — האָט ווערטהיים דאַן געזאָגט — אויב מיר וועלן זיך נישט העלפן אַליין, דער „אם אין אני לי מי לי" איז חל אויף די היינטיקע טעג, און וועט זיין חל תמיד, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיך געפינען אין צייטן פון ערנס־טער געפאַר. די ווערטער פון ווערטהיימען ע"ה מיט 15 יאָר צוריק אויף יענעם פאַרטיי־ראַט אין לייקווד זענען פאַרבליבן אין זכרון, אַ שאָד נאָר, וואָס מיר זענען נישט בכוח די גייסטרייכע מחשבות איבערצוגעבן אין דער שפּראַך, אין דעם רייכן לשון, וואָס איז געשטאַנען דוד ווערטהיימען ע"ה צו פאַרפיגונג.

* * *

שווער משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז דוד ווערטהיים איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, אַז ס'איז אויף אייביק פאַרשטילט געוואָרן דאָס לשון, די פאָלקס־שפּראַך פון אַן אמתן פאָלקס־מענטש, פון אַ טייערן און האַרציקן יידן, פון אַ פאָלקס־טריבון, ווי ס'איז כל ימיו געווען דוד ווערטהיים ע"ה.

ס'איז מיטן טויט פון דוד ווערטהיים ע"ה אַוועקגעגאַנגען פון עולם הזה אַ איש תמים, אַ הערלעכער ייד, מיט מעשים טובים און מידות טובות, איי־נער פון די לעצטע „מאָהיקאַנער" פון היינטיקן דור. עס בלייבט אַ גרויסער חלל אין יידישן לעבן, נישטאָ קיין ממלא מקומו.

כבוד זיין אָנדענקען!

ד"ר אברהם זילבערשיין

ס'איז בפירוש זייער שווער צו געוווינען זיך מיטן פאַקט, אַז חבר זילבערשיין איז נישטאָ מער צווישן די לעבעדיקע. עס ווילט זיך פאַר קיין פאַל נישט גלייבן אין טויט פון זילבערשטיינען. ווי איז דען מעגלעך, אַז אַזאַ צאַפּלדיק און לעבעדיק לעבן זאָל מיט אַמאָל פאַרלאָשן ווערן?

ווער עס האָט געקענט זילבערשטיינען פון דער נאָענט, ווער עס האָט נאָר געהאַט מיט אים אַ קאָנטאַקט, דער האָט געוווּסט וויפל דינאַמישקייט, וויפל באַוועגלעכקייט, וויפל רירעוודיקייט, וויפל איניציאַטיוו און שאַפונגכוחות דער מענטש האָט פאַרמאָגט אין זיך. ממש אַ קוואַל פון כסדר שפּרודלדיקער ענערגיע, פון אומאויפהערלעכער אַרבעטזאַמקייט, אומאויסשעפּלעכע, עקשנותדיקע מי און אומאונטערבראָכענע טאַט פאַר אַלע יאָרן פון זיין לעבן.

פון ווייטנס, פאַר פרעמדע, האָט זילבערשיין אויסגעזען צו זיין אַ בייזער, אַ שטרענגער, אָפּגעשלאָסן אין זיך, ווי אָפּגעפרעמדט פון מענטשן, אַ טיף ערנסטער, ווי אַ וועלט פאַר זיך אַליין, אין דער אמתן אָבער איז ער עס נישט געווען. אין קעגנטייל, ער איז גראָד געווען אַ צוגעלאָזענער מענטש, האָט ליב געהאַט צו ריידן מיט חברים, דערציילן, זיך טיילן מיט מיינונגען, אויסהערן אַ מיינונג, רעספּעקטירן אַ געדאַנק, איבערגעבן זיינע געפילן און איבערלעבונגען, ביז גאָר פריינטלעך און איבערגעגעבן אין זיין פאַרקער מיט מענטשן און אָפטמאָל אַפילו צערטלעך צו נאָענטע חברים און גוטע פריינט.

אמת, אַז זיין פּנים, זיינע האַלב־איינגעשלאָפענע אויגן, זיינע תמיד האַלב פאַרמאַכטע ברעמען אונטער די אויגן־גלעזער, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז פרעמד צו מענטשן און צו דער וועלט, אַז ער האָט ווייניק אינטערעס אין די לויפנדע געשעענישן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַז אים קימערן ווייניק די פּאַסירונגען אין דער פּאַרטיי, אין ציוניזם בכלל. דער איינדרוק איז אָבער געווען אַ פאַלשער. זילבערשיין איז געווען פאַראינטערעסירט אין יעדער קלייניקייט, האָט געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט צו יעדער פּאַסירונג, האָט נאָכגעפאָלגט געשעענישן, האָט פאַר אַלץ געהאַט אַן אָפן אויער און אָפענע אויגן, האָט געזען און דערזען זאַכן גרינדלעך, נישט אויבנאויפיק, אַנאַליזירנדיק יעדן פּרט און לויט זיין שכל ציִען מסקנות פאַר פּראַקטישע צוועקן.

באַקאַנטע פּלעגן זען אין זילבערשײַנען אַן אָנגעכמורעטן, טרוקענעם, פֿאַרביטערטן, שווערן מענטשן, נאָענטע דאַקעגן האָבן אין זילבערשײַנען געזען אַ האַרציקן, היימישן, איבערגעגעבענעם חבר און פֿרײַנד, פֿאַר וועמען מען האָט געקענט אין שווערע צײַטן זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן, פֿרעגן אַן עצה, זיך מישב זײַן און דערוואַרטן אַ טובֿה.

באַקאַנטע האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זילבערשײַן איז אַ צוריקגעצויגענער, אַן אײַנזאַמער, אַן אָפּגעזונדערטער פֿון מענטשן. נאָענטע דאַקעגן האָבן געהאַט די איבערצײַגונג, אַז ער איז פֿרײַנטלעך, חבֿרותא־מעסיק, מיט אינטערעס און זאָרג פֿאַר מענטשן, מיט גרייטקייט צו טאָן פֿאַר מענטשן, מיט אַ גרויסער מאָס פֿון וואַרעמער פֿרײַנטשאַפֿט און חבֿרישער צערטלעכקייט.

די נאַטור האָט ד״ר זילבערשײַנען באַשאָנקען מיט אַ סך פֿעיִקייטן, הויפּטזעכלעך מיט אַ סך שׂכל, אײַנגעבוירענע קלוגשאַפֿט, אמתע פּיקחות, וואָס איז געווען זײַן הויפּט־אינסטרומענט אין דער פֿאַרצווייגטער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

זילבערשײַן איז נישט געווען קיין פֿירער, ער איז געווען אַליין אַ טוער, זײַן גאַנץ לעבן געווען פֿאַרטאָן אין פּראַקטישע אַרבעטן, וואָס ער אַליין האָט געטאָן, אַליין איניצירט, אַליין געשאַפֿן, אַליין אָרגאַניזירט, געפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט אין מזרח־גאַליציע און אָרגאַניזירט די יד־חרוצים־באַוועגונג, דאָ געשאַפֿן אַ קאָאָפּעראַטיוו, דאָרט אַ גמילות־חסד־קאַסע, אין איין פּלאַץ אַ מעדיציניש באַראַטונגס־שטעלע, אויפֿן צווייטן פּלאַץ אַ יורידישע הילפֿס־אינסטיטוציע. אין איין שטעטל געזאָרגט פֿאַר דעם עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פֿון קבוץ־הכשרה, אין צווייטן שטעטל פֿאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון פּרנסהלאָזע ייִדן.

תמיד איז זילבערשײַן געווען פֿול־באַלאָדן מיט פּלענער ווי אַזוי צו באַזאָרגן די ייִדישע אָרעמקייט, צו שאַפֿן פֿאַר זיי מעגלעכקייטן פֿאַר אַרבעט און עקזיסטענץ, איז געווען אַ פּיאָנער אין אָרגאַניזירן נײַע אַרבעטס־צווײַגן אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון ייִדן אין פֿאַר־מלחמהדיקן אַנטיסעמיטישן פּוילן, ווו ייִדן זענען טאָג־טעגלעך אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון עקאָנאָמיש־אַקטיוון לעבן און פּאָליטיש גאָר שטאַרק גערודפֿט געוואָרן.

זילבערשײַן, הגם ער איז געווען אַ גוואַלדיק געבילדעטער און געלערנטער מענטש, באַהאַוונט אין אַלע ווינקעלעך פֿון ייִדישן און וועלטלעכן וויסן, באַגאַבט אין אַ סך שטחים פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט, אַ נאָכפֿאָלגער פֿון די לעצטע שאַפֿונגען אויפֿן געביט פֿון פֿילאָזאָפֿיע, ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט, אַ גרויסער מתמיד אין לערנען; איז ער אָבער נישט געווען קיין

קאַבינעט־מענטש, זיין געביט איז געווען — טאָג־טעגלעכע אַרבעט, אים האָבן אינטערעסירט דערשיינונגען און פּראָבלעמען פון פּראַקטישן לעבן, יידישע פּראָבלעמען, אַרום וועלכע עס האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט ליידנשאַפטלעכע, פּאָליטישע אויסרעכענונגען פון די אַנטיסעמיטישע מושלים אין דעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן.

זילבערשיין איז געווען אַ סאָציאַליסט, אָבער נישט סתם אַ סאָציאַליסט, נאָר אַ ציוניסטישער סאָציאַליסט, זיין גאַנץ לעבן אַ טעטיקער און פירנדער חבר פון דער פועלי־ציון התאחדות־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע, דעם געדאַנק איז זילבערשיין געטריי געבליבן ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג פון זיין לעבן.

זילבערשיינס גלויבן אין ציוניסטישן סאָציאַליזם איז געווען זייער שטאַרק. דערפאַר איז ער תמיד געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט אין זיין גאַנצער אָריענטאַציע. מיט דעם אָפּטימיזם האָט ער אָנגעשטעקט אַנדערע. אין די שווערע און ביטערע יאָרן פון דער שרעקלעכער און גרויזאַמער יידן־קאַטאַסטראָפע, האָט ער נישט פאַרלוירן דעם גלויבן און אָפּטימיזם אויף קיין איין מינוט. זיין אמונה, באַגלייט פון זיין טיפן שכל, איז געווען זיין קאָמפּאַס און וועגווייזער אויפן געביט פון ראַטעווען טויזנטער און טויזנטער יידן פון היטלערס נעגל פון טויט און זיי העלפן ברענגען קיין ארץ־ישראל, ווו זיי זענען היינט געטרייע און גליקלעכע בירגער פון מדינת ישראל.

אין די טעג פון 21סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין גענף ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די לופט איז שוין געווען פול מיט פּולווער, אָט־אָט אויסצושיסן, אין די לעצטע טעג פון חודש אויגוסט 1939, איז דאַן זילבערשיין געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן פּלענער פון אָרגאַניזירן אַ הילפס־טעטיקייט פאַרן פּוילישן יידנטום, כאָטש קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז עס וועט קומען אַזאַ שרעקלעכער חורבן, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן נאָך מער אכזריותדיקער ווי יעדע פאַנטאַזיע פון יסורים און פּיין האָט געקענט פאַראויסזען, איז אָבער זילבערשיין געווען דער, וועלכער האָט גערעדט מיט חברים וועגן אַ פּראָגראַם פון אַרויסראַטעווען אַ גרויסע טייל פון דער יוגנט און איבערפירן אין אַ נייטראַלן פּלאַץ, פון וואַנען מען זאָל שפּעטער קענען דורך דער אומלעגאַלער עליה איבערשיקן טראַנספּאָרטן קיין ישראל. היטלערס בליצקריג, דאָס פאַלן פון פוילן אין געציילטע וואָכן האָט ליידער צונישט געמאַכט יעדן פּלאַן פון אַרבעט אויף דעם געביט. אָבער ווען די ערשטע גרופּע פון חלוצים זענען געקומען קיין ווילנע, וואָס האָט דאַן געהערט צום אומאָפּהענגיקן ליטע, איז די ערשטע פאַרבינדונג געמאַכט געוואָרן מיט זילבערשיינען. דער איינציקער קשר איז געווען מיט זיין ביוראָ אין גענף,

דורך וועלכער עס איז אָנגעקניפּט געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל, מיט דער לייטונג פון דער סוכנות, די ערשטע אַלאַרם־רופן פון ייִדן אין פּוילן, די ס. אָ. ס.־געשרייען פון די גאַז־קאַמערן אין פּוילן זענען אָנגעקומען צו זיל־בערשטיינען און דורך אים צום ייִדנטום אין אַמעריקע. די ערשטע איבערגעטויג־נע אין דייטשע מונדירן ייִדישע יונגעלייט, וועלכע זענען געפאָרן קיין פּוילן צו טראָגן מוט און האָפענונג צום פּוילישן ייִדנטום, זענען געשיקט געוואָרן פון זילבערשטיינען.

אין אָט דער תקופה האָט זילבערשטיין באמת אַרויסגעוויזן גרויסע אי־דעיִשע פעסטקייט. ער האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצובריינגען פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז מאַנכע גרויסע ייִדישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס זענען נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך פון זייערע אויפגאַבן, אַז מאַנכע זאַכן זענען געטאָן געוואָרן צו שפּעט און נישט אין דער געהעריקער צייט, אַז מען האָט קאַלקולירט צופיל און געזאָרגט פאַר ווייניקער אויסגאַבן וואָס אין רע־זולטאַט האָט דאָס גורם געווען גרעסערע קרבנות.

ליידער האָבן זילבערשטיינס פּראָטעסטן נישט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. עס זענען אים פאַרבליבן אויסצוקלייבן צווישן צוויי ברירות, אָדער זיך צוריקציִען פון דער אַרבעט און ווערן אַ פּריוואַטער בירגער, אָדער ווערן אומאָפּהענגיק און אַליין פירן די רעטונגס־ און הילפס־טעטיקייט. זילבער־שטיין האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע. ער האָט פאַרזוכט צו טאָן דאָס בעס־טע און דאָס מעגלעכסטע אונטער די אומשטענדן אַליין, אָן קיינע פאַרביג־דונגען מיט אַנדערע ייִדישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, איז געוואָרן אומאָפּהענ־גיק, און געטראָגן די אחריות פאַר זיינע האַנדלונגען בלויז צו זיין אייגענעם געוויסן.

ליידער איז זילבערשטיינס וועג פון אומאָפּהענגיקייט נישט געווען דער בעסטער. אַנשטאָט צו גרעסערע מעשים, צו פּילפאַכיקערע לייסטונגען, האָט דער וועג פון אומאָפּהענגיקייט געפירט זילבערשטיינען צו איזאָלאַציע. גרוי־סע ייִדישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן טאַקע פאַרשטאַרקט זייער רעטונגס־און הילפס־טעטיקייט. זילבערשטיינס אייגענער „רעליף־קאָמיטעט" איז גע־בליבן אָפּגעזונדערט, איינזאַם, אָן אַ געזעלשאַפטלעכער פּעריפעריע, וואָס האָט שפּעטער, אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, פון זיך אַליין אויסגעהויכט דעם אָטעם פון לעבן, פון עקזיסטענץ און פון טעטיקייט.

מערקווירדיק, ווי דער גרויסער בעל־שכל, דער טיפזיניקער פּיקח, איז פון זיין אייגענער קלוגשאַפט אַזוי געקריוודעט געוואָרן, וואָס האָט אים אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אַזוי אָפּגעזונדערט, איזאָלירט, פאַראיינזאַמט.

ער איז געזעסן אין גענף נישט־אַקטיוו, אַליין ווייט פון די געשעענישן אין ייִדישן לעבן, ווי ער האָט זיך לעצטנס אַליין באַקלאָגט, אַז נישט אַרום אים דרייט זיך מער דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, נישט ער האָט וועלכע עס איז מעגלעכקייטן צו באַאיינפלוסן, עפּעס צו טאָן. די רעגירונג פון ישראל באַגייט זיך אָן אים, וועלט־ציוניזם נייטיקט זיך נישט מער אין אים, אַפילו די אייגענע פּאַרטיי באַלעסטיקט אים נישט מער. זיין איינציקע פאַרבינדונג מיט וועלט־ציוניזם איז געווען לעצטנס זיין אַרבעט אַלס ריכטער פון קאָנגרעס־געריכט, וואָס ער האָט שטאַרק רעספּעקטירט און פון וואָס ער האָט נאָך געצויגן געזעלשאַפטלעכן לעבנס־זאַפט.

זילבערשיין האָט נאָך געהאַט גרויסע פּלענער, האָט נאָכגעפאָלגט מיטן גרעסטן אינטערעס די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען פון דער שווייץ און האָט געוואָלט פון דער שווייץ מאַנכע זאַכן אַריבערטראָגן קיין ישראל.

אַזוי האָט ער מיר דערציילט, בעת אונדזער לעצטער באַגעגעניש ביי אים אין הויז אין גענף, אַז אין דער שווייץ האָט זיך לעצטנס אַנטוויקלט זייער שטאַרק דער „אינוועסטמענט טראַסט", דאָס הייסט, אַז איין גרויסע אָרגאַניזאַציע פאַרקויפט אַקציעס פון פאַרשיידענע אינוועסט־מענט־געזעלשאַפטן, וואָס זענען צווישן זיך פאַראייניקט. פאַרוואָס, האָט ער געפרעגט ד״ר זילבערשיין, איז נישט מעגלעך, אַז די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות ווי סולל־בונה, המשביר, יכין, מרכז הקואופרציה און אַנדערע זאָלן צוזאַמען נישט בילדן איין טרוסט־געזעלשאַפט, וואָס זאָל אין אויסלאַנד נישט פאַרקויפן קיין אַקציעס? די אַלע אינסטיטוציעס זענען עקאָנאָמיש גאַנץ שטאַרק, פאַרמאָגן דאָך אַ גרויסן אייגנטום. פאַרוואָס־זשע זאָל מען נישט אויסנוצן דעם פאַרמעגן פאַר באַקומען ביים אינוועסטמענט־קאַפּיטאַל אין האַרטער וואַלוטע אין אויסלאַנד? מיט דעם פּלאַן האָט ער געטראַכט צו פאָרן קיין ישראל און פאַרהאַנדלען מיט די אינסטאַנצן פון חברת העובדים פון דער הסתדרות. דערביי האָט ער דערציילט, אַז אַזעלכע פּרעלי־מינאַרע געשפּרעכן וועגן דעם ענין האָט ער שוין געהאַט מיט אַ ריי חברים, אָבער אים איז נאָך נישט געלונגען זיי צו איבערצייגן אין דעם גרויסן נוצן, וואָס דער פּלאַן קען מיט זיך ברענגען. ער האָפט אָבער, אַז אים וועט דאָך געלינגען צו געפינען אַ פּאָזיטיווע באַציִונג פאַר דער זאַך.

איך ווייס נישט און בין נישט באַרופן צו אַנטשיידן צי דער פּלאַן, מיט וועלכן זילבערשיין איז געווען פאַרנומען לעצטנס, איז געווען דער בעסטער. איך ווייס בלויז, אַז ער איז נישט געווען דער איינציקער; ער האָט זיך אַרומ־געטראָגן מיט נאָך פּלענער. נישט וועגן אַלע האָט ער דערציילט. ווי זיין גע־

וואָינהייט איז געווען האָט ער נישט ליב געהאַט וועגן אַלץ צו ריידן, ער האָט באַדאַרפט אויסטראָגן אַ געדאַנק, גוט אים דורכשטודירן און ערשט שפּעטער ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט. ווער ווייסט וויפל פּלענער און איינפאַלן זילבערשיין האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר.

כבוד זיין אָנדענק!

ד״ר א. מ. האַנטקע

פון ירושלים איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייעס, אַז ד״ר האַנטקע איז נפטר געוואָרן. מיר האָבן געוווּסט, אַז זייט חדשים־לאַנג איז ער געווען צוגעשמידט צום קראַנקנבעט, כמעט אין האָפנונגסלאָזן צושטאַנד. דאָס איינ־ציקע, וואָס דאָקטוירים האָבן געקענט טאָן, איז געווען צו מילדערן ווי ווייט מעגלעך זיין שווערן פיזישן מצב. כאָטש עס איז געווען קלאָר פאַר זיינע נאָענטע, אַז דער טאָג פון זיין פטירה איז נאָענט, דאָך האָט די ידיעה פון זיין נסתלק ווערן פון דער וועלט, אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפטרייסלונג. אַלע די, וועלכע האָבן ד״ר האַנטקען געקענט, די וועלכע האָבן אים געזען ביי זיין אַרבעט אין דער ביוראָ פון קרן־היסוד־דירעקטאָריום אין ירושלים, אָדער נאָך פריִער אַלס פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, געזען פון דער נאָענט זיין אַרבעט־פליס, זיין אומגעהויערע אַרבעטס־דיס־ציפלין, האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג ווען די נעגל פון טויט וועלן אָוועקרייסן ד״ר האַנטקען פון זיין אַזוי וויכטי־קער און אַזוי נוצלעכער אַרבעט לטובת דער מדינה און פאָלק און אים אָפּ־בערפירן אין דער אייביקייט אַריין.

עס איז געווען איינע פון די ווונדער, וואָס ד״ר האַנטקע, אין עלטער פון גבורה, אַ זקן איבער אַכציק, פלעגט יעדן טאָג גאַנץ־פרי קומען אין ביוראָ פון קרן־היסוד אין ירושלים אַ ריינער, אַ ציכטיקער, פון זיינע בגדים האָט אַראָפּגעגלאַנצט די זויבערקייט און ער אַליין האָט מיט אַזויפיל איבערגע־געבנקייט אָנגעפירט די אַרבעט פון מאָביליזירן פאָנדן פאַר דעם אויפבוי און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה.

ד״ר האַנטקע האָט געהאַלטן די פעדעם פון ייִדישן וועלט־קנופּ אין זיין האַנט ביז צום לעצטן טאָג ביז ער איז פאַרשלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך איינ־טערעסירט מיט יעדן עסקן פון יעדן ייִדישן ישוב איבער דער וועלט. ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויפגענומען אַלע ידיעות און זיך איינטערע־סירט מיט די קלענסטע דעטאַלן פון דער קרן־היסוד־טעטיקייט אין יעדן ייִדישן ישוב אין דער פרייער וועלט. ער פלעגט מיט גרויס אינטערעס און אויפ־מערקזאַמקייט זיך צוהערן צו די באַריכטן פון די קרן־היסוד־שליחים, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע נסיעות אַהיים. ער פלעגט מיט גרויס נייי־גער נאָכפאָלגן די קאָרעספאָנדענץ מיט די קרן־היסוד־ביוראָען אין די פאַר־

וואָרפֿנסטע ווינקעלעך פֿון דער וועלט. כל־זמן ער איז נאָך געווען בכוח צו גיין אויף זיינע פֿיס, צו אָטעמען לופֿט, האָט ער געאַרבעט און איז געשטאַנען אין דינסט פֿון זיין לעבנס־לענגלעכע קרוין־טעטיקייט — פֿאַר קרן־היסוד און ציוניזם.

ד״ר האַנטקע ע״ה איז געווען אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקט־לעכקייט, מיט אַ שטאַרקער דיסציפּלין, מיט אַ גלענצנדן חוש פֿאַר אָרגאַני־זאַציע און בעיקר, מיט אַ טיפֿן פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק אין דער נשמה פֿון צעזייטן און צעשפּרייטן ייִדישן פֿאָלק. אין זיין טיפֿן עלטער פֿון גבורות האָט ד״ר האַנטקע געגלייבט אין דעם גרויסן אחריות־געפֿיל פֿון ייִדן איבער דער וועלט צו מדינת ישראל. טאָמער פֿלעגט עמעצער אים דערציילן, אָדער עמע־צער פֿלעגט באַריכטן פֿון דעם אָדער יענעם לאַנד, אַז דער עקאָנאָמישער מצב דאָרט איז אַ שווערער, אַז מען דערוואַרט פֿאַרן קאַמפּיין פֿון קרן־היסוד קלע־נערע ביישטייערונגען, וואָס אין סך־הכל וועט דער אַלגעמיינער סכום זיין באַדייטנד קלענער אין פֿאַרגלייך מיט דעם פֿאַריקן קאַמפּיין, פֿלעגט ד״ר האַנטקע דערמוטיקן די באַריכטס־אָפּגעבער און שרייבן צו די עסקנים, דערמאָנענדיק זיי אין דעם גרויסן ייִדישן אחריות־געפֿיל, וואָס איז שטאַר־קער פֿון צייטווייליקע עקאָנאָמישע קריזיסן.

אויסערלעך האָט ד״ר האַנטקע ז״ל אויסגעזען ווי אַ טרוקענער מענטש, וואָס קען זיך פֿאַר קיין זאַך נישט באַגייסטערן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש פֿון דעם טיפּ, וואָס ווערט באַצייכנט מיט דער קאַטעגאָריע פֿון עצמות־יבשות. דער איינדרוק אָבער איז נישט געווען קיין ריכטיקער, האָט נישט אָפּגעשפּיגלט די אינערלעכע נשמה זיינע ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גאַנץ בכבודיקע דאָזע פֿון ענטוזיאַזם, פֿון טיפֿן גלויבן, פֿון התלהבות, אָבער ועל כולם האָט אין אים און איבער אים געקיניגט דיסציפּלין, האָט געהערשט פֿליכטס־באַוווסטזיין, פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר מעשים, פֿאַר קאָנקרעטע אַרבעט און טאָט.

לייב יפה ע״ה איז געווען אין דער אַרבעט פֿון קרן־היסוד דער דיכטער, דער ליריקער, דער באַזינגער פֿון יעדעס גרעזעלע, פֿון יעדן שטיין, און אַלץ האָט ער דערבליקט מיט זיין דיכטערישער נשמה און דערהערט די היימאַטס־קלאַנגען. ד״ר האַנטקע איז געווען דער עפּיקער, דער פֿאַרווירקלעכער פֿון אַ דורות־לאַנגן טרוים, דער רעאַליזירער פֿון אַן אידעע.

ביידע קרן־היסוד־דירעקטאָרן: לייב יפה און ד״ר האַנטקע האָבן זיך איי־נער דעם צווייטן דערגענצט; יפה — דער מזרח־אייראָפּעיִשער, דער רוסישער ייִד, דער ראָמאַנטיקער, דער פֿול־אָנגעזאַפּטער מיט טיפֿער בענקשאַפֿט, ווע־מען דאָס ברייטע, דיכטערישע האַרץ זיינס האָט געצויגן צו ארץ־ישראל, צום

לאַנד פון זיינע אבות, און ד״ר האַנטקע — דער דייטשער ייִד, דער דיסציפּלי־נירטער, דער אָרגאַניזירטער, דער רעאַל־פּאָליטיקער, דער ניכטערער פּראַק־טיקער, וואָס האָט זוכה געווען צו זען די פּרוכט פון זיין אומדערמידלעכער טעטיקייט — די עטאַבלירטע מדינת ישראל.

ביידע צוזאַמען — לייב יפה און ד״ר האַנטקע — האָבן אין זייער געמיינזאַמער אַרבעט לטובת קרן־היסוד — לטובת ציוניזם — געשאַפן דעם וואונדערבאַרן סינטעז פון פאַרוואַנדלען חלום אין פּראַקטישער טאַט.

ד״ר האַנטקע איז געבוירן געוואָרן אין בערלין אין יאָר תרל״ד, האָט זיך דערצויגן אין אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט. האָט שטודירט יוריספּרודענץ אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און פרייבורג. נאָכן פאַרענדיקן זיינע שטודיומס האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּראַקטיצירן יורי.

נאָך אַלס יונגער סטודענט, האָט ד״ר האַנטקע זיך אָנגעשלאָסן אין דער נאַציאָנאַלער ייִדישער באַוועגונג און איז שפּעטער געוואָרן שטאַרק טעטיק אין ציוניזם. אין יאָר 1901 איז ער אויסדערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום 5טן ציוניסטישן קאָנגרעס און פון דאַן אָן האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין משך פון צען יאָר, נעמלעך: פון 1910 ביז 1920, איז ד״ר האַנטקע געווען דער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד. זיין פירערישע ראָלע אין ציוניזם איז אַריבער די גרענעץ פון דייטשלאַנד. ער איז געוואָרן איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. זינט 1904 איז ער געווען אַ מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און שפּעטער, אין יאָר 1911, איז ער דערוויילט געוואָרן אין דעם ענגערן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז צו יענער צייט פאַקטיש געווען די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

מיט 35 יאָר צוריק, מיט דער גרינדונג פון קרן־היסוד, האָט ד״ר האַנטקע זיין אַרבעט, זיין ענערגיע, זיין פלייס געווידמעט דער קרן־היסוד־טעטיקייט, ווערנדיק איינער פון די הויפּט־אָנפירער און דירעקטאָרן פון קרן־היסוד. די אַרבעט האָט ער געטאָן ביז די לעצטע חדשים פון זיין לעבן.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם, פון דער ייִדישער רענעסאַנס־באַוועגונג, וועט די פּערזענלעכקייט פון ד״ר האַנטקע פאַרבלייבן פאַר אַלע דורות דער סימבאָל פון אידעאַליזם און איבערגעגעבנהייט.

כבוד זיין אָנדענק!!!

ד״ר מאיר עבנער

די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, מדינת ישראל און דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק האָט פאַרלוירן איינעם פון די ערשטע יסוד־לייגער פון הערצליאַנישן ציוניזם אויף דער וועלט — ד״ר מאיר עבנער ז״ל.

אַ מיטל־וווקסיקער, מיט שניי־ווייס גרויע האָר איז ער אין די לעצטע יאָרן געזעסן אויף אַ באַנק אין שדרות־ראָטשילד, תל־אביב, אָדער אויף אַ באַנק אין אַ גערטנדל אין ירושלים און מיט זיינע באַוועגלעכע אויגן זיך צו־געקוקט צו דער בוי־אַרבעט און צו דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל. ער האָט געהאַט די זכיה מיט איבער 58 יאָר צוריק צו זיין פון די דעלעגאַטן צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, וואָס האָט געלייגט דעם פונ־דאַמענט פאַרן פאָליטישן ציוניזם און וואָס האָט דערפירט מיט פופציק יאָר שפּעטער צו דער עטאַבלירונג פון ייִדישן שטאַט.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם האָט ד״ר מאיר עבנער פאַרשריבן אַ באַ־דייטנדן קאַפּיטל פון פאַרצווייגטער ציוניסטישער טעטיקייט. אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ער געהאַלטן די רעדע וועגן דער לאַגע פון ייִדן אין בוקאָווינע. די הויפּט־רעדע דאַן וועגן מצב פון ייִדן איבער דער וועלט האָט געהאַלטן מאַקס נאָרדוי ז״ל, וואָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם און איז פאַרבליבן ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. אין צוגאָב צו מאַקס נאָרדויס רעדע האָבן פאַרשטייער פון פאַר־שיידענע לענדער פון ייִדישער צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט איבערגעגע־בן באַריכטן פון מצב פון ייִדן אין זייערע וווין־פלעצער. ד״ר עבנער, אַלזאָ, האָט דערציילט וועגן ייִדישן לעבן אין בוקאָווינע.

אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז ד״ר מאיר עבנער אויסגע־ווילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. און אַזוי איז ד״ר עבנער געווען איינער פון די פירער פון וועלט־ציוניזם און איז גע־שטאַנען אין די פאָדערשטע שורות פון גרויסן ייִדישן געראַנגל פאַר זיין אויס־לייזונג און באַפרייונג.

בעת עס איז געפייערט געוואָרן אין 1947 דער פופציק־יעריקער יובל פון ציוניסטישן קאָנגרעס איז ד״ר עבנער געווען פון די געציילטע פאַרבלי־בענע ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו זיין פאַרטראָטן אין באַזעל ביי דעם ערשטן ציון־קאָנגרעס, אויף וועלכן עס איז נאָך הונדער־

טער און הונדערטער יאָרן ווידעראַמאָל געהערט געוואָרן דער וויזיאָנערישער רוף פון ד״ר הערצל ז״ל פאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל.

אין דעם ספר הקונגרס, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו דער געלעגנהייט פון פופציק־יעריקן יובל פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. יפה ע״ה — שרייבט ד״ר מאיר עבנער זכרונות וועגן דער באַטייליקונג פון פרויען אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און טשיקאַווע, אַז דאָס קאַפּיטל איז געשריבן באמת אַזוי מייסטערהאַפט, מיט אַזאַ ביז גאָר צאַרטער פעדער, וואָס איז געווען בכוח צוצוקומען צום צאַרטן געשלעכט און אין סובטעלע, דינע שטריכן אויפוועקן אין זיינע זכרונות דאָס געשטאַלט פון דער יידישער פרוי, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין 1897 אין באַזעל אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויך איינע אַ פרוי איז געווען אַ נישט־יידישע, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין ערשטן קאָנגרעס צוליב איר גרויסן אינטערעס אין לעבן פון יידישן פאָלק. די פרויען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אויפן ערשטן ציון־קאָנגרעס, דערציילט ד״ר עבנער, זענען געקומען על פי רוב אין באַגלייטונג פון זייערע מענער, וועלכע זענען געווען די דעלעגאַטן, מיטן אויסנאַם פון דער טאָכטער פון נחום סאָקאָלאָוו ע״ה, וועלכע האָט געמאַכט נאָטיצן פון די זיצונגען און האָט צוגעגרייט מאַטעריאַלן פאַר איר פאָטער, וועלכער איז ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס געווען בלויז אַ באַאָבאַכטער און נישט קיין דעלעגאַט.

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אין ספר הקונגרס פון ד״ר מאיר עבנער ע״ה, באַווייזט וויפל עלעגאַנץ, פיינעם סטיל און געשליפענע שפּראַך ער האָט פאַרמאָגט, וואָס האָט זיך אַפילו געקענט פאַרמעסטן צו מאָלן פרויען־געשטאַלטן פון דער יידישער פירערשאַפט מיט קאַרגע זעכציק יאָר צוריק — די פירערשאַפט, וואָס האָט געהערט צו דעם גרויסן יידישן אַדל און אַריסטאָקראַטיע פון יענער צייט.

א. האַלפּערן, דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „טאָג״ שרייבט וועגן מאיר עבנער צווישן אַנדערע:

„ער איז געווען אַ ציוניסט «פאַר עקסעלאַנס» אין דעם אָריגינעלן קלאַסישן באַגריף. פאַר אים, ווי פאַר די אַנדערע פון זיין דור, איז ציוניזם געווען נישט ווייניקער די אידעע פון רענעסאַנס פון יידישן פאָלק, ווי דער אידעאַל פון דער ווידער־אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה. דערפאַר האָט ער אויך — ווידעראַמאָל ווי אַ סך אַנדערע פון זיין דור — פאַראייניקט אין זיין לאַנגיעריקער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער און שריפטשטעלערישער טעטיקייט דעם קאַמף פאַר דער יידישער מדינה צוזאַמען מיט דער «קעגנוואַרטס-

אַרבעט» אין גייסט פון דער היסטאָרישער העלסינגפאָרסער ציוניסטישער קאָנפערענץ.

אַ פיינער פובליציסט און עסעיסט, מיט דעם עלעגאַנטן מערב־אייראָ־פּעישן סטיל, האָט מאיר עבנער נאָך ביז גאָר לעצטנס געהאַלטן זיין איידעלע פעדער אין האַנט. באַזונדערס האָט זיין שרייבן אויפגעבליצט, ווען ער האָט באַהאַנדלט ציוניסטישע פּראָבלעמען, אָדער געשילדערט פאַרגאַנגענע צייטן און פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אונדזער אויפלעבונגס־באַוועגונג. ער פאַרדינט, אַז אויך ער אַליין, זיין פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן, זאָל אויספירלעך און גרינטלעך באַשריבן ווערן.

ער פאַרדינט אַ טיפע מאָנאָגראַפיע אין דער סעריע פון די אָנדענק־ביכער נאָך די ראשונים אין ציוניזם, און איך האָף, אַז זי וועט אָנגעשריבן ווערן."

מיטן טויט פון ד"ר מאיר עבנער ע"ה איז אַוועקגעגאַנגען פון די לעבעדיקע און זיך איבערגעטראָגן אין דער אייביקייט איינער פון אונדזערע ראשונים, וועלכע האָבן אויסגעחלומט און געהאָלפן אויסקעמפן אונדזער שטאַט — מדינת ישראל.

כבוד זיין אָנדענק!

פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן — אַ טרער אויף זיין קבר

אין עלטער פון 73 יאָר איז אין פילאַדעלפיע געשטאָרבן פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן — דער מיטגליד פון פּרעזידיום פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און גרינדער און פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן האָט געהערט צו די קאָלירפולסטע פּערזענלעכקייטן פון דער ציוניסטישער וועלט־ באַוועגונג אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט. מיט 38 יאָר צוריק איז צו זיין זכיה אויסגעפאַלן געשיקט צו ווערן קיין ארץ־ישראל פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון אין אַ שליחות, צוזאַמען מיט ד״ר נחמן סירקין ע״ה און יבדלו לחיים מיט יצחק בן־צבי, היינטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישראל און דוד בן־גוריון, היינטיקער פּרעמיער, — מיטן צוועק אויסצואַרבעטן פּלענער פאַר דער סאָציאַליסטישער און קאָאָפּעראַטיווער אַנטוויקלונג פון ישוב.

פאַר די לעצטע 55 יאָר, זינט 1904, איז פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן געווען אַ דעלעגאַט צו אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן און זיין אויג האָט זיך אויף אַ מאָמענט נישט אָפּגעווענדט פון אַקטועלער ציוניסטישער טעטיקייט. צו זיין וואָרט האָבן זיך צוגעהערט נישט נאָר זיינע חברים פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, נאָר אויך ציוניסטן פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען. אַ טיפער ערנסט האָט באַגלייט יעדן געדאַנק זיינעם, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט וועגן אַקטועלע ציוניסטישע פּראָבלעמען.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר איז פּראָפעסאָר פיינמאַן געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען פון אַקטיווער אַרבעט צוליב אַן ערנסטער קראַנקייט. ער פלעגט אָבער קומען צו זיצונגען און צו ציוניסטישע פאַראַנשטאַלטונגען, אויך פאָרן צו זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים. ער האָט אָבער נישט גערעדט, איז געזעסן ווי אַ שווייגער און האָט זיך צוגעהערט צו די וויכוחים און פאַרהאַנדלונגען וועגן אַלע פראַגן, מיט וואָס דאָס ציוניסטישע לעבן איז אַזוי פול אין אונדזער היינטיקער תקופה. ער האָט רעגיסטריט זיין אַנוועזנהייט און זיין אינטערעס אין ציוניזם און אין לעבן פון מדינת ישראל דורך זיין שווייגן, דורך אַ געצוווּנגענעם שווייגן. זיין אַנוועזנהייט אַליין האָט צוגעטראָגן צום פּרעסטיזש, צום דרך־ארץ, צו יעדער ציוניסטישער אַסיפה, צו יעדער זיצונג, וואָס ער האָט בייגעוווינט.

פּראָפעסאָר חיים פיינמאַנס נאָמען האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט אין אַלע קרייזן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. זיין אומדערמידלעכע אַרבעט, זיין קאַמף אין אַמעריקע צווישן יידישע און נישט־יידישע אינטע־לעקטואַלן זיי צו געווינען פאַרן ציוניסטישן געדאַנק, פאַר דער ווידער־אויפריכטונג פון יידישן פאָלק אין זיין אייגענער היים, אין ארץ־ישראל, איז דער גרעסטער מאָנומענט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט בעת זיין לעבן און וועט לייכטן אויף אַלע אייביקייטן און דערציילן וועגן אַ געטרייען זון פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אַלע יאָרן פון זיין לעבן געשטעלט אין רשות פאַר דער אַרבעט צו דערגרייכן די פולע פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פאַרן גע־רודפטן און געפּלאָגטן פאָלק ישראל.

עס זענען געווען צייטן אין ציוניסטישן לעבן אין משך פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, ווען מען האָט באַדאַרפט זיין אַ נביא, בכדי צו קענען ריידן צו יידן, בכדי צו טרעפן צו זייער האַרץ, זיי צו ברענגען נישט נאָר שטראָף־רייד, מוסר, נאָר אויך ווערטער פון טרייסט, ווערטער פון דערמוטיקונג, ווערטער פון האָפענונג, ברענגען אחינו בני ישראל נישט נאָר די השתפכות הנפש, נאָר אויף צו התרוממות הנפש, צו גייסטיקער דערהייבונג, צו שטעלן פאַר זייערע אויגן דאָס ליכט פון אַ גאולה־וויזיע, דעם בטחון אויף פרייהייט, גלייכהייט און אומאָפּהענגיקייט אין לאַנד פון אונדזער טרוים, אין ארץ־ישראל. חיים פיינמאַן ע״ה האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון ציוניסטי־שע נביאים אין יידישן לעבן אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

ווער עס וועט פונאַנדערוויקלען די פּרשות פון איבער אַ האַלבן יאָרהונ־דערט שעפערישער ציוניסטישער אַרבעט פון פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן אין אַמעריקע און זייןביישטייער צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער וועט וויסן אָפּצושאַצן דאָס גרויסע געווינס, וואָס די אַמעריקאַנער ציוניסטי־שע באַוועגונג האָט צוגעטראָגן דעם וועלט־ציוניזם און דעם יידישן פאָלק בכלל.

יהי זכרו ברוך!

דאָס געשריי פון האַרצן

(10 יאָר נאָכן טראַגישן טויט פון לייב יפה ע״ה)

הרב מרדכי הכהן ברענגט אין זיין ספר „על התורה״, אַז עס זענען פאַראַנען צוויי מינים קולות: אַ שווער און אַ שטאַרק קול און אַ שוואַך און לייכט קול; דאָס לייכטע קול הערט מען אַממייסטן. דעריבער זאָגט מען די תפילה שמונה עשרה מיט אַ שטיל קול. צדיקים האָבן געזאָגט, אַז דאָס געשריי פון האַרץ איז דאָס גרעסטע געשריי. עס איז פאַראַן אַ געוויין און אַ געשריי, וואָס מען הערט בכלל נישט קיין קול און דאָס איז: דער ייִדישער געשריי, דאָס ייִדישע געוויין. עס ווערט דערציילט, אַז ווען בת־פרעה האָט געזען דאָס קינד (משה רבינו) וויינט און מען האָט נישט געהערט קיין קול; „ילד בוכה ואין קולו נשמע כלל״, האָט זי געזאָגט: „מילדי העברים זה״ — עס איז אַ ייִדיש קינד. אַ זון פון אַן אַנדער פאָלק קען נישט וויינען אָן קולות און געשרייען. אַזאַ שטילער געוויין איז פון אַ ייִדיש קינד. דאָס ייִדישע געוויין, האָט ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע געטייטשט, איז אַ שטיל געוויין — „בכיית דומיה היא״. דער וואָס האָט געטראָגן דאָס שטילע ייִדישע געשריי מיט אַ צניעותדיקן קול, דאָס געוויין פון ייִדישן גלות, די גרויסע בענקשאַפט נאָך ייִדישער אויסלייזונג, דעם ווייטיק פון יסורים, ליידן און פיין, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק שטייט אויס אין אַלע גלותן, איז געווען דער דיכטער, דער ליריקער, דער ראָמאַנטיקער לייב יפה ע״ה, וועלכער איז דעם 11טן מערץ פון 1948, מיט צען יאָר צוריק, טראַגיש אומגעקומען אין דעם ביוראָ פון קרן־היסוד אין ירושלים דורך אַ פאַרברעכערישן אַטענטאַט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דורך אַראַבער, אויפרייסנדיק אַ טייל פון בנין, ווו עס געפינען זיך די ביוראָען פון דער הויפט־לייטונג פון קרן־היסוד אין ירושלים.

לייב יפה איז געפאַלן אויף זיין פאָסטן, געפאַלן ווי אַ העלד איז געפאַלן אין קאַמף פאַרן פאָטערלאַנד.

איבער ייִדישע ישובים אין אַלע וועלט־עקן איז לייב יפה געפאָרן און האָט געטראָגן מיט זיך און געברענגט זיין שטילע שטימע, זיין געשריי פון האַרצן, וואָס איז געווען איינגעהילט אין ווונדערבאַרע לירישע פערזן פון זיינע דיכטערישע „היימאַטס־קלאַנגען״. און די דאָזיקע אַרבעט האָט יפה געטאָן מיט ליבשאַפט, מיט איבערגעגעבנהייט, מיט אומבאַגרענעצטער געטריישאַפט. געטאָן האָט ער די אַרבעט אַלס עבודת־העם, אַלס זיין עבודת

פאַר דער אויפלעבונג פון ייִדישן פאָלק אין זיין אייגן היימלאַנד, אויף איי־גענער ערד אין ארץ־ישראל.

לייב יפה האָט געהערט צו די ערשטע ציוניסטן אין דער הערצל־תקופה. ער האָט זוכה געווען אָנטיילצונעמען אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל אין יאָר 1897. דער קאָנגרעס, וואָס האָט געלייגט דעם חותם אויף יפהס לעבנסוועג.

יפה האָט זיך געקענט אויסקלייבן דעם וועג פון שטילער און רויִקער שריפטשטעלערישער טעטיקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן דיכטערישן טאַ־לאַנט צו באַזינגען געשעענישן און פאַסירונגען, צו ריידן צו די הימלען, צו זינ־גען צו זיי שירה, צו ריידן צו דער נאַטור און באַזינגען יעדעס גרעזעלע. לייב יפה ע״ה האָט מיט זיין דיכטעריש האַרץ זיך געשטעלט אין רשות פון פאָלק, אַלס פראָפּאַגאַנדיסט פון דער ציוניסטישער אידעע, אַלס וועקער און מאָנער פון ייִדן בכל אתר ואתר, זיך צו שטעלן אין די פאָדערשטע רייען פון ציוניזם און קומען קיין ארץ־ישראל, בכדי דאָרט צו בויען די היים פאַר ייִדיש פאָלק, וואָס זאָל אויסגעלייזט ווערן פון אַלע גלותן. אַ גרויסע השפעה אויף לייב יפהן האָט געהאַט טעאָדאָר הערצל ע״ה. יפה האָט געזען ווי הערצל דער שריפטשטעלער, דער פיינער דראַמאַטורג, גיט אַוועק זיין צייט פאַר דעם הייליקן צוועק צו העלפן ראַטעווען זיין פאָלק דורך באַנייען זיין היים אין ארץ־ישראל. פון דער הערצל־געשטאַלט איז יפה באַצויבערט געוואָרן און איז אַליין געגאַנגען אין די זעלבע וועגן; האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער פּע־דער בלויז צו מונטערן ייִדן, נאָר בעל־פה. ער איז אַליין געפאָרן צו ייִדן אין די פּאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון כדור הארץ, ווו ס׳זענען פאַרטריבן געוואָרן אחינו בני ישראל און האָט אומעטום מיט זיינע לירישע רעדעס, מיט זיינע געזאַנגען ממש באַצויבערט ייִדישע מאַסן און מיט דעם געשטאַרקט די ציוניסטישע באַוועגונג און געזאַמלט פאַנדן פאַר דעם פינאַנס־אינסטרומענט פון דער ציו־ניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — דער קרן־היסוד.

לייב יפה האָט געהערט צו די קינדער פון ייִדישן פאָלק, וועלכע האָבן געוויינט ווי משה רבינו, וועמענס קול איז נישט געווען קיין געשריי, נאָר אַ שטיל געוויין, וואָס האָט זיך דורכגעלויכטן צווישן די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן. און אַזוי האָט יפה דערקענט ייִדן. אין אַלע לענדער פון דער וועלט, ווו אים איז אויסגעקומען צו זיין, האָט ער צוגעצויגן מענטשן צו דער ציוניסטישער אידעע, וועלכע האָבן זיך שפּעטער איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון פאַרווירקלעכונג. מיט זיין שטילן געשריי, וואָס האָט זיך אָבער געטראָגן פון זיין האַרץ, האָט לייב יפה ע״ה באַגייסטערט ייִדן אין דער וועלט. ער האָט געטראָגן די שליחות פון ייִדישן פאָלק צו זיינע זין און טעכטער אין אַלע

גלותן און האָט זיי איינגעגלידערט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אונטערגענומען מימי הערצל צוריק אויפצוריכטן דאָס אַלטע פאָלק דורך באַנייען זיין אַלט לאַנד — ארץ־ישראל.

לייב יפה האָט דערלעבט די גרויסע געשעעניש, וואָס די פעלקער־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן פופציק יאָר נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַז אין ארץ־ישראל זאָל געשאַפן ווערן אַ ייִדישע מדינה. ער האָט לייַדער נישט דערלעבט בייצוזיין די פּראָקלאַמירונג פון ייִדישן שטאַט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי חדשים שפּעטער נאָך זיין טראַגישן טויט.

כבוד זיין אָנדענק!!!

דער בעל־מחשבות און דער בעל־מעשים

(נאָכן טויט פון ד״ר אהרון באַרט)

מדינת ישראל און די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג האָבן געליטן אַ גרויסע אבידה שאינו חוזרת מיטן טויט פון ד״ר אהרון באַרט ע״ה.

ד״ר באַרט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זעלטענע קאָמבינאַציע: אַלס מענטש פון חכמה און אַלס מענטש פון מעשים. אַלס גרויסער באַנקיר און פינאַנס־קאָפּ האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָנפירונג פון דער באַנק לאומי און מיט זיין גלענצנדער טעטיקייט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די פינאַנסן פאַר דער הגנה און פאַר דער אַנטשטייענדיקער ייִדישער מדינה. דאָס קאַפּיטל פון ד״ר באַרטס פאַרצווייגטע און דערפאָלגרייכע טעטיקייט וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און פון מדינת־ישראל ווי אַ דענקמאָל פאַר זיין גרויסן מוט, פעיִקייט, אינטעגריטעט און אויך פאַר דעם גרויסן פאַרטרויען, וואָס מענטשן פון אַלע, אָן אויסנאַם, ריכטונגען האָבן אים געשענקט.

ווען ד״ר באַרט איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער מגבית צו מאָביליזירן פאָנדן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון ישוב און פאַר ראַטעווען ייִדן פון אויסלאַנד (מגבית ההתגייסות והצלה), איז אים אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט מענטשן פון אַלע פאַרטייען און עס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז איינער פון די פאַרטייען זאָל אָפּפרעגן די אָביעקטיווע האַנדלונגען פון ד״ר באַרט. ער האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט אין זיין אַרבעט מיט שטרענגער אומפּאַרטייאישקייט, אומעטום ווו נאָר ער איז געווען טעטיק, איז אָביעקטיוויטעט געווען דער הויפּט־אינסטרומענט פון זיין אַרבעט. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ד״ר באַרטן איז אויסגעפאַלן די זכיה צו זיין פאַר פילע יאָרן דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס־געריכט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ד״ר באַרט איז געווען מער ווי באַנקיר און עקאָנאָמיסט; ער איז געווען אַ ייִדישער חכם, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון ייִדישע געלערנטע און דענקער. חוץ זיינע עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן און פינאַנס־וויסנשאַפטן, האָט ד״ר באַרט זיך אויך געווידמעט צו תורת־היהדות און ער האָט זייער פיל צייט אָוועקגעגעבן פאַר שטודירן יודאַיִזם. אין אַן אַרבעט אונטערן נאָמען

„דער מאָדערנער ייִד קעגנאיבער די אייביקע פּראָבלעמען" האָט ד"ר באַרט באַוויזן צו דערגרייכן גייסטיקע גרינטלעכקייט און טיפן דענקען.

די וועלט אָבער פון ד"ר באַרט, זיינע מעשים בכל יום, איז געווען אַ וועלט פון פינאַנסן. ער האָט די מערסטע צייט אָוועקגעגעבן פאַר זיינע גרעסטע לייסטונגען לטובת דער עקאָנאָמישער סטאַביליטעט פון מדינת ישראל. זיין אומענדלעכער קאַמף קעגן אינפלאַציע, מיט דעם שטענדיקן אַראָבישן באָיקאָט און פאַר אַ גרויסער מאַסן־עליה, האָט אים אָוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון די בויער פון מדינת ישראל. עס איז נישט קיין איין אַספּעקט פון לעבן אין ישראל, ווו ד"ר באַרט האָט נישט מיטגעווירקט און זיך נישט באַטייליקט מיט זיין קלוגן ראַט און אומדערמידלעכער טאַט.

די גרויסע אייגנשאַפטן פון חכמה און מעשים, מיט וועלכע ד"ר באַרט איז געווען באַשאָנקען, האָבן באַקומען זייער העכסטן אויסדרוק אין זיין אַרבעט ביי דער באַנק אַלס גענעראַל־דירעקטאָר. ד"ר באַרט איז געווען פעיִק צו פאַרשטיין און צו לייזן די פילע עקאָנאָמישע און פינאַנס־פּראָבלעמען, וואָס פילן אָן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין מדינת ישראל.

אַ פּערזענלעכקייט ווי ד"ר באַרט האָט געקענט צוזאַמענאַרבעטן מיט ייִדן פון פאַרשיידענע קולטורן, רעליגיעזע און וועלטלעכע ייִדן פון מזרח־ און פון מערב־אייראָפּע. זייער פיל פון זיי, וועלכע האָבן מיט זעכציק־זיבעציק יאָר צוריק געזאַמלט אָרעמע קאָפּעקעס און זלאָטעס, בכדי זיך איינצושאַפן אַ שטיקעלע באָדן אין דעם הייליקן לאַנד, אין ארץ־ישראל, און מיט די גרויסע אינוועסטירונגען פון אַמעריקאַנער ייִדישע אינדוסטריאַלן און סוחרים, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרן, אין דער תקופה פון מדינת ישראל, זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט דעם גרויסן אויפבוי־ווערק, וואָס ווערט געשאַפן אין דער ייִדישער מדינה, מיט אַלעמען האָט ד"ר באַרט אידעאַל צוזאַמענגעאַרבעט פאַרן בוי און פאַרפעסטיקונג פון מדינת ישראל. נאָר אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ד"ר באַרט האָט געקענט פאַרשטיין די אַלע עלעמענטן, וועלכע בילדן דעם מיזוג גלויות אין דער ייִדישער מדינה. זיין פּערזענלעכקייט האָט אַרומגענומען אַזויפיל באַלאַנסירנדיקע פאַקטאָרן, אַז ער איז געווען פעיִק און ביכולת אָנצופירן מיט דעם עקאָנאָמישן קעניגרייך פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים, באַנוצנדיק זיך מיט חכמה און מיט אומבאַגרענעצטן וויסן.

מען וווּנדערט זיך היינט צי די היינטיקע גענעראַציע וועט קענען אַרויסגעבן פיל אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן ווי ד"ר אהרון באַרט. די פּראָבלעמען וואָס שטייען אונדז היינט אַנטקעגן זענען פילייכט ווייניקער קאָמ־

פליצירטע אין זייערע גרונט־עלעמענטן, ווי אפשר מער שרעקלעכע אין זייער אַקטועלער וויכטיקייט.

דאָס פאָלק פון ישראל וועט געדענקען זיינע זין פון דעם קאַליבער פון ד״ר אהרון באַרט, וועלכע זענען דורך זייער דערציִונג און פערזענלעכקייט צום גליק צוגעפּאַסט צו דער גורל־שעה, אין וועלכער זיי האָבן געשפּילט זייער וויכטיקע ראָל.

כבוד זיין אָנדענק!!!

הירש עהרענרייך ע״ה

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט בכלל האָט ווידעראַמאָל געליטן אַ שווערן פאַרלוסט מיט דער פּטירה פון ציוניסטישן וועטעראַן, קולטור־טוער און אומדערמידלעכן קעמפער פאַר פאָלקס־טימלעכער ייִדישקייט — חבר צבי־הירש עהרענרייך ע״ה.

הונדערטער חברים, פריינט און פאַרערער פון אַלע קרייזן פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק זענען געקומען באַגלייטן צו זיין אייביקער רו דעם ערלעכן, אומקאָמפּראָמיסלאָזן בויער און קעמפער ה. עהרענרייך.

די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע, דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע, די יוגנט־באַוועגונג הבונים, דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות, דער נאַציאָנאַל־פאָנד, די ייִדישע און העברעיִשע שולן־באַוועגונג — אַלע האָבן זייער בראשית פון אַרבעט, פון אומדערמידלעכער טעטיקייט אָנגעהויבן מיט דער גרענעצלאָזער מיטבאַטייליקונג און זעלטענעם אָפּפער פון חבר הירש עהרענרייך ע״ה.

די פאַרשפּרייטונג פון געדאַנק פון אַרבעטער־ציוניזם אין אַמעריקע, ווי ציוניזם בכלל, דער וווקס און עקספּאַנסיע פון אַרבעטער־ציוניזם דאַטירט זיך פון דער בראשית־תקופה, ווען הירש עהרענרייך ע״ה איז געקומען אַלס אימיגראַנט־יונגערמאַן קיין אַמעריקע, מיט 48 יאָר צוריק. אַלע יאָרן פון זיין לעבן אין אַמעריקע, פון אַרונטערגיין פון שיף ביז דעם אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם, האָט ער אַוועקגעשענקט דער אַרבעט פון ציוניזם, פאַר אַריינברענגען צווישן די ברייטסטע קרייזן פון ייִדישן לעבן די געדאַנקען פון ייִדישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און איז אַליין געווען דער מוסטער פון איבערגעגעבנקייט, דער פּראַטאָטיפּ פון געטריישאַפט צו די אידעאַלן, וואָס ער האָט געטראָגן מיט טיפער ליבשאַפט צווישן ייִדן.

אַלץ וואָס איז געווען ייִדישלעך, איז געווען נאָענט צו חבר ה. עהרענרייך ע״ה. יעדע איניציאַטיוו וואָס האָט באַצוועקט צו פאַרשטאַרקן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט, פאַרפעסטיקן די ייִדישע קולטור, האָט געוווּנען וואַרעמע אונטערשטיצונג און מיטאַרבעט אין דער פּערזאָן פון הירש עהרענרייך ע״ה. ער האָט נישט געקאַרגט קיין מי, קיין אָנשטרענגונג, בכדי מיטצוהעלפן מיט ראָט און טאָט און זאָרגן, אַז די איניציאַטיוו זאָל געקרוינט ווערן מיט דעם נייטיקן דערפאָלג.

עס איז דערפאַר נישטאָ קיין ווינקעלע אין דעם נאַציאָנאַלן יידישן לעבן פון אַמעריקע, אין דער גרויסער נעץ פון אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן, ווו עהרענרייך ע״ה זאָל נישט האָבן געווען טעטיק און מיטגעהאָלפן באַריי־כערן יידיש לעבן.

נישט אומזיסט האָט דער טויט פון ה. עהרענרייך אַרויסגערופן אַזויפיל טרויער און אומעט צווישן אומצייליקע פריינט און פאַרערער, וועלכע פילן זיך פאַריתומט און פאַראיינזאַמט. גאַנץ באַזונדערס די חברים פון דער ציוני־סטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווו עהרענרייך איז מיט גרענעצלאָזער עקשנות און געטריישאַפט געווען טעטיק און אַריינגעטראָגן תמיד דעם גייסט פון אַר־בעט און שאַפן פון כסדרדיקן אומרו און זאָרג פאַר טאַט.

אַ טיפּ פון דעם אַמאָליקן דור עסקנים, אַ אידעאַליסט, אַן עוסק בצרכי ציבור באמונה, וועלכער האָט זיין שכר־טרחה געזען אין דעם צוועק פאַר וועלכן ער האָט געאַרבעט און געקעמפט און זיך אַליין געהאַלטן אין שאָטן. אַ באַהאַלטענער מענטש, וואָס האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה כבוד, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין פּאָזע, וואָס איז געווען אַ שותה מים און מיטיב יין, — אַליין געטרונקען וואַסער און יענעם מכבד געווען מיט וויין. דעם תכלית פון אייגענעם לעבן געזען אין שפּיגל פון יענעם באחרית הימים, ווען יושר און צדק וועלן דאָמינירן אין יידישן לעבן און אין לעבן פון דער מענטשהייט בכלל.

צו 17 יאָר געקומען קיין אַמעריקע. מיט אַכט און פערציק יאָר צוריק און זיך גלייך אַריינגעוואָרפן מיט זיין יוגנטלעכן ברען, מיט זיין ברויזנדער ענערגיע, מיט זיין ערלעכקייט און געטריישאַפט צו בויען דעם געזעלשאַפט־לעכן יידישן קיבוץ אויף אַמעריקאַנער ערד, צו פאַרפלאַנצן יידישע קולטור, צו פאַרזיכערן יידישן נאַציאָנאַלן המשך און בעיקר צו ווערבירן מענטשן פאַר דער אַרבעט לטובת ציוניזם בכלל און אַרבעטער־ציוניזם בפרט. געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, געגאַנגען פון ייד צו ייד, פון ווערקשטאָט צו ווערקשטאָט, גערעדט צו יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן און געטראָגן צווישן זיי דעם פאַקל פון יידישן רענעסאַנס אין וועמענס פאָדערשטע רייען עס האָט זיך געשטעלט דער אַרבעטער־ציוניזם, — ווי דער צוועק־באַגרינדער פון ציוניזם בכלל. די אַרבעט איז חבר עהרענרייכן ע״ה נישט לייכט אָנגעקומען אויפן באָדן פון דעם אַמעריקע מיט אַ קאָרגן האַלבן יאָרהונדערט צוריק, נישט פון איינעם איז ער אויסגעלאַכט און אויסגעשייגעצט געוואָרן, עס איז אין יענער צייט, ווען ציוניזם איז געווען אַ פאַרבאָטענע זאַך ביי די יאַהודים פון איין זייט און אין די אַרבעטער־קרייזן פון דער צווייטער זייט. עהרענרייך ע״ה האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיינע שוועריקייטן, האָט נישט געלייגט קיין

אַכט אויף די אַלע אַפּטרינער און אָפּשפּעטער. ער האָט געוווסט און מיט גרויסער אמונה געגלייבט אין דער גערעכטער זאַך פאַר וועלכער ער שטעלט זיך איין און מיט אומגעהויערער פאַרביסענער עקשנות געטאָן זיין אַרבעט און געלייגט דעם יסוד פון אַרבעטער־ציוניזם אין אַמעריקע, וואָס האָט אין משך פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אַזוי רייך געמאַכט, אַזוי באַצירט דאָס יידישע לעבן אויף אַמעריקאַנער ערד.

צווישן חברים און פריינט, אין די אַלע אינסטיטוציעס און קערפּער־שאַפטן, ווו הירש עהרענרייך איז געווען טעטיק, איז ער געווען באַקאַנט אַלס אומקאָמפּראָמיסלער, וואָס האָט פיינט געהאַט פּשרות, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ זאַך אין וועלכער ער האָט געגלייבט אָן קאָמפּראָמיסן, בכל חומר הדין, צו וואָס אמונה איז מחייב. אין זיינע וויכוחים מיט חברים וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן, איז ער געווען גוואַלדיק שניידיק און שאַרף. פון זיינע ווערטער האָט אַרויסגעהויכט לויטערע ערלעכקייט, הויכע מאָראַל, אָפטמאָל באַגלייט מיט מוסר, טאָמער חלילה האָט אים אַמאָל אויסגעפעלט אַרגומענטאַציע, האָט מען געזען ווי עס שוועבט אַרום אים דער אמת און אָט, אָט בייגן זיך די ווענט ווי ביי אַמאָליקע תנאים אין צייכן פון זייער אמת.

אַלע אָן אויסנאַם האָבן שטאַרק רעספּעקטירט דעם ערלעכן, אומקאָמ־פּראָמיסלעכן עהרענרייך, ווי שאַרף און בייסיק ער זאָל נישט האָבן געווען אין זיינע וויכוחים, האָט אָבער חלילה אויף אים נישט געטראָגן קיין שמץ פון כעס, קיין ברעקל פון שנאה, מיט אים האָט מען זיך נישט געקריגט, מיט אים האָט מען נאָר געקענט זיך מתווכח זיין; און יעדער האָט שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר דער לויטערער, מאָראַלישער פּערזענלעכקייט, וואָס עהרענרייך האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

מיט זיין מאָראַל און עטישקייט איז עהרענרייך אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל געשטעלט געוואָרן אין איין שורה מיט חיים גרינבערג ע״ה וגם במותם לא נפרדו, אויך נאָכן טויט זענען זיי נישט צעשיידט געוואָרן. עהרענרייך איז צו קבורה גע־בראַכט געוואָרן אין שכנות, ווו עס געפינט זיך דער קבר פון חיים גרינ־בערג ע״ה.

* * *

איש תמים היה בדורותינו ושמו צבי־הירש עהרענרייך, אַ ביז גאָר לוי־טערע, מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, תמימותדיק, מיט אַזויפיל אהבת ישראל אין האַרצן, מיט אַזויפיל איבערגעגעבנהייט צו מדינת ישראל, מיט אַזויפיל קרבנות־גרייטקייט פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, מיט אַזויפיל פאַרשטענ־דעניש און גלויבן אין חלוצישער טאַט, מיט אַזויפיל קאַמפּסגרייטקייט פאַרן

ציוניסטישן סאָציאַליזם. אונדז האָט ער מוחל געווען, אונדז ארץ־ישראלדיקע — האָט גאָלדע מאירסאָן, אַרבעטס־מיניסטער פון ישראל, געזאָגט מיט פאַר־שטיקטע טרערן — האָט ער מוחל געווען אויף זאַכן, וועלכע ער האָט באַ־טראַכט פאַר פעלערן, האָט אָבער נישט געקענט קיינמאָל זיך און חברים מחוץ לארץ מוחל זיין און פאַרגיבן אויף באַגאַנגענע פעלערן. דערביי האָט גאָלדע מאירסאָן דערציילט אין ממש ביז טרערן רירנדע ווערטער, ווי הירש עהרענרייך ע״ה האָט מיט 35 יאָר צוריק איר אַריינגענומען אין דער פועלי־ציון־פּאַרטיי און האָט איר געלערנט שטעלן די ערשטע טריט אין איר אַרבעט פאַר דער געמיינזאַמער אידייע.

מאיר בראון, דער פּרעזידענט פון יִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און וועטעראַן פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, אַ נאָענטער חבר און פריינט פון נפטר האָט מיט יאָמערלעכן געוויין מספּיד געווען דעם נפטר און מיט טיף־רירנדע ווערטער געזאָגט: ווען עס וואָלט היינט געווען אַ ר׳ לוי יצחק בער־דיטשעווער, וואָלט ער געפרעגט: „רבונו של עולם, וואָס ווילסטו פון אונ־דזער פאָלק ישראל, די בעסטע זין נעמסטו אַוועק: חיים גרינבערג, דוד ווערט־היים, הירש עהרענרייך״. דער גאַנצער עולם האָט מיטגעוויינט.

געווען אַ איש תמים און מער ליידער נישטאָ, אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אַ פּיאָנער, אַן עסקן בצרכי ציבור באמונה פאַרן יִדישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַמעריקע און פאַר דער אידייע פון אַרבעטער־ציוניזם און פאַר מדינת ישראל.

חבל דאבדין ולא משתכחין! כבוד זיין אָנדענק!!!

פּנחס גינגאָלד ע״ה

די ידיעה וועגן פּלוצימדיקן טויט פון ח׳ פּנחס גינגאָלד האָט געטראָפן ווי אַ דונער. קיינער, קיינער האָט זיך אויף דעם נישט געריכט. זיכער האָט זיך אויף אַ פּלוצימדיקן טויט נישט געריכט פּנחס גינגאָלד ע״ה. דער שטענדיק מונטערער, דער אייביקער בעל בטחון, דער מאמין אין אין־סוף, איינער פון די באַליבסטע חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע.

פּנחס גינגאָלד ע״ה איז געווען איינער פון די הויפּט־בויער פון ייִדישן חינוך אין אַמעריקע. זיין גאַנץ לעבן געשטעלט אין רשות פון מחנך זיין ייִדי־שע יוגנט אין ייִדישן גייסט, זיי געבן אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישע דערציִונג, זיי פאַרוואָרצלען און פאַראַנקערן אין ייִדישן לעבן און דורך דעם שטעלן אַ פּאַנ־צער — אַ שוץ־וואַנט קעגן אַסימילאַציע, קעגן אָפּטריניקייט.

אַליין אַ בעל תורה, אָנגעזאַפּט מיט ייִדישן און וועלטלעכן וויסן, אַ מלא וגדוש, באַקאַנט אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער אַלטער און נייער העברעי־שער און ייִדישער ליטעראַטור. אַ בקי אין תלמוד, אַ קענער פון תנ״ך, פול מיט ידיעות וועגן ייִדישן פאַרצייטיקן און הײַנטיקן לעבן, אַ בעל זכרון פון אַלע מאמרי חז״ל, אגדות און מדרשים און דערצו איבערגעלאָדן מיט חול, — מיט וועלטלעכן וויסן. אַליין אַ גראַדויִרטער פון קאָלומביאַ־אוניווערזיטעט, האָט פּנחס גינגאָלד ע״ה זיין גאַנצן באַגאַזש פון קענטעניש געשטעלט צו פאַרפיגונג פון ייִדישן חינוך אויפן באָדן פון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

אין משך פון 25 יאָר געווען דער בילדונגס־דירעקטאָר פון ייִדישן נאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, דער מחנך פון טויזנטער און טויזנטער ייִדישע קינדער, וועלכע באַקומען זייער דערציִונג אין די נאַציאָנאַלע שולן פון פאַר־באַנד אין צענדליקער שטעט אין אַמעריקע און קאַנאַדע.

ווי שווער איז געווען פּנחס גינגאָלדן זיך צו שיידן מיט זיינע טויזנטער שילער, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און פאַרערט, אין יעמען ער האָט געזען די צוקונפט פון ייִדישן נאַציאָנאַלן קיום. ווי שווער איז אים געווען זיך צו שיידן מיט דער וועלט, מיט דער ייִדישער וועלט, וווּ ער האָט אַזויפיל פליים, איבערגעגעבנהייט, זאָרג און אומרו אַריינגעטראָגן, גאַנץ באַ־זונדערס אין די רייען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועמענס טעטיקייטן זענען פון אַלעמען אָפּגעשאַצט געוואָרן, וועמען מען האָט תמיד געשאָנקען צוטרוי און אָנערקענונג.

פנחס גינגאָלד ע״ה האָט געהאַט מזל פאַרעכנט צו ווערן פאַר אַ בטלן, וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק נישט געשראָקן פאַר שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס האָט נישט געוואָלט זען דאָס רעאַלע, נאָר אַליין באַשאַפן רעאַליטעטן. איינער פון די טיפן יידישע בטלנים ווי זיי ווערן אין תלמוד באַצייכנט אַלס די תמיד גרייטע צו גיין אין בית המדרש, אָדער זיצן תמיד אין בית המדרש און יעדער קען זיי מצרף זיין צום מנין און דערפילן אַ מצווה. גינגאָלד איז תמיד געווען גרייט, זיין אַרבעט באַטראַכט פאַר אַ דבר מצווה, היינט וואָס פאַראַ גרעסערע מצווה קען דאָ דען זיין ווי חינוך, — דערציונג, דערצו יידישע דערציונג, מגדל זיין אַ דור און דורות אין העכסטן, אמתן יידישן און יידישלעכן גייסט. איז טאַקע געווען גוט, ווען ער האָט זיך געפונען צווישן די לעבעדיקע, ווען ער האָט געוועקט און געמאָנט מער זאָרג, מער אחריות פאַרן גורל פון יידישן קינד, ווען ער האָט מוסר געזאָגט די אייגענע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג און דעם גאַנצן יידישן עולם אין נאָרד־אַמעריקע און געגופן צו פליכט, צו פאַראַנטוואָרטונג, מערער זיך צו פאַרנעמען מיט חינוך, צוקאָנצענטרירן אַלע כוחות און ענערגיעס פאַר יידישער דערציונג, נישט וועלנדיק וויסן קיינמאָל און נישט אָנערקענענדיק קיינע שוועריקייטן, קיין וויכטיקערע זאַך. ווער ווייס ווי יידישע דערציונג אין נאָרד־אַמעריקע וואָלט היינט צו טאָג אויסגעזען ווען עס וואָלטן זיך נישט געפונען קיין בינטל בטלנים פון טיפ פנחס גינגאָלד אַליין אַלס ראש פון זיי.

אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידישקייט איז גינגאָלדן ע״ה געווען נאָענט און טיף איינגעבאַקן אין האַרצן. אַ יידיש ספר, אַ יידיש בוך, אַ העברעיש בוך, אַ מאָדערנע שולע פון פאַרבאַנד, אַ תלמוד תורה, אַ ישיבה, האָט פאַרכאַפּט זיין מוח און צוגעשמידט זיין האַרץ. אין דעם האָט ער געזען יידישקייט, יידישע פאַרוואָרצלונג, יידישן קיום, יידישע צוקונפט.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז גינגאָלד קען מעכב הקריאה זיין, קען קומען צו דער פועלי־ציון־פאַרטיי, צו דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד, צו דער עקזעקוטיווע פון דער פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע, צו פאַרטיי־ראַטן און פאָדערן, פאַרלאַנגען תכליתדיקע זאָרג פאַר חינוך. נישט אַלעמאָל האָט מען אים געפאָלגט, איז זיין שטים דערהערט געוואָרן, אָבער תמיד האָט מען אים מיטן גרעסטן דרך־ארץ אויסגעהערט.

מיטן טויט פון פנחס גינגאָלד איז אַוועקגעגאַנגען איינער פון די פאַטערס פון יידישן חינוך אין נאָרד־אַמעריקע, איינער פון די יסוד־לייגער פון יידישער דערציונג אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און בכלל אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

און אַז מען קוקט זיך אַרום און מען דערזעט דעם גרויסן חלל, וואָס

דער טויט פון גינגאָלדן האָט איבערגעלאָזט, אַז עס גייען אַוועק פון דער וועלט די עשרה בטלנים, די מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע, די מיט טויזנט פעדעם פאַרקנופּט און פאַרבונדענע מיט דער ייִדישער שפּראַך, מיטן ייִדישן לשון, מיט דער אויפריכטיקער זאָרג פאַר דערהאַלטן דאָס ייִדישע לשון ביים לעבן, אַריינצוברענגען אין גדר פון ייִדישן חינוך וואָס מער פון דער אויפגעלעבטער העברעיִשער שפּראַך, ווערט בפירוש אומעטיק אויפן האַרצן, ווערט פינצטערער די נאַכט, דערפילט מען ווי נאָך אַ ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן און מער פאַרחושכט אונדזער האָריזאָנט.

פנחס גינגאָלד ע״ה געהערט צו די יחידי סגולה אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זענען ביים עולם שטאַרק באַליבט. עס איז דאָך בפירוש זייער שווער פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן מענטש, דערצו דער וואָס איז מחויב צו דערפילן די אויפגאַבן וואָס זיין געזעלשאַפטלעכער אַמט לייגט אויף אים אַרויף, צו שטיין טאָג־טעגלעך אין פאַרבינדונג מיט מענטשן, צו באַקומען פון אַלעמען אַנערקענונג און פון אַלעמען באַגעגנט צו ווערן מיט ליבשאַפט. עס איז געווען זיין זכות צו געניסן פון אמתער, חברישער ליבשאַפט. עס איז געלעגן אין שורש פון גינגאָלדן אהבת ישראל, ער אַליין האָט שטאַרק ליב געהאַט ייִדן און ייִדישקייט. אין זיין וועזן, אין זיין נשמה, אין די טיפעניש פון זיין גרויס ייִדיש האַרץ איז געלעגן אַ גרויסער אוצר פול מיט אהבת ישראל, און טאַקע דערפאַר האָט מען אים געמוזט ליב האָבן. פנחס גינגאָלד ע״ה איז נישט געווען בכוח אויף קיינעם זיך צו בייזערן, קיינעם נישט צו דערצערנען. היינט, ווי קען מען עס זיין אַ אכזר און זיך בייזערן אויף אים, ווי קען מען עס אים אָנטאָן צער, ווי פאַרשאַפט מען עס אַזאַ איידעלער נשמה עגמת נפש. קנאַפּ יסורים האָט ער עס אויסגעטראָגן שטייענדיק איבער דרייסיק יאָר ביי אַ שווערער, מיפּולער אַרבעט. היינט, ווי קען מען אַ מענטשן נאָך אָנטאָן יסורים? האָט מען אים טאַקע ליב געהאַט, זייער פיל האָבן אים פאַרערט, האָבן אָפּגעשאַצט זיינע לייסטונגען, זיינע אומדערמידלעכע כוחות, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן דער מחנה, אָרגאַניזירט אין אַרבעטער־ציוניזם און דעם ייִדישן ציבור בכלל פאַר דעם אומשאַצבאַרן צוועק, וואָס הייסט ייִדישע דערציִונג.

פנחס גינגאָלד ע״ה איז געווען אַ גוואַלדיק באַשיידענער מענטש, אַן אמתער איש צנוע. זיין צניעות איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון תמימות און דורךביידע מדרגות פון צניעות און תמימות האָט ער דערגרייכט דעם נאָך העכערן שטאַפּל וואָס הייסט אמונה, — גלויבן אין ייִדישן קיום, גלויבן אין ייִדישן המשך, גלויבן אין נצח ישראל.

כבוד זיין אָנדענק!

די נישט געהאַלטענע רעדע

(זכרונות וועגן א. בערגמאַן)

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען ח׳ בערגמאַן ע״ה דעם 18טן מערץ 1950, שבת אויף־דער־נאַכט אין קעלער פון טעמפּל אין ר״אַ, בעת דער געזעגענונג פון הרב ציקינאַווסקי צו זיין אָפּפאָר קיין מדינת ישראל. אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט דאָ אין קעלער פון טעמפּל, אנשים ונשים וטף. אַלע זענען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם רב ציקינאַווסקי, אַרויסווייזן אים ליבשאַפט און אָנערקענונג פאַר די יאָרן וואָס ער האָט געדינט דער יידישער קהילה אין ר״אַ דע זשאַנעיראָ. צווישן עולם איז געווען דער שרייבער פון די שורות און מאַרק טורקאָוו פון בוענאָס־איירעס. א. בערגמאַן איז געווען אַביסל נערוועז, האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם, און עפּעס ווי נישט געקענט איינזיצן אויף קיין פּלאַץ. דאָ געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם, דאָ מיט יענעם, דאָ זיך איינגעהערט אין די רעדעס וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן לכבוד הרב ציקינאַווסקי. הנאה געהאַט פון די דברי תורה, וואָס דער טאָסט־מייסטער פון יענעם אויף־דער־נאַכט, הרב זינגערעוויטש, האָט געזאָגט, תורה פול מיט בליצן פון חריפות, פון שאַרפזין צוגעפּאַסט צו דער צייט און שטימונג פון אָוונט.

זייער פיל רעדעס זענען יענעם שבת אויף־דער־נאַכט געהאַלטן געוואָרן, פון חסידים און פאַרערער. דער פאָרזיצער פון אָוונט האָט אויך מכבד געווען צו זאָגן עטלעכע ווערטער מאַרק טורקאָוון און דעם שרייבער פון די שורות. הרב ציקינאַווסקי האָט אין אַ וווּנדערבאַרער רעדע, ממש אַ סימפאָניע פון מחשבות, געענטפערט אַלע רעדנער און אַליין אונטערגעצויגן אַ שטיקל סךהכל פון זיין רבנות אין ר״אַ דע זשאַניירא, דערציילנדיק דערביי אין אַ ווידויטאָן, אַז ער איז נישט געווען דער רב, אין וועלכן דאָס יידישע לעבן אין ר״אַ בייטיקט זיך, אַ רעדע פול מיט התנצלות הנפש, דורכגעפלאָכטן מיט תורה, מיט לומדות און מיט השכלה. הרב ציקינאַווסקי האָט ברייט פונאַנדערגעעפנט די פרשות פון די פליכטן פון יידן אין באַצוג צו מדינת ישראל, דערציילנדיק דערביי פון זיין אייגענעם באַשלוס מקיים צו זיין די מצווה פון עליה.

ריידנדיק וועגן יידיש לעבן אין גלות, וועגן דעם אופן פון אויפהאַלטן יידישקייט, וועגן די וועגן פון מחזק זיין דעם דת, האָט הרב ציקינאַווסקי

געדענקט צו דערציילן און זיך פאַררופן אויף די ווערטער פון אַ שליח, וועל־כער האָט אַמאָל אויף אַן עונג שבת אין ר״אָ געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין עונג שבת, נאָר אַ זכר לשבת, אַז עס קען נישט זיין קיין עונג שבת, כל־זמן עס איז נישטאָ די פולע קדושה פון שבת. הרב ציקינאָווסקי האָט צו דער מיינונג פון שליח, וועלכער האָט די ווערטער געזאָגט אויף אַ עונג שבת אין ר״אָ אין יאָר 1945, וואָס די לייטונג פון דער ביאַליק־ביבליאָטעק האָט גע־האָט איינגעאָרדנט מיט אויסלענדישע געסט, צווישן וועלכע עס האָבן אויך גערעדט: ד״ר טאַרטאַקאָווער און ד״ר א. ש. יוריס און דער שרייבער פון די שורות. — צוגעשטימט און דערביי צוגעגעבן, אַז זיין דעציזיע עולה צו זיין, באַצוועקט צו קענען געניסן פון דער קדושה, וואָס דער כולו שבת גיט אין ישראל.

נישט גערעדט אויף יענעם אָוונט האָט בערגמאַן ע״ה, כאָטש עס איז געווען זייער לייכט צו מערקן, אַז זיין גאַנצע נערוועזיטעט, זיין שפּאַנונג, זיין אומרו, זיין נישט־קענען איינזיצן אויף קיין אָרט, האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער איז געווען איינגעלאַדן מיט אַ רעדע, וואָס ער האָט געוואָלט האַלטן לכבוד הרב ציקינאָווסקי, און אויף זיין שטייגער, מיט זיין פּייערלעכן פּאַטאָס אויסדריקן די מאָס פון פאַרערונג, וואָס ער האָט געפילט צו דעם קרישטאָל־ריינעם יידן — צו דעם מוסטער פון ערלעכקייט, צו דעם איידעלן מענטשן, צו דעם צאַרטן און פּיינפילנדן יידן וואָס האָט באַקליידט די כסא הרבנות פון ר״אָ דע זשאַניירא.

ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט מען געזען ווי בערגמאַן ע״ה האָט געפלאַמט, מען האָט געקענט מערקן ווי אין מוח ביי אים זענען אַלע קעמערלעך אין באַוועגונג מיט דעם וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן הרב ציקינאָווסקי. מען האָט געקענט מערקן ווי ער האַלט די רעדע, ווי ער רעדט צו זיך אַליין, ווי דער מוח וואָלט זיינע פערלדיקע מחשבות איבערגעענטפערט צום האַרץ, צו דעם גרויסן יידישן האַרץ, וואָס א. בערגמאַן ע״ה האָט פאַרמאָגט. מיט דער רעדע אין האַרצן, מיט דער פאַר־ערונג אין האַרצן איז מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער בערגמאַן אָוועקגעגאַנגען אין דער אייביקייט אַריין. ווער ווייס וויפל מחשבות, וואָס פאַראַ פערלדיקע געדאַנקען עס זענען אין יענער רעדע געווען, וויפל השתפכות הנפש זיינע ווערטער האָבן אַנטהאַלטן, און בעיקר וויפל התעוררות הנפש די ווערטער וואָלטן אַרויסגערופן ביי אַלע צוהערער.

* * *

דערמאָנענדיק זיך אין יענעם שבת אויף־דער־נאַכט, טויכט אויף אין מיין זכרון דאָס געשטאַלט פון א. בערגמאַן. אָט דאָס געשטאַלט, וואָס האָט אויסערלעך, לויטן אויסזען מיט זיין פלאַמיקן פּאַטאָס, געקענט באַוועגן מענטשן צו גיין אויף באַריקאַדן אין קאַמף פאַר דעם וואָס די מאָדערנע נביאים און וויזיאָנערן האָבן געשאַפן דעם סינטעז פון ציוניסטישן סאָציאַליזם.

בערגמאַן האָט געהערט צו די פּאָליטיקער אין יידישן לעבן, ער איז געווען אַ פּאַרטיי־מענטש פאַר־עקסעלאַנס, דערצו אַ פּאַרטיי־פירער, וועלכער האָט געשטעלט דעם טאָן פאַר דער פּאָליטישער מוזיק, וואָס די באַוועגונג, וועמען ער האָט רעפּרעזענטירט, האָט באַדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק אין די אַלע פּאָליטישע פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. פּאָליטישע טעטיקייט איז געווען זיין אַרבעטס־געביט, דאָס האָט ער געטאָן אַלס פּאַרטיי־טוער אין פוילן, כאָטש ער האָט געהערט צו אַ קליינער פּאַרטיי, האָט ער זי אָבער רעפּרעזענטירט אין אָנבליק פון דעם היסטאָרישן אמת, וואָס די באַוועגונג האָט געטראָגן אין יידישן לעבן, נעמלעך: דעם אמת פון ציוניזם און סאָציאַליזם. אין פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן איז אויסגעקומען בערגמאַנען צו רעפּרעזענטירן די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמאָליקן פוילן, קערפּערשאַפטן, וועלכע זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין יידישן לעבן. בערגמאַן האָט ווירדיק, מיט שטאָלץ פאַרטראָטן די מיינונג פון זיין פּאַרטיי, און טראָץ דעם וואָס די השפעה פון דער באַוועגונג איז נאָך צו יענער צייט געווען נישט גרויס און נישט שטאַרק גענוג, איז אָבער בערגמאַן געווען אַזוי שטאַרק דורכגענומען מיט זיין גלויבן, מיט זיין פּאַטאָס, אַז ווען ער האָט גערעדט, האָט מען געהאַט דעם רושם, אַז עס רעדט אַ פאַרשטייער פון דער גרעסטער מאַסן־באַוועגונג.

אויפן ציוניסטישן פראָנט איז בערגמאַנען אויסגעקומען צו פירן אַ איידעישן קאַמף מיט אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען. אויפן סאָציאַליסטישן פראָנט האָט ער דעם קאַמף געפירט מיט דעם בונד און מיט די קאָמוניסטן. מיט די לעצטע האָט בערגמאַן געפירט דעם קאַמף נישט נאָר צוליב סאָציאַליזם, — נאָר בעיקר צוליב ציוניזם. זיינע רעדעס פאַר יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמאָליקן פוילן און גאַליציע, וועגן ציוניזם, וועגן סאָציאַליזם, וועגן דעם סינטעז פון ביידע, אָדער וועגן אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון יידישן און פון אַלגעמיינעם לעבן האָבן געלאָזן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. שניידיק איז בערגמאַן געווען אין זיין פּאָלעמיק, מיט שוים אויף די ליפּן פלעגט ער ריידן צו קעגנער, אָפטמאָל פאַרבייסנדיק אַ שטיקל פון זיין אונטערשטע ליפּ, וואָס האָט באַדאַרפט באַדייטן צוימען די צונג, אָפּהיטן זי פון אַ לאַפּסוס, פון אַ צו שאַרף וואָרט.

דאָס גלייכן איז בערגמאַן ע״ה געווען מיט זיין פעדער באַהאַנדלענדיק פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. בעת ער האָט באַדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק די שטעלונג, אָדער די מיינונג, וואָס ער האָט פאַרטראַטן, האָט ער פאַרזוכט צו זיין לאָגיש, צו אָפּערירן מיט שכל, צו פאַרטייטשן, אויפצו־קלערן, אָבער ווען עס איז געקומען צו פּאָלעמיק איז ער געווען שאַרף, האָט מען געפילט אין די געלייענטע שורות, ווי ער האָט געשניצט די פעדער, דעם שפּיץ געמאַכט וואָס שאַרפער, בכדי שניידנדיק צו פּאָלמעסן די געדאַנקען פון קעגנער און באַווייזן די נישט ריכטיקע שטעלונג.

* * *

אין די לעצטע פינף יאָר פון זיין לעבן אין בראַזיל, בעת דעם שרייבער פון די שורות איז פיל מאָל אויסגעקומען מיט בערגמאַנען זיך צו באַגעגענען אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע פון דעם ייִדישן לעבן, אין אַן אויסבייט פון מיינונגען, און בעיקר אין פריוואַטע געשפּרעכן, בעת ער פלעגט אַריינ־גיין אין דער וועלט פון זכרונות, פון דערמאָנען זיך דעם עבר, די פאַרגאַנגע־נע יאָרן פון זיין אַמאָליקער טעטיקייט, פאַר זיין קומען קיין בראַזיל און אַ שוועב טאָן אין די הימלען פון דער וויזיאָנערישער צוקונפט פון ייִדישן לעבן אין אַ באַפרייט ארץ־ישראל, האָט מען געפילט ווי עס רעדט אין אים סיי דער לאָגישער מוח, און סיי דאָס גרויסע ייִדישע האַרץ. ציוניזם האָט אַלע־מאָל ביי אים געשטראַמט פון האַרצן, זיך געצויגן אַן אַן איבעררייס אַלע זיינע יאָרן פון זיין לעבן.

זייער פיל רעדעס האָט בערגמאַן געהאַלטן אין בראַזיל פאַרן ייִדישן עולם, סיי וועגן פּראָבלעמען פון דעם אָרטיקן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, און סיי בנוגע פראַגן פון ייִדיש לעבן אויף דער וועלט. נישט ווייניק רעדעס האָט בערגמאַן געהאַלטן וועגן ציוניזם, אָבער אונדז שיינט, אַז אין די לעצ־טע יאָרן פון זיין לעבן האָט בערגמאַן מער רעדעס נישט געהאַלטן, און איז אַוועק אין דער אייביקייט אַריין מיט אַ סך נישט־געהאַלטענע רעדעס. כאָטש ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע קענען נישט פאַרשווייגן, האָט ער אָבער אין די גאָר לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן אַרויסגעוויזן אַ גאָר גרויסן טאַלאַנט פון קענען שווייגן.

ווער ווייסט צי אין דער צייט, ווען עס איז עטאַבלירט געוואָרן מדינת ישראל, נאָך דעם ווי עס איז אויסגעפאַכטן געוואָרן דער קאַמף מיט די אַלע אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער מיטן רעזולטאַט פון נצחון פון ישראל, צי דאַן האָט נישט געזוכט בערגמאַן די ברייטע ייִדישע וועלט, צו ברענגען צום אויסדרוק פאַר אַ ברייטן עולם, פאַר מאַסן זיך צו טיילן מיט זיינע איבערלע־

בונגען פון גדולה און פרייד, און ווער ווייסט צי האָט אַמאָל בערגמאַן נישט געוועבט קיין חלומות רעטראָספעקטיוו, צוריק צו די יאָרן, ווען די שיף האָט אים געבראַכט צו די ברעגעס פון בראַזיל אַנשטאָט קיין ארץ־ישראל.

מיר באַזירן אונדזערע מחשבות אויף אַ געשפרעך, וואָס מיר האָבן גע־האַט מיט בערגמאַנען אין אָנהייב פון 1950, ווען ער האָט פאַר דעם שריי־בער פון די שורות פונאַנדערגעוויקלט פלענער פון זיך באַפרייען פון עול פון דער צייטונג, דאַן פאָרן אויף אַ לענגערן באַזוך קיין ישראל, און דאַן זיך שטעלן צו דינסט דער וועלט־באַוועגונג פון פועלי־ציון.

בערגמאַן האָט נישט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן זיינע פלענער. דער טויט האָט אים אַוועקגעריסן פאַר דער צייט. צו דער נישט־געהאַלטענער רעדע אויף דעם געזעגענונגס באַנקעט פאַר הרב ציקינאַווסקי, זענען צוגעקומען אַ סך, גאָר אַ סך נישט געהאַלטענע רעדעס, וואָס דער טויט, דער אכזריותדיקער טויט האָט פאַראורזאַכט.

כבוד זיין אָנדענק.

מיט לעאָ האַלפּערין ע״ה אין בראַזיל

דער דיין האמת האָט פון אונדז אַוועקגענומען לעאָ האַלפּערין ע״ה, און אים אַוועקגעפירט אין דער אייביקייט אַריין. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אויפן רעיון, און גאַנץ באַזונדערס לעאָ האַלפּערין, אַז אַזוי פריצייטיק וועט ער אַוועקגיין פון דער וועלט. אָבער אַזוי איז שוין די טבע פון טויט, פרעגט ביי קיינעם נישט אָן, נאָר קומט פּלוצים און נעמט אַוועק, — נעמט צו אויף אייביק, מאַכט אָן ענדע צום לעבן און פאַנגט אָן דעם אין־סוף.

אין די לעצטע יאָרן האָט לעאָ האַלפּערין זיך אַביסל געשראָקן פאַרן טויט, זינט זיין האַרץ־אַטאַק, וואָס האָט אים פאַר אייניקע חדשים געהאַלטן צוגעשמידט צום בעט, בעת ער איז צוליב די פאַרשטייפטע האַרץ־אָדערן גע־צווונגען געווען אַרויסצוהעלפן זיינע לונגען און אָטעמען מיט „אָקסיכען״, האָט ער געהאַט אַביסל פּחד, טאָמער חלילה הייבט זיך מיט דעם אָן דער סוף פון זיין לעבן. אָבער ווי גיך ער האָט זיך באַפרייט פון קראַנקנבעט, ווי נאָר ער האָט צוריק געקענט אַרומגיין און אָטעמען די נאַטירלעכע לופט, שעפּן חיות ווי יעדער נאָרמאַלער מענטש, איז דער פּחד פון אים פאַרשוווּנדן, און האָט ווידער אָנגעהויבן טראַכטן פון לעבן, צוריק שפּינען זיינע חלומות וועגן עליה קיין ארץ־ישראל, צוריק ווערן אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויספּילן די צייט אויף זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, שרייבן זיינע פעליעטאָ־נען און האַלטן רעדעס, ווידמען זיינע לייסטונגען אין דינסט פון פאָלק ישראל און מדינת ישראל, מיט וועמען ער איז אַזוי שטאַרק, אַזוי אומצערייסבאַר געווען פאַרבונדן כל ימיו ושניו.

* * *

צוויי טעג פאַר זיין פּטירה, האָט ער אָנגעשריבן אַ לענגערן בריוו צום שרייבער פון די שורות, און מיט אַ סך הומאָר, מיט אַ סך ליריק דערציילט וועגן דער סביבה אין בוענאָס־איירעס; אָנגעזאָגט, אַז ער גייט זיך אָפּערירן, און ווי גיך ער וועט צוריקקומען פון שפּיטאָל, וועט ער גלייך שרייבן. ליידער איז לעאָ האַלפּערין פון שפּיטאָל שוין צוריק נישט געקומען. דאָס אומגעריכטע איז געקומען פאַר אים און פאַר אַלע זיינע חברים, פאַרערער און פריינט, גאַנץ באַזונדערס פאַר זיין איבערגעגעבענער לעבנסבאַגלייטערין ח׳ הדסה.

* * *

לעאָן האַלפּערין איז נישט געווען קיין קעמפּעריש נאַטור. ער איז געד ווען אַ ליריקער, אַ ביז גאָר סענטימענטאַלער מענטש, תמיד אַ פּאַרטיידי־ קער, אַ סניגור. ער האָט פּאַרטיידיקט דעם אמת, פּאַרטיידיקט דעם קאַמף, וואָס אַ טייל פון דער מענטשהייט פירט פאַר אַ יושרדיקן לעבן, פאַר אַ בע־ סערער און גערעכטערער עקזיסטענץ. אַלע זיינע יאָרן, זינט זיין יינגסטער יוגנט, געווען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָנגע־ הויבן אַלס ערשטער פון די ראשונים אין די רייען פון השומר הצעיר און שפּעטער ממשיך געווען ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג אין די רייען פון פּועלי־ ציון־התאחדות. ער איז נישט געווען קיין קעמפנדער פּאַרטיי־מענטש, נאָר אַ פּאַרטיידיקער פון דעם גערעכטן קאַמף, וואָס די פּאַרטיי פון פּועלי־ציון־ התאחדות פירט אויף דער יידישער גאַס פאַר דער אויפריכטונג פון ציון און פאַרן המשך פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין די תפוצות אין גייסט פון ציוניזם.

לעאָ האַלפּערין ע״ה איז אויך נישט געווען קיין פּראַקטישער מענטש. זיין ברייט ליריש האַרץ, תמיד איבערגעלאָדן פון סענטימענטן, פון געפילן, פון עמאָציעס, געטריבן פון אַ ריזיקן שטראָם פון התפעלות, פון ענטוזיאַזם, — האָט ער זיך עפּעס נישט שטאַרק אַדאַפּטירט צו פּראַקטישע ענינים. דער־ פאַר אָבער איז ער אַלעמאָל געווען אַ גרויסער פּאַרטיידיקער פון פּראַקטי־ שער אַרבעט, אין וואָס ער האָט געזען די פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע, זיי רעאַליזירונג פון דורות־לאַנגן יידישן חלום צו באַנייען די אַלטע היים פון אונדזער פאָלק על הרי יהודה וירושלים.

* * *

לאַנגע יאָרן געקענט לעאָ האַלפּערינען דורך בריוו. אין פאַרשיידענע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע האָבן זיינע פריינט און פאַרערער פון אים דער־ ציילט פון זיין טעטיקייט לטובת קרן קימת לישראל, פון זיין אינטערעס אין דער יידישער יוגנט, וועמען ער האָט אַזוי האַרציק ליב געהאַט און ממש פאַרגעטערט, אין וועמען ער האָט געזען די צוקונפט פון פאָלק, פאַר וועמען ער האָט תמיד געטראַגן אַזויפיל קימער און זאָרג, זיי זאָלן חלילה נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון אונדזער פאָלק, דער שטראָם פון אַסימילאַציע זאָל זיי נישט פאַרכאַפּן. געהערט וועגן אים, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ יידישער אַקטיאָר, געווען אַ מיטגליד פון דער ווילנער טרופּע, אַז ער האָט אין אַר־ גענטינע אָרגאַניזירט די טרופּע „יונג־אַרגענטינע״, אָבער פּערזענלעך אים קיינמאָל נישט געהאַט געזען. ערשט אין יאָר 1945 האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אין ריִאָ דע זשאַניירא, אין האָטעל צענטראַל. ער איז דאַן געקו־

מען אין די אינטערעסן פון קרן קימת, אָרגאַניזירן די ביוראָ און דעם קאַמ־פּיין. גלייך ביים ערשטן שלום־עליכם זענען מיר געוואָרן שטאַרק באַפּריינ־דעט, האָב דערפילט צו אים אַ גוואַלדיקע נאָענטקייט, ווי מיר וואָלטן שוין יאָרן־לאַנג געווען צוזאַמען. עפּעס האָט פון אים אַ שפּרודל געטאָן וואַרעמ־קייט, חבֿרישקייט, היימישקייט, אַזאַ גוטמוטיקייט, אַזאַ האַרציקער שמייכל אויף די ליפּן, אַזאַ פריינטלעכער האַנטדרוק, אַזאַ פּאַטערלעכער אַרומנעמען, נישט קלאַפּן אין פּלייצע, נאָר דערנענטערן דאָס האַרץ, פון וואַנען עס האָט געשטראַמט אויפריכטיקע געטריישאַפט און איבערגעגעבנהייט, און פון דאַן אָן האָט זיך געצויגן אונדזער פּערזענלעכע פריינטשאַפט און פאַרבינדונג, — ביז האַרט פאַר זיין פּטירה, מיט אַ קאַרגן חודש פריִער, בעת מיר האָבן זיך געזעגנט אין בוענאָס־איירעס פאַר מיין אָוועקפאָרן קיין בראַזיל. ווער זאָל דאָס וויסן, ווען מען האָט עס דען געקענט איינפאַלן אויף דער מחשבה, אַז עס איז געווען די לעצטע געזעגענונג, דער לעצטער האַנטדרוק.

לעאָ האַלפּערין האָט ליב געהאַט צו שמועסן, צו ריידן וועגן פּראָבלעמען, זיי פונאַנדערגלידערן אויף שטיק־שטיקלעך און בעיקר אַנוואַרפן פּלענער, אַרויסברענגען איניציאַטיוו, געדאַנקען און, בעת ער האָט באַמערקט, אַז זיי־נע מחשבות קלעפּן זיך צו צו עמעצן, האָט ער געשפּרודלט מיט פרייד, — שמחה, וואָס איז געווען באַגלייט פון הערלעכער נאַיִוויטעט, פריידיק האָט זיך געקנייטשט זיין שטערן, פריידיק האָבן געגלאַנצט זיינע גוטמוטיקע אויגן, אַ פרייד איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיינע ליפּן, פרייד פון אַ קינד, פון אַ גרויס קינד, וואָס האָט אויף אַ דערוואַקסענעם שטייגער אָנגעהאַלטן זיין יוגנטלעכן ברען, זיינע יוגנטלעכע התפעלות.

מיר פלעגן אין ריאָ דע זשאַניירא שפּאַצירן שפּעט ביינאַכט נאָך זיצונ־גען און פאַרזאַמלונגען אויף דער פּלאַמענגאָ „פּיאַיאַ", אַרומריידן ענינים, זיך טיילן מיט איינדרוקן, ריידן בעיקר וועגן ארץ־ישראל, וועגן קרן קימת און קרן היסוד, וועגן דער הסתדרות, וועגן אומקום און פאַרניכטונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, וועגן ייִדישער קולטור, וועגן המשך אין די תפוצות הגולה, וועגן ייִדיש טעאַטער און וועגן וואָס נישט? מיר זענען איינמאָל געגאַנגען זען אין „סינעמאַ" אַ פילם מיט פּאָול מוני אַלס הויפּט־אַרטיסט, אַ פילם וואָס האָט געוויזן די קאַריערע פון שאָפּען, ווי ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון אַביסל ערד, וואָס זיינע לאַנדסלייט פון פּוילן האָבן אים געבראַכט, געבראַכט בעת זיינעם אַ קאָנצערט־טור אין די הויפּטשטעט פון אייראָפּע, ווי טרערן האָבן זיך ביי שאָפּענען באַוויזן אין די אויגן, ווען דאָס ביסל ערד האָט אים דערמאָנט אין זיין פּאַטערלאַנד, אין גורל פון קנעכטשאַפט פון זיין פאָלק, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אונטער דער הערשאַפט פון צאַרישן רוסלאַנד.

לעאַ האַלפּערין איז געזעסן אין „סינעמאַ", זיך צוגעקוקט צום פּילם און פלוצים האָב איך באַמערקט ווי קיילעכדיקע טריבע טרערן קייקלען זיך אַראָפּ פון זיינע נאַסע אויגן צו די חן־גריבעלעך אַרום זיינע ליפּן. ער האָט מיטגע־וויינט, זיינע מחשבות האָבן זיך איבערגעטראָגן צום גורל פון אונדזער אייגן פאָלק, צו אונדזער אייגענעם גלות־לעבן, צו אונדזער מאַמע־ערד פון ארץ־ישראל פון וואַנען מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן, צו דער עיד, וואָס ווערט אין די גלות־לענדער געניצט פאַר קישעלעך נאָכן טויט צוקאָפּנס, צו דער ערד, וואָס לעכצט נאָך באַפרייונג, צו דער ערד, וואָס וואַרט אַז ייִדישע יוגנט, חלוצים מכל המינים זאָלן זי אָנטרינקען מיט זייער שוויס, באַפרוכפּערן מיט זייער פּליים.

לעאָ האַלפּערין ע"ה איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען יענעם אויף־דער־נאַכט נאָכן פילם, לענגאויס דעם ים־ברעג פון ריאָ דע זשאַניירא און גערעדט מיט פליסנדע טרערן אין באַגלייטונג — וועגן ציוניזם, וועגן ישראל; געוויינט אויף דער קאַלטער באַציִונג פון גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק צו אונ־דזער אייגענעם גורל. מיר זענען געגאַנגען ביז אין באַגינען אַריין און אין זיינע טרערן, „טרערן באַגינען", וואָס האָט זיך געצויגן פון האַלבער נאַכט. האָט געברענגט צום אויסדרוק דאָס געוויין פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין היים און ווערט פון כלערליי תלינים און אינקוויזיטאָרן אין פאַרשיידענע צייטן געפייניקט און פאַרפאָלגט אין גלות.

* * *

אין אַ נאָוועמבער־נאַכט זענען מיר געפאָרן ביידע מיטן באַן קיין סאַן פאַולאָ, אויף אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין גרויסן זאַל „פּייקאַמבו" קעגן בעווינס אַ דערקלערונג, אַז די מערהייט פון ייִדישן פאָלק איז אַנטי־ציוניסטיש און וויל נאָך נישט ארץ־ישראל, אַז נאָר אַ קליין הייפעלע ציוניסטן זענען אין דעם בלויז פאַראינטערעסירט. זענען מיר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט אין וואַגאָן און גערעדט און האַלפּערין ע"ה האָט גע־ברענט פון כעס קעגן בעווינען, מיט שום אויף די ליפּן גערעדט קעגן דער אַפּאַטיע, וואָס הערשט אין די ייִדישע רייען צו אונדזער אייגענעם גורל. אָבער אַז ער איז אַריינגעקומען אין זאַל פון „פּייקאַמבו" און געזען ווי אַלע ברעגעס זענען אויסגעפילט מיט ייִדן, אַז מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ, אַז דאָס פאָלק, דער גאַנצער ישוב פון סאַן פאַולאָ האָט זיך פאַרזאַמלט בכדי אויסצודריקן דעם פּראָטעסט קעגן בעווינען, בכדי צו באַווייזן, אַז ציוניזם איז אַ פאָלקס־ענין, אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַז ציוניזם רעפּרעזענטירט דעם רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק, אַז ציוניזם דריקט אויס די שטימונגען פון

פאָלק, דעם דורות־לאַנגן באַגער אויפצוריכטן דאָס פאָלק אין אייגענעם לאַנד, אויף אייגענער ערד, — האָט זיך לעאַ האַלפּערן באַרויקט. ווידער האָט אַ שטראָם פון פרייד באַלויכטן זיין פּנים און זיך דערקוויקט מיט דער איבער־צייגונג, אַז לא אלמן ישראל, אַז אין שווערע צייטן איז דאָס פאָלק אייניק און ברענגט צום אויסדרוק דעם געאייניקטן ווילן צו דערגרייכן מלוכהשאַפט אין ארץ־ישראל.

נישטאָ מער לעאַ האַלפּערין צווישן די לעבעדיקע, חברים, פריינט און פאַרערער וועלן אים אָבער תמיד טראָגן אין זכרון. אייביק געדענקען דעם צאַרטן, איידעלן מענטשן, דעם פאַרטיידיקער פון אמת, דעם טרייען און אי־בערגעגעבענעם חבר, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געשטעלט אין דינסט פון פאָלק, וועלכער האָט מיט אַזויפיל הערלעכקייט און געטריישאַפט געטראָגן די פאָן פון ציוניזם און דעם עכאָ פון ארץ־ישראל געטראָגן צווישן די יידישע ישובים פון לאַטיין־אַמעריקע, וועקנדיק אַלעמען, סטימולירנדיק יונג און אַלט צו אַרבעטן פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, געטריי צו האַלטן אונדזער דורות־לאַנגן עבר און מיט דעם המשך פון אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות גיין פאָראויס אין דער צוקונפט.

כבוד זיין אָנדענק!

דער בויער פון דער באַנייטער העברעישער ליטעראַטור

(נאָכן טויט פון דוד שמעוני)

דער באַרימטער העברעיִשער פּאָעט דוד שמעוני, וועלכער איז געווען באַוווּסט מיט זיין נאָמען שימאָנאָוויטש, איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע אין עלטער פון זיבעציק יאָר.

דוד שמעוני איז געבוירן געוואָרן כ״א אב תרמ״ו אין באָברויסק, וויים־רוסלאַנד. פון קינדוויי׳ז אָן האָט ער אַרויסגעוויזן טאַלאַנט צום שרייבן און זיין ערשט העברעיִש ליד אויף אָן ארץ־ישראלדיקער טעמע איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר תרס״ב. פון דאַן איז שמעוני געשטאַנען אין דער פראָנט־רייע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע און איז געווען אַ געטרייער באַגלייטער פון דער אַנטוויקלונג פון ישוב אין ישראל. אַלס קינד איז ער געווען אַ נאָענטער חבר צו בערל קאַצענעלסאָן, וועלכער איז אויך געבוירן געוואָרן אין באָב־רויסק. ווען ער איז געקומען צום ערשטן מאָל קיין ישראל אין תרס״ט, האָט ער זיך באַקאַנט מיט ברענערן, מיט עגנונען און מיט די פירער פון דער צווייטער עליה. ער האָט געאַרבעט אַלס אַ שומר און אַלס אַ פּשוטער אַרבע־טער אין די פּרדסים פון רחובות און פּתח־תקוה. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז דאָס יאָר האָט איבערגעלאָזט אויף אים און אויף זיין שרייבן זייער אַ גרויסן איינפלוס. ווען ער איז מיט אַ יאָר שפּעטער געפאָרן צוריק קיין רוס־לאַנד און דייטשלאַנד כדי צו שטודירן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ טייל פון ארץ־ישראל. און זייענדיק אין בערלין, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע באַוווּסטע אידיליעס פון ישראל. די אידיליעס, וואָס האָבן אים געמאַכט באַוווּסט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט; די אידיליעס, וועלכע ווערן געלערנט אין אַלע העברעיִשע שולן; די אידיליעס, וועלכע ווערן שוין צענד־ליקער יאָרן רעציטירט פון אַרטיסטן, תלמידים און ליבהאָבער פון דער העב־רעיִשער פּאָעזיע.

די אידיליעס ווי אויך זיינע פּאָעמען, זיינע דערציילונגען און זיינע פּו־בליציסטישע אַרטיקלען האָבן געשילדערט און באַגלייט די נאַציאָנאַלע דער־גרייכונגען פון דעם לעצטן דור. עס איז כדאי צו דערמאָנען אַזעלכע אידי־ליעס ווי „ביער בחדרה״, „לילה בכרם״, „רמיסי לילה״ און „מצבת״. פאַר דער אידיליע „מצבה״ האָט ער באַקומען דעם ביאַליק־פּריז און פאַר זיין בוך פון אידיליעס האָט ער באַקומען דעם אהרונוביץ־פּריז.

עס איז כדאי צו דערמאָנען זיינע פּאָעמען „אשת איוב", „אהבת שלמה" און „ארמילוס הרשע". שמעוני איז אויך געווען באַוווסט מיט זיינע פאַבלען און סאַטירישע לידער. זיינע סאַטירישע לידער זענען דערשינען אין אַ ספּע־ציעלן בוך „בשבילי הביבר".

צענדליקער יאָרן איז שמעוני געווען אַ לערער אין גימנאַזיע הרצליה. טויזנטער תלמידים האָבן געהערט זיינע לעקציעס אין ליטעראַטור און אין תנ"ך און צענדליקער טויזנטער האָבן געלייענט זיינע לידער, וואָס זענען גע־ווען פול מיט ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, צו די בויער פון ישראל, צום יידישן פאָלק און צו גערעכטיקייט. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען זיינע לידער געווען געווידמעט צו דעם אומגליק פון די יידן אין איי־ראָפּע און צו דער גבורה פון יידישן סאָלדאַט אין ארץ־ישראל. ער איז דאָן שטאַרק באַוווסט געוואָרן מיט דעם ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „התלקחי אחות ישראל והיי לשלהבת אחת גדולה ומאירה", (צעפלאַקער זיך יידישע ברידערלעכקייט און ווער אַ גרויסער ליכטיקער פלאַם). עס איז נישט געווען כמעט קיין איין צוזאַמענקונפט פון דער יוגנט אין ישראל, ווו מען האָט נישט פאַרגעלייענט זיין באַוווסטן אויסרוף: „היה חזק והיית צודק", (זיי שטאַרק און דו וועסט זיין גערעכט).

דוד שמעוני האָט אויך איבערגעזעצט פון די רוסישע און דייטשע לי־טעראַטור אויף דער העברעישער שפּראַך. ער איז שטאַרק באַוווסט געוואָרן מיט זיינע איבערזעצונגען פון לערמאָנטאָווס לידער פון רוסיש.

שמעוני איז געווען אַ טייל פון דער גרופּע פּאָעטן, וועלכע זענען געקו־מען גלייך נאָך ביאַליקן און זענען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון ביאַ־ליקן. ער איז געווען אַ פּאָעט, וועלכער האָט דערצויגן אַ דור און האָט פאַר זיי אויפגעעפנט די טויערן צו דער שיינקייט פון ארץ־ישראל, צו דער גע־רעכטיקייט פון דעם געראַנגל פאַר אַ פרייען און גערעכטן לעבן אין מדינת ישראל.

ער איז אויך געווען זייער טעטיק אין דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־רעלן לעבן פון לאַנד. אין די לעצטע צוויי יאָר איז ער געווען דער פאָרזיצער פון אגודת הסופרים, דאָס הייסט, פון העברעישן שרייבער־פאַראיין. יאָרנ־לאַנג איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אגודת הסופרים. ער איז געווען דער וויצע־פרעזידענט פון דעם העברעישן „פען"־קלוב; איינער פון די הויפּטטוער און מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע פון דער העברעישער שפּראַך. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון די פריינט פון העב־רעישן אוניווערזיטעט ווי אויך אַ מיטגליד פון דעם ועד הנאמנים פון העב־רעישן אוניווערזיטעט.

שמעוני איז געווען אין משך פון פיל יאָרן איינער פון די זיילן פון דעם קולטור־לעבן אין ארץ־ישראל אויף אַלע קולטורעלע געביטן. צענדליקער יאָרן איז ער געווען איינער פון די פּני אין דער באַנייטער העברעיִשער ליטעראַטור. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אין אַ ווינקל פון לעבן, שטענדיק אין צענטער און שטענדיק גרייט צו יעדן רוף.

שמעוני איז געווען איינער פון די גרויסע בויערס פון דער באַנייטער העברעיִשער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעבראַכט אין איר אַ נייעם טאָן. ער האָט אַ סך מאָל באַוויזן נייע וועגן און שיטות פון אויסדרוק. אין דער געשיכטע פון די בויערס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכע האָבן געבונדן זייער לעבן מיטן חלוצישן געראַנגל אין ארץ־ישראל, וועט שמעוני פאַרנעמען אַן אָרט פון ליבשאַפט און כבוד.

אינהאַלט

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — — 7

ערשטער טייל: פּראָפילן

אַ לעגענדאַרע געשטאַלט: ד״ר ט. הערצל — — — — — — — — — — — — 11
סינטעטיקער פון גאונות און פשטות: חיים ווייצמאַן — — — — — — — 16
פון פאַלטאַווע ביז ירושלים: יצחק בן־צבי — — — — — — — — — — 28
דורך אַרבעט און קאַמף: דוד בן־גוריון — — — — — — — — — — — 37
פון לומדות און השכלה צו מלוכה־בויונג: י. שפּרינצאַק — — — — — — 42
מיט דער קדושה פון ציוניזם: משה שרת — — — — — — — — — — — 49
דער מוטיקער וועג: גולדה מאיר — — — — — — — — — — — — — 55
אַ לעבן פאַר ישראל: ד״ר נחום גאָלדמאַן — — — — — — — — — — 59
אַ מאַמע אין ציוניזם: ראָוז האַלפּערן — — — — — — — — — — — 69
מיט האַרץ און כוונה: ר׳ זלמן שזר — — — — — — — — — — — — 75
באַגרינדער פון אַרבעטער־ציוניזם: בערל לאָקער — — — — — — — — 77
רבי, קעמפער און חבר: יצחק טאַבענקין — — — — — — — — — — — 80
מיט חלוצישן גייסט: לוי אשכול — — — — — — — — — — — — — 83
פון מוזיק צו פּאָליטיק: מרדכי נמיר — — — — — — — — — — — — 89
פּיאָנער פון חלוצישער באַוועגונג: אליהו דאָבקין — — — — — — — — 93
מדינת ישראל און די תפוצות: ברוך צוקערמאַן — — — — — — — — — 98
די דריי קרוינען פון ל. סיגאַל — — — — — — — — — — — — — 103
דער מתמיד: ראַביי ישראל גאָלדשטיין — — — — — — — — — — — 111
מיט פלאַקער פאַר ציון: ד״ר עמנואל ניומאַן — — — — — — — — — 116
פון אָקספאָרד קיין ירושלים: אברהם האַרמאַן — — — — — — — — — 119
פון רפואה צו קליטה: יהודה בראַגינסקי — — — — — — — — — — — 122
תורה, ציון און אחדות ישראל: הרב קירשבלום — — — — — — — — — 125
די פערטע ליבשאַפט: ש. ז. שרגאי — — — — — — — — — — — — 135
אין צוויבער־שליחות: ד״ר א. ל. קובאָווי — — — — — — — — — — 139
אחד העם — 144
די רעליגיע פון אַרבעט: א. ד. גאָרדאָן — — — — — — — — — — 146

צווייטער טייל: אין קאַמף און אין בוי

צוזאַמענטרעף צווישן צוויי וועלטן (75 יאָר „בילוי״) — 151
ציוניזם זוכט דעם גאַנצן ייִדן (זעכציק יאָר ציוניזם) — 154
פריִער איז דאָרט געווען בלוט — 161
קדחת איז אַ קרענק — 164
מיט אייגענע כוחות (די צווייטע עליה) — 166
די ייִדישע פרוי זינגט דער צווייטער עליה — 173
מענטשן פון גלויבן און ווילן — 17ו
אַקער וועט באַזיגן די שווערד — 185
דער ערשטער אָנזאָג פון גאולה (באַלפור־דעקלאַראַציע) — 188
טרערן אויף אַ ציוניסטישן צוזאַמענפאָר — 194
צייט שליסן דעם וויכוח (וועגן „בונד״) — 197
דער צווייטער שריט (די „און״־דעקלאַראַציע) — 203
דאָס געשטאַלט פון פאָלק — 208

דריטער טייל: נעקראָלאָגן

דוד וואָלפסאָן — 215
ראַביי סטיפן וויַיז — 217
חיים גרינבערג — 221
אליעזר קאַפּלאַן — 227
דוד רמז — 230
דוד ווערטהיים — 234
ד״ר אברהם זילבערשיין — 240
ד״ר א. מ. האַנטקע — 246
ד״ר מאיר עבנער — 249
פּראָפ. חיים פיינמאַן — 252
לייב יפה — 254
ד״ר אהרן באַרט — 257
הירש עהרענרייך — 260
פנחס גינגאָלד — 264
א. בערגמאַן — 267
לעאָ האַלפערן — 272
דוד שמעוני — 277

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים-דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות-יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאָן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel

אין גיכן דערשיינט:

יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענדער)
זלמן שזר — ליכטיקע פּערזענלעכקייטן
בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוויעטן
שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Este libro se terminó de imprimir en el mes de febrero de 1960, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

ZIONIST

Copyright by
PINHUS SZTEJNWAKS
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones **"KIUM"**

PINHUS SZTEJNWAKS

SIONISTAS

BUENOS AIRES
1960